STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07714

OYF RANDN FUN TEG

Josef Harif

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסל חריף / אויף ראַנדן פון טעג

גערוידמעט דעם הייליקן אָנדענק
מיין פרוי — בלומע ע״ה
מיינע עלטערן
מיין פאָטער ישראל זאב אָסטרי ז״ל
מיין מאַמע חנה רחל הי״ד
און מיין משפּחה וואָס איז אומגעקומען
אין נאַצישן מבול, הי״ד

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון
„פאָנד משפחה חיים קערבער אין פאריז".

יאסל חריף

אויף ראנדן פון טעג

מיניאטורן

הוצאת
י.ל. פרץ
ישראל

תשכ"ט — 1969

OF RANDN FUN TEG
BY
JOSEF HARIF

I.L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, ALLENBY ST., TEL-AVIIV

יאָסל חריף/אויף ראַנדן פֿון טעג
פֿאַרלאַג י. ל. פרץ, תל אביב

צייכענונגען: משה חריף

©

נדפס בישראל תשכ״ט
PRINTED IN ISRAEL 1969

סודר במסדרת חנון את חנון / דפוס הפועל המזרחי

ארייַנפיר־וואָרט

די מיניאַטורן אין דעם דאָזיקן בוך זענען אַ גאַנג איבער ירושלימער טעג, ווו איך האָב זיך איינגעקוקט אין איר שיינקייט, אין צייטן פון צער און פון פרייד, געטרויערט איבער איר צעשניטנקייט, און געבענטשט איר ווידערבאַנייונג אין קדמדיקער גאַנצקייט. געוויינט איבער די וואָס האָבן נישט זוכה געווען אַרייַנקומען אין די באַנייטע שוועלן פון דריטן בית, און ווען איך האָב זיך געשיפט אויף שיפן פון פרייד, האָב איך געהאַט פאַר מיינע אויגן דעם ים פון זייערע ביטערע טרערן; איינגעזאַפּט דאָס הילכיקע געלעכטער פון אונדזערע קינדערלעך; באַוווּנדערט דאָס מסירת נפש פון דער יוגנט; יעדן טאָג איבער אַ ניי געפילט זיך ווי אַן עולה־רגל, שפּיגלנדיק זיך אין אירע, ירושלימס, לייכטנדיקע שטיינער, וואָס פלעגן אויך אַ סך מאָל שרייען פון די ווענט, קעגן רשעות און ווילדקייט, און געהערט דעם רויש איבער זיי, פליגל־פלאַטער פון טויבן וואָרקנדיקע וואָס זענען מבשר די אָנקומענדיקע גאולה.

אין מיין ירושלימער היים האָט זיך שטענדיק אָנטפּלעקט מיין אַלטע היים, פאַרטיפט אין תפילות און תחנונים צו ירושלים, אין יום־טוב טעג, און אין וואָכנדיקע חצות׳ן, און זייערע טריט זענען אויסגעדעמפט געוואָרן אויף פרעמדע וועגן און נישט דערגאַנגען צו דער אויסגעבענקטער וואָר...

אוי ווי אַנדערש איז דער גורל פון אונדזער פאָלק, סיי אין גלות און סיי אויף אייגענער ערד. נאָך דעם גרעסטן חורבן פון אונדזער פאָלק לויערט נאָך אַלץ אויף אונדזערע שריט אַ וועלט פון נישט פאַרגינערשקייט און צביעות, אַ וועלט וואָס פאַרשוועכט און פעלשט די שענסטע אידעאַלן, און צעטרעט זיי מיט ברוטאַליטעט.

אין די מיניאַטורן האָב איך מיט מיינע אָרעמע כוחות אַרויסגעבראַכט איבערלעבונגען וואָס האָב אונדז באַגלייט אין די יאָרן פון געראַנגל, גייענדיק איבער די גאַסן און געסלעך פון ירושלים, אין צייטן פון לייד

און אויך פון פרייד, און דאָס געפיל איז אַ סך מאָל געווען שטאַרקער ווי די פאָרם.

און ווען ס'דערנעענטערן זיך פינף און דרייסיק פון מיינע ירושלימער יאָרן, האָב איך מיך געשטאַרקט, אויפגעקליבן אַ בינטל פון מיינע מיניאַטורן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, אויפ־טרייסלונגען, ראַנגלענישן און שטימונגען. און ווען מען דערפילט דעם עול פון טעג און יאָרן, קומט אויפן זינען דער מאמר חז"ל: זאָלסט נישט זאָגן ווען איך וועל צייט האָבן וועל איך לערנען — טאָמער וועסטו קיינמאָל צייט נישט האָבן...

און כאָטש די מיניאַטורן נעמען אַרום פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן און ערטער האָבן דאָך מיינע מחשבות שטענדיק גענעסטיקט אין ירושלים, און איצט ווען עס זענען אָפן און פריי די טויערן פון ירושלים, דער טריט איז נישט געצוימט — דערלויב איך מיר מאַכן שהחינו איבער דער זאַמלונג, און מיט אַ טיף געפיל פון פאַרערונג וויל איך דאָ דערמאָנען מיין חבר און פריינד, דעם תלמיד חכם און איידעלן מענטש, דניאל לייבל ז"ל, וואָס האָט מיך דערמוטיקט און געשטאַרקט, און מיט ליבשאַפט באַצויגן זיך צו מיין מי און היים, און יבדלו לחיים די אַלע וואָס האָבן מיר געהאָלפן און דערמעגלעכט אַרויסגעבן דאָס בוך. זיי אַלע אַ האַרציקן יישר כוח, און איך וויל האָפן אַז דער לעזער וועט אויך, ווען אפילו טיילווייז, געפינען צווישן די שורות דעם אָפּקלאַנג פון געראַנגל און גלויבן וואָס מיר לעבן איבער, דעם אויפציטער און די פרייד פון אונדזער תקופה — אַ תקופה פון דערהויבנקייט, גלויבן און האָפענונג.

דער מחבר

אלטע היים

די מומע צאַרקע

אַ מומע אונדזערע איז זי נישט געווען.

אויס ליבשאַפט האָבן מיר זי גערופן מומע צאַרקע. ליכטיק איז געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך ווען זי איז געקומען פון דער גרויסער וועלט אין אונדזער דאָרפישער כאַטע. געקומען איז זי ווינטער־צייט, דער פראָסט האָט מיט גרימצאָרן געברומט איבער די פאַרשנייטע פעלדער, פראָסטיקע זילבערנע קווייטן האָבן באַדעקט די שויבן, אויסגעמאָלט זיי מיט די פרעכטיקסטע בילדער.

דער אויוון, אַ צעפלאַמטער, קנאַקט מיט אַ פריילעך פייערל און איבער אים ביי דער מעשענער טאַץ, וואָס גלאַנצט ווי אַ לבנה, ליגט גרעטל, אונדזער שוואַרצע קאַץ, מרוזשעט מיט די אויגן און וואַשט אַרום דאָס פּנים מיטן פאַדערשטן פיסל, אַ סימן אַז עס קומט אַ ליבער גאַסט.

ערגעץ־ווו אין דער גרויסער שטאָט בענדין, אין אַ קעלער־דירה, האָט זי פּראָדוצירט צוקערקעס. און ווי גרויס זי איז געווען, איז זי געווען צו קליין מפרנס צו זיין דאָס הויזגעזינט.

האָט די מומע צארקע אין פראָסטיקע ווינטער־טעג געוואַנדערט מיט אַ קויש אויף דער האַנט און פאַרשפּרייט איר פּראָדוקציע. איינמאָל אין יאָר, חנוכה צייט, האָט זי אויך אָנגעשפּאַרט ביי אונדז אין דאָרף, אַ פאַרוויקלטע אין וואַרעמע שאַלן, קוים אַ שפּיץ פון אַ נאָז האָט זיך אַרויסגעזען פון איר גאַנצן גוף; ווי נאָר זי האָט איבערגעטרעטן די שוועל, האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם קויש אָן אַ זייט און אַוועקגעזעצט זיך ביים אויוון אויפטייען פון דער פראָסט.

די מאַמע, ווי געוויינלעך, דערלאַנגט איר גלייך אַ הייס טעפּל קאַווע, און די מומע צאַרקע רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן וועגן דער ביטערער פּרנסה, וואָס זי האָט און סתם וועגן יידישע צרות.

אַזוי רעדנדיק און זיפצנדיק פּאַקט זי פּאַנאַנדער די סחורה, פאַרגעסט נישט אין אונדז, קליינוואַרג, ברענגט פאַרשידענע צאַצקעס, געפּאָרמטע פון פאַרביקן צוקער־שטאָף, הענער, סאָלדאַטן וכדומה.

אין איינעם אַ ווינטער, דאָס איז געווען דער לעצטער, וואָס איך האָב זי געזען, איז זי געקומען גאָר אַן אויפגעלייגטע, אַ גוטסקייט האָט געשטראָמט פון איר גוטן פּנים, ווי פון שׂרה בת־טובים. ביים פאַנאַנדערפּאַקן די סחורה האָט זי אונדז דאָס מאָל דערלאַנגט מאָדנע מתּנות, דער מוטער רחלס קבר, דעם כותל המערבי, אַ יידישן זעלנער מיט אַ מגן־דוד אויפן היטל.

פלוצעם האָט זי געוואָרפן אַ בליק צו דער וואַנט, ווו עס איז, צוליבן קלייטל אונדזערן, געהאַנגען צוזאַמען מיט דעם פּאַטענט דעם צאַר ניקאָלייס פּאָרטרעט.

זי האָט אַ זאָג געטאָן:

„באַלד וועלן מיר פּטור ווערן פון אים, ימח־שמו, מיר פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, מיר בויען אַן אייגן לאַנד."

אַנדערש האָט זי אויסגעזען דעם דאָזיקן טאָג. עפּעס אַ צעשטראַלטע אומרואיקייט און פרייד האָט דאָס זעלנערל און די אַנדערע ארץ־ישׂראל פיגורלעך אַנגעטראָגן.

און די מאַמע ווי עס פירט זיך בעת שׂמחה האָט געווישט אַ טרער פון אויג.

אַ סך טעג נאָך דער מומע צאַרקעס אַוועקגיין האָט די מאַמע געברומט איר באַליבט לידל:

זאָג־זשע מיר, דו אויג,
וואָס איז מיט דיר דער מער?
ווען דו לאַכסט מיט גרויס פרייד,
פאַלט פון דיר אַ טרער...

דערביי האָט די מאַמע כסדר דערמאַנט די מומע צאַרקע:

„די מומע צאַרקע איז געוואָרן אַ ציוניסטקע..."

1954

באָזשע צאַריאַ כראַני

פונקט היינט, ווען קינדער גייען נישט אין שול לכבוד דעם געבוירן־טאָג פון ענגלישן קעניג, דערמאָנען זיך יענע יאָרן, ווען ביסט אַליין אַ קינד געווען.

אין קלויז, ווו דער חזן איז אַרויף אויפן באַלעמער, האָבן זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן אים דער בורמישטש און די דריי סטראַזשני־קעס, און דער חזן האָט די רעכטע האַנט צוגעלייגט צום אויער, האָט אָפּגעמאַכט דעם קייזער אַ „מי שברך", און צעזונגען זיך „באָזשע צאַריאַ כראַני". אַלע דריי פאַרשטייער פון צאַרישן מלכות אין קעניגרייך פוילן, אין שטעטעלע סלאָמניק, האָבן זיך אויסגעשטעלט „פאָד קאָזיע־ראָק" און מיר, חדר־ייִנגלעך, האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום, זיך איינגעהערט פאַרוואונדערטע פון די גויאישע ווערטער, וואָס האָבן אַזוי אויסטערליש געקלונגען אין חזנס מויל.

און ביז היינט וואַלגערט זיך פרעמד, ווי איבער אַן אויפגעריסע־נעם תהום, דער אָפּקלאַנג פון יענע ווערטער אין מיינע אויערן:

„באָזשע צאַריאַ כראַני"...

1947

דעם טאַטנס זיפּץ

אפשר אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכט בין איך דאַן געווען, ס'איז געווען אַ פּסחדיקער פרימאָרגן. איך גיי מיר אַזוי פּיסטריט מיט מיין טאַטן אין דערבייאיקן דאָרף. ווו ס'איז זיך צונויפגעקומען אַ מנין ייִדן דאַוונען.

אַרויסגייענדיק פונעם דאָרף, ווו מיר זענען געווען די איינציקע ייִדישע משפּחה, האָבן כיר זיך אָנגעשטויסן אויפן אַנפאַרנדיקן סאָלטיס, זאַרעמבאַ. דער סאָלטיס איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער ביי אונדז און אַ פריינד. האָט זיך מיין טאַטע מיט אים האַרציק באַגריסט און דער סאָלטיס איז זיך פאַרבייגעפאָרן מיט זיין וואָגן מיסט.

גייט אַזוי מיין טאַטע ווייטער מיט געמאָסטענע יום־טוב־טריט, זיין זיידענע קאַפּאָטע שאָרכט און איך בין פול מיט יום־טוב, שטאָלץ אויף מיינע נייע מלבושים. אין מיין קלומעקל האָב איך פון אַלעם גוטן, וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן ס׳האַרץ איבערצוכאַפּן — כרעמזלעך, אייער, ניס... פּלוצלינג דערהער איך אַ זיפץ פון מיין טאַטן. ס׳האָט מיר אַזש די פּיס געלעמט. ביי אַזאַ יום־טובדיקייט — זיפצן?

— זעסט, מיין קינד, — זאָגט צו מיר דער טאַטע, — ער האָט ארץ־ישראל...

אין מיר האָט זיך עפּעס צעבונטעוועט: איך מיטן גאַנצן יום־טוב אין האַרצן און ער, אויפן מיסטוואָגן, וואָס ער טרייבט אין מיטן יום־טוב — האָט ער גאָר ארץ־ישראל?

שפּעטער, מיט יאָרן שפּעטער, האָב איך עס ערשט פאַרשטאַנען. כ׳האָב פאַרשטאַנען דעם זיפץ פון מיין טאַטן יענעם פּסח פון מיינע קינדער־יאָרן.

אַ סך מיין האָט געשטעקט אין דעם טאַטנס גאָר נישט יום־טוב־דיקן זיפץ, און אַ סך אמת.

1965

אָ, איר קליינע ליכטעלעך...

דערמאָנען זיך מיר די חנוכה־ליכטלעך פון מיין דאָרף אין פּוילן. זיי פלעגן אויפשיינען אין די ווינטער־אָוונטן פאַר וואַנדערנדיקע יידן, אויסגעפרוירענע, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין זאַווערוכעס און פראָסט איבער פּוילישע וועגן, וואָכן געוואַנדערט, כדי אויסצושלאָגן דאָס ביסל בידנע פּרנסה פאַרן הויזגעזינד. הינט האָבן נאָכגעבילט אין די דערפער; פלייצעס, שווער באַלאָדענע, האָבן זיך געבויגן אונטער די זעק — שווער ווי דער יידישער גלות. און אַזוי האָבן זיי זיך דערשלעפּט צו אונדזער באַטע, פון וואַנען ס׳האָט פאַר זיי אַרויסגעשיינט דאָס ליכט פון חנוכה.

חנוכה פלעגט זיך ביי אונדז צונויפקלייבן כמעט אַ מנין. די יידן

האָבן זיך דערוואָרעמט מיט אונדזער ביסל עסן. אָבער דער עיקר — פון דעם חנוכה־ליכט.

אין צעשניטענע קאַרטאָפל האָבן זיי זייערע ליכטלעך געצונדן, אַ סך ליכטלעך האָבן דאַן ביי אונדז געברענט — יעדער האָט געוואָלט יוצא־זיין אויף פאַר זיין היים, האָט ער פאַר זיך געצונדן די ליכטלעך.

די סעודה איז דערלאַנגט געוואָרן מיט פייערלעכקייטן — מיין מאַמע האָט פאַרמאָגט די פעיקייט זי צו דערלאַנגען מיט אַ באַזונדערער יום־טובדיקייט. האָט אין אָוונט געהילכט איבערן דאַרף דער „מעוז צור ישועתי״ און צומאַרגנס פרי — דער הלל.

„שטראָף מיך גאָט, אָבער נישט צום טויט גיב מיך איבער, ווייל טויטע און די וואָס נידערן אונטער דער ערד וועלן דיך נישט לויבן״...
— ציטערט נאָך היינט דער אָפקלאַנג אין מיר.

באַזונדערס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין קינדערישן זכרון די דזשיאַלאָשיצער יידן, די „דאָרף־לויפער״, זיי האָבן תמיד געבראַכט אַ גרוס פונעם פעטער אברהם און מומע יענטל, פון דער מיל און עלעקטראָווניע אין ק״ק דזשיאַלאָשיץ, די מומע יענטל איז צו 91 יאָר אוועקגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ — אָט האָט איר איך אַ „שהחיינו״.

אָבער לאָמיר איצט דערמאָנען פריילעכע זאַכן: אָט לויפט אַמאָל דער זיידע — אַ הויכער ייד, אַ פריילעכער, מיט אַ ניגון אויף די ליפּן, צוואַנציק קילאָמעטער האָט ער באָרוואָס דורכגעשפּאַנט — און געווען שוין פעסט אין די זיבעציקער. דאָס קלימעקל איז געווען פאַרהאַנגען אויפן שטעקן — אַזוי איז ער אַריינגעקומען צו מנחה. ער האָט געברענגט מיט זיך בייגל. „קינדערלעך, כ׳בין שנעל געגאַנגען, נישט געוואָלט די בייגל זאָלן קאַלט ווערן״ — האָט ער אונדז געזאָגט.

געפלאָכטענער פלאָדן, באַשיינטער מיט מאָן — נוסח דזשיאַלאָשיץ. חנוכה־געלט, אַלץ צוזאַמען מיטן שהחיינו.

שטיי איך איצט ביי די קליינע ליכטעלעך, אַ מידער. מיינע אייניקלעך קוקן מיר אויף די הענט. קוק איך אויף זיי — גלייב איך אין ניסים. זייער קיבוץ איז אויף ניסימדיקער ערד געבויט. ער איז אַליין אַ נס.

„אַ איר קליינע ליכטעלעך, איר דערציילט געשיכטעלעך”...
און די ליכט דאָ, די ליכט פון קיבוץ, מאַכן געשיכטע.

1965

דעם פידעלעס געוויין

ווען ס׳פלעגט קומען תשעה באב, פלעגן אַ סך פון אונדזערע גויאישע שכנים פאַרשטיין און רעספּעקטירן אונדזער טרויער. די קונים האָבן אונדז נישט באַאומרויקט, זעענדיק, אַז דאָס קלייטל איז געשלאָסן, די לאָדנס פאַרמאַכט, גראָד ווי אין די שבתים און יום־טובים.

באָוואַק איז געווען דער באַלעבאָס פון אַ שיינער, גוט־געפלעגטער „זאַגראָדע”. ער האָט פאַרמאָגט אַ סאָד מיט פאַרשידענע פּרוכטביימער און אַ מחנה טויבן — אפילו „שטאָפּיצערן” און פּאָסט־טויבן. זיי האָבן אין די פאַרנאַכטן באַלאַגערט די מיט שטרוי־באַדעקטע דעכער פון כאַטע און סטאָדאָלע. קיין קערנדל האָט דאָרט נישט געפעלט, האָבן זיי שאָקלענ־דיק מיט די קעפּ געוואָרקעט מיט הנאה.

תשעה באב האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט אין די שוואַרצע זאַקן אין דרויסן, זיך צוגעשאַרט צו באָוואַקס כאַטע. באָוואַק האָט ליב־געהאַט צו שפּילן אויף אַ פידל — ער האָט געשפּילט מיט האַרץ און געפיל, צוגעפּאַסט דאָס שפּילן צו יעדער צייט פון יאָר: פרילינג, שניט־צייט — תמיד אויסגעשפּילט דעם ניגון פון דער צייט. ווען ער האָט דערזען מיך מיטן טרויעריקן פּנים, אין די זאָקן — און ער האָט מיך גוט געקענט, כ׳בין געווען אַ חבר פון זיינע קינדער — האָט ער אַ פאַרדריי געטאָן זיינע בלאָנדע וואָנצעס און אָנגעהויבן מיט זיינע אויסגעפּראַצעוועטע פינגער צו מייסטערעווען ביי די סטרונעס פון פידל. ער האָט אַ ציי־געטאָן מיטן בויגן איין מאָל און אַ צווייט מאָל — די טויבן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו וואָרקן פון די נעסטן אַרויס — שטיל, ווי פאַרן שלאָף. דאַן האָבן זיך פון זיין פידל דערהערט טרויעריקע טענער, אַ געוויין ממש. דאָס האָט באָוואַק געשפּילט פאַר מיר דאָס געוויין פון גלות. און זיין

פידל האָט דערוועקט אין מיר די בענקשאַפט נאָך די בערג פון יהודה, נאָך ירושלים, נאָך די שטיינער פון כותל המערבי.

די שטערן האָבן זיך שוין באַוויזן, אין הימל האָט זיך אַריינגעשניטן דער סערפּ פון דער לבנה, די טויבן זענען איינגעדרימלט און נאַוואַק האָט אַלץ געשפּילט אַ וויינענדיקס.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט מיין מאַמעס שטים: זי האָט מיך אַהיימגערופן, זי איז געשטאַנען און געווישט די אויגן (שטענדיק, ווען זי האָט דערהערט שפּילן פידל, האָט זי געווישט די אויגן).

שווער געווען איינצושלאָפן. חלומות האָבן פאַרבייגעשוועבט — וועגן גאולה, משיח, ווערמענס געבוירן־טאָג דאַרף אויספאַלן אינעם טאָג פון חורבן. אין חלום האָב איך אַריבערגעשפּאַנט קיין ירושלים, צום הר־ציון — דאָרט האָבן ווייסע טויבן געפאָכעט מיט זייערע פליגל און געוואָרקעט די בשורה פון אויסלייזונג.

און ביז היינט צו טאָג, ווען אַ טויט גיט אין ירושלים אַ פלאַטער איבער מיין קאָפּ, ווען איך קוק אין דער ריכטונג צום כותל מערבי, דוכט זיך מיר, אַז איך הער פון דאָרט די שטיינער אויסוויינען דעם טרויעריקן ניגון פון נאַוואַקס פידל — תשעה באב, אין מיין פוילישן היים־דאָרף.

1964

פ א ר כ ט י ק ע   ט ע ג

דער דאָרפישער מנין פלעגט זיך צונויפקלייבן אין דאָרף וואַגאַ־נאַוויץ, אין שכנות מיט אונדזער דאָרף, ביי דער וואַסער־מיל, וואָס האָט קיינמאָל נישט גערוט.

ר׳ געצל אבראמזאַוויצער, אַ ייד אַ פאַכטער, וועלכער האָט אָפּגע־בומען דאָס מילך פון פריצישן הויף און אַליין געווינט באַענט צום פריצישן פאַלאַץ — ער איז געווען די בולטסטע געשטאַלט אינעם מנין. זיין און טעכטער האָט ער געהאַט געראָטענע, שטאַרקע, הויכוויקסיקע, ווי

די טאָפּאָליעס, וואָס האָבן זיך שטאָלץ אַרויפגעהויבן אַרום דעם הויף.
דאָס ווייב, פּעסל, איז געווען אַ מומחה אויף קאָכן און באַקן. אַ גאָלדענע
באַלעבאָסטע — און פּונקט אַזאַ הארץ. אירע מאכלים האָט מען געלויבט
אין דער גאַנצער סביבה, און געווען איז עס אַ שטוב פון הכנסת אורחים
— ווער ס'איז אַריין הונגעריק, איז אַרויס אַ זאַטער.

ר' געצלס אַ שטיקל פּוטער, אַביסל צוואָרעך, ווער שמועסט —
אַ טעפּל סמעטענע, — איז געווען אַ שם דבר. די פּוטער פלעגט מען
פּאַקן אין גרינע בלעטער און די קעזלעך האָט מען געטרוקנט אין
דרויסן, אויף דער זון. מען האָט זיי אין שטרויענע צעפּלעך פאַרפלאָכטן,
אין ווייסע זעקעלעך, ווי העמדלעך. געהאַט האָבן זיי אַ פאָרם פון אַ האַרץ.
פון דער ווייטנס שוין גערייצט דעם אַפּעטיט. זיי זענען געווען אַ נאַטיר־
לעכער שילד: דאָ וווינט דער פּאַכטער...

ניסים פלעגט מען וועגן אים דערציילן. איך האָב אַליין געהערט
דערציילן, ווי ער האָט אַמאָל געפאַנגען אַ לעבעדיקן הירש — אַדאַנק
זיין כוח און פלינקייט האָט ער אים געפאַנגען, אויף אַ שטריק צוגע־
בונדן צו זיין פערד און אַזוי אים אַהיימגעבראַכט — צו דער באַוואונדערונג
פון גאַנצן דאָרף. געווען איז עס חול המועד סוכות, האָט ר' געצל אַראָפּ־
געבראַכט דעם שוחט פון שטעטל, געשאָכטן אויף כשר דעם הירש. אָבער
אַליין מיט די בני־בית וועט ער דאָך נישט אויפעסן אַ גאַנצן הירש —
האָט מען שמחת תורה פאַרבעטן דעם גאַנצן מנין אויף אַ קידוש און
פאַרביסן מיט הירשן־פלייש — ממש דער טעם פון שור־הבור. יאָרנלאַנג
האָט מען דעם וואונדערלעכן קידוש נישט פאַרגעסן. אפילו דער פּריצישער
הויף האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ שטיקל געבראָטנס...

צו סליחות פלעגט ר' געצל קומען רייטנדיק מיט זיינע זין;
אָנגעקומען איז ער נאָענט צו חצות — ער אין שפּיץ, אויף זיין „קאַש־
טאַן" — און נאָך אים די זין. אין דער טונקעלער סליחות־נאַכט האָט
זיך בלויז געהערט דער ווידערקלאַנג פון די פערדישע קאָפּיטעס. אָבער
ווי נאָר מען האָט זיי דערהערט, האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צום
אָנהייבן, און אַז ר' געצל האָט זיך באַוויזן, האָט זיך זיינוול דער בעל־
תפילה אָוועקגעשטעלט ביים עמוד, — אין טלית און קיטל — און

אויסגעציקלט אַ יתגדל ויתקדש, וואָס האָט פּאַרטויבט אַזש די רווישנדיקע מיל־רעדער, צעגאָסן זיך מיט אימה איבערן שלאָפנדיקן דאָרף.

ר׳ געצל האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז די טשופּרינע האָט זיך אים צעשיט איבערן שטערן, אַ גלעט געטאָן די באָרד און נאָכגעזאָגט מיט אַ ניגון — וואָרט ביי וואָרט — דעם בעל־תּפילה. ער האָט פיינט געהאַט האַלבע אַרבעט, אַפילו ביים דאַוונען. האָט זיין „אל תשליכנו לעת זקנה״ זיך ממש איינגעגעסן אין די ביינער, געמאַכט אויפציטערן יעדן איינעם.

אויף דער שוועל פון די ימים נוראים איז נישט קיין לייכטער חודש געווען פאַר ר׳ געצלען. ער פלעגט זיך אויף אַן אמת פּייניקן; יום־כיפּור האָט ער זיך אַריינגעשיט אַרבעס אין די זאָקן כדי בעסער צו פילן די יסורים, אָפּצוקומען פאַר דער משפחה, פאַר די נאָענטע, פאַרן גאַנצן כלל ישראל.

מיין לעצטן האַרבסט אין דעם דאָרפישן מנין, ביי די סליחות האָט ר׳ געצל ממש איינגעלייגט וועלטן, ער האָט ביטער געוויינט; מ׳האָט אים אין יענעם יאָר אָפּגעזאָגט דאָס פּאַכטן, ס׳האָבן זיך געשאַפן קאָאָפּעראַטיוון צו פירן די מילך אין שטאָט אַריין און איבער דער גרענעץ. דער ייד איז געוואָרן אַן איבעריקער אין דאָרף.

זיין געליבטער זון, ישראל, האָט זיך געקליבן קיין אַמעריקע, די קייט פון דורות האָט זיך אָנגעהויבן צו רייסן, אַפילו זיין געטרייער קאַשטאַן האָט דאַן אויסגעזען עפּעס טרויעריקער, פאַרלוירן זיין רויטן גלאַנץ. די פעל האָט אים געציטערט אויפן בויך, דאָס פערדל האָט אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס, ווי ס׳וואָלט אַרויסגעפילט דעם צער פון רייטער. ר׳ געצל איז נאָך געזעסן אין זאָטל מיט אויס־געגלייכטע פּלייצעס. בייערט דער קאָפּ האָט זיך פון זיך אַליין איינגע־בויגן. אַ קיל אלול־ווינטל האָט צעבלאָזן זיין שיינע באָרד, אין דער ברוינקייט, פון וועלכער עס האָבן זיך שוין אַריינגעוועבט פּראָסטיקע זילבער־פעדעם. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער געדיכטקייט פון דער נאַכט שניידט זיך נאָך שטאַרקער איין זיין שטענדיקער תּחנונים־דיקער „אל תשליכנו לעת זקנה״...

אַ טופּעריי פון פערדישע קאַפּיטעס, ריטמיש, ווי זיי וואָלטן אויס־געזונגען אַ לעצטן נישט פאַרענדיקטן ניגון, האָט זיך געטראָגן אויף די וועגן, אויסגעטראָטענע פון פּוילישע יידן. די קילע סליחות־נאַכט האָט צום לעצטן מאָל פאַרשלונגען אויף די וועגן ר׳ געצלען מיט זיינע זין.

1965

דאָס גאָלדענע פישעלע

איך בין נאָך דאָן אַ קליין יינגעלע געווען; מיין שוועסטער רוזיע איז אַלט געווען אַ צוועלף יאָר. איז געשען די מעשה:

אַלץ איז שוין אויסגעשייערט אין שטוב צו ערב פּסח. עס שמעקט מיט געזויערטן באָרשטש פון דער הילצערנער פאַס; די קופּערנע פאַנען פינקלען אַראָפּ פון אויוון. רונדיקע, גרויסע מצות שיינען אויפן טיש און אין דער לופט טראָגט זיך די האַרבקייט פון געריבענעם כריין.

די חמצדיקע זאַכן אין אונדזער דאָרפס־קלייטל זענען פאַרדעקט מיט ווייסע ליילעכער און די שטוב איז אַן אויסגעכשרטע, אָפּגעזונדערטע טעריטאָריע. איין דאגה, בלויז: יעדן ערב־פּסח פלעגט דער טאַטע ברענגען לעבעדיקע פיש פון שטאָט און דאָסמאָל קאָן מען נישט פאָרן: דער טייך האָט אויסגעגאָסן און דאָס וואַסער דערגייט ממש ביז אונדזער הייזקע.

איז אַריינגעקומען צו אונדז די אַלטע „לאַקאָמע" — אַ פרומע גויע, וואָס האָט פאַר אונדז וואַסער געטראָגן, וועש געוואַשן און שבת אין אויוון געהייצט. זי האָט פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען די „נאָשידלעס", פאַרהאָנגען צוויי קאַנען אויף האַקעס און אַוועק ברענגען וואַסער פון טייכל. אונדזער רוזיע האָט געכאַפּט אַ קליין קענדל, פאַרקאַטשעט דאָס קליידל און אַ באָרוועסע זיך געלאָזט נאָך דער „לאַקאָמע" מיט איר קליין קענדעלע.

מיין שוועסטער האָט אָנגעשעפּט דאָס קענדעלע און ס׳האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז עפּעס איז מיטן וואַסער אַריינגעשווומען. ווען זי

האָט דורכגעזופּט דאָס וואַסער פון קענדעלע דורך אַ לייוונט אין אַ פּאַס אַרייַן, האָט פּלוצלינג אַ פּליוסקע געטאָן אויפן לייוונט אַ גאָלדן פישעלע. קליין איז עס געווען, אָבער ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן געהאַט געגוג פיש צו דער סדר־נאַכט פון דעם קליינעם גאָלדענעם פישעלע. מיין טאַטע האָט אפילו געזאָגט, אַז ס׳האָט דעם טעם, ווי פון לויתן אין גן־עדן.

נאָך שיר־השירים און חד־גדיא האָט ערשט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן:

— קינדערלעך, דאָס פישעלע האָט געמוזט זיין דער שליח פון לויתן אַליין. אפשר איז עס אונדז געקומען ברענגען קיין ארץ־ישראל?

ניין, דאָס פישעלע האָט אונדז דאָן נישט געבראַכט קיין ארץ־ישראל. מיין גאַנצע פאַמיליע איז פאַרבליבן אין פוילן און אומגעקומען ביי היטלערן, ימח שמו.

אָבער ביי מיר אין זכרון איז דאָס גאָלדענע פישעלע פאַרבליבן — טאַקע ווי אַן אָנזאָג, אַ בשורה פון ארץ־ישראל.

1965

דער שטיין אין סוכה

ביי זעקס־זיבן יאָר האָט מען מיך שוין פאַררעכנט צווישן די עלטערע און מיטגענומען צו כל־נדרי.

אין פאָדערהויז פון מנין איז געווען אויסגעבעט מיט פרישן היי, וואָס זיין ריח האָט געקיצלט די נאָזלעכער. איז אין מיטן דאַווענען דאָס ביסל קינדער געשמאַק איינגעשלאָפן אויפן היי, מיט די קלימעקלעך עסן נעבן אונדז.

יידן האָבן נישט אויפגעהערט תהילים זאָגן אַ גאַנצע נאַכט און די רעדער פון דער מיל האָבן זיך געדרייט און מיר האָט אויסגעזען, אַז זיי זאָגן אַזוי נאָך די יידישע תפילות.

דעם שטאַרקסטן רושם האָט אויף מיר געמאַכט ר׳ יוסף סופר — אַ מיעכאָווער ייד, אַ כהן און בעל־מוסף. פאַרן מוסף איז ער געגאַנגען

צום טייכל זיך טובל זיין — האָט דאָס וואַסער געמעגט שניידן. מיר, די קינדער, פלעגן זיך איינקוקן, ווי זיין דאַרער גוף האָט זיך ווי אַ שטיק פאַרמעט געטונקען אין וואַסער. ס׳איז שווער געווען צו באַשטימען, צי דאָס ציטערן אַזוי זיינע לעפצן, צי ער מורמלט אַ תפילה.

רעדן האָט מען אים זעלטן געהערט, סיידן — דאָס דוכענען, ווען ער האָט געבענטשט די עדה, אָדער געזונגען די מוסף־ניגונים, האָט ער מיר אויסגעזען צו זיין דין און דורכזיכטיק, ווי אַ ניגון.

גלייך נאָך נעילה איז אָנגעקומען אונדזער אַ נאָענטער פריינד פון דאָרף, דער סאָלטיס זאַרעמבע. ער איז געקומען אויף זיין בריטשקע, מיט זיין שיינעם גרויען פערד אין אַ יום־טובדיקן געשפאַן. דאָס פערד האָט געפאַרסקעט אַ צופרידנס, זאַט פון „גאָלע האָבער״, און באַלד נאָכן פאַרבייסעכץ ביי די הויפּט־באַאַמטע פון דער מיל, — ר׳ הארצקע און ר׳ סענדער — האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף דער בריטשקע און צוריקגעפאָרן קיין פאַטרקאָוויץ, ווו ס׳איז צווישן די שטרוי־באַדעקטע כאַטעס אויך אונדזער הייזקע געשטאַנען.

ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען — האָט מען זיך גענומען צו דער סוכה. זי איז געווען צוגעקלעפּט — ווי אַ פויגל־נעסט צו דער הייזקע, אויסגעצירט מיט קאָלירטע פּאַפּירן און לאַמטערנעס, באַהאָנגען מיט זאַנגען, דיניעס, עפּל פאַרפוצטע מיט הילצערנע פלעקלעך.

אונדזער שטענדיקער סוכות־גאַסט, איז געווען, ר׳ דוד ברוגז, מיין טאַטנס חדר־חבר. פאַרוואָס האָט מען אים גערופן „ברוגז״, כאָטש ער איז תמיד געווען אַ פריילעכער? אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ מאַרשעליק אויף חתונות. אויף דער עלטער האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַרבערייַ און אַרויסציען פלעקן פון גויאישע קאַפּטאַנעס. ער האָט דערצו געפירט מיט זיך אַ קליין באַנקעלע מיט גאַל פון בהמות. געווויינט האָט ער אין לאָדזש און אַהין פלעגט ער פאָרן אויף פסח. סוכות איז געווען זיין הויפּט־סעזאָן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די דערפער און גענעכטיקט ביי אונדז, אין דער סוכה טאַקע. כמעט אַ גאַנצע נאַכט איז ער דאָרט געזעסן און געזאָגט תיקון. די פויערים, וואָס האָבן זיך פאַרטאָג געפעדערט אין פעלד אַריין, פלעגן זיך אָפּשטעלן און מיט

פרומע פנימער איינהערן אין די לשון־קודשדיקע פסוקים; זיצט אַ ייד און מאַדליעט זיך אַ גאַנצע נאַכט, ווען די האַרבסטיקע קעלט דרינגט אַריין אין זיינע ביינער — איז מן הסתם אין זיין זכות בענטשט אויך גאָט די פרוכט פון דער ערד...

בלויז הושענא רבה איז דוד ברוגז נישט געווען לוסטיק — ווייזט אויס געמאַכט זיין חשבון הנפש — אָן גראַמען, ווייל זיין לעבן האָט זיך עפּעס נישט געגראַמט. האָט ער זיך אויסגעחשבונט מיט גאָט אין דער שטילער הושענא־רבה נאַכט און אינדערפרי — געגאַנגען מיט אונדז אַלע צו הושענות.

די אמתע שמחה האָט זיך ערשט צעפלאַקערט שמחת תורה — ביי ר׳ זיינוולען אין מנין.

נאָכמיטיק האָט מען זיך צונויפגעקליבן ביי אונדז אין דאָרף; טיר און פענצטער אָפן; יידן פון אַלע אַרומיקע דערפער — און משמח געווען זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויך דאָס גייעס האָט זיך צונויפ־געזאַמלט ביי די פענצטער — האָט ר׳ דוד ברוגז אַריינגערוימט עפּעס אויף פויליש, פאַר זייער שמחה וועגן.

אָבער אין איין הושענא־רבה נאַכט, ווען ר׳ דוד איז געזעסן אין סוכה און מיט אים האָט מיין עלטערער ברודער געזאָגט תיקון — האָט פּלוצלינג אַ גרויסער שטיין דורכגעלעכערט אַ ברעט פון דער סוכה. ר׳ דוד האָט זיך אויפגעשטעלט, געציטערט ווי אַ בלאַט און געזאָגט צו מיין טאַטן:

— ישראל וואָלף, הער זיך איין: דו מוזט ענדיקן מיטן דאָרף. פאַרשטייסט? דער תיקון איז נישט זייערער. פאַרשטייסט? מיר דאַרפן אַ תיקון...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איינפאַלן פון אונדזער סוכה אינעם פוילישן דאָרף.

יאָסל חריף

די מלחמה פאַר לוזער שניידער

אין אונדזער שטעטל האָט אַן אַלטער שניידער געוווינט — כּאַלאַטלעך געניית פאַר קליין און גרויס. מיט אַ לאַנג פּאַפּיר האָט ער די מאָס גענומען — איינגעריסן די פּאַפּיר־לענטע, ווו מ׳האָט באַדאַרפט און שוין פאַרגעדענקט: ווו דער קראַגן, די אַרבל, די פּלייצע. און אויב ער האָט אַמאָל עפּעס פאַרטוישט — איז אויך נישט געווען קיין לאַך אין הימל. ווייל אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט, נעבעך נישט געקענט שרייבן.

געווען איז ער אַ שטילער, אָרנטלעכער מאַן, אַ געלאַסענער, און ווי ס׳טרעפט ביי אַזעלכע — האָט אים גאָט געגעבן אַ ווייב, וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָרן. זי האָט געהאַנדלט מיט זייף אויף די ירידים, האָט געהייסן, אַז זי איז די גאַנצע פּרנסה־געבערין און ער אַ שלים־מזל.

מילא, אַ גאַנצע וואָך איז נאָך געווען צו דערליידן: ר׳ לוזער איז געווען אַליין און זיך ספּראַוועט מיט דער שטוב. אָבער ערב שבת און יום־טוב — אַ גיהנום! זי האָט אים ממש פאַרוואַנדלט אין אַ שיק־יינגל. קללות האָבן זיך געשאָטן אויף זיין קאָפּ, ווי געקליבענע פּערל.

אַ ברירה האָט ער געהאַט? — אַ ווייב איז אַ ווייב. ער איז שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו די קללות, אַז ווען זי איז שטיל געבליבן אויף אַ ווייל, האָט ער מורא געקריגן צי איז זי חלילה נישט קראַנק.

געשטאַמט האָט רב לוזער פון עסטרייך, פון גאַליציע. ער האָט נישט געוואָלט דינען אין עסטרייכישן מיליטער, איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, קיין פוילן. האָט ער דערפאַר דאָ געמוזט — דינען זיין ווייב...

ביז ס׳איז געקומען די ריכטיקע מלחמה אין יאָר 1914. דאָ האָט רב לוזער אויפגעלעבט, ער האָט געטענהט צום ווייב:

— זעסטו, קרוין מיינע, דו האַלטסט אין איין זאָגן, אַז לוזער איז גאָרנישט ווערט, אַ לא־יוצלח, ר״ל; און די גאַנצע מלחמה איז אויס־געבראָכן צוליב לוזער שניידער: קירע וויל מיך האָבן און פאָניע וויל מיך נישט אָפּלאָזן...

1965

אַ שבועותדיקע דערמאַנונג

ווייסט איר וואָס ס׳איז אַזוינס רייזעלעך? אָדער האָט איר שוין פאַרגעסן שבועותדיקס פון אַמאָליקע יאָרן?

רייזעלעך — דאָס זענען אַזעלכע בילדעלעך געמאַכטע פון פּאַפּיר, ווייסע, גלאַטע און געמאָלענע, פאַרשידנקאָליריקע, זיי דערמאַנען מיר מיין היים אין פוילישן דאָרף.

געווען דאָרט די איינציקע יידישע „כאַטע״, די איינציקע משפחה צו פּראַווען שבתים און יום־טובים. און יעדער יום־טוב האָט זיך געהאַט זיין סימן, וואָס האָט שוין אָנגעזאָגט די גויים זיין באַדייט.

שבועות האָט אַן אָטעם געטאָן מיט מילכיקס — מיט אַזאַ דופטיקן ריח, ווי פון די פּסוקים פון מגילת רות. די רייזעלעך דערמאַנען מיר אויך שלמהן, דעם באַהעלפער — אונדזער גייסטיקער פירער און וועג־ווייזער, אַזוי צו זאָגן, ער האָט עס מיט אונדז געלערנט אַ פּסוק עברי, אַריינגעפירט יידישע קינדערלעך פון אַ פּויליש דערפל אין די געצעלטן פון יעקב.

אַ יונגער, שוואַרצאויגיקער בחור איז ער געווען — אינגאַנצן אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, — מיט שוואַרצע לאָקן. אַ גאַנץ יאָר פלעגט ער פון גראָזן אויספלעכטן שטייפלעכע ציגן־פיסלעך, פאַסטוך־פייפלעך אויס־שניצן, אָבער ערשט שבועות איז זיין קינסטלער־נשמה געקומען צום פולן אויסדרוק ביים מאַכן די רייזעלעך. פון אונטער זיין מייסטערישער האַנט איז אַרויסגעקומען דער „משכן״, עקידת יצחק, לוט מיט די טעכטער, מתן תורה אויפן באַרג סיני. אָבער מיט גאָר אַ באַזונדערער ליבע פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט רות. ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ שלאַנקער שיינקייט מיט שוואַרצע האָר — וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אַ גריך, — מיט אַ בינטל זאַנגען איבערן קאָפּ. און פון דער ווייטנס

— שטייט בועז, באַוואונדערט איר שיינקייט און צניעות. ער האָט געמאַכט אַ לבנה, פאַרהאַנגען אויף די וועגן קיין ירושלים, איבער בית־לחם און נאָך און נאָך.

ווען ער האָט שוין אַלץ פאַרטיק געמאַכט, האָט ער די רייזעלעך „אויסגעשטעלט" אויף די שויבן פון אונדזערע פענצטער. די פויערים פלעגן באַוואונדערן די שבועותדיקע קונסט־אויסשטעלונג פון שלמה דעם באַהעלפער. די אַלטע וואַוזשינקע — אַ פרומע גויע, וואָס האָט געקענט דעם תנ"ך כמעט פון אויסנווייניק — האָט איבערדערציילט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די מעשה וועגן רות און נעמי, איר שוויגער.

גרויס איז געווען אונדזער טרויער, ווען מ׳האָט נאָך יום־טוב אַראָפּגענומען די „אויסשטעלונג". אמת, מיר האָבן זי פאַרבאַהאַלטן אויף איבער אַ יאָר. אָבער דערווייל האָט זי אין די נעכט אויסגעפולט אונדזערע חלומות; מיר האָבן געשוועבט מיט איר איבער די פעלדער פון בית־לחם צו די טויערן פון ירושלים...

דערמאָנט זי זיך נאָך ביז היינט, ווען שבועות קומט. דערמאָנט זיך — צוזאַמען מיט טאַטע, מאַמע, שוועסטער־ברידער; מיט די מילכיקע מאכלים, וואָס די באָבע רבקה האָט פאַרגרייט. עס שיינען אין מיין דמיון די איינזאַמע יידישע פענצטער אין אַ פאַרוואָרפן פויליש דאָרף, און איך זוך נאָך אַלץ די רייזעלעך, איך זוך זיי אין מוזייען, צווישן געראַטעוועטע יידישע הייליקטימער — די רייזעלעך פון שלמה דעם באַהעלפער...

1965

דער ערשטער באַטשאַן

שטיל איז געפלאָסן דאָס לעבן אין אונדזער הילצערנער הייזקע, וואָס איז געווען מיט שטרוי באַדעקט; שטיל, ווי דאָס טייכל, וואָס איז פאַרבייגעפלאָסן פאַזע דער הילצערנער הייזקע.

פורים־צייט פלעגן די באַטשאַנעס קומען צו פליען. זיי האָבן זיך אויסגעבויט אַ נעסט אויף אויפן שפיץ פון אונדזער דאַך, ווו זיי

האָבן שוין געהאַט אַ חזקה זייט יאָרן. דאָ האָט זיך יעדעס יאָר ביי זיי אויסגעפּיקט אַ נייער דור, אונטערגעוואַקסן, אויסגעוואָרעמט זיך אויף דער זון און האַרבסט־צייט — זענען זיי אַלע אין אַ מיליטערישן סדר, גרופּנווייז, ממש מיט פּאַראַד צוריקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער.
דאַן, פּורים־צייט, האָט די באָבע רבקה געהאַט אַ ספּעציעלע סיבה אונדז צו דערציילן מעשיות וועגן לאַנד פון די הייליקע אבות; אַז די באָטשאַנעס ברענגען אונדז אַ גרוס פונעם וואַרעמען ארץ־ישראל.

אייגנטלעך איז אויך ביי די מענטשן אין דאָרף פאָרגעקומען עפּעס ענלעכס, ווי ביי די באטשאַנעס: די עלטערע קינדער זענען זיך צעפלויגן איבער די גרויסע שטעט, פאַרלאָזט זייער דאָרפישע נעסט; און מיר, קליינוואַרג, האָבן בלויז געוואַרט ביז די פליגלען וועלן אַביסל אונטערוואַקסן. די מאַמע האָט טאַקע געזאָגט: אין דאָרף איז שוין אַ פּנים ענג געוואָרן אַפילו פאַר דער איינציקער יידישער משפּחה...

...איז אין יענעם פּורים־אָוונט, ווען מיר האָבן זיך געגרייט צו דער סעודה, האָט זיך פּלוצים אויפגעריסן די טיר און ס׳איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין אַ טויט־שיכורער פּריצל, מיט גרויסע וואָנסעס... אויס־געזען האָט ער — ווי המן אַליין וואָלט זיך אָפּגעריסן פון דער תליה. די וואָנסעס זענען געווען שטעכיק, ווי ביי אונדזער קאָץ, גרעטל — אַ שוואַרצע קאַץ, וועלכע ס׳האָט מאָדנע געקליידט דער דייטשער נאָמען...
גרעטל האָט דערפילט, אַז דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינלעכס, איז זי צוגעשפּרונגען צום טיש געבעטענעם גאַסט, וואָס האָט געשטערט אויך איר רו. האָט דאָס פּריצל אויסגערופן: „זאָל לעבן פּוילן, זאָל לעבן די פרייהייט״. — און מיר, דאָס קליינוואַרג, האָבן אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער.

פון דרויסן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל מיט שטיינער — די אָרטיקע שקצים האָבן עס מכבד געווען ס׳פּריצל. דערווייל אָבער האָבן מיר אויך אַריינגעכאַפּט. האָט די מאַמע זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטן דאָס פּריצל ער זאָל זיך זעצן און זאָגן וואָס ער וויל. אין טיר האָבן זיך באַוויזן פּויערים, אונדזערע פריינד, וועלכע האָבן פאַרטריבן די שקצים און נייגעריק געווען צו וויסן ווער דער גאַסט איז.

דאָס פּריצל האָט אָנגעהויבן צו רעדן. קודם־כל האָט ער אויס־געדרייט צו דער וואַנט דעם צאַר ניקאָלאַיס פּאָרטרעט און אַ שפּיי־געטאָן אויף אים. די פּויערים האָבן זיך פֿאַר שרעק איבערגעצלמט. וואָס ער האָט געזאָגט, געדענקט זיך נישט. דערנאָך האָט דאָס פּריצל אָנגעהויבן צו באַווייזן פֿאַרשידענע פֿאָקוסן: אַוועקגעלייגט אַן איי הינטער אַ גלאָז און אַפּערגענומען אַ זילבערנעם רובל; געשלעפּט קאָלירטע סטענגעס פֿונעם מויל; געריסן אייזערנע קייטן, ווי פּאַפּיר און נאָך און נאָך.

פּלוצלינג זענען פֿון וואַך־פּאָסטן אָנגעקומען צוויי סטראַזשניקעס. צווישן די פּויערים איז געוואָרן אַ צעטומלעניש, אָבער דער טאַטע האָט זיי באַרואיקט: לאָמיר זיך גאַרנישט וויסנדיק מאַכן... די מאַמע האָט דערווייל געדעקט צום טיש און אַוועקגעשטעלט אַ פֿלאַש בראָנפֿן, פֿאַרשטייט זיך. די סטראַזשניקעס האָבן געמאַכט אַ לחיים און ווייל זיי זענען אויך געווען פּאַליאַקן, האָבן זיי זיך צוגעקוקט ביז שפּעט אין דער נאַכט צו די קונצן פֿונעם פּריצל.

ערשט נאָך חצות, ווען דער עולם איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען און דער קונצנמאַכער איז פֿאַרשוווּנדן אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט, איז אין שטוב געבליבן הענגען אַן אומעט. דער טאַטע האָט זיך אַ מידער געוואַשן צו דער פּורים־סעודה און ווען דאָס דאָרף איז שוין געווען פֿאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף, האָט ער אָנגעהויבן זיין „שושנת יעקב“. ער האָט געברומט דאָס געזאַנג און געקרעכצט, צוגעפּויקט מיט די פֿינגער אין טיש און לסוף — מיטן ניגון פֿון „שושנת יעקב“ — אויסגעברומט:

— קינדער מ׳מוז זיך אַרויסקלייבן פֿון דאָרף...

איך האָב אָבער ווייטער געטראַכט וועגן די קאָלירטע סטענגעס, וואָס דער קונצנמאַכער האָט געצויגן פֿון זיין מויל. און ביינאַכט האָבן מיך געמאַטערט חלומות: ווי אימיצער שטופּט מיר אַ נאָגל אין נאָז און גרעטל מיאַוקעט יאָמערלעך...

אין דער פֿרי, ווען די מאַמע האָט מיך אויפֿגעוועקט מיט זיסקייטן לכבוד פּורים, האָב איך דערזען, ווי ס׳האָט זיך באַוויזן דער ערשטער באַטשאַן ביי אונדזער הייזקע. האָב איך אים באַגריסט צו זיין אָנקומען פֿונעם לאַנד פֿון די אבות...

אָבער אויף זיין צוריקפליען קיין ארץ־ישראל האָב איך זיך שוין נישט דערוואַרט, שבועות־צייט האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָרף. איך האָב מיטגענומען מיט זיך די לעצטע פורים־סעודה, די פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג פונעם פריצל, דעם קונצנמאַכער, וואָס ציט זיך און ציט זיך אין מיינע זכרונות ביזן היינטיקן טאָג.

1966

דער שליח פון אליהו הנביא

שטענדיק, ווען די מאַמע פלעגט דערציילן די מעשה, האָט אַ טרער געפינקלט אין אירע אויגן. און די מעשה האָט זי אונדז תמיד דערציילט פאַר די ימים נוראים. ומעשה שהיה כך היה:

מיט אַ סך יאָרן צוריק, אין די עשרת ימי תשובה, זענען געקומען צו לויפן די גויאישע שכנות פון אונדזער דאָרף צו דער מאַמען און דערציילט, אַז ביים וואַסער נישט ווייט פון דער מיל, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אויסטערלישן מענטשן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, געשטאַנען ביים וואַסער און „געמאָדליעט" זיך אָן אויפהער. זיי האָבן אים געבערענגט עסן — און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען. ווייטער פאַרגאַנגען אין זיינע תפילות. אפשר איז ער עס דער הייליקער פונעם אַלטן טעסטאַמענט ?...

איז די מאַמע אַרויס צום פרעמדן, פאַרבעטן אים אין שטוב אַריין. אָבער ער האָט געענטפערט: ניין. ער וועט זיך פון דעם אָרט נישט רירן ווייל אַ ליאַדע מינוט דאַרף דאָרט אָנקומען אליהו הנביא און אָנזאָגן די בשורה פון גאולה: אָט ביי דעם וואַסער טאָקע דאַרף ער זיך אַנטפּלעקן... און ער, דער ייד, איז אליהוס שליח. ער וועט עס אַ שאַל־טאָן אינעם שופר, וואָס ער האַלט אינעם בוזעם פון זיין קיטל — אָנזאָגן משיחס קומען...

האָט די מאַמע אים אַרויסגעטראָגן עסן צום טייך, אין וועלכן ער האָט זיך די הענט געוואַשן און טועם געווען פונעם כשרן עסן.

אַרום אים, דעם שליח פון אליהו הנביא, האָבן זיך כסדר געקליבן

מענטשן. דריי טעג און דריי נעכט איז ער אַזוי געשטאַנען ביים טייך, פאַרטאָן אין תפילות. די מאַמע פלעגט אים די גאַנצע צייט אַרויסטראָגן צו עסן. און באָענט פאַר יום־כיפור איז ער פלוצלינג נעלם געוואָרן...

ווען איך דערמאָן זיך די מעשה, דערזע איך אים ממש אַ לעבעדיקן פאַר די אויגן. אים — דעם שליח פון אליהו הנביא. די מאַמע און אַלע באָענטע זענען פון יענעם טייך אַוועק שוין לאַנג אין אַ פייערדיקן רייט־וואָגן און ער וואַרט נאָך אַלץ דאָרט מן־הסתם אויף משיחן, כדי צו בלאָזן אין שופר. ווער וועט אָבער שוין דאָרט זיין שופר־בלאָזן דערהערן, אַז אַלע כמעט זענען אַוועק אינעם פייערדיקן רייטוואָגן ?...

חרובע היימען

יידישע הענט אין דער אַלטער היים עפענען שוין מער נישט די טירן צו באַגריסן זיך מיט יום־טוב־ווונטשן; די אויגן קוקן מער נישט אויס קיין לשנה טובה־ווונטשן. די אַדרעסן האָבן זיך געביטן — נישטאָ דאָרט קיין אַדרעס פאַר יידישע שטובן... דער ריח פון יום־טובדיקע יידישע מאכלים טראָגט זיך מער נישט פון די קיכן. אַ האַרבסט טריפט זיין וויינענדיקייט פון די הימלען, וואָס הענגען ווי טונקעלע פּרוכתן איבער אבלדיקע קעפּ. פאַרשוווּנדן די פרייד, דער המשך; אויסגעלאָשן געוואָרן דער שמייכל אַנטקעגן די אָנקומענדיקע יום־טוב־געסט אויף די פּוסטגעוואָרענע פּוילישע וועגן, דער יום־טוב איז אויסגעמעקט געוואָרן — מיטן יום־טוב־ייִד צוזאַמען. אַ שווייגן רייסט זיך צו די הימלען, אַנשטאָט תפילות און שופר־בלאָזן. ערגעץ בלאָנדזשעט נאָך אפשר אַ נישט־דערגאַנגענע ברכה, וואָס איז געבליבן הענגען אין דער לופט. זי וועט אַראָפּפאַלן ווי אַ פויגל אויף דער חרובער ערד.

לשנה טובה... צי וועט דערגיין די ברכה פון אונדז צו אימיצן דאָרט, אין דער חרובער, פאַרטיליקטער היים ?

1966

יאָסל חריף

די סעודת הכהנים

אַ קעניגרייך פאַר זיך איז אין קעניגרייך פוילן געווען דאָס שטעטל דזשיאַלאָשיץ, אין פינטשעווער ראַיאָן. אַלטע לייט האָבן געטענהט, אַז האַלב יידיש־פוילן שטאַמט פון דאָרט.

ביינציק פראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין שטעטל זענען געווען יידן — אַפילו דער בריוטרעגער אַ ייד.

אויסטערלישע מעשיות פלעגן טרעפן אינעם שטעטל. אַ שטייגער — די מעשה מיטן באָק:

ביי אַ ייד, אַ קבצן, האָט — צו אַלע זיינע צרות — אַ ציג געבוירן אַ באָק, אַ בכור. איז — נישט אַהין, נישט אַהער. שעכטן טאָר מען אים נישט — אַ בכור. וואַקסט דער באָק גרויס און שטאַרק, האָט שוין אַ היפש בערדל, שטעקט אַריין די הערנער ווו עס לאָזט זיך, מאַכט שאָדנס, דרייט זיך אַרום פוסט און פאַס און ער איז נאָך אַ יחסן ביי זיך; ביז ער וועט נישט האָבן קיין מום, טאָר מען אים נישט קוילען... גריזשעט ער די צווייגן פון די פרוכט־ביימער, לאָזט זיי ממש נאַקעט. די קינדער שרעקן זיך פאַר אים און חדר־חברה ווידער שרעקט אים, טרייבט אים אַרום און מאַכט אים ווילדער פון טאָג צו טאָג. ביז — — —

געווען איז עס קורץ פאַר פסח, האָט זיך דער באָק געלאָזט צום בית הקברות, דאָרט זיך פאַרטשעפּעט ביי אַ מצבה און איבערגעבראָכן אַ האָרן. איז ער געוואָרן אַביסל געפאַלן ביי זיך, ווי די גבורה וואָלט זיך פון אים אָפּגעטאָן; אַ טרויער האָט שוין אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. אָבער דאָן ערשט זענען אַלע גוט געוואָרן צו אים: מ׳האָט אים אַריינגעשטעלט אין אַ שטעלעכל, אונטערגעטראָגן פון אַלעם גוטן — איז ער פעט און שווער געוואָרן.

ערב פסח האָבן זיך אַלע כהנים פון שטעטל צונויפגעזאַמלט, ביי אַ פייערלעכער שטילקייט האָט דער שוחט געשאָכטן דעם באָק און האָט פון אים צוגעגרייט די סעודת כהנים.

אין ווייסע קיטלען, ווי צום סדר, איז מען צו דער סעודה געגאַנגען, ווי ס׳וואָלט טאַקע געווען אַ קרבן פסח אין די גאָר אַלטע צייטן.

יאָרלאַנג האָט מען אין דזשיאַלאָשיץ דערציילט וועגן יענעם ערב־פּסח מיטן באָק. מ׳האָט עס פֿאַרבונדן מיט די ווייטע ערב־פּסחדיקע פּרי־מאָרגנס, ווען די כהנים זענען אין זייערע ווייסע קליידער געגאַנגען אין בית־המקדש, וואָס אין ירושלים, דער שטאָט, וועלכע אַלע יידן האָבן אויף פּוילנס ערד דורות לאַנג געטראָגן אין זייערע הערצער.

1967

אַן אַלטער דעמב

אַ הויכער, גראָדער, פֿעסטגעבויטער ייד, איז ער געווען ר׳ איטשע. געהאַט אַ שמייכלענדיק פּנים, אַ שיין־פֿאַרקעמטע גרויע באָרד און ער האָט געשפּרודלט מיט בטחון. דערביי האָט פֿון אים געאָטעמט עפּעס פֿון די קאַלטע מקומות אין ווייטן רוסלאַנד — עפּעס, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט דאָרט אין זיך בעת זיין לאַנגיעריקער דינסט אין דער רוסישער אַרמיי.

אויך זיין יידיש איז געווען דורכגעפּלאָכטן מיט רוסישע אויס־דרוקן, וואָס זענען פֿאַרבליבן ביי אים פֿון די שווערע יאָרן זעלנערישקייט.

ווען איך האָב דערזען ר׳ איטשען צום ערשטן מאָל ראש השנה ביי תשליך, בין איך צוגעבונדן געוואָרן צו אים. בעת אַלע יידן האָבן זיך פֿאַרקליבן, מיט די מחזורים אין די הענט, ביים וואַסער אַרויסצוטרייס־לען די עבירות פֿון די קעשענעס; מיט התלהבות געזאָגט די תפילות — האָט ר׳ איטשע געמוזט פֿאַר אונדז, קליינע חברה, מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש, דערציילן וועגן די יאָרן ביי פֿאָניעס.

ר׳ איטשע האָט זיך גוט איינגעלעבט אין שטעטל, חתונה געהאַט, אויפֿגעשטעלט אַ משפּחה, דערלעבט אור־אור־אייניקלעך. זיינע קינדער האָבן געטראָגן אין זיך עפּעס פֿון זיין פֿריילעכקייט, פֿון זיין באַרעדעוודיקייט און דער חלום איז געווען: ארץ־ישראל.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געשטרעבט צו ארץ־ישראל. אָפּצו־בעמען די מדינה פֿונעם טערק. „נישקשה, יידן וועלן קאָנען, כ׳לעבן, פֿירן אַן אייגענע מדינה, האַלטן אַן אַרמיי״ — און ער האָט זיך אַ שטעל־געטאָן „פּאַד קאָזיראָק״, געוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף זיין אַ סאָלדאַט.

ער האָט אונדז דערציילט מעשׂיות פון קאָזאַקן, טאַטאַרן, פאַר־שידענע אַנדערע פעלקער — אינעם גרויסן, ברייטן רוסלאַנד — און אויך פון יידן, יידן, וואָס הגם זיי קענען נישט קיין יידיש וואָרט, פאַרגעסן זיי נישט אין ציון און ירושלים.

אונדז האָט אַפילו שטאַרק געוווּנדערט ווי אַזוי קאָן דאָס זיין, אַז יידן זאָלן נישט רעדן קיין יידיש און דאָך פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אָבער, אַז ר׳ איטשע דערציילט, איז עס דאָך אמת!

ער האָט אונדז דערציילט מעשׂיות וועגן מלחמות, וועגן גוטע פריינד, וועגן אַ יידישער וועלט אויף פרעמדער ערד... דאָ אָבער פלעגט ער אַ זיפץ־טאָן, נאָר באַלד פאַרווישט דעם זיפץ מיט אַ שמייכל:

— איי, קינדערלעך, ווען איך קאָן פון אייך מאַכן זעלנערס, וואָלט איך אייך אַפילו היינט גענומען קיין ארץ־ישׂראל.

מיר, אַ קליינע גרופּע יינגלעך, זענען פאַרבליבן מיט אים ביז שפּעט. דער טאָג האָט זיך שוין געהילט אין אַ פאַרנאַכטיקער גרויקייט, די פייגל האָבן זיך געקליבן אין זייערע נעסטן; פלעדערמייז האָבן זיך באַוויזן און אָנגעוואָרפן אַ פּחד. דאַן האָט זיך ר׳ איטשע אויסגעגלייכט און מעשׂה זעלנער אָנגעהויבן צו שפּאַנען. מיר — נאָך אים. ער איז פאַר אונדז געווען ווי דער אַמאָליקער יידישער גיבור, ווי אין די ספרים שטייט געשריבן, וואָס פירט זיינע שלאַכטלייט ווייט־ווייט... און אפשר טאַקע קיין ארץ־ישׂראל? אין אונדזערע אויערן האָבן אַלץ געקלונגען זיינע ווערטער: „איך וואָלט אייך אַפילו היינט גענומען קיין ארץ־ישׂראל״.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין בית המדרש איז שוין געווען בין מנחה למעריב. מ׳האָט אונדז מקבל פּנים געווען מיט אַ שמייכל: ר׳ איטשע מיט זיין אַרמיי.

איצט, ווען איך טרעף אַמאָל איינעם פון זיין דור, פון ר׳ איטשעס צייטן, שווימט פאַר מיר אויף אין דמיון דער דאָזיקער אַלטער דעמב, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל געזונטע גרינע צווייגן. ס׳דערמאָנען זיך זיינע מעשׂהלעך, זיינע בענקשאַפטן, זיינע חלומות וועגן ארץ־ישׂראל, וועגן ירושלים.

און ווען איך זע יידישע זעלנער אינעם באַפרייטן גאַנצן

ירושלים, קלינגען מיר אויפסניי אין די אויערן די מעשהלעך פון ר׳ איטשע ניקאָלאַיעווער.

ס׳איז מיר בלויז אַ ווייטיק, וואָס אַזוי וויניק פון דעם מין דעמבעס זענען איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין אונדזער ערד, פאַרשניטן געוואָרן אין דער פרעמד.

1967

ר׳ כתריאל ל״ו-ניק

ר׳ כתריאל איז געווען אַ שוסטער. געלעבט כל ימיו אָן איינזאַם בחוריש לעבן, זיך געלאָזט באַגנוגענען מיט אַבי־וואָס, הגם זיין שוסטעריי האָט אים געקאָנט מפרנס זיין בכבוד. געוווינט האָט ער אין אַ שטיבעלע ד״על־ד׳, אָן אַ פּאָדלאָגע, און ביז טיף אין די נעכט האָט ער געקלאָגט איבער חורבן בית המקדש אין ירושלים. אויף ימים טובים פלעגט ער גיין אין דערנעבנדיקן דאָרף דזשעווענטשאַל, ווו זיינע קרובים, האָרעפּאַשנע יידן האָבן געלעבט און געקומען צו אונדז אין מנין דאַוונען. און הגם יעדער ייד אין דאָרף איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, מיט די דאָרפישע פריידן און ליידן — האָט ער זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע, און אַפילו דער וואַלד פון גוים, וואָס האָט דאָס ביסל יידן אַרומגערינגלט, האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד; ממש געזען אין אים אַ הייליקן.

אַ הויכער און מאַגערער איז געווען ר׳ כתריאל; מיט אַ שיטער גרוי בערדל, אַ בלאַס ביינערדיק פּנים, דורכזיכטיק ווי פּאַרמעט; שלאַנק ווי אַ לולב פון שטענדיקן פאַסטן. אַ פּאָר גרויסע בלויע ליכטיקע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון אונטער זיין שטערן; אויגן, וואָס האָבן אַרויס־געקוקט אויף גאָטס וועלט, מיט חסד און רחמים.

זענען געווען די ימים נוראים און סתם ימים טובים, האָט ער זיך איינגעהילט אין אַ טלית. און הגם ער איז נאָך געווען אַ בחור, איז דער טלית געווען אַ געלבלעכער פון אַלטקייט און ער אַליין האָט זיך געטרייסלט ווי אַ ווערבע אין ווינט אסיען־צייט ביים וואַסער, ווי ער

וואַלט וועלן זאָגן, אַז אויך דער מענטש, ווי דער בוים אין פעלד, איז אַנטפּלעקט פאַר אַלע שטורעמס.

אַלע אַרום האָבן געגלייבט, אַז ר׳ כתריאל איז טאַקע אַ ל״ווניק, איינער פון די ל״ו צדיקים, וואָס די וועלט שפּאַרט זיך אָן אויף זיי... מאָדנע מעשׂיות פלעגט מען דערציילן וועגן אים. איינע פון די מעשׂיות האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

אַ חלום האָט ר׳ כתריאל געחלומט, אַז הינטער דעם צלם אין דאָרף, וווּ עס וווינען זיינע קרובים, איז פאַרגראָבן אַן אוצר. האָט ער זיך פאַר דעם חלום שטאַרק דערשראָקן. ווער ווייס פאַר וואָס פאַר אַ נסיון ער ווערט אָוועקגעשטעלט, ווי קומט צו אים אַן אוצר? און צו וואָס נוצט ער אים?...

נישט לאַנג געטראַכט, איז ער אַוועק צום קרוב, צו ר׳ פּסחן, און אים דעם סוד אַנפאַרטרויט, און אין דער נאַכט זענען זיי אַרויס גראָבן אונטערן צלם, און דער אוצר האָט זיך אויף אַן אמת באַוויזן, זעלטענע איידלשטיינער און גאָלד.

באַלד האָט ר׳ כתריאל אַ תּנאַי אויסגענומען, אַז זיי טאָרן גאָרנישט ענדערן פון זייער דאָרפישן לעבנסשטייגער און דער אוצר מוזן זיי אין ערד אַריינלייגן, דאָס הייסט קויפן פאַר דעם געפונענעם אוצר פעלדער און אַליין זיי באַאַרבעטן. און געזאָגט זיי דערביי אַזוי צו זאָגן: הערט זיך איין, מיינע קינדער, דער מענטש וואָס באַאַרבעט די ערד, אַקערט און זייט, האַלט זיין בליק צו דער ערד געבויגן און פון צייט צו צייט הייבט ער זיי צו די הימלען — ווען ער בעט אויף זון אָדער רעגן. און כך היה. איך געדענק נאָך ווי זיי האָבן אויך אין שטעטל סלאָמניק געקויפט ערד און פאַרקאַטשעט די פּאָלעס, נאָכגעאָנגען דעם אַקעראייזן, געשפּאַנט אין זאַטע פערדעלעך.

איינמאָל אין יאָר, שׂמחת תּורה, האָט זיך ר׳ כתריאל צעהוליעט אויף אַן אמת. נאָך דעם פריילעכן קידוש אין דאָרפישן מנין, וואָס יונה טראַנטנאָוויצער האָט געפראַוועט, זענען זיי ביידע אַרויס מיט אַ קאָזאַ־טשאָק, ווען דער עולם האָט צוגעפּלעסקעט מיט די הענט. פון פּנים האָט געשיינט אַ פריילעכקייט, און ער האָט דורכאַנאַנד אויסגערופן: „יידעלעך־

ידעלעך, זייט פריילעך און לערנט זיך אַרבעטן... ווייל פּלוצים קאָן קומען די גאולה. מען מוז זיין גרייט... איר הערט, מען מוז זיין גרייט..." און אין זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט צוויי טרערן פון פרייד. צוויי טרערן, וואָס האָבן זיך צעלויכטן, ווי די „אבנים טובות" פון געפונענעם אוצר, וואָס דער חלום האָט אים אַנטפּלעקט...

דער דאַלמאַן

ווייסט איר וואָס עס איז אַ דאַלמאַן? מיט אַ סך יאָרן צוריק איז דאָס געווען זייער אַ מאָדערן מלבוש — אַזאַ מין פּעלערינע, וואָס האָט דערגרייכט ביז דער טאַליע און האָט פאַרמאָגט דריי הונדערט מיט זעכציק קנעפּ... דאָס איז געווען דאָס שענסטע חתונה־מלבוש פאַר די רייכסטע כלות. אויף פּיאַלטענעם פּלוש זענען געווען אויסגעזעצט מיט אַ סדר די טייערסטע פאַרשידנפאַרביקסטע קנעפּ, און גענייט האָט מען אַזאַ יחוסדיק בגד ביי דעם בעסטן שניידער.

אַ גאָר קליין ייִנגל בין איך דעמאָלט געווען ווען די שרעקלעכע מעשה מיט דעם דאַלמאַן האָט פּאַסירט, ומעשה שהיה כך היה. אין בין הזמנים פּלעג איך מיט די דאָרף־שקצים שפּילן אין קנעפּ און געווען דערין שטאַרק אַרײַנגעטאָן.

איינמאָל, אין אַ נאָך פּסח, פאַרשפּילנדיק אַלע מײַנע קנעפּ־רעזערוון, האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דער באָבעס דאַלמאַן, און אַזוי פּאַוואָ־לינקע אַראָפּגעשונדן פון אים דעם גאַנצן אוצר קנעפּ, און טאַקע ביזן לעצטן פאַרשפּילט צו די שקצים. די שקצים האָבן אַזש געפינקלט מיט די אויגן דערזעענדיק די קנעפּ, און האָבן גלייך אָנגעבאָטן זעקס פאַר איינעם.

איר דאַרפט וויסן, אַז מיין באָבע רבקה איז געווען זייער אַ זויבערע, דער טשעפּעק אירער, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט אמתע פּערל, וואָס זי פלעגט כסדר פּוצן, איז געווען, צוזאַמען מיטן דאַלמאַן, דאָס

שענסטע יום־טוב־גאַרניטור. אין פסח און ראש־השנה פלעגט זי זיך אויסצירן אין זיי.

און אָט שטייען מיר שוין אויף דער שוועל פון ראש־השנה, און איך ציטער ווי אַ פיש אין וואַסער, דערמאָנענדיק זיך מיין חטא, און דאָס האַרץ שרעקט זיך: וואָס וועט זיין אין דער מינוט ווען די באָבע רבקה וועט צוגיין צום אַלמער אַרויסנעמען דעם דאַלמאַן?

און אָט האָבן מיר ראש השנה. מען גרייט זיך צום דאַווענען. די באָבע גייט צו מיט דראָבנע טריטעלעך צום אַלמער, און איך שטיי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און וואַרט אויף מיין פאַרדינטער שטראָף. ווען זי האָט דערזען דאָס טייערע מלבוש, וואָס האָט איר דערמאָנט אירע שיינע ייִנגע יאָרן, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

די מאַמע האָט געוואָרפן אויף מיר אַ טרויעריקן בליק, און דער טאַטע... יאָ, דעם טאַטנס בליק וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ביי דעם אַלעם האָב איך נאָך געהאַט מזל מער ווי אין קנעפּ־שפּיל, ווייל ראש־השנה גיט מען נישט קיין קלעפּ. אָבער פריילעך אויפן האַרצן איז מיר נישט געווען.

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין אין קיין קנעפּ נישט געשפּילט. און שטענדיק פאַר ראש השנה, שטייט אויף אין מיין דמיון דאָס בילד פון מיין באָבען און ס'דערמאַנט זיך מיר די שרעקלעכע מעשה מיטן דאַלמאַן.

1955

באַשערט

איך געדענק אים נאָך, ר׳ יעקלען, ווי ער האָט דערציילט מעשיות פון אַמאָליקע צייטן, מייסטנס שבת פאַרנאַכט, זיצנדיק הינטערן פענסטער אויפן מויערל, און געוואַרט ביז עס וועלן זיך באַווייזן שטערן אויפן הימל. מיר קליינוואַרג וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, הגם מיר האָבן שוין געזען די ערשטע שטערן, האָבן אים וועגן דעם נישט געזאָגט, מיר

האָבן געוואָלט, עס זאָל זיך פּאַרציען וואָס לענגער. וווּנדערלעכע מעשׂיות האָט ער דערציילט. פון כּישוף־שרעטעלעך, שדים און רוחות, וואָס פּאַרנאַרן מענטשלעכע נשמות, פּאַרפּיר־ליכטלעך, פּאַרכּישופטע סטעפּעס, דיבוקים, און להבדיל מעשׂיות פון בעל־שם־טוב, וועגן אויסטערלישע נסיעות איבער וועלדער, מלוה־מלכּות א.אַ.וו.

אין שבתדיקע פּאַרנאַכטן, ווען אַ בענקשאַפט איז אויסגעגאָסן אויף אַלץ און אַלעמען און ס׳ווילט זיך נישט אָפּרייסן פון דער שבתדיקער רואיקייט און אַריבערשפּרינגען מיטאַמאָל צום אײַנדערוואָכן, קלינגט ר׳ יעקלס שטימע, ווי די האַרפע פון דוד המלך, וואָס דער ווינט בלאָזט אין איר, און זי שפּילט פון זיך אַליין...

ר׳ יעקל איז כּל ימיו געווען אַ בעקער, איינער פון די עלטסטע בעקערס אין דער ק״ק סלאָמניק. זײַן ברויט האָט געהאַט דעם גרויסן שם, פּאַרקנאַטן מיט קימל, לאַנגע לאַבנס, ווי די מולטערס, מיט פּאַר־רויטלטע אויסגעבאַקענע פּנימער. זײַנע קייזערקעס האָבן געגלאַנצט ווי די קרוינען פון מלכים, אויס ריינעם גינגאָלד.

חלות־גאָלדיקע מיט מאָן באַשיט, און ווער שמועסט, זײַנע געזאַל־צענע געזאָטענע בייגל, וואָס מען פלעגט עסן וואַרעמערהייט און זיי האָבן פריילעך געקנאַקט אין די ציינער.

שפּע האָט געהויזט אין די געצעלטן פון ר׳ יעקל בעקער, האָט זיך ר׳ יעקלען אין אַ שיינעם טאָג פּאַרגלוסט אַ ביסל מאָדערניזירן זײַן בעקערײַ, נישט, חלילה, ער האָט געוואָלט אײַנפירן וועלכע עס איז מעכאַניזאַציע. גאָט זאָל באַהיטן. ווער האָט דען דעמאָלט געטראַכט פון אַזעלכע זאַכן און ווער האָט עס געדאַרפט. זאָל דער עולם אַזויפיל עסן געזונטערהייט, וויפל ער ר׳ יעקל קאָן באַווייזן אויסבאַקן מיט אייגענע הענט. נאָר געהאַנדלט האָט זיך וועגן וואַסער, וואָס מען האָט עס געדאַרפט ברענגען פון הינטער דער שטאָט, ווינטערצײַט באַרג־אַרויף איז גליטשיק, און יעדעס קענדל וואַסער איז אָנגעקומען מיט סכּנות נפשות.

אויסער דעם האָט ר׳ יעקל אַביסל רחמנות געהאַט אויף דעם אַלטן סימעק, זײַן אַלטן וואַסערטרעגער, וואָס די אַקסלען זענען בײַ אים אָפּגעשטאַנען ווי בעלקעס פון שטענדיקן וואַסער־טראָגן.

געזאָגט און געטאָן — באַשלאָסן בויען אַ פּאַס. אַ פּאַס מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אייזערנע רייפן, מיט אַ קראַן, פאַרשפּאַנען אַ פערדל, דערלאַנגען סימעקן אַ בייטש אין האַנט, און אַ מחיה, ווער וועט זיין גלייך צו אים.

קינד און קייט האָבן זיך געפרייט און געשמועסט פון ר׳ יעקלס פּאַס, געגרייט זיך אַקוראַט, ווי נוח צו דער תיבה.

און דאָס פּאַס איז צו אַלעמענס פרייד, טאַקע פּאַרטיק געוואָרן, די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט זענען געקומען אָנקוקן דאָס פּאַס, און באַווינדערן, ר׳ יעקל איז געשטאַנען ביי דער זייט און צופרידן געשמייכלט, געבליבן נאָר אינטערצוואַרטן ביז דאָנערשטיק דעם יאַריד טאָג, ווען עס קומען די פערד־סוחרים און קויפן אַ פערדל.

פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק, נאָך אַ שווערער אַרבעטס־נאַכט — צוגעגרייט אַ סך געבעקס פאַרן יאַריד, — האָט ר׳ יעקל קעגן טאָג זיך אַרויסגעכאַפּט אין הויף אַביסל דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, און פאַראיינוועגס אַ קוק טאָן אויפן פּאַס, סתם אַזוי פון הנאה וועגן. די פּאָר קערבלעך אויפן פערדל זענען געלעגן אין בוזעם.

ער רייבט איבער די אויגן, וואָס איז דאָס ? אַ בייזער חלום, ס׳פּאַס איז נישטאָ! ווערט אים פינסטער אין די אויגן, ס׳טייטש, נישט געהאַט שוין וואָס אויסצוזוכן. נאָר זיין פּאַס, נישטאָ־זשע וואָס צו גנבענען אויף גאָטס וועלט ?

רעד אַהין רעד אַהער, הילד איננו, ס׳פּאַס איז נישטאָ.

געווען נאָך דאַמאָלט אַ יונגערמאַנטשיק, בסך הכל געהאַט וואָסערע פינף קינדערלעך, האָט ער באַשלאָסן ביי זיך, שווייגן טאָר מען נישט. ווען נישט דער שבת אין וועג, וואָלט ער באַלד אַרויס אויף דער מדינה זוכן ס׳פּאַס. ער האָט איבערגעוואַרט שבת, און זונטיק פאַרטאָגס האָט ער גענומען טלית־ותפילין, אַ לאַבל ברויט, אַ פּאָר ציבעלעס, אַ ביסל זאַלץ, אַ ספרל מעשיות פון בעל־שם־טוב, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

געטראַכט האָט ער ביי זיך, טאַקע אַ כלי, וואָס מ׳זעט עס זעלטן, אָבער קיין פּאַריז האָט מען עס נישט גענומען. און אַזוי איז ער אויס־געגאַנגען דעם גאַנצן מיעכאָווער פּאָוויאַט אין דער לענג און אין דער

ברייט, דערווייל האָט דאָס שטעטל געגומען איבערקלערן, אָנגעהויבן אומרואיק ווערן איבער אים. ברײַנדעלע זיין ווייב, האָט שוין אָנגעהויבן באַדויערן, ווי לאָזט מען דאָס אַוועק אַ מאַן, אַ טאַטן פון קליינע קינדער, אַזוי מיר־נישט דיר־נישט, צוליב אַ פּאַס, אַפּילו עס האָט אָפּגעקאָסט איבער צוואַנציק קאַרבן.

סוף דריטע וואָך, ווען ר׳ יעקל האָט שוין מיד און צעבראָכן אַ פּאַריאָושטער געוואָלט פאָרן צוריק אַהיים, האָט ער באַשלאָסן אַריינכאַפּן זיך קיין קשאַנדז, אַ שטעטל, וואָס זעלטן ווער האָט זיך דערמיט געגרעכנט, און די דאָרטיקע איינוואוינער האָט מען גערופן קשאַנדזער מתים. קיין קשאַנדז האָט ר׳ יעקל דערשלעפּט זיך פרייטיק פאַרטאָגס, ווען דאָס שטעטל איז פאַרזונקען געווען אין טיפן שלאָף, אַן איינזאַמע פאַרשלאָפענע יידענע האָט געטראָגן אַ בלעך מיט געפלאָכטענע חלות צום בעקער, ר׳ יעקל האָט זי אָנגעקוקט און אַ בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען! אַהיים! צו זיין בעקעריי, צו ווייב און קינדער, און גייענדיק אַזוי אין קלויז אַריינכאַפּן אַ דאַוונען, אַריינקוקן אין אַ ספר, און ער שאַרט טרויעריק זיינע מידע פיס איבערן מאַרק, און דאָ — מעשה כישוף — פאַרט אים אַנטקעגן שיע וואַסער־פירער מיטן פּאַס. אין ר׳ יעקלס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, אָט אָט איז עס סוף־סוף, דאָס פּאַס. די גניבה האָט זיך אָפּגעזוכט. און באַלד פאָרט ער מיטן פּאַס אַהיים.

אָבער איידער ער האָט באַוויזן אַרויסרעדן אַ וואָרט, איז שיע אַראָפּגעשפּרונגען פון געזעס, אויסגעשטרעקט די האַנט און אָפּגעגעבן ר׳ יעקלען אַ ברייטן שלום־עליכם. ר׳ יעקל ענטפערט אים ווי עס פירט זיך, מיט אַ ניגון עליכם־שלום.

און ווענדט זיך צום בעל־דבר: הער נאָר יונגערמאַן ס׳פּאַס זיי וויסן איז מיין פּאַס, שוין דריי וואָכן צייט ווי איך זוך עס אַרום. איבערן גאַנצן מיעכאָווער פּאָוויאַט. פון ישוב צו ישוב. איצטער ברודערקע זיי מוחל, שפּאַן שנעל אויס דיין אָדלער, און לאָז שטיין דאָס פּאַס, און זאָג יישר־כוח.

— ר׳ ייד, האָט רחמנות — מאַכט נישט קיין געוואַלדן, עס קאָן נאָך אונטערקומען אַ סטראַזשניק. וואָס אַן אמת האָב איך דאָס פּאַס געקויפט

ביי אַ פרעמדן פאַרשויך, ממש אַ מציאה פון הימל. פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז דאָס איז אייער פאַס? קומט זייט מוחל מיט מיר אין שטוב אַריין וועט מען ווי עס איז אַדורכקומען.

שיע האָט אַ סמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן צום פערדל, דאָס פערדל האָט אים פאַרשטאַנען און פאַרקירעוועט אַהיים. ציפּע, שיעס ווייב, האָט זיך דערשראָקן זעענדיק ווי אין סאַמע ברען פרייטיק, פאָרט איר פרנסה־געבער, משטיינס געזאָגט, צוריק אהיים.

און אַ ייד אַ בכבודיקער מיט אַ לאַנגער באָרד גייט אים נאָך. נישט פשוט דער ענין.

באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיטן פאַס.

און אַזויווי זי וואָלט זיך אָפּגעשמועסט מיט איר מאַן פון פריער, ווי נאָר ר׳ יעקל האָט איבערגעטרעטן די שוועל, קוים געקושט די מזוזה, איז די שיע׳טע מיט דער גאַנצער לענג געפאַלן אים צו די פיס, גענומען קושן די שטיוול פון ר׳ יעקלען, און בעטן רחמים. ער זאָל רחמנות האָבן אויף די זעקס פּיצלעך קינדער, און קיין קלאַפּאָטן נישט מאַכן.

די טרערן פון דער יידענע, די פּיצלעך קינדער, באָקעטע און באָרוועסע, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט אין די ווינקעלעך פון דער שטוב, האָבן אים גערירט ביז טרערן, אין האַרצן האָט ער שוין חרטה באַקומען, וואָס דאָס פאַס האָט זיך אָפּגעזוכט, און אַ פרעג געטאָן: אייגנטלעך וואָס ווילט איר פון מיר? אין אמת׳ן וואָלט איך דאָך געדאַרפט האָבן צו אייך טענות. שרייט איר גאָר איבער מיר.

שיע האָט באַלד דערפילט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און ווענדנדיק זיך צו אים מיט אַ געבעט: ר׳ יעקל לעבן, ווען איר נעמט פון מיר צו דאָס פאַס קוילעט איר מיך, אָבער ווייסט איר וואָס, די שקאַפּע, ווי איר קוקט זי אָן ווען איך קאָן זי איינטוישן, וואָלט דאָס פאַר מיר געווען אַ ישועה.

ר׳ יעקל האָט אַ לאַך געטאָן אין זיין באָרד אַריין און געפרעגט: און וויפל וואָלסטו געדאַרפט בכדי איינצוטוישן דאָס פערדל? — אַ פינ־פער קערבל ר׳ יעקל אַזוי ווי איר זעט מיך לעבן.

ר׳ יעקל ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, האָט פאַוואָלע

אַריינגעלייגט די האַנט אין בוזעם, אַרויסגענומען פון אַ זעקעלע די לעצטע פינף קערבלעך, און זיי דערלאַנגט שיען. און מיט אַ גיכן גוטן שבת אַנטלאָפן פון שטוב אַרויס.

ווי פון הימל האָט זיך באַוויזן אַ פויערל מיט אַ פערד און וועגעלע, וואָס איז געפאָרן קיין קראָקע איבער סלאָמניק און ר׳ יעקלען מיטגענומען.

פאַרפאָרנדיק אין סלאָמניקער מאַרק, האָבן אים קינד און קייט באַגעגנט. שלום־עליכם׳ס זענען געפלויגן איבער די קעפּ, ווייבער זענען געלאָפן אָנזאָגן די גוטע בשורה קריינדעלען זיין ווייב, וואָס איז שוין געווען אויס מענטש.

עמיצער האָט אים פאָרזיכטיק, נישט וועלנדיק אים מצער זיין, אַ פרעג געטאָן: און וואָס איז מיטן פּאַס ר׳ יעקל? ס׳פּאַס האָט זיך אָפּגעזוכט? — האָט ר׳ יעקל געלאָסן געענטפערט, נאָך ווי. גיי פאַרשטיי גאָטס וועגן האָט ער צוגעגעבן, אַז עס איז עמיצן אויפגעלייגט אַ מצווה קומט זי אַליין אין שטוב אַריין...

די מעשה מיט די פינף קערבלעך וואָלט מען זיך אַוודאי נישט אַזוי שנעל דערוויסט ווייל ר׳ יעקל האָט דאָס קיינעמען נישט דערציילט, דאָס האָט דערציילט שיע וואַסערפירער אַליין. ווען ער איז געקומען אויפן מיעכאָווער יאַריד בייטן זיין בידנע שקאַפּע...


ירושלים

שיר השירים

האָרט ביי ירושלים, אין מדבר־גאַנג, דאָרטן ווו ס׳פּילן זיך די זאַפּטן פון דיינע איילן און בשמים אויף די רוקנס פון די בערג, ווו ס׳שפּרינגען נאָך היינט אָן פּחד איבער אָפּגרונטן די פלינקע אינדן, דאָרט ווו ס׳שטראָמען מיט רעש אָן אויפהער פרישינקע קוואַלן אין אַ טויזנט יאָריקן גאַנג; דאָרט ווו ס׳פלעכט זיך אַ נעסט דער פרייער פויגל און ס׳העלן פרימאָרגנס אויף ים־ברעגעס, ווו זון וואַכט אויף מיט שטורם און וואָרעמט די קילע שוועלן, גייט אויף אַ געזאַנג, וואָס ס׳האָט דיר אַ הייסע מאַמע אין דיין קינדהייט געזונגען מיט פריידיקער ליבשאַפט: פאַר ירושלים.

אויסגעהייליקטע ערב פּסחדיקע נעכט, ווען טאַטע האָט דיך געלערנט זינגען איבער אַ ציגעלע „חד גדיא" אין מצרים־אויפמאַרש, ווען דו האָסט איילנדיק ביסנס געשלונגען פון נישט געזויערט ברויט און שטענדיק געהאַלטן זיך האָרט ביי ירושלים.

שיר־השירים אויסגעזונגען איבער וויגן, וואָס האָבן אויף גלות־דיקער ערד געוויגט זיך.

דו ביזט ווידער דאָ! דו וואַשסט דעם שטויב פון דיין פּנים, טובלסט דיינע הענט און פּילסט אָן אַנגענעמע קילקייט אונטער דיינע טריט, דו ביזט ווידער דאָ צווישן די שורות פון שיר השירים.

נישט קיין חלום — נאָר אַ חלומדיקע וואָר איז דאָס. טויזנטער און טויזנטער בויער פון נייעם ישראל האָבן זיך ווידער געלאָזט איבער די שמאָלע שטעגן פון „עין גדי" און „מצדה", אין בייטן־טאָל און אין דער הייל פון שולמית. צעפלאַטערטע גראָזן ווי די האָר פון שולמית גופא. און ס׳וועקט זיך אין האַרצן אַ הייסע נייע ליבע.

ערגעץ ווו אין הויכענישן, וואָס דערגרייכן אָדלער־נעסטן, קלאַפּט אַ האַמער אויף היימען פּאַרמאַכטע ווו ס׳שלאָפן די העלדן־קאָמאַנדירן פון בר־כוכבא׳ס וועגן, און ווידער שטייען אויף זייער שוועל זייערע תלמידים און רופן: רבותי הגיע זמן של שחרית. ס׳האָט אויפגעבליצט אַ נייער פרימאָרגן, שוין צוויי טויזנט יאָר ווי איר שלאָפט קינדערלעך אין אַ טיפן שלאָף.

שטייט אויף! — דערהערן זיך שטימען. ס׳בלאַנקן אויף געצעלטן אויף די זאַמדיקע „מצדה״־וועגן. פסח איז ווידער. אַ פרילינג אַ נייער, אַ פרילינג פון אַ פאָלק, וואָס בויט זיין צוקונפט און דעקט אויף דעם עבר, קריצט מיט ווייטאָג די ציין און זאָגט: שיר השירים.

1956

נייער ווידערקלאַנג פון אַלטן וויכוח

ס׳גייט־אָן אַ וויכוח אין זאַל פון די „קריסטלעכע יונגעלייט״ אין ירושלים. שליחים פון פעלקער זענען זיך צונויפגעקומען אַרויסצוגעבן אַ משפט איבער דעם צעהרגעטן יידישן פאָלק. פּראָפעסאָרן, מיניסטאָרן פון פאַרשידענע פעלקער—פון פאַרחלומטן אינדיע און וואַכן אַמעריקע, — און זיי שטעלן קשיות. אָט איז סיר עבדול רחמן, מיט זיין לאַנד איז ער שוין פאַרטיק. צדק און יושר גיסט זיך דאָרט אין די גאַסן. די תורות פון בודאַ און בראַהמאַ באַקרוינען דאָס הייליקע לעבן. די געבאָטן פון מוחמד ווערן געהיטן, ווי די טייערסטע איידלשטיינער. גלייכהייט און גערעכ־טיקייט שפּיגלען זיך אין די וואַסערן פון הייליקן גאַנגעס... די מאַהאַ־ראַדזשאַס האָבן אויסגעטאָן די בריליאַנטן־באַזעצטע אויבערהעמדער, זענען מוותר אויפן גוטס פון דער זינדיקער ערד, און גייען־אויס אין הוילער נירוואַנאַ. איז ער, דער שליח פון פאַרחלומטן אינדיע, געקומען אַהער אונדז מזכה זיין מיט אַ שיין פון דאָרטיקער גערעכטיקייט, אונדז אָנווייזן דעם יידן אברהם, דעם פעטער ישמעאל; ער לערנט מיט אונדז פשט. ער ווייסט בעסער, וואָס דאַרף האָבן דער וויסטער באָדן פון כנען.

ביי אים אין לאַנד זיצן יאָגיס געדולדיק אויף הייסע קוילן, האַלטן

גיפטיקע שלאַנגען אין בוזעם, און וואָס שווערער איינער אַרבעט, אַלץ מער טמא איז זיין קאַסטע.

בודאַ זיצט פאַרחלומט אין אַ לאָטאָס־בלום, און די בריק צווישן מזרח און מערב, וואָס דער גרויסער דיכטער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע האָט וועגן איר געחלומט, ווערט פלייסיק געלייגט אויף... נאַפט־רערן.

דער וויכוח גייט אָן. אין זאַל פון די קריסטלעכע יונגעלייט בלאָזט דער ווינט ווי אין מיטלאַלטערלעכע קלויסטערס. ווידער דערשיינט דער רב מיט זיין בלייכן הויכן שטערן, אַנטקעגן אַ גלח, וואָס שטעלט קלאָץ־קשיות; אַ גלח וואָס טראָגט דעם ייד ישו געקרייציקט אויפן האַרץ און אין האַרצן ברענט אים אַ טייוולאַנישע שנאה צום געקרייציקטן פאָלק.

קוקן אויף אונדז אויגן פון כינע, אינדיע און אַלע ווייטע קאָנטי־נענטן. קוקן איבער סודותפולע טיבעט־בערג, איבער ווייטקייטן אומענד־לעכע. און מיר בלאָנדזשען ווייטער איבער אַ מדבר פון פעלקער. רויטע ימען און טייכן בלוט גייען־אָפּ פון אונדזער אויסגעשאָכטן פאָלק, און זיי, די פעלקער, אין צביעותדיקער פרומקייט, פרעגן קלאָץ־קשיות.

קשיות קעגן אַ פאָלק, וואָס איז געצווונגען אויסצושוויגן זיין גרויל־געשיכטע. ס׳איז אַ נייער קרייץ־פאַרהער פון אַן אַלטן וויכוח. עס שמעקט מיט טוכלעקייט, מיט דער אייגענער זויערקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון יענע קירכן־ווענט אין מיטלאַלטער. פון די ווענט פונעם פרעכטיקן בנין פון די „קריסטלעכע יונגעלייט״, וואָס איז געבויט געוואָרן אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט אין ירושלים און דער נאָמען יהוה איז אויסגעקריצט אויף זיין הויכן טורעם — קרעכצט־אָפּ דער ווידערקלאַנג פון דעם אַלטן נאָך נישט פאַרענדיקטן מיטל־אַלטערלעכן קלויסטער.

1946

פון מיין ירושלימער טאָג־בוך

רחוב בן־יהודה

אַ פּאָר מינוט נאָכן אויפרייס אויף בן־יהודה־גאַס אין ירושלים, גיי איך איבער די חורבות. טויטע ווערן געטראָגן אויף טראָגבעטלעך, פאַרוווּנדעטע קרעכצן, אַ מאַמע לויפט מיט אַ קינד. פון שטערן טראָפט

איר בלוט. זי זוכט דאָס צווייטע קינד. די פענצטער קוקן ווי אַרויסגעריסענע אויגן־לעכער פון אַ מענטשלעכן קאָפּ. און ווי אַ נאַקעטער טייוול ליגט די מיליטערישע מאַשין אַ צעשמעטערטע אַ צעקוועטשטער שרץ אויפן מיטן ברוק.

אָט איז אַ טויט קינד, פאַרגליווערט אין אַ גליקלעכן שמייכל, ווי די מאַמע האָט עס צום שלאָף איינגעוויגט. דאָס קעפּל צוגעשפּאַרט צו דער מאַמעס טויטער ברוסט. אַ רויטער מענערשער קאָפּ האָר שטעקט־אַרויס צווישן ציגל־שטיינער און אייזן־שטאַבעס.

פלוצים האָט זיך מיר דערמאָנט מיין עלטסטער ברודער מיטן רויטן קאָפּ האָר, וואָס נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט. און דאָ — דער רויטער קאָפּ פון ברודער אויף בן־יהודה אין ירושלים!

ברוטאַליטעט פון ענגלישע נאַציס.

אין מיר האָבן אויפגעיאָמערט זעקס מיליאָן האָסן, זעקס מיליאָן שנאָהס...

אָט שטראָמען פון גאַסן און געסלעך ירושלימס איינוווינער, יידן קורדישע און תימנער, בוכאַרער, אַפגאַניסטאַנער, באַגדאַדער, פּערסער, מאַראָקאַנער, גריכישע און מצרישע. דייטשע, ליטווישע, פּוילישע און רוסישע יידן. האַנט צו האַנט, אַקסל צו אַקסל קומען זיי ראַטעווען מאַמע־ירושלים.

ברומט אַן אַלטער תימנער אַ ניגון פון איכה. ער קוקט מיט אויגן, וואָס דערמאָנען דעם ערשטן חורבן, ביז דעם דאָ אויף בן־יהודה־גאַס...

איך קוק אין די גליענדיקע אויגן פון מיין תימנער ברודער, וואָס איז נישט צוריקגעקומען מיט עזרא און נחמיה און איצטער, אין יאָר תש״ח, איז ער דאָ, איך קוק זיך איין אין די האַרעפּאַשנע גופים פון די כורדים. און איך גיי צווישן אויפגעריסענע ווענט.

אַ מיליטער־קאָנוואָי טראָגט זיך איבער די גאַסן און ס׳באַשיטן אים די קללות פון אַ פאָלק, וואָס האָט באַשלאָסן צו לעבן און איבער־לעבן.

און אָט האָט מען אַפּירגעשלעפּט אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר דריי פון הינטער די גרוזעס. אָט שטייט זי אין דער ראָזעווער פּידזשאַמע, וואָס

די מאַמע האָט איר צום שלאָף אָנגעטאָן. דאַכט זיך אויפן בעקל גליט נאָך דער מאַמעשער קוש, דער לעצטער... זי שטייט אַ ווײַלע און פרעגט זיך אויף דער אמא.

אדרבא — זאָג, בעווין, געוועלטיקער פון ענגלאַנד! ענטפער, קין, ווו איז די מאַמע פון דעם דאָזיקן קינד?

1948

אַ הינטישע וועלט

איך געדענק זי נאָך ווען זי פלעגט שפּאַצירן מיט עלזאַ לאַסקער־שילער ע״ה. עטלעכע הינטלעך האָבן זיי שטענדיק באַגלייט...

איצטער לעבט זי מיט דערינערונגען וועגן איר חברטע, און — מיט דער ליבשאַפט צו אירע הינטלעך. אַ גאַנצער הינטישער פּענסיאָנאַט.

געווען ביטערע צייטן אין ירושלים און זי האָט געמוזט אָוועקגעמען פונעם מויל און אָפּגעבן דעם לעצטן ביסן פאַר די הינטלעך. זיי פאַרשטייען זי אויפן ווונק, לעקן אירע הענט מיט טיפער הינטישער דאַנקבאַרקייט.

זי פרייט זיך, ווען עמיצער אויף דער גאַס שענקט אויפמערקזאַמקייט אירע הינטעלעך, גיט אַ גלעט. „פאַראַן האַרץ ביי מענטשן".

זי לערנט די הינטעלעך שיינע מאַניערן. „קודם־כל, — זאָגט זי — אַ גוטע דערציונג, דאָס קאָן אפילו אַ הונט נישט שאַטן"...

איז אָבער דאָ אַ צרה: זי וווינט אין דער סביבה פון מאה שערים. און וואָס פאַר אַ שייכות האָט ירושלימער מאה שערים מיט אַן אישה, וואָס דעקלאַמירט געדיכטן פון עלזאַ לאַסקער־שילער, און פירט אַ הינטישן פענסיאָנאַט?

באַוויזט זי זיך נאָר אויף דער גאַס מיט אירע פענסיאָנערן — וואַקסט באַלד אויס אַ כאַפּטע ייִנגעלעך און וואַרפן שטיינער. צעבילן זיך די הינטלעך און זי זאָגט מוסר די ייִנגלעך אין אַ טיפן דייטש:

„ס׳שטייט דאָך געשריבן אין דער תורה, אַז ווען ייִדן זענען פון מצרים אַרויס, האָבן די הינט נישט געבילט"...

ערשט דאַן צעלאָזן זיך די ווייסע חברה! די הינט צעבילן זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פענצטער מאַכן זיך אויף, פֿרומע ווייבער שפּייען דריי מאָל אויס, שאָקלען מיט די קעפּ: „טפו זאָל זי ווערן, אַ בייזער אויף די שונאימס קעפּ, הינט אויף איר קאָפּ!”

און חברה שרייט: „היִנטישע קינדער האָסטו! כּלבים האָסטו ליב!”.

עמיץ שטעלט זיך אָפּ, נעמט זי אין שוץ, פֿאַרטרייבט די ווייסע חברה.

און זי לאָזט זיך אַ טרויעריקע אַהיים, גלעט צערטלעך די הינטלעך, אַ טרער פֿאַלט פֿון איר אויג אויף אַ הינטישן קאָפּ...

1959

אַן אנשיקעניש

אין אויטאָבוס נומער 16 פֿאָרן דער עיקר יונגע מיידלעך און בחורים — סטודענטקעס און סטודענטן פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט.

און דווקא אין אַ פּראָסטן מיטוואָך — אין אַ צעגליטן טאָג — האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, דאָס פּנים איינגערעמט אין באָרד און פּאות, דער כאַלאַט פֿאַרמאַכט, פֿאַרשפּיליעט און פֿאַרגאַרטלט. ער האָט זיך בנעימות אוועקגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק ביים פענצטער און געברומט פּסוקים.

ער איז צופֿרידן — דער אויטאָבוס איז ליידיקלעך, וועט זיך קיין אשה נישט זעצן ביי זיין זייט...

איז מעשה שטן אין דער לעצטער מינוט, ווי אויף צו להכעיס, אַרויפֿגעשטיגן אַן אַלטיטשקע, קוים וואָס זי סאָפּעט. אין דער לעצטער רגע באַוויזן אָנצויאָגן דעם אויטאָבוס... און זי זעצט זיך גלייך אויף דער ערשטער באַנק ביים יידן.

ס׳איז אים נישט באַקוועם, נאָר — מילא... אַן אַלטע אשה... צוליב איר וועט ער זיך דאָך נישט מאַכן צו לייטיש געלעכטער און אַנטלויפֿן פֿון דער באַנק.

די גרויע האָר פֿון דער פֿרוי האָט אַ לייכט ווינטל צעבלאָזן איבער

איר גערונצלטן שטערן... זיי פלאַטערן פון אונטערן ווייסן קאַפּעליושל מיט אַ ראָזער בלום... זיכער איבער די זעכציק!

נאָר גיי פאַרשטיי די נשמה פון איידעלן מין... אָפּגעסאַפּעט אַביסל נעמט זי אַרויס פון איר גלאַנציקן לאַק־טעשעלע דעם ליפּסטיק מיט אַ שפּיגעלע, באַלעקט ווי אַ יונג קעצל די ליפּן, פאַרפּודערט דאָס נעזל און גיט ווידער צופרידן אַ שמייכל אין שפּיגעלע.

דער ייד איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין פענצטער און פאַרציט אַ ניגון. ער טראַכט מסתמא: אַן אָנשיקעניש אַביסל...

און אפשר גאָר (ווייל ער האָט פלוצלינג אַ שמייכל־געטאָן): דער יצר הרע איז שטענדיק יונג... ער פאַרשפּעטיקט קיינמאָל נישט.

1961

דער טרעגער

אַלטע ירושלימער פאַקנטרעגער. קרעכצן זייערע גלידער, ווי די שווערע משאות, וואָס זיי טראָגן אויף זייערע איינגעבויגענע פּלייצעס. די אויגן, ווי פאַרדעקט מיט שווערע פּוירהאַנגען, קוקן פאַרנעפּלט אויף דער ערד. נאָר פון צייט צו צייט כאַפּן זיי אַ פרומען בליק צום הימל. בערד — איבער די גאַרטלען, קערן דעם הייליקן ירושלימער שטויב ווען דער רוקן בייגט זיך שטאַרקער אונטער אַ שווערער משא.

אַ פּאַטריאַכאַלישקייט שיינט אַראָפּ פון רב משה.

— שלום צו דיר, — באַגריס איך אים, ווען כ'האָב אים געטראָפן נאָך אַ לאַנגער צייט נישט זען, — ווי גייט עס?

— ברוך השם, גוט, — האָט אויסגעצישעט זיין צאַנלאָז מויל — נאָר זעסט, מיין פריינד, די כוחות פאַרלאָזן צוביסלעך. מען זוכט אַ לייכט טראָגן. די פּלייצעס ברעכן. זעסטו. אויסגעטראָגן אויף מיינע פּלייצעס גאַנץ ירושלים און איצט, ווען מיינע אייגענע אַקסל איז מיר שווער צו טראָגן, בעט איך פון ירושלים זי זאָל מיך אונטערטראָגן אַ קורץ שטיקל וועג ביז צום סוף...

אַ ווייטיקדיקער שמייכל גיסט זיך אויס אויף זיין צעאַקערט פּנים:

— אַמאָל לייכט געטראָגן אַ פּאָרטעפּיאַן, אַן אייזערנע קאַסע... איצט איז מיר שווער צו טראָגן זיך אַליין.

רב משהס ליפּן צעציטערן זיך מיט פרומקייט. ער קושט די לופט, זוי אַ פּרוכת אין שולעכל. ווי ער וואָלט געקושט די מזוזה אויפן אַרויס־גאַנג פון זיין אייגן לעבן, געזעגנט זיך...

און ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער זיין תפילה: „ירושלים, טראָג מיך בכבוד ביזן סוף". זיינע אויגן פייכטן און אַ טרער קייקלט זיך איבער זיין באָרד, ווי אַ רעגן־טראָפּן פון אַן אַלטן דאַך.

ווו נעמט מען די הענט אונטערצושפּאַרן דעם אַלטן דאַך?

דער בן־יחיד

יעדן טאָג זע איך אים פאָרן מיטן אויטאָבוס נר. 16. ער טראָגט צוויי בלעכערנע שאַכטלען מיט קוכנס, זעען זיי אויס גרעסער ווי זיינע פּופּצן יאָר.

ס'איז היינט אַ רעגנדיקער, קאַלטער טאָג. זיינע אויגן זענען טריב, ווי דער שלאָף וואָלט זיי נאָכגעלאָפן. פון אונטערן קאָלירטן העמד קוקט אַפּער אַן אָפּגענוצטער פולאָווער.

— ווען שטייסטו אויף פון שלאָף? — פרעג איך אים.

— כ'בין אין גאַס פון אַ זייגער פינף, אומאָפּהענגיק פון וועטער.

...ער איז אַ בן־יחיד און דער איינציקער שפּייזער. דער טאַטע — אַלט און קראַנק; די מאַמע — צעבראָכן. ער איז דער וואָס ברענגט אין שטוב אַריין אַ פאַרמעגן: הונדערט צוואַנציק פונט אַ חודש.

פאַר די הונדערט צוואַנציק פונט פאַרקויפט ער זיין שלאָף אין די זיסע באַגינען־שעהן, זיין לערנען, זיינע קינדער־יאָרן.

אין אויטאָבוס זיצן אויסגעצירטע מיידלעך מיט פוכיקע. פאַראַזיקטע באַקן; סטודענטן און פקידים, פּראָפעסאָרן און בויער פון נייעם ירושלים. דאָס יינגל פירט די וואַרעמע קוכנס פאַר זייערס אַ גלעזל טיי און קאַווע. די קוכנס וועלן גיך פאַרצערט ווערן — ער וועט אפשר אפילו נישט

פּאַרזוכן. און מאָרגן אין די השכּמה־שעהן וועט ער ווידער קומען — דער שפּייזער פון זיין פאַמיליע און פון אַט די אַלע דאָ. ער האָט נישט קיין טענות צו דער וועלט — דער טאַטע איז דאָך אַלט, די מאַמע — קראַנק און ער איז דער בן־יחיד.

אַ בן־יחיד ביי טאַטע־מאַמע, אָבער נישט ביים גרויסן ירושלים.

דער גערטנער

ער גייט יעדן טאָג צווישן בלומען און ביימער. באַטראַכט אַלץ מיט אַן ערנסטער מינע, ווי אַ דאָקטאָר. באַקוקט יעדעס בלעטל, יעדעס גרעזל.

די טרוקענע טעג, וואָס אָטעמען מיט שטויב, זענען שווער פאַר די פלאַנצן, דאָס וואַסער פון די רערן קאָן זיי נישט אָנזעטיקן. זיי ווילן נאָך און נאָך. טרויערט זיין האַרץ און וויטיקט מיט די פלאַנצן.

אָבער ווען ס'פאַלט אַ רעגן — לעבט אויף דער גערטנער און די פלאַנצן. ער קוקט זיך איין אין די פאַרטריקנטע בלומען און בלעטער און פרייט זיך, ווי אַ מאַמע, די קינדער נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

דער באַזילבערטער קאָפּ און דאָס פאַרברוינטע פּנים, אויסגעווייקטע, זענען העל־צעשמייכלט מיט די רעגן־טראָפּן.

דער גליקלעכסטער שמייכל פון אַ געטרייען גערטנער.

1961

פ ר י ל י נ ג

די בערג הילן זיך אין גרין, אָט גלעט דיך אַ וואַרעמקייט און ווידער שמייסט אַ קאַלט רעגנדל. און פּלוצלינג: שפּראָצן טיף רויטע, געלע, ווייסע בלומעלעך — ווי אַ מענגע קינדער וואָלט זיך צעשפּרייט איבער די לאָנקעס.

שפּיצן פון טורעמס קוקן אַרויס פון דער אַלט־שטאָט. שלעפּן זיך נזירים אין ברוינע מלבושים, שפּאַנען נזירות מיט פרומע בליקן. און אַרום — וואַקסן נייע שטיינערנע הייזער, וואַקסט דאָס נייע ירושלים.

אָט גייט אַ גרופּע אַפריקאַנער סטודענטן. די שוואַרצע גלאַנציקייט פון זייערע פּנימער שפּיגלט זיך ממש אין דער ווייסער שטיינערדיקייט. און אַרום — יידן, פון לענדער און קאָנטינענטן, פאַרשידענע מלבושים, פאַרשידענע פּנימער.

אין אַ זייטן־גאַס קלאַפּן האַמערס, טרייסלען זיך קאָמפּרעסאָרס. דאָס פּאַרטיקט מען אויס די בניה אין דער געגנט פון בית העם, וווּ ס'ווערט געמשפּט דער פאַרשטייער פון הענקער, וועלכע האָבן געהערשט איבערן פאָלק פון „דיכטער און דענקער".

אַלץ אַרום איז פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט. דאָס האַרץ איז אויך פאַרגליווערט. אַזוי פיל מיליאָנען זענען נישט דערגאַנגען קיין ירושלים, אויסגעקוילעט געוואָרן ביי די הענקער. דער דרייצנטער פרילינג פון מדינת ישראל גלעט זיי נישט, וואַרעמט זיי נישט. זייער אַש איז צעשפּרייט געוואָרן העט ווייט.

פרילינג אין ירושלים. אין דער לופטן טראָגט זיך ס'געזאַנג, — „עבדים היינו". גרינט די שטאָט מיט אירע בערג אַרום, פאַרגאַרטלטע ווייסלען זיך די גאַסן. און עס הערט זיך פון ערגעץ דער קרעכץ פון מיליאָנען קרבנות. דער ווײ־געשריי פון אַ פאָלק דערטראָגט זיך פון בנין פון בית־העם.

1961

פּורים אין מאה שערים

וויפל פּורים־מינהגים אין דער גאָרער יידישער וועלט זענען געווען, שפּילן זיי זיך דוכט זיך אַלע אָפּ אין ירושלימער מאה שערים. די טאָג־טעגלעכע שווערקייט און זאָרג פאַרשווינדן לגמרי — אָנהייבנדיק ביי די נטורי קרתא און ענדיקנדיק ביי פריידלען, אויף פאַרשידענע אופנים, יעדער אויף זיין שטייגער.

אַ, איר ווייסט נישט ווער פריידל איז? — דאָס איז די סאַמע פּאָפּולערע פאַרזאָגערין, וועלכע קלייבט צוזאַמען אַ ווייבעריש מנין. זי זיצט ביי זיך אויפן בעט, ווי ביים סדר און אַרום איר איז אַ מנין

פרומע ווייבער. זי לייענט פאַר זיי פאַר די מגילה אויף יידיש. איי, וואָס פאַר אַ הנאה ס׳האָבן די ווייבער, ווען אסתר המלכה׳ס חנען ווערן אויפ־געכאַפּט פונעם לייטזעליקן בליק פון מלך אחשוורוש און געפינען חסד אין זיינע גלוסטיקע אויגן! אַ סך פון זיי זאָגן נאָך פּסוק בפּסוק — פונקט, ווי פריידל, אויף יידיש פאַרשטייט זיך. אין ערגעץ לייענט מען נישט אַזוי פרום די מגילה, ווי ביי פריידלען אין שטוב! וואָרט ביי וואָרט, נישט געאיילט זיך. מען טופּעט צו מיט די פיס ביים דערמאָנען המנס נאָמען.

אָפּגעלייענט די מגילה — דערלאַנגט פריידל ווישניאַק, המן־טאַשן. אין דרויסן זידט און קאָכט מאה שערים; די גאַנצע גאַס איז אויף די פיס. מען טראָגט די וואַרעמע, גאָלדיקע שמאַלצקוכנס, ראָגאַלעס, קוגלען, המן־טאַשן. דאָ און דאָרט טראָגט אַ פרום מיידעלע — אין שוואַרצע זאָקן, מיט צניעותדיק־פאַרקעמטע צעפּלעך — אַ טעלער, אַ צוגעדעקטן מיט אַ ווייסער סערוועטקע. אירע ליפּן חזרן כסדר איבער די ווערטער, וואָס די מאַמע האָט געהייסן ווינטשן. בגילופנדיקע ישיבה־בחורים גייען צוטענצלענדיק, מיט אַ זמר.

ביי דריי באַיאָרטע יוגגעלייט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. מיך האָט געוווּנדערט זייער עלטער, וואָס האָט זיך נישט געפּאַסט צו שלח־מנות־טרעגערס. ביז איך זיי נאָכגעגאַנגען. זיי זענען צו אין אַ ווינקל פון מאה שערים — נישט ווייט פון דער גרויסער ישיבה — און דאָרט אַנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער, וואָס איז קוים געווען באַלויכטן. פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ שוואַכע שטים: „אַ גוטן פורים״. זיי זענען אַריין אין דער הייזקע און אין פענצטער איז באַלד ליכטיקער געוואָרן. דאָס איז געווען די היים פון ר׳ נח — אַן עלנטן, קראַנקן יידן. די דריי זענען געקומען פראַוזען מיט אים צוזאַמען די פורים־סעודה. דער פאַראַליזירטער ר׳ נח האָט מיט אַמאָל אויפגעלעבט. פון זיין חדר האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון אַ פריילעכן זמר: שושנת יעקב צהלה ושמחה...

איז מיר אויך פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. ס׳איז געווען אַ שמחה מיט אַן אַדרעס — מיטן ריכטיקן אַדרעס.

1961

א י ו ב

דער אויטאָבוס — איבערפולט. ער שלינגט דעם אַספּאַלט. פּרי־מאָרגן שפּיגלט זיך אין זיינע שויבן און אויף די פּנימער פון די פּאַרנדיקע. דער עיקר — יוגנט. אפילו די עלטערע ווילן עפּעס אויסזען פרישער און יינגער.

זיצט אַ סטודענטקע, פאַררוקט אין אַ ווינקל, אַריינגעטאָן אין אַ קליין ספרל. אַ טרויעריקער שאָטן אויסגעגאָסן אויף איר העלן שטערן. איר בליק פאַרבלאָנדזשעט נישט אין ערגעץ — מחוץ דעם ספרל. צי לערנט זי כסדר?

ווילט זיך שטאַרק וויסן, וואָס זי לערנט אַזוי פלייסיק. איך דערזע — אַ קליינער תנ״ך אין אַ שוואַרצער הילע.

איך קוק אַריין — פון תנ״ך שרייט אַרויס מיט צער עפּעס אין קעגנזאַץ צו איר גאַנץ וועזן: זי לייענט אַ קאַפּיטל „איוב״.

אַזוי פרימאָרגנדיק העל, ווי זי איז; אין אַזאַ העלן ירושלימער פרימאָרגן — איוב גאָר?...

צי איז עס אַן אָפּהילך פון די קולות, וואָס דערטראָגן זיך פון בית־העם?

1961

חנוכה־טעג

איר האָט אַוודאי נישט פאַרגעסן „בעווינגראַד״. מיר ירושלימער, וואָס אונזערע אויגן האָבן דאָס געזען וועלן דאָס נישט פאַרגעסן. די שטאָכל־דראָט וואָס האָט געשפּיזט מיט שנאה און געפלאָקערט אין בעווין־האַרץ צום יידישן פאָלק. אין גאַסן פאַרחושכטע, איינגעפּרעסטע אין שטאַרקע אָרעמס פון דער ענגלישער אימפּעריע, וואָס האָט אויס־געקוקט ווי אַמאָל רוים, קוקן אַרויס לעבער פון מאַשין־געווער. פּיסקעס פון טאַנקן, קאַנאָנען, אָנגעשטעלטע אַנטקעגן יידישן ירושלים, אַנטקעגן

פליטים אַנטרינענע פון היטלער־גיהנום, גערעטעוועטע פון דער גרעסטער שריפה, וואָס האָט אַמאָל געברענט אין הויז פון ישראל.

ביז ככר ציון האָבן זיך די דראָטן געצויגן, מיט שטעכיקע פאַר־גיפטעטע צינגער. ענג איז געווען אין דעם בעווינגראַדער ירושלים...

שבת צונאַכט, צום ערשטן חנוכה־ליכטל בין איך אַרויס אין גאַס, אָט געפין איך זיך ביי „דזשענעראַל", דער אַמאַליקער בעווינגראַד. מ'זעט טויזנטער יוגנטלעכע, קינדער און אַ סך דערוואַקסענע. אַ ים פון ליכט צעצונדן איבער זייערע קעפּ.

מ'צינדט חנוכה־ליכט. דער ראש העיר באַגריסט. מ'בענטשט שהחיינו און דער קינדער־אָרקעסטער שפּילט. אַ סך קינדערלעך און יוגנט געדענקען נישט און ווייסן נישט וואָס בעווינגראַד איז געווען. זיי, די געבוירענע אין דער פרייער מדינת ישראל, און אַ סך נייע עולים, קוקן זיך צו צום חנוכה יום טוב.

ירושלים, דאַכט זיך, זאָגט אַ נייעם „שמע" — וואָס שליסט זיך איין אין אַלטן „וזכרת" — זאָלסט געדענקען, זאָלסט גאָרנישט פאַרגעסן, פאַרגעס נישט מצרים, פאַרגעס נישט דעם חשמונאים־מכבי־קאַמף, פאַרגעס נישט דעם געטאָ־קאַמף און פאַרגעס נישט דעם העראָאישן קאַמף קעגן בעווינגראַד. „ושמרת" — זאָלסט היטן, די ליכטלעך, וואָס האָסט אָנגעצונדן פונסניי. פאַרשוווּנדן איז אויף אייביק בעווינגראַד, — און זאָל אונדז לייכטן ירושלים.

1962

אַ ליכטיקע נאַכט

דער געווינער פון אינטערנאַציאָנאַלן תנ"ך־קאָנקורס

צוויי אַ זייגער ביינאַכט. ירושלים וויגט זיך ווי אַ כוואַליענדיקער ים. פאַרן מלון־המלכים שטייען מענטשן קעפּ־אויף־קעפּ און פון צווישן די מויערן קוקט מיט וווּנדער די אַלט־שטאָט, ווי זי וואָלט מקנא געווען די נייע שטאָט פאַר איר ליכטיקער תורה־נאַכט...

אָט שטייען זיי ווי אין מעמד הר סיני. די קינדער פון ישראל אין

ירושלים. עס זענען זיך צונויפגעקומען יידן פון באַשטריימלטן מאה־שערים, און פון צילינדערדיקן רחביה, פון שערי חסד און פון שכונת־הכורדים, יידן מיט פאות און קאַפּאָטעס, ווייבער אין הויבן, יינגע מיידלעך, בחורים און אַפילו קינדער. אַלעמענס פּנימער לייכטן, פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ ליכטיקייט אויף די פּנימער אין מיטן דער נאַכט?

אָט דערשיינט עמוס חכם, דער חתן־התנ״ך, אויפן באַלקאָן פון מלון־המלכים, ער פּאַכעט מיט דער האַנט צום עולם, נעבן אים די פראַנצויזקע מאַדאַם סימאָן דע מאָן, און פון דער צווייטער זייט די מאַדאַם סאַנטאַס אירענע, פון בראַזיל...

שטופּט זיך $ טרער צום ראַנד פון אויג, איז דאָך ביי עמוס חכם מקוים געוואָרן דער פּסוק פון פּרקי־אבות: „ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן, און זאָלסט אין תורה עוסק זיין". רוישן אוואַציעס, באַלד וועט טאָגן אַ נייער טאָג. המונים פרייען זיך מיט דער פרייד פון איינעם. פעלקער זענען אויפגעגאַנגען באַוווּנדערן דאָס בויענדיקע ירושלים. און אָפּגעבן כבוד דעם ספר־הספרים.

דערמאָנט זיך מיר:

נח חכם ז״ל, דער פאָטער פון עמוס, גרייז־גרוי און דער רוקן געבויגן, אויגן קוקן ממש אויף דער ערד ווי זיי וואָלטן וועלן באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון פּסוק „אמת מארץ תצמח".

עמוס פירט זיין טאַטן ביי דער האַנט, נעמט איבער פון אים זיין גרויסע ליבשאַפט צו תורה און חכמה.

פּאַמעלעך גייט זיך דער עולם פאַנאַנדער. מיין בליק פאַלט אויף אַן אַלטיטשקער פרוי, אין טונקעלע יום־טוב מלבושים, אַ מאָגערער גוף און דער גרייז־גרויער קאָפּ געהילט אין אַ טונקעלן שאַל און אַ נחתדיקער שמייכל פאַלדלט זיך אויף איר פּנים, די אויגן קוקן מיט מאַמעשער ווייכקייט, דאָס איז די מאַמע פון אויבער־ריכטער ד״ר כאַשין. זי געדענקט די צייטן, ווען עמוס איז נאָך אַ פּיצל געווען, אַן איינציק ציטעריק קינד, וואָס האָט מיט זיין שיינקייט דערפרייט טאַטע מאַמע און אויך די שכנים,

ביז יענעם פינצטערן טאָג ווען ער איז פון וויגל אַרויסגעפאַלן און זיין האַלבער גוף איז געליימט געוואָרן, שפּעטער האָט ער געליטן נויט, פּיין און עלנט פון אַ יתום. ווער האָט געקאָנט פאָראויסזען אַז אויף אַזאַ שוואַכן גוף שפּאַרט זיך אָן אַ גאַנצער באַרג סיני...

די גברת כּאַשין גיט אַ זיפץ, דאַנקן גאָט אַביסל נחת דערלעבט. דאָס מיינט זי אַוודאי נחת פון אירע קינדער און פון עמוסן, וואָס זי האָט זיינע קינדער יאָרן באַגלייט, ווי אַ גוטע שכנה.

קאַפּעץ מאַמעשע טרערן פון אירע אויגן, טרערן פון אַ יידישער מאַמען. און זי שעפּטשעט: „מאשפּות ירום אביון, פון מיסטן דערהויבסטו דעם אָרעמאַן".

די לאָמפּן לעשן זיך, עס דאַכט זיך אויס, אַז די שטערן לייכטן ליכטיקער ווי שטענדיק, אַ וואַך־נאַכט איבער ירושלים.

דער וועקזייגער

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אַ קליינינקער וועקזייגער מיט אַן אומרו — אין פענצטער פון ירושלימער זייגערמאַכער. אַ פּיצעלע אומרו. און דאָס ספּעציפישע אין זייגער — אויגן, וואָס האָבן געקוקט פון אַ פויגל־פּנים, געוואָרפן זיך אַהין און אַהער אין ציפערבלאַט, לויט דעם ריטם פון אומרו.

מאָדנע, שוין אַזוי ווייט אַוועק פון די קינדער־יאָרן און דאָך פאַרכאַפּט עפּעס אַ צאַצקע פּלוצלונג דיין בליק, שמידט אים צו — דו מוזט קוקן. שיר נישט דורכגעלאָזט דעם אָנקומענדיקן אויטאָבוס...

פאָר איך שוין אין אויטאָבוס נר. 16. פאַרן אוניווערסיטעט שטייגט איין אַ פּאָרל. ביידע — ברוין־הויטיקע, ער — טונקעלער, מיט טיף־שוואַרצע גלאַנציקע אויגן; זי — אַ קליינטשיקע, קאַקאַאָ־קאָליר. אַ קוים־זעבאַרע ראַזיקייט פון יוגנט־זאַפטן האָט געשפּאַרט פון אירע באַקן, אַ שמייכל צעגאָסן איבער אירע פולע ליפּן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשיינט ווייסע, געטאָקטע ציין. אַ העל לעבן האָט אַרויסגעשיינט פון דער טונקעלער שאָל אַרויס.

ער האָט געטראָגן אַ בייטל מיט אַלדאָס גוטס. שמייכלענדיק האָט זי אַריינגעשטעקט איר דלאָניע, וואָס האָט געבליאַסקעט מיט העלקייט, אין בייטל אַריין. אין אירע אויגן האָבן פריילעך געפינקלט די שוואַרצאַפּלען, זיך באַוויגן אַהין און אַהער, ווי שיפלעך צעוויגטע אין העלן ים פון אירע ווייסלען. זי האָט באַטראַכט דאָס זיסוואַרג און אַ צעשמייכלטע עפּעס אים געזאָגט. ער האָט פון זאָג אַפּנים שטאַרק הנאה געהאַט, האָט זיך הילכיק צעלאַכט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט אין אַ הייסן בליק — זיי זענען שטיל געבליבן...

און ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט דער וועקזייגער: אויך אין זייערע אויגן האָט זיך באַוועגט די צייט. דער אומרו האָט זיי אַהערגעבראַכט צו טרינקען פון די קוואַלן פונעם וויסן. פון אַפריקע אַהערגעבראַכט אַלס סטודענטן.

זייערע אויגן זענען וועקזייגערס. רעדן וועגן דערוואַכן צום לעבן, צו אַ נײַ לעבן, פון אַ לאַנגן, לאַנגן שלאָף. לעבעדיקע וועקזייגערס פון אַ נייעם היינט, אַ נייעם צייט־אַפּשניט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

זיי האָבן צוריקגענומען, וואָס מען האָט געהאַט ביי זיי צוגערויבט: דאָס רעכט צו דערוואַכן און צו וועקן...

1963

צלמים און טרוימער

מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם, בערך 90 פּראָצענט יידן, איז געווען אָנגעפּילט די קירכע אין דער נאַכט פון קריסטמעס, אויפן הר ציון פון ירושלים, וואָס לויט דער לעגענדע האָט ישו הנוצרי געזאָלט דאָ עסן זיין לעצט אָונטברויט איידער מען האָט אים געקרייצט.

די ליכט פאַרלעשן זיך און צינדן זיך צוריק אָן, לויט די קלאַנגען פון די תפילות, וואָס די נזירים זינגען אויס אויף דעם דעקאָרירטן אַלטאַר.

מיטאַמאָל צינדן זיך אַלע ליכט אָן, און דו זעסט אַ קאָלירט פול בילד פון פאַרשיידענע פּנימער, בעיקר סטודענטן, וואָס קומען אַהער מער אויס נייגיריקייט, ווי איבערצייגונג.

אַט גלאַנצן מיט זייער טונקלקייט אַ גרופּע אַפריקאַנער, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען אין באַגלייטונג פון יידישע אַפיצירן.

דער הויפּט צערעמאָניאַל-מייסטער, אַן איטאַליענישער יונגער גלח, אין זיינע פּרעכטיקע בלוי-ווייסע קליידער, געשטיקט אין גאָלד, וואָס טונקען זיך אין נעפּל פון „קטורת", ווענדט זיך פייערלעך צום עולם אין אַ גוט געבויטער עברית-רעדע.

ער רעדט וועגן שלום און פאַרשטענדעניש אין נאָמען פון רחמים און יושר, וואָס סימבאָליזירט אין דער דאָזיקער נאַכט.

די אפריקאַנער סטודענטן פאַרשטייען זייער גוט זיין עברית דרשה, וועלכע ער פאַרענדיקט מיטן סימבאָלישן „אָמן", וואָס די נזירים כאַפּן אונטער.

ווילנדיק, נישט-ווילנדיק קומט אויפן זכרון אַזאַ נאַכט אין דער אַמאָליקער היים, ווען יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצושטעקן אַ נאָז...

אָבער דאָ איז עס גאַנץ אַנדערש. דאָ זענען געקומען אין דער ווייַנאַכט-נאַכט אַפריקאַנער קריסטן אין באַגלייטונג פון יידישע אָפיצירן.

אַט שטייט נעבן מיר אַ קרובה, וואָס האָט זיך אַלס קליין מיידעלע אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף און געגאַנגען אין קלויסטער. איך זע, ווי זי גיט פלוצים אַ ציטער. מסתמא האָט זי זיך דערמאָנט אין יענער תקופה...

דעם פאָטער אירן האָבן די נאַציס פאַרפייניקט אויף אַן אכזריות-דיקן אופן. ווען מען זאָל די פייניקונגען אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר וואָלט עס זיך אַוודאי געקאָרטשעט פאַר יסורים. און דאָ מוז זי אָנהייבן אַלץ פונסניי.

די „תפילות" האַלטן ווייטער אָן. עס ווערט שפּעט. אַקוראַט ווי שפּעט און ווייט עס איז פון יענער צייט, ווען דער נאַזאַריאַנער האָט אין אויפברויז פון אַ תקופה געשפּרייזט איבער די וועגן פון גליל פאַרזונקען אין חלומות.

און כמעט זינט דעמאָלט שפּרייזן יידן איבער גלותן און צו זייער רחמים-וואָרט הערט זיך קיינער נישט צו. מען הערט נישט דעם לעבעדיקן ייד.

אַ העלע נאַכט הילט איין ירושלים. דער וועג קיין בית לחם זעט

אויס אַזוי לויטער און קלאָר. אָט, אָט קען מען אַ שפּרייז טאָן צום קבר פון דער מוטער רחל.

איך שפּרייז פּאַמעלעך פּאַרטיפט אין מחשבות און נעבן מיר גייט אַ רוסישער פּאָפּ, ער זעט אויס ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען פון דאָרט. אַ גרויסער שוואַרצע באָרד הילט איין זיין פּנים און אַ צלם טרייסלט זיך אויף זיין ברוסט. אין אָט דער ירושלימער העלער נאַכט שפּרייזט ער מיט אַן ערנסט פּנים און ס׳דוכט זיך, אַז כ׳זע פאַר זיך דעם פּאָפּ, פון שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער״.

טוביה האָט דאָך דאָ געזאָלט זיין — וואָס טוט אָבער דאָ דער פּאָפּ? און ווו איז טוביה?

ביסלעכווייז צעשפּרייט זיך דער עולם איבער די ירושלימער גאַסן. אויף מויערן פון דער אַלטער שטאָט שטייען לעגיאָנערן. ס׳דער־הערט זיך אַן אומאויפהערלעכער גלאָקן קלאַנג פון דער אַלט־שטאָט. ס׳קומען אויפן געדאַנק די גאַסן און געסלעך, די בתי מחסה, נישט ווייט פון כותל, ס׳הילכן די גלאָקן — קריסטמעס 1961.

איך טראַכט, אָט דאָס זענען דאָך די אַלטע גאַסן און געסלעך. אָט זע איך נאָך די בלויע פענצטערלעך פון דער אַלט־שטאָטישער אָרעמקייט וואָס זענען באַהאַפטן געווען צו זייערע נעסטן און איבער זייערע קעפּ האָבן ווייסע טויבן פון גאולה געפלאַטערט מיט די פליגלען, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעברומט דעם ווײ: זעט רבותי, דאָס אַלטע ירושלים איז יידן־ריין.

אין די ווייטע מיינע מחשבות. נישט ווייט פון „מגדל דוד״ לייכט אַרויס אַ קלויסטער טורעם באַגאָסן מיט עלעקטרישע ליכט. אין טאָל שלאָפן פאַרזונקען די מענטשן פון דער שכונה שמועה. נייע עולים, וואָס טוליען זיך צו דעם מויער פון דער אַלט־שטאָט.

1961 יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן יענער טרוימער און מיר, די קינדער פון אַ פאָלק, וואָס איז צום ווײַפלטן מאָל געקרייציקט געוואָרן, שטייען פאַר די טויערן פון דער אַלט־שטאָט און קענען אַהין נישט אַריין. מיר שטייען פאַר פאַרשלאָסענע טויערן און האַלטן נאָך אַלץ ביים אָנהויב.

זענען מיר דאָך אַ פֿאָלק, וואָס וויל נישט קיין שום נייעסן.

אַלע קולטור דערגרייכונגען, אַלע נייע חלומות שפּיגלען מיר אָן אין דעם חדש ימינו כקדם.

צומאָרגנס אָוונט בין איך ווידער געגאַנגען צום מאַנדלבוים־טויער, טויזנטער קריסטן קומען צוריק פון יענער זייט בית לחם, פון דער אַלטער שטאָט.

די צאָל־באַאַמטע אַרבעטן שווער ביים עפענען די גרויסע קוישן, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט כל טוב: עפּל, ניס, מאַנדלען, פאַרשידענע שפּילצייג, סערוויזן, שטאָפן — און וואָס נישט?

ס׳דוכט זיך, אַז זיי האָבן אויסגעליידיקט גאַנץ עבר הירדן.

די צאָל־באַאַמטע זענען זייער העפלעך. אין די אויערן קלינגט אַ פיינער עברית. זיי פירן אויס די אַרבעט ווי געניטע פאַכמענער מיט אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן.

אָט שטייט אַ שיין קריסטלעך מיידל מיט אַ גרויסן קויש, אַ גאַנצער „כל־בו" געפינט זיך אינעווייניק. אפילו אַ פלעשל פּערפום, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונג מיידל.

זי נעמט אַרויס צוויי עפּל און דערלאַנגט זיי דעם באַאַמטן באַגלייט מיט אַ קאָקעטישן שמייכל אויף די ליפּן.

ער זאָגט זיך דערפון אָפּ מיט דער זעלבער העפלעכקייט. „דינסט איז דינסט". ער באַוויליקט נאָר צו נעמען אַ ציגאַרעטל פון איר באַגליי־טער, וועלכער גייט געקליידט לויט דער לעצטער מאָדע.

די ריי ציט זיך אָן אַ סוף. דאָס וועט אודאי דויערן ביז נאָך חצות. אין דרויסן ביים טויער שטייט אַ יידישער רייטער־פּאָליציי. אַן אַלטע פרוי שלעפּט אַרויס פון איר קויש אַ זיסוואַרג און איז אים מכבד לכבוד יום־טוב. זיי רעדן צווישן זיך אַראַביש.

פאַרן טויער שטייט אַ קאָלומנע פון טאַקסעס און אויטאָס, וועלכע צעפירן דעם עולם איבערן גאַנצן לאַנד. די אַלטע קריסטין געזעגנט זיך מיטן יידישן פּאָליציאַנט און ווינטשט אים צו דערלעבן אי״ה איבער־אַיאָר אין פריידן.

דאַרף דאָך דאָס אַזוי צו זיין. סוף־סוף זענען מענטשן ענלעך איינער צום אַנדערן — אויב זיי ווילן באַר זיין מענטשן.

מיט צופרידנהייט האָבן זיי אָפּשייד גענומען פון די אָרדנונגס־היטער און פאַרקליבן זיך אַהיים מיט אַ געפיל פון זיכערקייט און רואיקייט, אַז מען קען לעבן אין מדינת ישראל.

1963

ראַדעזיע און ירושלים

אויף די הערלעכע רחבותדיקייטן פונעם ירושלימער אוניווער־סיטעט — באַדעקטע מיט בלומען־טעפּיכער, גראָז און אויסגעפּלאַסטערטע מיט ראָזן שטיין — קלייבן זיך צונויף פאַרשידענע פעלקער און ראַסן. ירושלים איז שוין צוגעווינט צו די פאַרשידענע קאָלירן הויט. דאָס איז געוואָרן אַ טייל פונעם ירושלימער אַרום.

אַז מ׳האָט אַן אייגענע היים, קאָן מען מקיים זיין די מצווה פון הכנסת אורחים. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק, דעם פערצטן נאָוועמ־בער: אַ פאַרנאַכט. נאָך אַ זוניקן טאָג, אין אַ פאַרבן־שפּיל, וואָס בלויז ירושלימער לופט איז מסוגל אויסצומאָלן — אַ זילבער־גרויקייט שפּרייט זיך אויס אויפן גרינעם גראָז: אַ ליכט שלאָגט פון די פאָנטאַנען. אין דער אָנקומענדיקער נאַכט מישן זיך אויס די אַלערליי קאָלירן פּנימער: פון אַפריקע, מיט אַ טונקלקייט אין פאַרשידענע ניואַנסן; פון טיילאַנד און אַנדערע אַזיאַטישע לענדער — צוזאַמען מיט אונדזערע סאַברעס; אַ יידישע יוגנט פון אַלע תפוצות און קלימאַטן, מיט טשופּרינעס פון זייערע קלימאַטן; אויך פּראָפעסאָרן, מיט ווייסע קעפּ. דאָ, אויף דער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דער אוזורפּאַטאָרישער „זעלבשטענדיקייט" פון ראָדעזיע, זעט מען ממש די גאַנצע מענטשהייט אין מיניאַטור — געמישט אין אַ פּאָליטישער שפּיל, נייערט אין אַ הערצער־דערנענטערונג.

אָט שטייט אַן אַביסינישע סטודענטין — אַ שוואַרץ, שיין־אויס־געטאָקט פּנים, פּעך־שוואַרצע, געלאָקטע האָר, צעפּינקלטע אויגן; צוויי

שורות צײַן װײַסלען זיך פון צװישן די ליפּן — זי זינגט דעם באַפרײַונג־הימן פון אַפריקע.

ס׳רעדן ייִדן, אַפריקאַנער — ס׳רעדט אויך אַן אַראַבער, אײן גאַמען פון די צװײ־הונדערט אַראַבישע סטודענטן, װעלכע דערװערבן זיך זײער װיסן אין „ציוניסטישן" אוניװערסיטעט; מען רעדט פאַרשידענע שפּראַכן: ענגליש, פראַנצויזיש, עברית. אײן שפּראַך פאַראײניקט אָבער אַלע: די שפּראַך פון הערצער.

עפּעס האָט זיך בײַ אונדז שױן געענדערט: מיר בעטן נישט, מיר בעטלען נישט — מיר גיבן אויך און מיר האָבן װאָס צו געבן.

די רעפלעקטאָרן באַלײַכטן פּנימער... שרעקלעכע מעשׂיות האָבן מיר געהערט אין אונדזערע קינדער־יאָרן װעגן שװאַרצע, װאָס עסן אין דזשונגל די װײַסע, איצט פּראָטעסטירן װײַסע, שװאַרצע, ברױנע — קעגן די װײַסע, װעלכע װילן אױפֿעסן די שװאַרצע פרײַהײט. פּראָטעסטירן פון די ירושלימער בערג. טראַנספּאַרענטן װערן געהאַלטן אין װײַסע און שװאַרצע הענט. ס׳שאַפט זיך עפּעס אַ מין שאַך־ברעט, אויף װעלכע ס׳װערט אויסגעשפּילט דער גורל פון דער װעלט.

נישט בלויז אַ תּפֿילה־הויז פאַר אַלע פעלקער, װי דער נביא האָט פאַראויסגעזאָגט, איז געװאָרן ירושלים, נײַערט אױך דאָס אָרט פון פּראָטעסט און קעגנערשאַפט קעגן קנעכטשאַפט, אונטערדריקונג, עװלות. געדאַנקען פליען, װי די ליכט־שטראַלן פון די רעפלעקטאָרן. איך דערזע אַ צעפלאַמט, טונקל פּנים: דאָס איז דער פאָרזיצער פון דער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, ער הײבט אָן צו זינגען, די התקווה. הונדערטער העלדזער האַלטן אים אונטער. מ׳זינגט װעגן דער האָפענונג פון צװײ טױזנט יאָר...

איר, אַפריקאַנער פרײַנד, װעט נישט װאַרטן קײן צװײ טױזנט יאָר. איר זיצט אויף אײַער ערד. אונדזער גאולה איז אויך געװען דער אָנזאָג פון אײַערער.

אונטער די קלאַנגען פון התקווה האָט מען געפילט, װי ירושלים שפּרײט אויס אירע פליגל איבער ראָדעזיע. בײדע קעמפן אײן גערעכטן קאַמף און בײדע װעלן סוף־כּל־סוף מנצח זײַן: ירושלים און ראָדעזיע.

יאָסל חריף

ירושלים וואַקסט

די האַמערס קלאַפּן, די קאָמפּרעסאָרס ברויזן, די בולדאָזערס רייסן בערג... און יידן — פעסטע האָרעפּאַשניקעס פון „שכונת הכורדים" — כישופן אויס מיט זייער אַרבעט פון די ירושלימער בערג נייע הייזער; נייע גאַסן.

גיט אַ פרעג עמעצן פון זיי, ווי לאַנג זיי אַרבעטן ביי די שטיינער, וועט ער אייך מיט אַ שמייכל דערציילן וועגן יענע טעג, ווען ער האָט אין די בערג געשניטן דעם „בורמאַ־וועג" קיין ירושלים, אונטער אַ האָגל פון קוילן...

וואָס פאַר אַ שריט פאָרויס זייט דאַן! בלויז אָפּשטעלן זיך אויף איין ווינקעלע, אַרום אוניווערסיטעט: עס וואַקסן די בנינים — איינס נאָכן אַנדערן, ווערן אָנגעפילט מיט תלמידים — פון דער גאָרער וועלט געקומענע.

גרינע טעפּיכער דעקן איצט צו די אוראַלטע שטיינער; באַלויכטענע פאָנטאַנען צעשפּרייטן פילקאָלירִיק זייערע וואַסערן; אומעטום — ליכט, אַ סך ליכט.

און אַנטקעגן — דער גן הנשיא און די רעגירונג־געביידעס. נישט ווייט, ביי דער „מצלבה" — בויט זיך דער מוזיי. ער וועט אַריינגעמען אין זיך ריזיקע זאַמלונגען, וואָס וועלן אָפּשפּיגלען פאַרשידענע תקופות פון אונדזער פאָלק; די קולטור־אַנטוויקלונג פון אַנדערע פעלקער. אין אַ באַזונדערן גאָרטן, וואָס וועט דאָ פאַרפלאַנצט ווערן, וועט געפינען איר פּלאַץ די גרויסע סקולפּטורן־זאַמלונג פון בילי ראָז. דאָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם ביי די נטורי קרתא — זיי רופן איצט דעם פּלאַץ גן תרח...

אַנטקעגנאיבער — פון דער צווייטער זייט כביש — בויט מען דעם נייעם בנין פון דער כנסת. צוליב דער גרויס פון דער געביידע און דעם באַרג, אויף וועלכן זי בויט זיך, וועט מען דעם בנין אַרויסזען זייער ווייט. ער וועט זיין ווי אַריינגעוואַקסן אין דער ירושלימער לאַנדשאַפט און בילדן איין גאַנצקייט מיט איר. עס ווערן שוין געגאָסן די פונדאַ־

מענטן און די הייב־קראַנען שטייען מיט פאַריסענע נעזער און וואַרטן...

רחביה איז טאַקע געבליבן ביי איר געמיטלעכקייט און גרינקייט, מיט די שטילע ווילעס. זי זעט אויס זייער געלאַסן און בכבודיק, דער־ציילט וועגן אַ תקופה פון דער „דייטשער עליה" — סיי מיט די הייזער, סיי מיט די מענטשן. אָבער הינטער רחביה האָט געפּוסטעוועט דער שטח פון דער מצלבה — איצט דערוואַכט ער צום לעבן. די קירך, וואָס איז דאָרט געשטאַנען איינזאַם, ווערט פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט בוי: מען שניידט כבישים, מען פלאַסטערט טראָטוּאַרן. ערשט נעכטן האָבן דאָ געוואָיעט שאַקאַלן — היינט איז אַלץ באַגאָסן מיט העל ליכט. דאָס אַלטע נוה שאנן איז פאַרשלונגען געוואָרן. די הייזקעס זענען פאַר־שווונדן צווישן די גרויסע ניי־אויפגעבויטע בנינים.

די קירך איז דאָ אויפגעבויט געוואָרן אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן. אַ קריסטלעכע לעגענדע דערציילט, אַז פון דאָרט האָט מען גענומען דאָס האָלץ פאַרן קריסטוס־קרייץ, איז זי געשטאַנען די קירך אין טאָל — אַן איינזאַמער זקן, באַוואַקסן מיט מאָך. די וויסטקייט האָט איבער איר געוואַכט און געהאָלפן זי זאָל זיך האַלטן. פון צייט צו צייט צעוויגן זיך אירע גלאָקן און דערציילן אַ מעשה פון אַמאָל... אָבער איצט פאַרשווינדן שוין די אָנגעהויפטע שטיינער פון וועג און ס׳אַנטפּלעקט זיך אַ זעלטן־שיינער פּייזאַזש, פאַרצויגן ווי מיט אַ דורכזיכטיקן פּרוכת פון לייכטע וואָלקנדלעך, וואָס ציען זיך ווייט־ווייט אַוועק, ווי ס׳וואָלטן קיין גרענעצן נישט געווען דאָ אין דער נאָענט... און עס וואַקסט פאַר דיר אויס דאָס אַלטע ירושלים און וועקט אויף דיינע זכרונות. עס רייסט זיך פון האַרצן די תפילה „חדש ימינו כקדם"...

דערווייל ווערט דאָ אַלץ געענדערט: ס׳וואַקסן ברייטע בולוואַרן, דאָ װעלן קומען עולה רגל פון דער גאַנצער וועלט און וועלן מוזן באַוווּנ־דערן: ווי שיין און פעסט איז דאָ אַלץ געבויט!

די זעלבע יידן, וואָס זענען פון דאַנען פאַרטריבן געוואָרן אין אַלע וועלט־ווינקלען, זענען צוריקגעקומען צו דיר, ירושלים. געקומען מיט נייע מיטלען, מיט אַ נייער טעכניק און באַזייטיקט די וויסטקייט, געענדערט די פּאַנאָראַמע אַרום און אַרום.

זי ענדערט זיך מיט יעדן טאָג. די שטיינער אַרום ווערן ווי לעבעדיק; זיי רעדן צו דיר, רעדן צו דיין האַרץ און מאַכן דיך פאַר אַ טייל פון גאַנצן אַרום... הייבסט אָן קלאָר צו באַגרייפן, וואָס עס באַדייט „ירושלים". אַ פרייד און האָפענונג פילט אָן דיין האַרץ, אַ שטאָלץ: עפּעס איז געשען אין דיין דור, פאַר דיינע אויגן. עפּעס, וואָס וועט בלייבן לדורות און דיינע ליפּן פליסטערן אויס מיט באַגייסטערונג: מען בויט ירושלים! ירושלים וואַקסט!

1962

ירושלים של מעלה

ביסט אײדל, צוציענדיק און שיין, ירושלים. דיינע שוועלן געבויטע פון דורותדיקע תפילות, די פאַרהאַנגען פאַרוואָלקנטע אין ווייסן, ראָזעווען געוועב, אַ דינינקער שאָרך פון סינידיקן משכן הויך, וואָס הענגט פון משה האָבן מיט ליבשאַפט דורך בלויע הימלען פון הויכעניישן דערבליקט און אָנגעפילט מיט בענקנדיקן ציטער אויף אייביק די טריט צו דיר.

וואָרט איך אויף דער מאַמע ירושלים, ווי אַ מאַמע אין שפּעטע נאַכט־שעהן דערוואָרט דעם צוריקקום פון אירס קינד. און ס'קלעפּט זיך נישט דער שלאָף צו די אויגן. און שרעק עסט איר צאַפּלדיק און ציטערדיק האַרץ. אויך דו, ירושלים, אין לאַנגע נאַכטישע יאָרן פון שרעק און צער, ווען אין איינזאַמקייט אַ בענקשאַפט און שרעק באַפאַלט און די שעהן פון לעבן דעמפן אויס צווישן סודותדיקן זייגער־קלאַנג און די שכינה אויף גרויע פרימאָרגנס פאַרוועבט און עפנט אַ נייעם טאָג פאַר דער וועלט און אַ נייע דערוואַכונג.

כ'הער דעם אָפּקלאַנג פון מיינע טריט, וואָס טרעטן אויף דיינע בלאַנקענדיקע שטיינער, וואָס דערהויבן מיך אַ שטענדיקער גייער צו דיר, אויסגעבענקט נאָך אַ ביסל של מעלה.

קוש איך דעם זוים פון דיין אומזעבאַר קלייד, וואָס געוועבט איז פון אומזעבאַרע תפילות און נגונים.

כ'קום צו דיר מיט אַ צוואה פון דורות. אין אַ באַגייטן טראָט

גאַפּן מײַנע אויגן אויף דײַן בלענדיקער שײנקײט, אַ געוועב פון שטײנער, וואָס זענען פון מײַן האַרצן געפּאַלן.

פלאַטערן זײ אויף די הײזער, אין צוימען, אַזוי לײכט און פריש. מײַן האַרץ אַ פלאַטערנדיקער שטײן, אויסגעווײנט אין מאַמעשער שרעק, וואָס בלאָנדזשעט אין וואַכנדיקע נעכט כּלפּי דיר.

נידער צו מיר, אַנטדעק מיר דעם סוד פון דײַן אײביקײט, פון נישט־דערזאָגטע תּפילות, פון נישט־דערזונגענעם געזאַנג, דער אויפגאַנג, וואָס הויבט זיך אָן שטענדיק איבער אַ נײַס, דער דורשט אין איר, וואָס לעבט פון מאָרגנטוי, דײַן וואַרעמער באַריר, וואָס הײלט נשמות אין זײער אויפציטער און צער, וואָס באַהעפטן ווילן אַ בריק אויפבויען צווישן ירושלים של מטה און ירושלים של מעלה.

1964

דאָס אויערינגל

אין מיטן כּביש, אויף דער שטרויס־גאַס אין ירושלים, אין אַ גאָלדיקן פאַרנאַכט, ווען די זון שפּינט אַ נעץ איבער צעצונדענע שײבן, האָט ער געגנידערט באַרג אַראָפּ, דער מאַראָקאַנער רב פון דער נײַער עליה.

זײַן גוף באַצויגן מיט אַ שוואַרצן קיטל, אַ שטײַפע יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און מיט אַ טראָלד אינמיטן, וואָס האָט אונטער זיך באַהאַלטן אַ הערלעכן קאָפּ זילבערנע האָר. דאָס פּנים האָט אַרויסגעשמײכלט פון אַ ראָם, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרוי־ווײַסער, העלער, אליהו הנביא־באָרד.

אַ לויטערקײט האָט געשלאָגן פון אים, אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, אַ ייִד, וואָס קומט צוריק, וואָס איז משלים דעם „קיבוץ גלויות", אַזוי ווי ער וואָלט זײַנע טריט געשטעלט נאָך אַנהויבנדיק אין מדבר־דור, ווו קלײדער זענען אין פולונג נישט צעפאַלן, נאָר מיטגעוואַקסן אין זײער גאולה־גאַנג.

און ווי אַ מדבר־סימן האָט אַראָפּגעגלאַנצט אַ זילבערן אויערינגל

פון זיין רעכטן אויער. דאָס האָט אים אַפּנים פּאַר אַ סגולה וועגן זייך מאַמע אין זיינע קינדער־יאָרן פאַרהאָנגען און ער האָט עס דאָ געבראַכט און דערטראָגן איבער אַלע גלות־מדבריות.

שפּאַצירט ער מיט הנאה איבער די גאַסן פון ניי־געבויטן ירושלים אַ צוריקגעקומענער אין רחמים־בוי, פון אַ ווייטער, ווייטער וועלט, וואָס דער שטראָם פון עליה טראָגט אָן און צווישן אַלעם אַזאַ אוראַלטע צירונג, אין אַ מענלעכער געשטאַלט, ווי דאָס אויערינגל אין דעם אויער פון רב, וואָס גייט מיט באַנייטע טריט איבער די גאַסן פון ירושלים.

1964

דודס האַרפע

אין ירושלים דער הויפּט־שטאָט איז פאָרגעקומען דער דריטער וועלט־קאָנגרעס פון האַרפע־שפּילער.

מיין מאַמע פלעגט דערציילן, אַז ווען זי איז נאָך זייער יונג געווען, איז איר אויסגעקומען צו הערן אַ האַרפע־קאָנצערט. דער אינסטרומענט מיט אַ סך סטרונעס האָט איר דערמאָנט דעם פאַרפאַסער פון תהילים און דאָס באַגלייטן אויף דער האַרפע זיינע פּאָעטישע אויפשטורמען. און אונדז האָט דער מאָמענט שטענדיק אַוועקגעפירט צו די פּאַלאַצן פון דוד המלך, אָדער פון קעניג שאול — ווען דוד איז נאָך אַ ייִנגל געווען און געשפּילט פאַר יענעם מלך.

ווידער דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פאָרשטייער פון צוועלף פעלקער — צו פאַרמעסטן זיך ווער וועט שענערע קלאַנגען אַרויסבאַקומען פון אַלטן ייִדישן אינסטרומענט, ביי דער דערעפענונג אָטעמט עס מיט יום־טובדיקייט. פּנימער שיינען מיט ערנסט.

יאַפּאַנער, פראַנצויזן, ענגלענדער, האָלענדער, דייטשן... יאָ, די מוזיק פון וואַגנערן דערמאָנט עפּעס... אָבער פּלוצלינג דערהערן זיך קלאַנגען, וואָס וויגן דיך ממש איין. די פינגער ציטערן אויף די סטרונעס — אַ טאַנץ פון די פינגער, ס׳איז ווירטואָז! דאָס שפּילט איצט די פאָרשטייערין פון די סאָוויעטן אין ירושלים. זי איז עפּעס אַזוי

הימיש מיט דעם אינסטרומענט, הימיש — יידיש, ווילט זיך זאָגן.

כ'האָב געהערט כמעט אַלע האַרפּע־שפּילערס, אָבער נישט פאַר־געסן קאָן איך די סאָוויעטישע שפּילערין. אַ פּנים, אַז זי האָט אויך אין אירע קינדער־יאָרן געמוזט הערן דאָס מעשהלע וועגן דוד המלך. זי האָט געמוזט דאָן אין זיך איינזאַפּן די קלאַנגען פון דודס האַרפּע און איצט האָט זי זיי אונדז צוריקגעגעבן, אין ווידעראויפגעבויטן ירושלים. אַזוי הימיש. אַזויפיל געפיל איז געווען אין די קלאַנגען, וואָס זי האָט אַרויסבאַקומען פון דער האַרפּע, אַז מ'האָט געפילט בחוש: דאָס איז אייגנס, דאָס איז אונדזערס...

1964

אַ געזאַנג צו זמריה

אויך געזאַנג קאָן זיין געלייטערט און לייטערן. אין די לעצטע יאָרן גייט אויף אַזאַ געלייטערט געפיל פון די „זמריה"־(געזאַנג) פעסטי־וואַלן, וואָס קומען פאָר אין ישראל.

דער יחיד זינגט פאַר צער און זינגט פאַר פרייד. איז עס ווירקנדיק, אָדער נישט. אָבער ווען פעלקער זינגען צוזאַמען — — —

איז טאַקע אויסערגעוויינלעך איינדרוקפול געווען די דערעפנונג פון דער זמריה אין ירושלים. די זאַלן פון בנייני האומה האָבן געשיינט מיט העלקייט: עס פלאַטערן די פענער פון די מלוכות, וואָס באַטייליקן זיך. ס'זעט אויס, ווי די פעלקער וואָלטן געקומען איבערבעטן דאָס ווידערגעבויטע ירושלים.

גריכן, איטאַליענער. איך ווייס נישט צי די יונגע זינגער האָבן אַן אַנונג וועגן אונדזערע חשבונות מיט זיי — אין ווייטן עבר...

עס איבערראַשן די פאַרבן פון די נאַציאָנאַלע מלבושים. און אָט — ענגלענדער. אונדזערע אַלטע באַקאַנטע. איצט איז זייער מענער־כאָר אַזוי פאָלקסטימלעך־האַרציק. טאָ לאָמיר נישט טראַכטן וועגן דעם נישט־ווייטן אַמאָל.

די האָלענדער — זיי דערמאָנען אונדז, אַז ביי זיי האָבן פאַר־

טריבענע פון שפּאַניע געפונען אַ מקלט; די דענער זינגען אַ לויב־געזאַנג צו דער מדינה ישראל; די שוועדן — אַ כאָר פון בוי־אַרבעטער, שיינע, צפונדיק העלע מענער וואָרעמען זייער קול אין ירושלים; קאַנאַדער, אַ כאָר פון פילאַדעלפיע.

עס דערשיינט דער פּרעזידענט שזר. ס׳שאַלט די התקווה. היינט האָט מען געשאָסן אויף דער גרענעץ, אָבער דאָ זינגט מען.

געזאַנג לייטערט.

פּונקט ווי פעלקער האָבן אַמאָל פּאַראַומרייניקט ירושלים, חרוב געמאַכט און פאַרטויבט די שטים פון נביא, קומען היינט פעלקער מיט לויטערן געזאַנג העלפן באַזינגען אונדזער ווידערגעבורט.

1964

די אַלטע באַבושקע

צערקווע־גלעקער צעקלינגען זיך נאָך היינט, לויט אַלע דינים, אויפן רוסישן פּלאַץ אין ירושלים. מיט כוונה קלינגען זיי אויס זייערע קלאַנגען אין די מיטיק־ און פאַרנאַכט־שעהן.

די הייזער אַרום דער צערקווע ווערן גוט אָפּגעהיט. מן הסתם ווייל ס׳זענען דאָרט פאַראַן אַ סך בילדער, וואָס דערמאָנען די תנכישע אבות...

קומען עולה־רגל אַהער. שטייען איין אין די אַרומיקע האָטעלן.

אַ סך אַמאָליקע עולה רגל זענען דאָ פאַרבליבן. געוואָרן שמשים, צערקווע־דינערס — זיי האָבן זיך פאַרקנסט צו זייער פאַרגעטלעכטן פון יידישן אָפּשטאַם. און קיין שום אויפטרייסלונג ברענגט זיי שוין נישט אַרויס פון זייער גלייכגעוויכט.

די הייזער, אין וועלכע זיי וווינען, דערמאָנען רוסישע קאַזאַרמעס, מיט דעכער — ווי פּאַפּאַכעס אויף קאָזאַקישע קעפּ.

זיצן אין די הייזער באַבושקעס — אַלטינקע, איינגעבויגענע.

פון דער ווייטנס שטאַרצן אַרויס צלמים פון קברים. ביי איין באַבושקע אין פענצטער זענען דאָ בלומען־טעפּ. אין דער פרישקייט

פון די בלומען־טעפּ וויל זי אויך אויפלעבן, ווייזט אויס. שטייט זי צווישן די בלומען־טעפּ אין פענצטער, פּרעפּלט אַ תפילה, ווי זי וואָלט אויף עמעצן געוואַרט...

די גלאָקן האָבן זיך ווידער געהאַט צעקלונגען צו תפילה.

1964

די מצווה פון „כאַלאַקע"

אין די געצעלטן פון נטורי קרתא טראָגט ל"ג בעומר אַ ספּעציעלן כאַראַקטער. זיי פאָרן נישט קיין מירון טאַנצן אויפן קבר פון ר' שמעון בר יוחאי — דאָס דערמאָנט דאָך די העראָישע תקופה פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד און אַזאַ ענין איז טריף פאַר זיי. מאַכן זיי דעם יום־טוב פאַר זיך, אין זייערע ירושלימער שטיבלעך.

האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט, צוזאַמען מיט זייער מנהיג עמרם בלוי, אין זייער שולעכל, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט פאַר דער עדה דער גרויסער פאַבריקאַנט פון זופּ־פּולווער, וועלכן מען רופט זופּניק, זען ווי זיי פּראַווען „כאַלאַקע".

וואָס איז דאָס אַזוינס? אַן אַראַביש וואָרט. ס'באַדייט: ווען אַ ייִנגעלע ווערט אַלט דריי יאָר, נעמט מען זיך צו זיינע לאָקן, וואָס ווערן ביז דאַן געהיט און צוגעדעקט מיטן יאַרמעלקעלע. ל"ג־בעומר פירט מען די ייִנגלעך פאַרביי, ווי די שעפּסלעך, פאַר די „זקני העדה" און זיי ווערן דאַן פריזירט. זיי שטייען מיט די שערלעך אין די הענט, די מוזיקאַנטן צעשפּילן זיך — כלי־זמר מיט קאַלטענעוואַטע בערד און צעפלאַשעטע פאות, אנשי שלומנו. די שמחה ווערט איבערגעגעבן דורך אַ הילכער — מען גייט פאַרט פאַרויס מיט דער צייט! אַפילו מיידעלעך, אין ווייסע זעקעלעך, מעגן דאַסמאָל אַריינגיין אין שול.

און אַט זע איך דעם „שטורמער פון דער טריפהנער מדינה", דעם זון פון רב עמרם בלוי, ר' משה. ער האָט געבראַכט אַ שיין בלאָנד ייִנגעלע פון דריי יאָר. ס'קינד, מיט טיפע, בלויע אויגן, טראָגט אַ טונקל כאַלאַטל און ווייסע זעקעלעך, די בעקעלעך זענען ביי אים פאַררויטלט און פון

אונטערן ווייסן יאַרמעלקעלע שלענגלען זיך אַרויס בלאָנדע לאָקן. דער טאַטע זיינער טאַנצט אונטער צום רבין, ביי וועלכן די שער ציטערט אין האַנט. ער פאַרט אַריין מיט דער שער אין די לאָקן און כהרף עין בלייבן ביים יינגעלע בלויז צוויי לאַנגע, בלאָנדע פאות. פון איצט אָן וועט זיך מער קיין שער נישט צורירן צו זיינע פאות...

מען טאַנצט. דאָס ראָד ווערט ברייטער. געשטאַלטן פון אַן אַנדער וועלט טאַנצן. ווי זיי וואָלטן אַריינגעטאַנצט אין אַ תקופה מיט איבער אַכצן הונדערט יאָר צוריק... אָבער דאָן זענען אַזעלכע, ווי זיי, געגאַנגען אויף קידוש השם פאַרן יידישן מלכות און זיי ווילן נישט אָנערקענען די יידישע מדינה, נישט דינען אין מיליטער. אין די יונגע מוחלעך און הערצלעך ווערט איינגעפלאַנצט עפּעס אַ ווילדע שנאת ציון.

די קינדער זעען אויס, ווי געשוירענע לעמעלעך. דער גאַנצער קינדערשער חן איז עפּעס פון זיי אָפּגעווישט געוואָרן. רב שלמה דער כלי־זמר בלאָזט מיטן גאַנצן כוח אין זיין פלייט; דער פּייקלער פּייקלט און שאָקלט מיטן קאָפּ אַהין־אַהער, דער טאַנץ ווערט וואָס אַמאָל הייסער. ר׳ עמרם זינגט קאַפּיטלעך לכבוד ל״ג בעומר, מען טרינקט משקה. אַ שטויב, ווי פון יאַרהונדערטער טראָגט זיך פון אונטער די פיס און פאַרהילט דאָס גאַנצע שולעכל. בלויז דער הילכער, די דראָטן, וואָס ציען זיך איבער די ווענט און טראָגן אַרויס די קולות אין דרויסן, זאָגן עדות, אַז מיר לעבן אין אַן אַנדער צייט. נישט אין יענער, אין וועלכער ס׳ווילן אונדז ווידער פאַרשלעפּן מיט כוח רבי עמרם און זיינע לייט.

זיי ציט עפּעס אַ ווילדע בענקשאַפט צו אַ מאָדנעם, מאָדנעם גלות, וועלכן זיי האָבן זיך באַשאַפן אין דער הויפּט־שטאָט ירושלים, אין די טויערן פון נטורי קרתא...

1965

„לשנה הבאה בירושלים"

זייט אַ סך דורות חזרן יידן איבער די פּסחדיקע ברכה: לשנה הבאה בירושלים.

ווי אַ פאַרלאָזענע מאַמע, וואָס אירע קינדער זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט און זי וואַרט אויף זייערס אַ בריוול, וויינט די אויגן אויס, אַלע אירע מחשבות זענען פאַרנומען מיט די קינדער, — אַזוי בענקט ירושלים נאָך אונדז. און אונדזער בענקשאַפט צו דער מאַמען ירושלים?

צוזאַמען מיטן אָנקומען פון פרילינג, האָט זיך אויך אונדזער בענקשאַפט שטאַרקער ווי תמיד דערוועקט — אומעטום אין די יידישע צעשפּרייטקייטן. אין אַלע לענדער און קאָנטינענטן — צו דער מאַמע־היים, צו ירושלים.

אומעטום זענען מיר בלויז געווען אַ פּיקדון אין פרעמדע הענט און מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה האָבן מיר געחלומט צום לשנה הבאה בירושלים.

דער נס פון יציאת מצרים האָט אונדז אויפגעהאַלטן און געלויכטן דורך אַלע דורות און געוועקט אין אונדז דעם בונט קעגן קנעכטשאַפט. מיט דעם אויסרוף לשנה הבאה בירושלים האָבן דורות יידן געשטאַרקט אין זיך די האָפענונג נאָך פרייהייט.

אַ שטיק ירושלים האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע גלותן ווען ס'איז געקומען דער פּסח. פייגל זענען געקומען פון די וואַרעמע לענדער, געסטן זיך געבויט און אונדז דערמאָנט וועגן ירושלים, דעם וואַרעמען היימלאַנד, ווו דער יידישער מענטש האָט פליגל באַקומען. דער גלויבן, אַז דער פרילינג אויף פרעמדער ערד איז פאַר אונדז נישט קיין אייביקער, האָט שטענדיק אין אונדז געלעבט. אין זיין דמיון האָט דאָס פאָלק געזען ירושלים.

נישט בלויז האָט דער יידישער מענטש געהאַט אין זיין וויזיע ירושלים, נייערט אויך ירושלים האָט געקוקט אויף אים, אויסגעקוקט אים.

אויך איצט — אויך איצט קוקט אויף אונדז ירושלים, וויפל מיר זאָלן זיך נישט אַריינקוקן אין איר — קוקט זי צוריק.

אַזויפיל זענען נישט אָנגעקומען, אומגעקומען. די שנה הבאה איז פאַר זיי נישט געקומען, טוט ווי דאָס האַרץ אויף יענע, אָבער עס פרייט זיך אויך מיטן וווּנדער פון בוי.

אדרבא, זייט עולי רגל און זעט די שטאָט פון לייכטנדיקע שטיינער. זי קוקט אויף אונדז, רעדט צו אונדז, דערמאָנט אונדז. געגנטן, וואָס זענען וויסט געווען און פוקסן זענען דאָרט אַרומגעלאָפן — ווי אין די צייטן פון רב עקיבא אין בית המקדש הויף — דאָרט בויט מען איצט די כנסת אין איר גאַנצער פּראַכט; אָט איז דער מוזיי: גרינע בייטן זענען זיך אַרום. נישט קיין גערוך פון מומיעס, נייערט פון יונגן לעבן. ס'איז מיט דורות צוריק איבערגעריסן געוואָרן און איצט ווערט מקויים די תפילה פון נביא וועגן „חדש ימינו כקדם".

אונטער דעם דרייסטן באַריר פון די בויער, זענען עפּעס ווי ווייכער געוואָרן די ירושלימער שטיינער. גרינען צווישן זיי בייטן און בלומען בליען. פון די טאָלן זענען די ווילדגראָזן אויסגעריסן געוואָרן.

ס'זענען דיינע אויגן ווי עס בויט זיך ירושלים — נישט אין חלום, אויף דער וואָר. אָט איז דער אוניווערסיטעט — אַן אויפמאַרש פון יוגנט, יידישע יוגנט און פון פעלקער פאַרשידענע.

אין ירושלים קלינגט שוין טאַקע נישט דער מלכותדיקער שיר־השירים אין פאַרשלאָפענע פּאַלאַצן — עס קלינגט דער שיר השירים פון אַרבעט פון בוי, פון באַנייונג פון ווידערהיים.

אויף די בערג אַרום זענען היימען פאַר צוריקקומענדיקע יידן.

פּסח דערמאָנסטו זיך עפּעס אַ מעשה וועגן אַ פּרינצעסין, וואָס האָט פון וואַסער אַרויסגעצויגן דאָס קליינע משהלע, דו מוזט זיך אָבער אויך דערמאָנען, ווי טויזנטער יאָרן שפּעטער האָבן זין פון ציוויליזירטן דייטשן פאָלק מלבושימלעך פון צעשמעטערטע און פאַרברענטע יידישע קינדערלעך — געשיקט פאַר זייערע אייגענע קינדער אין „היימאַט"...

אין דער הגדה זאָגט מען, אַז יעדער דור, יעדער יידישער דור, דאַרף זיך פילן ווי ער וואָלט עס אַרויס פון מצרים; די צוקונפטיקע

ביכורים

דאָס באַנייען די ביכורים־פייערונג איז אַ צייכן פון ווידער ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך; אַ פאָלק, וואָס געניסט פון דער ברכה פון דער ערד. ס׳נעמט אַ פרייד אַרום, ווען יידישע קינדערלעך — אין קיבוצים, דערפער, שטעט — גייען אין די טויזנטער אַרויס, מאַרשירנדיק מיט געזאַנג, מיט בלומען באַקרוינטע קעפלעך בענטשן די ערשטע פרוכט, וואָס האָט געצייטיקט.

און די זיבעצן יאָר פון מדינה־אויפקום זענען אויך בלויז ביכורים פאַר אונדזער געשיכטלעכן גאַנג פאָרויס. אַהין, ווו ס׳וועט פולשטענדיק אויסוואַקסן דער נייער ייד, מיט זיין אייגנאַרט, ווי רייפע פרוכטן אין אַ גאָרטן.

ביכורים זענען דאָס געזאַנג פון אויפגיין, פון וואַקסן, פון זוניקער וואַרעמקייט, פון טוי און פון רעגן — ווי אויך דאָס געזאַנג פון אייגענער פראַצע, דער פרייד־אויפשאַל פון אייגענער מי. אַ שמייכל פון קינדער־יאָרן קומט אויף בעתן אויפגאַנג מיט די קערב אויף די קעפּ. ס׳איז דאָס שאַלן פון יצירה אויף אייגענער ערד, אויף וועלכער מיר זענען ווידער אויפגעקומען — נאָך אַזויפיל אומקומען — אין אָפּשיין פון אַ צעהעלטן ביכורים־יום־טוב.

יידישע דורות וועלן זיך דאַרפן פילן, ווי זיי וואָלטן עס איבערגעלעבט די היטלעריסטישע פאַרניכטונג און אַרויס — פון אומקום צו פרייהייט, צו אַ ליכטיקן מאָרגן.

שטיי איך, ווי אַ סך עולי רגל, ביי די שוועלן פון ירושלים מיטן געזאַנג פון די אבות אויף מיינע ליפּן; איך קוק זיך צו צו דער גאַנצער שיינקייט און פראַכט; הער ווי די גאַסן זענען אָנגעפילט מיט קינדער־פרייד; כ׳זע ווי די מאַמע נעמט אַרום — נאָך יאָר־טויזנטער — אירע צוריקקומענדיקע קינדער און ס׳רייסט זיך מיר פון האַרצן אַ תפילה פאַר די, וואָס זענען נאָך ווייט, וואָס פאַרשטייען נאָך נישט, אַז —

לשנה הבאה בירושלים!

אַלט און ניי

עס איז פּאָלג מיך אַ גאַנג — פון פּראָפעסאָר שאַצס אַלטן בצלאל־מוזיי, ביזן היינטיקן.

נישט פאַרשטעקט אין שמאָלע געסלעך, נייערט מיט רחבות געבויט, ווי אויפגעלעבט עס האָט איצט דער רופין־כביש, וואָס פאַר־בינדט רחביה, קרית משה, מיט בית הכרם. שפּאַרט דאָרט איצט אַן עולם אין די טויזנטער — צו באַוווּנדערן די אַלע מוזייען, וואָס זענען אויפגעקומען אויפן באַרג.

און דאָ האָט זיך מיין אויג אָפּגעשטעלט גאָר אויף אַ לעבעדיקן עקספּאָנאַט: אַ גרייז־גרויער תימנער ייד. דאָס זילבער־גרוי פון זיין פּנים רעמט איין אַ טונקל, איידל פּנים. ס׳איז רבי צדוק, אַ סופר סתם.

אינעם גרעסטן טומל פון אַ שבת האָט ער זיך דאָ פאַרקליבן, קוקט זיך איין אין די אַלטע מגילות, פאַרגלייכט דעם עבר מיטן היינט.

ר׳ צדוק — האָט נאָך אָנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אַ סאָלדאַט ביי די טערקן. דוכט זיך, אַז ער אַליין איז אַ גאַנצער מוזיי.

— פאַרשטייסט, — זאָגט ער צו מיר, — געקומען זען, וואָס יידן האָבן צונויפגעקליבן.

ער האָט נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון די פּאַרמעטן. און חוץ דעם, דער „גאָרטן פון סקולפּטור".

אונדזערע נטורי קרתא האָבן אפילו פאַרן אַנטשטיין פון מוזיי שוין אָנגערופן די זאַמלונג פון בילי ראָזס סקולפּטורן „גן־תרח". אָבער דאָס שטערט נישט רב צדוקן — און זיינס גלייכן, עלטערע פרומע יידן און יידענעס — אַריינקומען, קוקן און האָבן הנאה, שעפּן נחת, וואָס יידן האָבן אַזויפיל צונויפגעזאַמלט פאַר דעם ישראל־מוזיי אין ירושלים.

ס׳איז אַ מוזיי און אַ זאַמלונג פון אַלטערטימלעכקייטן. דאָך טראָגט זיך דערפון דער גוטער ריח פון אַ באַנייט לעבן.

דאָס איז די היים

אַ היים איז נישט בלויז די שטוב, ווו מ׳ווערט דערצויגן, ווו מ׳וווינט. אויך דער דרויסן איז און דאַרף זיין אַ היים.

פאַראַן היימען, מיט וועלכע מ׳ווערט געבוירן. פאַראַן אויך, וואָס מ׳קויפט זיך איין מיט אייגענער מי, אַפילו מיטן בלוט. אַזאַ היים איז תמיד נאָענטער, היימישער. מיר אָטעמען דאַן איין מיט אַ פולערער ברוסט איר לופט, באַוווּנדערן איר שיינקייט, דערשיינונגען, ענדערונגען. מיר בינדן זיך צו צו איר שטאַרקער אַפילו, ווי צו דער „געבוירענער״ היים.

...אין אַ זוניקן שבתדיקן ווינטער־פרימאָרגן בין איך אַרויס פון מיין שטוב אין ירושלים אַ שפּאַציר־טאָן צום דרך בית לחם — דאָרט ווו דער בית לחם־וועג שטייט אָן אָפּגעשניטענער. די זון האָט באַלויכטן די גאַרבן פון די בערג; אַליוון־ביימער זענען געשטאַנען פאַרטראַכט אין זייער זילבערגרוי; ערגעץ־ווו האָט זיך אַ מאַנדל־בוים צעבליט — צווישן די שטיינער, אין דער קילקייט פונעם ווינטער־פרימאָרגן, — זעט ער אויס ווי דער נס פון משהס רבינוס שטעקן...

די לופט איז אַ דורכזיכטיקע — ציען זיך פון דער ווייטנס דינע ברושן אין אַ שטילער תפילה צו די הימלען. אַ גוטסקייט איז אויסגע־גאָסן אויף אַלץ אַרום און אויך — אויף מיין געמיט. פּלוצלינג, אַ געל פאַרזשאַווערט שילדל מיר אַנטקעגן: „זהירות גבול לפניך!״ („פאַרזיכטיק, די גרענעץ!״).

אונטן שפּילן זיך קינדער, אויטאָס לויפן פאַרביי, אייזעלעך טראָגן אויף זייערע רוקנס מענטשן און משאות; אַ קעמל האָט אַנידערגעקניט און פון זיין האַרב נידערט אימיצער אַראָפּ, ווי אַמאָל־אַמאָל, בעת דער באַגעגעניש פון דער באָבע רבקה מיט יצחק אבינו. אַזוי מאָדנע מישט זיך אויס דער ווייטער נעכטן מיטן אַזוי נאָענטן היינט. איך קוק אויף

די מענטשן אונטן — זיי קוקן אַוודאי אויך אויף מיר. אַלץ איז דאָך אַזוי היימיש אַרום און — פּאַרזיכטיק, די גרענעץ!

פון דערווייטנס שימערירן די קופּאָלן פון אָמאַר־מעטשעט מיט זייערע קופּערנע קעפּ; פון אונטן — דער שער הרחמים. יעדעס ווינקעלע זאָגט, דערציילט עפּעס.

ווילסטו זיך איינרעדן, אַז אין אַזאַ טאָג קאָן נישט געדייען קיין שנאה. אין האַרצן יוירט דאָך בענקשאַפט צו פּשוטער בראשיתדיקייט. די איידעלע שיינקייט פון ירושלים שמייכלט אַרויס אַ צניעותדיקן שמייכל צו דער וועלט. דו פילסט בפועל ממש, אַז דו ביסט אין דער היים, אַז דער דרויסן אַרום איז דיין היים. די אַרומיקע היימישקייט רעדט צו דיין האַרצן, די ליכטיקע אַרעמקייט, וואָס שיינט דאָ אַרויס.

פון דערווייטנס כאַפּט דאָס אויג אויף די געוועבן פון די הרי מואב, דעם בלוילעכן ציטער פון די וואָלקנדלעך, וואָס גייען אויף פון ים המלח. פון דאָרט האָט רות געגנידערט קיין בית־לחם און פון איר שויס איז מלכות בית דוד אַרויס...

— פּאַרזיכטיק, די גרענעץ! — ווייזט מיר אַ פאַרבייגייער דעם פאַרזשאַווערטן שילד, ווי ער וואָלט מורא האָבן, אַז איך קאָן אין דער פאַרטראַכטעניש אַריבערשפּאַנען די געפערלעכע צעטיילעניש.

...יאָ, די גרענעץ. אויפן צפון האָט זי נאַרוואָס געשפּיגן מיט פייער און טויט. איצט קומט מען זיך צונויף אויף אונטערהאַנדלונגען מיט די צפונדיקע שכנים. ס׳איז שווער צו דערוואַרטן, אַז ס׳זאָלן נאָך דעם פאַרשווינדן די גרענעץ־שילדן און ס׳זאָל אויפקומען פולע רו דאָרט. אָבער...

און ס׳וואָלט זיך דאָך אַזוי וועלן, אַז די דראָענדיקע שפּראַך פון די שילדן זאָל פאַרשווינדן; אַז אַלע, אַלע אַרום און אַרום זאָלן זיך אויף אַן אמת פילן דאָ אין דער היים.

1965

דער פאַרשטערטער טאַנץ

ווי אַזוי טאַנצט מען אין מאה שערים דעם היינטיקן שמחת תורה — אַן ר׳ עמרם בלוי? — דאָס בין איך נייגעריק געווען צו וויסן. שטענדיק איז דאָך ר׳ עמרם געווען דער הויפּט־טענצער פון זיין קהילה. די פּיס האָבן קוים דעם באָדן באַרירט, ער האָט ממש געשוועבט אין דער לופטן פון חדווה און התלהבות. דער טאַנץ האָט הימלען געעפנט, אַ שמועס מיט גאָט געפירט. די פּאָלעס פון די זיידענע קאַפּאָטעס און געשטרייפטע כאַלאַטן האָבן געפלאַטערט; אונגאַרישע שטריימלעך האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט גאַליצישע; די פּיס אין ווייסע זאָקן האָבן געשניטן די לופט...

אויך היינט טאַנצט מען. קינדער מיט לאַנגע פּאות זיצן רייטנדיק אויף די אַקסלען פון טאַטעס און זיידעס, מאַמעס און באָבעס קוקן פון שפּאַרונקעס אין דער עזרת נשים אַראָפּ און האָבן הנאה...

עס שטעלט זיך אויס אַ ראָד. אַ זיבן־יעריק יינגעלע טאַנצט — טאַנצט אויס וואונדערלעכע פיגורן. די פּיסלעך פלאַטערן, די בעקלעך פלאַ־מען. דער עולם פּליעסקעט מיט די הענט.

כ׳האָב זיך צוגערוקט נענטער כדי בעסער צו זען. האָט אַ קינד, פון אַ יאָר אָנדערהאַלבן, זיך גענומען צו מיינע ברילן. איך האָב עס אַ גלעט געטאָן — האָט עס זיך צעשמייכלט מיט זיינע בלויע אייגעלעך. דער טאַטע האַלט דאָס יינגעלע אין די אָרעמס און האָט הנאה, וואָס זיין קינד געפעלט מיר. ער שמייכלט — דאָס איז דער זון פון ר׳ עמרם בלוי. אויך זיינע אויגן זענען דעם טאַטנס — ים־בלויע. און ווי בלאָנד זיי אַלע זענען...

דער טאַנץ צעוויגט זיך איבערסניי. דאָך פילט זיך עפּעס אַ גע־דריקטקייט אין דער צעהוליעטקייט: דער הויפּט בעל־שמחה איז נישטאָ — אַזוי ווי אַן אויסגעריסן בלאַט פון אַ ספר. אַ בייז אויג האָט זיך דאָ אַריינגעריסן... אַן אַלטער ייד מיט אַ צערינצלטן שטערן און טרויעריקע אויגן — כאָטש ער באַמיט זיך אַרויסצוווייזן אַ פריילעכקייט — לאָזט זיך נישט אַריינציען אין טאַנץ. ער איז אַ מושבניק...

— צופעליק אין ירושלים... כ׳האָב דען כוח צו טאַנצן? כ׳מוז אויפשטיין אין דער פרי און זיך נעמען צו דער אַרבעט...

פאַמעלעך לעשט זיך אויס דער טאַנץ און די גאַנצע יום־טוב פרייד. ווי עמעצער וואָלט דאָ געשטערט, פאַרשטערט דעם טאַנץ, די פרייד.

1965

דעם אייזעלעס רו

אַן אייזעלע, אַ פשוט אייזעלע. אָבער אויך אַן אייזל דאַרף האָבן מזל.

יעדן טאָג פלעג איך אים זען פאַרביישפּאַנען. באַזונדערס — פרייטיק. נאָך אים איז געגאַנגען דער בעל־האייזל, מיט זיינע זין און טעכטער, אַרום דעם וועגעלע אויף צוויי רעדער, אָנגעשטעלט מיט סיפּאָנען סאָדע־וואַסער. די יינגלעך — מיט לאַנגע פיאות; די מיידלעך — מיט זאָקן און הויך־פאַרשפּילעטע קליידלעך. אין די גרעסטע היצן. און דער טאַטע אַליין — די סאַמעט־יאַרמעלקע און פליוש־קאַפּעליוש דערציילן פון זיין חסידיש־אונגאַרישן ייחוס. האָט ער געטריבן דאָס אייזעלע איבער די גאַסן פון ירושלים מיט אַ קלאַפּ פון שטעקן. קלעפּ האָט ער נישט געזשאַלעוועט — כאָטש מיט רחמים. פאַרט אַ רחמנות אויף גאָטס באַשעפעניש. און אַ פרייטיק נאָכמיטיק פלעגט ער אים אַפילו צוטראָגן צו דער מאָרדע אַביסל אונטערגעפוילטע מייערן (וואָס זענען נישט אַריין אין שבתדיקן צימעס).

זינט אַ פּאָר וואָכן האָב איך נישט געזען דאָס אייזעלע. דאָס וועגעלע האָט געשלעפּט די משפחה אַליין — די זין, טעכטער. געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּלעך, ווי דאָס אייזעלע אַמאָל...

ענדלעך איצט, נאָך די יום־טובים, האָב איך ווידער דערזען דאָס אייזעלע. עס האָט קוים געשלעפּט דאָס וועגעלע און אַ גרויסער צער האָט אַרויסגעבליקט פון זיינע אויגן.

און ביי דער זייט — זיין באַלעבאָס, אָבער אָנעם שטעקן אין האַנט. פרעג איך: פאַרוואָס?

— דאָס אייזעלע איז, לא עליכם, געווען זייער קראַנק — ענטפערט ער מיר — ערשט היינט צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס. האָב איך נישט גענומען דעם שטעקן, זאָל ער זיך אייניקע טעג אָפּרוען. ער האָט נעבעך נישט קיין כוח צו באַקומען קלעפּ...

1966

איבערגעצויגן זיך...

מיט צענדליקער יאָרן צוריק — ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַריין אין די טויערן פון ירושלים, דורכפאָרנדיק דעם שיין־געשלענגלטן וועג איבערן קאַסטעל־באַרג — האָט דער אַריינפאָר קיין ירושלים נישט געמאַכט אַזאַ געהויבענעם רושם.

רעכטס — דאָס יתומים־הויז א. נ. פון דיסקין: אַ באַרג מיט אייניקע מאָגערע ביימלעך; אַ הויז פון „עזרת נשים" — פאַר גייסטיק קראַנקע; אַ הויז פון ישיבה „עץ חיים" — באַקלעפּט מיט ווייסע שילדלעך, מיט אַ „זכר עולם"; און אויף דער לינקער זייט — אַ מושב־זקנים. שוין דאַן — אַ זקן מופלג. אויף די רויטע דאַכוווקעס איז שוין אָנגעוואַקסן אַ גרינער מאָך. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט אַלטקייט, צומאָל מיט שימל.

אָבער אַז מ'האָט די זכיה אַריינצוּוואַקסן אין ירושלים, זעט מען ערשט ווי יונג די שטאָט איז און וואָס פאַר אַ סיורפּריזן זי קאָן באַווייזן.

אָט האָט מען באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן דעם מושב זקנים, אָפּצו־רוימען דעם פּלאַץ. דאָ בויט מען איצט אַ האָטעל און די צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע.

די זקנים זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ ניי הויז, וווּ אַלץ בלאַנקט פון פרישקייט. זיי קאָנען טאָקע זינגען „חדש ימינו כקדם".

אַ שאָד בלויז, וואָס דאָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי שטיל, אָן פּאַראַד. דווקא אַרום דעם אַריבערציען האָט מען געמעגט מאַכן אַ שטיקל

טראַסק — און טאַקע מיט מוזיק, אַ קלייניקייט: אַריבערגעפּירט זקנים — לעבעדיקע. זיי זענען זוכה געווען צו אַ נייער דירה אין אַלט־יונגן ירושלים.

און אויב די זקנים האָבן דאָס דערלעבט, וועלן מיר נאָך האָפנט־לעך דערלעבן אַ סך שמחות און יונגע פריידן אין אונדזער הויפּטשטאָט ירושלים.

1966

מחותנים האָבן געוויינט...

ביים מאַנדעלבוים־טויער זענען זיך צונויפגעקומען מחותנים פון חתנס און פון כלה׳ס צד, מ׳האָט געפּראַוועט אַ חתונה.

די שפּעטע נאָכמיטיק־שעהן האָבן זיך אין גאָלדענעם שלייער געהילט, געשפּיגלט זיך אין די שויבן פון הייזער, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויפן גרענעץ־פּאַס.

אויף דער חתונה, וואָס האָט פאַראייניקט צוויי יונגע לעבנס, האָט זיך געפילט אַ צעריסנקייט. ס׳איז אַ חתונה פון אונדזערע אַראַבישע שכנים פון ביידע זייטן. און פּלוצלינג האָט זיך אַ שלוכצן דערהערט, טרערן זענען קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן, טרערן זענען אַ בריק — צווישן מענטשלעכע הערצער.

אפשר וועלן אַזעלכע טרערן ווערן אויך אַ בריק פון פאַרשטענ־דיקונג — צווישן אונדז און אונדזערע שכנים פון יענער זייט מאַנדעלבוים־טויער ?

1966

דער לעצטער ביס

דאָס איז געווען אין ירושלים, אין די פּייערדיקע טעג פון יאָר 1948. דאָס פאָלק איז אַנטקעגנגעגאַנגען די טעג, וואָס זענען געווען אָנגעפּולט מיט משיחישער וואָר.

יונגע פּלמ״ח־חברה האָבן באַגלייט מאַשינען, וואָס זענען געגאַנגען „ערגעץ־ווו״. אין הויף פון דער סוכנות האָב איך צווישן זיי געזען אַ יוגנטלעכן, אַן איין און איינציקן זון פון מיינער אַ באַקאַנטער משפּחה. ער איז געשטאַנען אומגעדולדיק, געוואַרט אויף עמעצן. אָט האָט ער זיך שוין אַריינגעזעצט אין אַ געפּאַנצערטן אויטאָ און קוקט אַלץ אויס מיט אומגעדולד...

אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעט מיידל, מיט פאַררויטלטע באַקן. זי האָט אים דערלאַנגט אַן „עוגה״. ער האָט זיך זוניק צעשמייכלט און איינגעביסן אין דעם קוכן. די צווייטע העלפט פון קוכן האָט ער מיט זיין מויל דערלאַנגט צו אירע צעשמייכלטע ליפּן. אויך זי האָט זיך איינגעביסן אין קוכן און אפשר האָבן זיך זייערע ליפּן באַגעגנט מיט אַ קוש?...

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געלייענט אַ ידיעה אַז אויפן מיליטערישן בית הקברות, אויפן הר הרצל אין ירושלים, וועט פאַרקומען זיין לוויה. ער איז געפאַלן אין יענעם טראַנספּאָרט, נאָכדעם ווי כ׳האָב אים געזען איינבייסן זיך אין אַ קוכן.

דאָס איז געווען זיין לעצטער ביס.

אַן אַליון־צווייגל

דער ערשטער יום העצמאות. מיר האָבן געזוכט באַצירונגען פאַר אונדזער שטוב. יעדער איינער האָט געוואָלט וואָס שענער באַפּוצן דעם פראָנט פון זיין דירה אין דעם דאָזיקן ערשטן יום־טוב־טאָג פון אונדזער אומאָפּהענגיקייט.

די שטובן זענען דאַן געווען אָרעם, די חלומות — רייך.

פּאַמעלעך, טאַפּנדיק מיט זיין שטעקן אין דער פינצטער, איז אָנגעקומען מיין שכן עמנואל. אויך אויף זיין שטענדיק ערנסט פּנים איז דאָס מאָל געווען אויסגעגאָסן אַ שמייכל. מיט זיינע נישט זעעוודיקע אויגן האָט ער געקוקט אויף מיר און געבעטן: „העלף מיר אָפּרייסן אַן

אַליוון־צווייגל פון דעם בוים, וואָס וואַקסט ביי מיין הויז. אַליוון־צווייגל איז שלום, און שלום דאַרף מען שטענדיק״...

ער האָט מיט אייגענע הענט דאָס צווייגל פאַרהאָנגען איבערן אַריינגאַנג אין זיין שטוב.

פופצן יאָר זענען זייט דאַן אַוועק: אין דער דירה וווינען שוין פון לאַנג אַנדערע שכנים. נאָר דאָס אַליוון־צווייגל וואָגט קיינער נישט אַראָפּצונעמען. עס הענגט ווי אַ סימבאָל פון אונדזער הויז. און יעדעס יאָר, אין יום־העצמאות דערמאָנט זיך מיר דער בלינדער עמנואל און זיין אַליוון־צווייגל — דער סימבאָל פון אונדזער פרייהייט און די אויס־געבענקטע האָפענונג פון מיליאָנען פּשוטע מענטשן אויף גאָר דער וועלט, דאָס צווייגל פון שלום.

1966

אַ גילגול פון מאָניש

ווי האָט פּרץ דערציילט: געווען אַמאָל צייטן מיט יוסטע באַלע־באַטים, אייזערנע מוחות און צווישן זיי — אַ בחור, מאָניש. מילא, ווייסט איר דאָך זיין געשיכטע. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זעלבע קאָן היינט געשען אויך אין מאה שערים. דאָרט, ווייזט אויס, זענען די צייטן געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז מאָניש איז געווען אַ יונגער בחור, קוים זיבעצן, בלוט און מילך. אפשר איז דערפאַר לייכט געווען די אַרבעט פון שטן — דער יצר פון לעבן האָט אים צוגעהאָלפן. אָבער דער גילגול פון מאָניש, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די הייליקע געצעלטן פון מאה שערים, איז שוין איבער די זיבעציק. ער אַליין האָט געזאָגט מוסר דער גאַנצער וועלט, געשטראָפט נאָענטע און ווייטע. ווער שמועסט נאָך אין הלכות נשים — דאָ האָט ער נאָר אַ צוים צו אַ צוים באַהעפט. די באַשערטע האָט מען דאָך נישט געטאָרט זען ביזן חופּה־טאָג. און נאָכדעם האָט מען דען געטאָרט קוקן אויף אַן אשה?

און דאָ גאָר — אין מיטן דרינען: אַזאַ טראַך! דער יצר הרע

האָט זיך פאַרגנבעט צום ראש פון נטורי קרתא אין דער געשטאַלט פון אַן אשה, וואָס האָט אָפּגעטאָן די „הייליקע אַרבעט" אויסצובאַהאַלטן יאָסעלע שומאַכער. און אין הסכם מיטן פּסוק „עבירה גוררת עבירה" — האָט זי זוכה געווען צו אַ לייטזעליקן בליק פון ר' עמרם אַליין.

צופן רבנים די בערד פאַר צער, טראַכטן די אַרומיקע: וואָס האָט דאָ פּלוצלינג פּאַסירט?

מאָדנע זענען די ספּריטנע דרכים פון יצר הרע. מאה שערים גייט איצט דערפאַר אויף רעדלעך: איבערגעריסן אין מיטן די גאָלדענע קייט פון הייליקייטן...

ברענגט מען אַפילו ראיות: בועז איז דאָך אַלט געווען אַכציק יאָר, ווען זיין בליק האָט באַמערקט אויף די פעלדער רות המואביה — און פון איר שויס איז דאָך אַרויסגעקומען דוד אַליין... איז אפשר טאַקע: ווער ווייס פון וועמען די איצטיקע רות איז צוגעשיקט געוואָרן און אַז ס'קומט אַזאַ מצווה אין רבי עמרמס הענט — זאָל ער זי אַרויס־לאָזן?

מאָדנע זענען די וועגן פון גאָט און די מחשבות פון מענטשן, אַזוי איז געווען און ווייזט אויס — אַזוי וועט ווייטער זיין. אַמאָל — אין קעניגרייך פּוילן, אין אַ „שטעטל גרויס, ווי אַ גענעץ". איצט — אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. אויך דאָ האָט מען דערהערט שופר בלאָזן נישט אין אלול, נאָר אין ניסן. טאַקע אַנדערע צייטן און אַנדערע העלדן, אָבער דער שמערץ איז דער זעלבער און דער זעלבער — דער צאָרן.

1966

שהחיינו!...

אָט שטייט ער אין זיין גאַנצער פּראַכט דער געזעצגעבערישער בנין פון פאָלק, דער בנין פון דער נייער כנסת, צווישן די רעגירונגס־געביידעס און דעם אוניווערזיטעט, נישט ווייט פון מוזעאום און דעם

בית־הספרים, ווו מען קען זען די פאַנאַנדערגעוויקלטע „מגילות הגנוזות״, און אָט איז דערנעבן דער גן־הנשיא.

נייַן, דאָ איז נישט ענג, אַזאַ פּראַקטיקע ברייטקייט שיילט זיך אויס אין דער סאַמע מיט און דער בנין אַ פּירעקיקער קוקט אויף אַלע זייטן פון זיין בערגל צו דעם צעטיילטן ירושלים.

דאָס הויז אין גבעת־רם וועט זיך אַרויסשיילן פון אַרום, וועט ווערן דער צענטער, אין וועלכן עס וועלן אויסגעקריצט ווערן אין פּאַר־לאַמענטאַרישן געראַנגל די געזעצן פאַרן לאַנד, לויט וועלכע דאָס פאָלק דאַרף לעבן אויף זיין ערד.

אויסגעהונגערט איז דאָס פאָלק געווען צו זעלבסטשטענדיקייט. אַ סך באַנעמען נאָכנישט די באַנייאונג וואָס קומט פאַר פאַר זייערע אויגן, ווערט זעלבסטשטענדיקייט אַ געוויינלעכער ענין. און דאָך איז פאַראַן אין ירושלים אַ געוויסע אייגנאַרטיקייט. שטענדיק זעסטו זי, עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז זי איז אַ טייל פון ירושלים, פון דיין געמיט, פון דיין שטרעבן. זי איז דער אויפברויז, דער גלעט און גלייכצייטיק דאָס שטראָף־און טרייסט־וואָרט פון נביא, וואָס זיין ווידער־קול הערט זיך נאָך אַרום.

ווי שווער אַלץ קומט אונדז אָן, דעריבער איז אַלץ אונדז אַזוי טייער. מען פאַרגינט אונדז נישט און אַ סך מאָל זענען מיר אַליין נישט פעאיק אויפצונעמען גרויסע געשעענישן. האָט דאָך ירושלים געדאַרפט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט און היינט האָבן מיר זוכה געווען זי זאָל ווידער ווערן די בירת־ישראל, די הויפטשטאָט. פעלקער גייען אויף צו איר פון אַלע לענדער, פון אַלע וועלט־עקן, באַוווּנדערן איר שיינקייט, פאַרנעמען איר וואָרט, דעם ווידער־קלאַנג וואָס הערט זיך נאָך פון נביא׳ס זאָג.

קיל איז אין ירושלים און דאָך קומט מען זיך וואַרעמען אין איר. אַ געהיימער אומעט איז אויסגעגאָסן איבער די בערג, וואָס רינגלען זי אַרום אין אַ זילבער־גרויען שאָטן. ערשט נעכטן האָבן דאָ שאַקאַלן געלאָזט הערן זייער יאָמער אין די פוסטע נעכט, צווישן טרעשטשנדיקע שטיינער באַקעטע, וואָס פאַרדעקן די ערד, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן

לאָזן קיין שום גרעזל דעם קאָפּ אויפהייבן און צום לעבן זיך באַהעפטן.

און די שטיינער האָבן זיך געבעטן: אַ תיקון גיט אונדז. אויך שטיינער בעטן אויף גאולה און שרעקן זיך פאַר אייביקער וויסטעניש און פוסטיקייט. און מזל דאַרפן שטיינער האָבן, בכדי זיי פאַרוואַנדלען אין בוי, אָדער זיי פאַנאַנדערוואַרפן. איצטער נאָך הונדערטער יאָרן, האָבן שטיינער זיך דערוואָרט אויסגעלייזט צו ווערן און מען בויט פון זיי די כנסת פאַר דער זעלבסטשטענדיקער מדינה ישראל...

אין דער דאָזיקער אלול־נאַכט, ווען עס האָבן זיך צעלויכטן די שטיינער אויף די רעגירונגס־געביידעס, האָט מיט דער גאַנצער טראַגישקייט אַרויסגעפּלאַמט דאָס יזכור־ליכט פון אונדזער אומקום. ווי שווער איז די געבורט פון ואהבת, ווען די שנאה טראָגט זיך פון אַרום. און דווקא אין דער גרויסקייט פון דער פּראַכט, וואָס ווערט דאָ פונאַנדערגעבויט, פילט זיך דער בלויז, די וואָס פעלן אונדז.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום ירושלים. עס שטראָמען טויזנטער צום בנין. פענער פלאַטערן באַוויגן פון אַ לייכטן ווינטל, רוישן איבער די קעפּ פון פאַרזאַמלטן עולם. עס דערהערט זיך די שטימע פון יושב־ראש־הכנסת קדיש לוז. עס ווערן אויסגערופן די נעמען פון די געסט פון די לענדער, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן כבוד ירושלים. אָט איז דאָס קליינטשיקע איסלאַנד, וועלכע האָט געשיקט קיין ירושלים דעם פאָרזיצער פון עלטסטן פּאַרלאַמענט אין דער וועלט. און אָט איז דער פאָרשטייער פון ענגלאַנד, נעכטן זענען זיי דאָ געווען באַלעבאַטים, היינט — באַגריסער.

עס באַווייזן זיך דעלעגאַציעס פון צענדליקער לענדער, טויזנטער מענטשן פון פאַרשידענע קלימאַטן, פון פאַרשידענע קאָנטינענטן, פון פאַרשידענע קאָלירן, פון יאַפּאַן ביז די ניי־אויפגעשטאַנענע אַפריקאַנער לענדער. עס שאַלן טראָמפּייטן, דער נשיא קומט אָן. קורצע רעדעס און מאַדאַם ראָטשילד שניידט איבער די לענטע. די כנסת איז אָפן.

אויך דער נדר פון ח״י מיליאָן פונט זאָגט עפּעס, סימבאָליזירט עפּעס. עס דערמאָנען זיך איינצלנע באַראָנישע קאָלאָניעס, און איצטער אַ לאַנד אָן אויסגעלייזטס, וואָס פאָדערט יידן, פאָדערט יידישע הענט

פֿאָדערט האָרץ, אויסדויער און איבערגעגעבנקייט. נאָך אַלעמען וועט דאָך נישט באַשטימען דער אויסערלעכער גלאַנץ, נאָר דער אינערלעכער ציטער פֿון האַרץ. אַלע יידן אין זייער גאַנצער צעשפּרייטקייט האָבן אוודאי דאָס אָפּגעפּילט אין דער דאָזיקער מינוט, די אחריות און פֿרייד פֿון ווידערוועררן, ווען אַ פֿאָלק ווערט אויפֿסניי איבערגעבוירן און פֿאָרמט אויס זיין פּרצוף אין אויסערלעכע פֿאָרמען און אינערלעכן אינהאַלט.

עס שטייען די רבנים הראשים און העמערן אָן די מזוזה. און אָט איז אונדזער אַלטיטשקער ד״ר נחום ניר, דער געוועזענער כנסת־פֿאָרזיצער. ער ווערט פֿייערלעך פֿאַרבעטן אָנצוצינדן דאָס פֿייער. און דאָס פֿייער פֿלאַקערט אויף, באַלייכט די פּנימער אין דעם אַרום. אין דער זעלבער מינוט צינדן זיך אָן פֿייערן אויף די אַרומיקע בערג. אַזוי האָט מען אַמאָל אָנגעזאָגט דאָס קומענדיקע נייע יאָר. עס חזרט זיך איבער פֿון זיך אַליין דער „חדש ימינו כקדם״. דער חבר ניר און די אַנדערע זקני־העדה סימבאַליזירן דאָך דעם גאַנג און דאָס ווערק, וואָס מיר בויען היינט.

יאָרנלאַנג האָט מען געהאַמערט די שטיינער פֿון ירושלימער באַרג, ביז מ׳האָט צוגעגרייט דעם באָדן, ווו ס׳דערהייבט זיך דער נייער בנין פֿון דער כנסת, וועלכן מ׳זעט איצט פֿון אַלע עקן שטאָט.

איר קאָנט נאָך געפֿינען אַרום דעם בנין גרופּעס שטיינהעקער, קורדישע יידן. דוכט זיך דיר — דאָס זענען די זעלבע, וואָס האָבן געשניטן אַ וועג אין די בערג, ווען ירושלים איז געווען באַלאַגערט, אין יאָר 1948. היינט — ענדיקן זיי אויס דאָס פֿלאַסטערן די טראָטואַרן אַרום דעם נייעם כנסת־בנין, וואָס שיינט אַרויס פֿון דעם אַרום. אים צופֿוסנס — פֿאַרשידענע רעגירונגס־בנינים; דאָס אוניווערזיטעט־שטעטל מיט זיינע פֿאַרשידענע טיילן און געביידן; דער מוזיאון ישראל; גאַנץ אין טאָל — די קירך פֿון דער מצלבה.

פֿון ערגעץ ווו האָט מען אַהערגעבראַכט אַלטע אַליוון־ביימער און אַריבערגעפֿלאַנצט זיי אַהער — אַרויסגענומען דעם שטאַם מיט די וואָרצלען און פֿאַרוואָרצלט אין ירושלימער באַרג, ווו זיי פֿילן זיך טאַקע ביי זיך אין דער היים. אָט גרינען מיט פֿרישקייט און זאַפֿטיקייט די בלעטער זייערע לכבוד דעם ווידעראויפֿגעלעבטן ירושלים. די שטאַמען

פון די ביימער זענען געקאַלכט געוואָרן קעגן קראַנקהייטן, זעען זיי אויס ווי זיי וואָלטן טליתים אָנגעטאָן און תפילה געטאָן צום בנין פאַר דער כנסת.

פון דער ווייטנס בלאַנקען די הייזער פון בית הכרם און בית וגן און „יפה נוף”. נישט בחינם האָבן זיך יידן געוווּנטשן צו טרעפן אין ירושלים הבנויה, אינעם ווידעראויפגעבויטן ירושלים. אַזויפיל שיינקייטן איז דאָ פאַראַן: אַ ציטערדיקע פאַרבן־שפיל פון זילבער־גרוי און ראָזאַ־שטיין, פון פיאָלעט־שטראַלן און פאַרנאַכטיקער גאָלדקייט — אין דער צעלויכטנקייט אויף ירושלימס שטיינער. און איבער אַלץ — שיינט איצט דער בנין פון דער כנסת.

און לאָמיר האָפן, אַז נאָך אַלע פאַרצירונגען און מייסטערווערק, וואָס זענען דאָרט אַריינגעבראַכט געוואָרן, וועט דאָס הויז אויך געבן שיינע געזעצן און שיינע לערעס פאַרן פאָלק אין ישראל.

פראָזשעקטאָרן באַלייכטן די סביבה. ערגעץ הערט זיך אַ מאַמעשער קרעכץ, ווי דאָס וואָרקן פון אַ טויב „ושבו בנים לגבולם” — און די קינדער וועלן צוריקקומען צו זייערע גרענעצן. ניין, קינדערלעך, עס איז נישט לייכט, אַרום און אַרום הערשט נאָך שנאה. פיל סאָציאַליסטישע לענדער האָבן זייערע פאָרשטייער נישט געשיקט. עס פעלט דער ראַטנ־פאַרבאַנד, וואָס האָט געשטימט פאַר אַ יידישער מדינה. שוקיירי באַרימט זיך נאָך אַלץ, אַז זיינע רוצחישע באַנדעס ווערן אויסטרענירט אין כינע. מיר וועלן אָבער היינט מיט שנאה נישט ענטפערן, מיר וועלן רופן צו שלום פון דער שטאָט, וואָס סימבאָליזירט שלום, שלום צום נאָענטן און ווייטן מזרח.

און שלום זאָל הערשן אין דעם דאָזיקן הויז, וואָס שטייט און היט ירושלים און קוקט אויף דעם אַרום און אויף דער גאַנצער וועלט.

מיר וועלן אַלע מאַכן שהחיינו איבער דעם בנין, וואָס ירושלים האָט באַנייט אויף ראש השנה תשכ"ז.

1966

יאָסל חריף

אויפן וועג קיין ירושלים

מיט גרויס פּאַראַד איז אויפגעדעקט געוואָרן דער מאָנומענט אויפן וועג קיין ירושלים, ביי באַב־אל־וואַד, דעם „טויער פון די טאָלן".

דורות לאַנג האָט מען געשטערט דעם אויפגאַנג אונדזערן אין דער שטאָט פון אונדזערע בענקשאַפטן. אַ סך, אַ סך טייערע לעבנס זענען דערפאַר אָוועקגעגעבן געוואָרן כדי ווידער צו עפענען דעם דורכגאַנג און באַנייען דעם וועג צו אונדזער הייליקער שטאָט.

אין יאָר 1936 האָבן די כנופיות געשפּיגן מיט פייער פון ביידע זייטן בערג אין טאָל אַריין. אָבער מען איז פאַרט געפאָרן, דורכגעריסן זיך.

דערנאָך זענען געקומען די שווערע מלחמה־יאָרן, ערב דער ידישער מדינה: אָט שטייען נאָך פאַר מיינע אויגן די פּנימער פון אַ סך פון די פּלמ"ח־ייִנגלעך, וואָס האָבן דאָ אָוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס; עס דערמאָנען אונדז אויך יענע בלוטיקע טעג די שקעלעטן פון פּאַנצער־אויטאָס, ביי די זייטן צעוואָרפענע, וואָס ווערן אין די יאָרצייטן פון נאָענטע מיט בלומען־קרענץ באַהאַנגען. אָט פון דאַנען האָט מען דורכ־געריסן דעם וועג קיין ירושלים! פּסח תש"ח איז דורך דעם וועג דער ערשטער ידישער קאַראַוואַן ווידער אָנגעקומען קיין ירושלים.

נישט צו פאַרגעסן איז דאָס בילד ווי דער אַלטער, פרומער ירושלימער מאַלער בעק, איז אַרויס — אָן איינגעהילטער אין טלית, מיט אַ פלאַש משקה אין האַנט — אַנטקעגן די פּלמ"חניקעס, כדי צו טרינקען מיט זיי לחיים, צו מאַכן אַ שהחיינו. ער האָט געקושט זייערע צעריסענע, פאַרשטויבטע קליידער; דער אַלטער דור האָט דאַן געשטראַלט מיט אמתער אהבת ישראל צו די באַפרייערס פון ירושלים.

איצט קוקט דער מאָנומענט אַראָפּ אויף די באַפרייטע וועגן. אַרום גרינט אַלץ; צאַרטע פרוכט־ביימער שאָקלען זיך אין ווינט, ווי זיי וואָלטן שירה געזונגען פאַר דעם רומפולן דור.

מיט אַן ערך דריי טויזנט יאָר צוריק האָבן אונדזערע אבות

נישט ווייט פון דאַנען די פלישתים אַפּגעשטויסן, די יבוסים באַזיגט און ירושלים איז יידיש געוואָרן לדורות.

די איצטיקע מצבה איבערן „טויער פון טאָלן" איז אַ רינג אין דער קייט פון יידישער אייביקייט אין ירושלים.

1966

ירושלים אין די איצטיקע טעג

א. אויפגעמאַכטע טויערן

יאָרן האָבן זיי געשראָקן, די פאַרמאַכטע טויערן פון ירושלים. פאַרמאַכטע טויערן, וואָס לאָזן נישט אַריין. זענען ווי אַ בייז פאַרשלאָסן האַרץ אָן רחמים.

איצט האָבן זיי זיך אויפגעריגלט, די ריגלען, און טויזנטער גייען אין זיי. און נישט בלויז די מויערן האָבן זיך אויפגעמאַכט, נייערט אויך די הערצער.

קנאַפּע צוואַנציק יאָר האָט זיי אַ זשאַווער באַדעקט. זשאַווער פון צייט און פון אָנגעוואַקסענער שנאה. און איצט, ביים אויפרייסן זיי צום פרייען פאַרקער, ווערט דער זשאַווער אַפּגעטרייסלט און די שנאה פאַרשווינדט.

ווי אַ קייט פון דורות וואָלט זיך צונויפגעפלאָכטן, אַזוי דאָס צונויפּגיסן זיך פון אַלט און ניי: איין ירושלים.

ס'איז אָן אויסטערלישע פאַרברידערונג און שלום־אָנזאָג פון דער שלום־שטאָט ירושלים. אַרום — אַ ים פון שנאה און אַ ווילן פאַר די שענסטע חלומות.

הערן מענטשן נישט אויף צו גיין עפּעס אַ מין פרייהייטס־גאַנג, וואָס הערט נישט אויף. ווי אַלע צוימען וואָלטן זיך אויפגעריסן. מענטשן קוקן אין פּנים איינער דעם צווייטן. — איז די רשעות פאַרשוווּנדן?

זאָלן נאָר די „שלום־מאַכער" פון דער וועלט נישט קומען האַנדלען דאָ מיטן שלום, אויף די געמאַרקן פון ירושלים; זאָלן זיי לאָזן ביידע

פעלקער לעבן אין פרידן און אין בוי. דער אמתער שלום וועט קומען. וועט ווערן.

פאַרן כבוד פון ירושלים, ווו עס פילן זיך נאָך דעם נביא׳ס טריט: — אָפּענע הערצער אין אָפענע טויערן.

ב. אין דיינע געסלעך, ירושלים

ווי באַענט זענט איר מיר, געסעלעך פון אַלט־ירושלים, געסעלעך שמאָלע, ווו מען שטופּט זיך אַדורך נעבן אייזעלעך וואָס שלעפּן משאות.

ווידער זאַפּ איך איין דעם ריח פון די בשמים־קלייטלעך, אַ סך פון די קרעמער זענען די זעלבע, זיך נישט געענדערט. געבליבן ווי געווען.

גיי איך אַזוי ווי אַמאָל, אַן אַ ציל, אַן אַ צוועק, טרעפּ־אַראָפּ טרעפּ־אַרויף. ביז איך קום צו דער יידן־גאַס. שילדלעך אויף הייזער „מקום קדוש". דאָ און דאָרט אַן אָפּגעמעקטע שול. די שטיינער צעוואָרפענע. אויסגעריסטע פון בראַנדן. ווי פיין דאָס אַלטע אַזיע האָט דאָס קאָפּירט די אייראָפּעישע „ציוויליזאַציע". אַלץ איז געפּאַרט מיט יידן־האַס...

יידן קוקן אין די הייף ווו זיי האָבן אַמאָל געלעבט, דורות אויף דורות. האָט זיך אַזיע געפלייסט אויסצוואָרצלען דאָס יידישע לעבן, אויך דאָ.

אַרייך בין איך דורך דעם יפו׳ער טויער, דורכגעשניטן ביז צום שער שכם און פון דאָרט ממשיך געווען און פאַרקערעוועט צום הר־הזיתים.

אויך דאָ אַ קאָפּיע פון דאָרט. שפּורן פון אייראָפּעישער ציוויליזאַציע אין מיטעלן מזרח: — צעהאַקטע מצבות און צעוואָרפענע טויטן־ביינער...

און איבער זיי אַ נייער שאָסיי, וואָס פירט צום ים המלח...

דער יד אבשלום שטייט אַ פאַריתומטער. אַלע מצבות אַרום זענען צעריבן, אָפּגעמעקט. מען זוכט אַ היימישע מצבה פון אַ נאָענטן מענטשן, נישטאָ...

דערמאָנסט זיך דעם דאָרט, דיין גלות־היים. ווו מען האָט נישט

געשווינט נישט נאָר אונדזער לעבן, נאָר אויך געשענדעט אונדז דעם טויט.

כאַפּסט אַ בליק אויף דעם שער הרחמים, ווו צופוסנס ווייסלען זיך די קברים פון די שכנים און דערהערסט אַ קול פון אַ טראַנזיסטאָר. אַ „קולטור"־דיסאַנאַנס צו דער בית־הקברות שטילקייט, ווי די פרייהייט וואָלט פאַרבלאָנדזשעט און זיך פאַרפּלאָנטערט.

אַ לופט־בריק פון סאָוויעטישע עראָפּלאַנען פירט קיין מצרים געווער. מצרים איז נאָך נישט זאַט מיט גלוסטונג צו מאָרד און טויט...

גיי איך צוריק אין די געסעלעך, טרעף ווידער אָן דאָס גרויסע וווּנדער פון אַ גאַנץ ירושלים ווו ייד און נישט־ייד גייען צוזאַמען.

ווי שנאה וואָלט פאַרשווונדן אויף אייביק זעען אויס ליכטיקע די טונקעלע שמאָלע געסעלעך פון דער אַלטער ירושלים, ווי זיי וואָלטן זיך ווען אויסבאַהאַלטן פאַר „גוטע פריינד", „עצה געבער" און „שלום פאַרשפּרייטער" אויף דער זינדיקער ערד, ווי זיי וואָלטן ווען לעבן אַט אַזוי באַשיידן, שטיל, אָרנטלעך אין ברידערלעכקייט, כקדם, ווי אין די אוראַלטע צייטן...

1967

פאַרטיפט אין תפילות

שפּאַצירט האָב איך מיט מיינע געסט, אַ גרופּע יוגנטלעכע פון בעלגיע, מיט אַ גייסטלעכן בראש. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד, געווען מיין גאַסט. דאָס מאָל איז ער געקומען מיט אַ גרעסערער גרופּע זען דאָס אַלט־נייע ירושלים.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים דורך חברים, וואָס לעבן אין אַ קיבוץ. אין די נאַצי־יאָרן זענען זיי אין בעלגיע געווען פאַרבונדן מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג, צו וועלכער דער גייסטלעכער האָט געהאַט אַ שייכות. אַליין איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר פאַר טעאָלאָגיע און שפּראַכן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געשפּאַנט איבער דער שטאָט, איינגעזאַפּט אין זיך די װוּנדער פון װידער גאַנץ־װוערן. איינקוקנדיק זיך אין אַלע װוּנדערלעכע װינקעלעך, זענען מיר פאַרנאַכט־צו אַרויף אויף דעם הר־הזיתים צו דער קירך גד שמנא. אַ גאָר פאַרהייליקטער פּלאַץ פאַר די קריסטן, װוּ קריסטוס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די רוימער אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

עס איז שוין געװען שפּעטלעך און אין מיטן די פאַרנאַכט־תּפילות. האָט מען אונדז נישט אַזוי לייכט אַריינגעלאָזט, און װען מען האָט פאַר אונדז סוף־סוף אויפגעמאַכט דאָס טויער און אַ שמייכלענדיקער אַלטער נזיר האָט אַריינגעבעטן אויף רוסיש „פּאַזשאַלוסטאַ", האָט דער שומר פאַרהאַלטן צוויי מיידלעך פון דער גרופּע, װייל זייער לבוש אין הויזן האָט נישט געמאַכט קיין צניעותדיקן איינדרוק. דאָס זענען געװען פראַנסואַז און אַנטואַנעט.

פראַנסואַז, אַ שיינינקע מיט אַ לאַכנדיק פּנים, מיט אַ הימל־בלויען גלאַנץ אין די אויגן, און צוויי גאָלדענע צעפּ האָבן באַקרוינט אירע אַקסלען. אַנטואַנעט, מיט צוגעשוירענע שאַטינענע האָר, ברוינלעכע גוטע אויגן, פאַריסן נעזל און אַ שטיפעריש צעשמייכלט פּנים.

זייער לבוש איז געװען אַ שטער אַריינצוקומען אין דעם הייליקן פּלאַץ. נישט האָבנדיק קיין ברירה זענען מיר אַריין איבערלאָזנדיק זיי פאַרצװייפלטע ביים אַריינגאַנג.

ביים אַריינקומען אין דער קירך האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זעלטן בילד, װאָס האָט זיך געבאָדן אין שיין פון הונדערטער װאַקסענע ליכט. אַ פּאָפּ אין אַ זילבערנער קרוין האָט געזאָגט תּפילות און מיט אים אַ סך פּאָפּן און נזירות פון פאַרשידענעם עלטער. אַ סך פון זיי װייזט אויס געפינען זיך דאָ נאָך פון פאַר דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע, װי זיי װאָלטן געלעבט אויסער די ראַמען פון דער זינדיקער איצטיקער װעלט.

איינער אַ זקן שטייט און שאָקלט זיך פרום מיט אַן אויסגעטריקנט פּנים, ענלעך צו די װאַקסענע ליכט, װאָס ער האַלט אין האַנט. אַ װייסע באָרד, װאָס איז פאַר עלטקייט גרין געװאָרן, צעשפּרייט אויף

זיין דאַרער ברוסט. זי דערגרייכט ממש ביז דעם פּאַסעק פון דער שוואַרצער סוטאַנע.

אַן אַלטע נאָנע זיצט ביי אַן אָפן געבעט־בוך און דערנעבן אַ פאַרהויקערטע יונגערע נאָנע, וואָס איז אַזוי פאַרהילט, אַז מען זעט איר קוים אַרויס דעם שפּיץ נאָז. זי שמייכלט אומבאַהאָלפן ווען מען כאַפּט אַ קוק אויף איר, אַ שמייכל, וואָס פאַרמסרט אַז כאָטש מען אַנטלויפט פון לעבן און מען זאָגט זיך אָפּ דערפון, גלוסט מען דאָך אין די פאַרבאַרגענישן צו אים.

עלטערע נאָנעס מאַכן הקפות אַרום דעם אַלטאַר און זינגען מיט מאָנאָטאָנע שטימען. די דביקות פאַרשטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. און אָט אין דער דאָזיקער פייערלעכער שטימונג האָבן זיך באַוויזן די צוויי מיידלעך, וואָס זענען געבליבן ביים טויער. פראַנסואַז איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויען מענערישן מאַנטל, מיט לאַנגע אַרבל, וואָס האָבן אירע פינגער־שפּיצן פאַרדעקט, און אַנטואַנעט אין אַ ריזיקן שווערן, גרויען מאַנטל. מען האָט זי כמעט נישט אַרויסגעזען. אַפילו דער גלח, זייער אַפּוטרופּוס, האָט אַ שמייכל געטאָן.

ביים אַרויסגיין פון דער קירך איז מיין בליק געפאַלן אויף דעם בית עולם מיט די צעבראָכענע מצבות אויפן הר־הזיתים. יאָרן נאָכאַנאַנד האָט מען דאָ געשענדעט די יידישע קברים און זיי אינעווייניק האָבן גאַרנישט געזען, גאַרנישט געהערט, געווען פאַרטאָן אין זייערע תפילות, אין זיך אַליין.

זיי, די בלינדע און טויבע צו שענדונג פון יידישע הייליקטימער, האָבן גיך באַמערקט די מיידלעך אין יינגלערישע הויזן.

פּונקט אַזוי בלינד און טויב זענען זיי געווען אין דער וועלט צום געשריי פון די געשענדעטע און געמאָרדעטע אין מיידאַנעק און אוישוויץ.

1967

יאָסל חריף

ווו איז די מאַמע?

ערב ראש חודש אלול האָט זיך דער עולם אַ לאָז־געטאָן צום באַפרייטן הר־הזיתים. ווער ס'האָט מזל — טרעפט נאָך קברים פון זיינע נאָענטע, ווייל די מזרחדיקע תלמידים פון די מערבדיקע לערערס האָבן אויך דאָ די שוכני־עפר נישט געלאָזט רוען. ריזיקע פלעצער האָבן זיי אָפּגערייניקט פון די מצבה־שטיינער. די שטיינער שרייען איצט אַרויס פון פאַרשידענע בנינים, טראָטואַרן, גאַסן. און סאַמע מיט פון הר־הזיתים האָבן זיי אויסגעבויט אַ מעטשעט פון ווייסע שטיינער — די ראַנדן פאַרפוצט מיט ראָזעווען שטיין. פון דעם שפּיץ באַרג בלאַנקט אַראָפּ אַ מאָדערנער האָטעל. ביים שער הרחמים ליגט אַ גוט־געפּלעגטער מוסולמענישער בית־הקברות. אויף די קריסטלעכע מתים האָט מען געלאָזט רוען. נאָר די יידישע אותיות שרייען מיט ווייטיק צו די הימלען פון די צעבראָכענע מצבות אַראָפּ, בעטן זיך אַ תיקון.

אַן אַלטיטשקע פרוי, מיט רויטע אויגן פון געוויין, פאַלט צו צו אַ צעבראָכענער מצבה: נאָך לאַנגע זוכענישן האָט זי געפונען איר מאַן. איצט זוכט זי דאָס קבר פון איר מאַמען. בשום אופן קאָן זי עס נישט געפינען. קוקט זי מיט קנאה אויף גאַנצע נישט־יידישע קברים, קוקט זיך איין אינעם שער הרחמים און זיפצט:

— וויי איז מיר, ווו איז די מאַמע מיינע?

פלוצלינג האָבן זיך קלויסטער־גלעקער צעקלונגען. די זקנה וויינט. דער זון, וועלכער באַגלייט זי, נאָך אין די מיליטערישע מלבושים, ווייזט מיר אָן אויף דעם שאָסיי, וואָס שניידט דורך דעם הר הזיתים, באַרג־אַראָפּ, צום ים המלח: די מצבה אין מן־הסתם אונטער דעם אַספאַלט פון שאָסיי.

פאַלט אַ טרער פון דער אַלטיטשקערס אויגן, קייקלט זיך, וואַנדערט אַראָפּ איבערן שאָסיי צום ים המלח: נאָך אַ טראָפּן געזאַלצנקייט אין דעם ים פון זאַלץ.

קייקלט זיך די טרער, זוכט אַ וועג צו דער מאַמען פון דער אַלטיטשקער.

ירושלים פון רחבות

אין אונדזער באַגריף לעבט ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה. אַ נייער באַגריף איז צוגעקומען — ירושלים של רחבות. אַ רחבות וואָס האָט ווידערגעקערט צו אונדז, זי האָט אויפגעוואַכט, באַוויזן זיך ווי אַ פאַרבאָרגן דערשטיקט געזאַנג. אַ שמחה וואָס האָט פּלוצים דערוואַכט.

קוקסט אויף דעם אַלעם; ווי היימיש און נאָענט פלעגן מיר קוקן אויף די בערג, וואָס רינגלען אונדז אַרום. ווי אויף חנוכה־ליכטלעך וואָס מען קוקט און וואַרעמט זיך אין זייער פלאַם וואָס דערמאָנט די חשמונאים — און באַנוצן טוט מען זיך נישט מיט זיי...

איצטער קאָנסטו אָנזעטיקן דאָס אויג מיט דער שיינקייט, מיט דער פאַרבן־שפּיל, מיט דעם דופט און טרעטן אין זייערע שטעגן.

אַ שפּיל פון פאַרבן, אין די קילע פרימאָרגנס, אין די נאָכמיטאָג שעהן, אין דעם גאָלדיקן פאַרנאַכט, ווען זון פאַרקלייבט זיך צווישן די גארבן פון די בערג. און פיאָלעט ראָזעווע און זילבער גרויע פאַסן ציען זיך און בייטן זיך אויף גרין — און בלוי. און וואָלקנדלעך פויזן איבער די בערג. ווי סטאַדעס שאָף אַמאָל, וואָס יעקב האָט פון חרן־לאַנד געבראַכט, אַ שיינקייט וואָס דרינגט אַריין אין דיר, ווערסט איינס מיט איר און קאָנסט דיך נישט אָפּרייסן, דיין בליק ווערט צוגעשמידט, זעסט טויזנטער יאָרן צוריק און אויף פאָרויס, וועגן און שטעגן, וואָס זענען פאַרמיסטיקטע געלעגן און אַ יידישער פוס האָט נישט געטאָרט טרעטן אויף זיי, ווערן איצטער געריייניקט, געפוצט, געפלאַסטערט, געפלאַנצט און אַ יינגקייט און אַ צאַרטע הויט ווערט אויף זיי אַרויפגעצויגן.

די רוקנס פון די בערג וועלן זיך ווידער אין אַ גרינער דעק פון

לעבעדיקע גראָזן און בלומען באַדעקן און אַ נישט געצוימטער, אָן פּחד, וועסטו דאָרט שפּרייזן, אין אָט אָ די ברייטקייטן.

האָסט נישט געוווּסט ווען דאָס אַלץ וועט ווידער קערן צו דיר. מיט דער גאַנצער פּראַכט, און פולקאָמער שיינקייט, די שיינקייט וואָס וועט אויך אין גוטסקייט וואַרעמער פאַרוואַנדלט ווערן און מיט ליבשאַפט דיך באַגעגענען, און די ווונדן פון צעשניטענער ירושלים וועלן זיך פאַרהיילן, און מיט רחבות וועט זי אויפנעמען די, וואָס קערן צו אירע גרענעצן צוריק. פון די טעראַסן אויף די בערג וועט אַ שפּע פון וויינגערטנער און פרוכטן אַראָפּשטראָלן.

אין דער דאָזיקער רחבות וועט אויך דער מענטש עפענען זיין האַרץ, פאַר דעם אַלטבאַזעסענעם דאָ, פאַר דעם איינוווינער, און פאַר דעם פרעמדן. אָרט וועט זיין פאַר אַלעמען און זי וועט אַ ליכט ווערן פאַר דער גאָרער וועלט...

1967

פרילינג אין ירושלים

צום נײַנצנטן געבוירנטאָג פון מדינת ישראל

ווילסטו פאַרגעסן אין אַלעם. דער ווינטער איז פאַרביי און אָט שטייסטו דו אויף דער שוועל פון אַ בייעם פרילינג. די זון שפּילט זיך שטיפעריש אין באַהעלטעניש, גלעט דיך מיט וואַרעמקייט און ווידער — אַ קאַלט ווינטל און אַ שפּריי־רעגן. די בערג הילן זיך אין גרין; פּלוצים האָבן אויפגעשפּראָצט אַ מענגע רויטע, געלע, ווייסע, פיאָלעטענע, גאַלדיקע בלימלעך, פּשוטע, געזונטע, פרישע פעלד־בלימלעך, וואָס טוליען זיך איינס צום צווייטן און דערציילן זיך די פרייד פון אויפגעוואַכטער ערד. דערמאָנסט דו זיך די קינדער־יאָרן — העט, ערגעץ אין דער וויטער פאַרגאַנגענהייט אויף ברייטע פליינען און לאָנקעס.

פאַראַנקערסט דיינע מחשבות, זוכסט אַן אָנשפּאַר אין אַ וויטער דערינערונג, גייסט פּסח־צייט, אין יום־טוב פון פרייהייט און ריינקייט,

שטעלסט די פעסטע טריט אויף היימישער ערד. קוקסט זיך איין ווי מען בויט ירושלים, ווי עס וואַקסן הייזער אין ווייסע שטיינערנע קליידער... נאָך אַ לאַנגן איבעררייס בויט מען זי איבער אויפסניי, די שטאָט פון דורותדיקע בענקשאַפטן.

שפּיצן פון טורעמס קוקן אַריבער פון דער אַלט־שטאָט און עס ווינקט צו דיר מגדל דוד, אַלטיטשקע יידן גייען מיט דערפרישטע פּנימער, און זיי שפּיגלען, די פּנימער, אין דער שטיינערנער צעהעלקייט. זיי גייען נישט געבויגענע, שבת־יום־טובדיקע יידן... און אָטעמען מיט פרישן מלכותדיקן פרילינג, און די ליפּן מורמלען אַ שהחיינו איבער יאָר נײַנצן פון דער באַנייטער יידישער מדינה.

ווערן אַלטע הייזער צעוואָרפן, נײַע ווערן געבויט און עס קלאַפּן די האַמערס, ציטערן די קאָמפּרעסאָרס. אָט האָט דאָס יאָר דעם כנסת־בנין געבוירן, געבויט פון ראָזאָווע שטיין, אַרויסגעגראָבענער פון ירו־שלים־בערג, וואָס הילן זי אַרום־אַרום, ווי זיי וואָלטן דורות לאַנג פאַרבאַהאַלטענע אויסגעוואַרט דערהויבן צו ווערן, און פאַרפלאָכטן ווערן אין דעם בנין פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט.

קוקן די פענסטער ליכטיקע אויף אַלע זייטן פון דער שטאָט, און די אַרויפגעצויגענע פענער זאָגן אָן: מיר זענען דאָ!!!

אַנטקעגן דעם אוניווערזיטעט מיט די פּרעכטיקע געביידעס און פלאַנטן, טויזנטער יוגנטלעכע, פון היימלאַנד און פון פאַרשידענע לענ־דער. שעפּן אויך די פרעמדע דאָ חכמה און וויסן, און זיי וועלן אין זייערע ווייטע היימען איבער פאַרשידענע קאָנטינענטן פאַרטייטשן דאָס וואָרט פון נביא, וואָס הילכט נאָך אָפּ דאָ ווי אַ ווידער־קול פון ווייטן אַמאָל, און אָטעמען אַרײַן, און וועלן איבער וועלט צעטראָגן די דופּטי־קייט און ליכטיקייט פון ווידערדערוואַכטן ירושלים...

אַ פרילינג אַזאַ אויף וואָר איבער הימלען היימישע, און דאָך דווקא אין אַזעלכע דערהויבענע מינוטן גיט מען אַ טראַכט וועגן דאָרט, וועגן יענער היים וואָס לעבט נישט מער, ווו מיליאָנען אָטעמס וואָס האָבן מיט דיר געאָטעמט, מיליאָנען וואַרעמע הערצער וואָס האָבן מיט דײַן האַרץ צוזאַמען געקלאַפּט, זענען געטויט געוואָרן, מיליאָנען פריידן

אויפגעשאַלטע וואָס וואָלטן דעם שיבת ציון אויסגעזונגען איצטער, זענען שטום געוואָרן.

אַנקערן מחשבות אין היימען אַמאַליקע און — אַלץ, אַלץ שפּיגלט זיך אין אַ דיגינקן געוועב פון ירושלים של מעלה.

ווידער רוישט עס אויף די געמאַרקן פון ירושלים און עס גרינען די רוקנס פון די בערג, וואָס זענען צייטן לאַנג נאַקעטע געשטאַנען, און די שכונות, קוואַרטאַלן און ביי־אויפגעקומענע גאַסן נעמען זי אַרום ווי מיט וואַרעמע הענט. ירושלים של מטה מיט ליבשאַפט און וואַרעמ־קייט אויף דער שוועל פון אירע ניינצן פּריליגנגס.

1967

אייגענע פעלדער

„זמן שמחתנו", די צייט פון אונדזער פרייד, איז דער יום־טוב סוכות פון אויפזאַמלען די פּרוכט פון פעלד, וואָס שפּראָצט אויף אין מענטשלעכן באַריר, ווען די צייטיקייט פון דער שפּייז פילט אָן מיט גוטע ריחות די לופט. דער מענטש דערפילט די באַלוינונג פאַר זיין מי און הייבט אָן איבער אַ נייס אויפאַקערן נייע בייטן מיט דער שמחה פון בראשית.

דאָס געזאַנג פון מענטש און ערד, ברויט פאַר מענטש און בהמה.

דאָס רעגן־געבעט אויף אייגענער ערד, נישט ווי מיטעסערס ביי פרעמדע טישן, נייערט אויף אייגענער ערד ווידער פאַראַנקערט.

און די פרייד וועלן טויזנטער און טויזנטער ברענגען צו די טויערן — אויפגעמאַכטע פאַר זיי — פון ירושלים. און אויפזאַמלען זיך אין אירע פרייידיקע געמאַרקן אָנגעפילטע מיט אַלדאָס גוטס.

און פון די טעראַסן אַרום ירושלים וועט ווייען מיט געשמאַק פון פריש רעגנדיקער פייכטקייט אין געווירצן.

צופוסנס פון די יהודה־בערג, פון עין גדי, פון „אַאַזיס" וועט ווידער אויפגיין דער ריח פון „אַפּרסימון" די פּרוכט, וואָס ביז היינט האָט מען נאָך איר סוד נישט אַנטדעקט, די פּרוכט, פון וועלכער מען

האָט פּאַרפומען און זאַלבן געפּרעסט פאַר די שיינע באַחנטע טעכטער פון ציון.

דער שאַרף פון טייטלבוים, דער ריח פון אתרוג, וואָס ווערט פון אייגענע פעלדער אויפגעזאַמלט.

דאָס געמיט אָנגעפילט מיט געזאַנג. און מען ווערט דערמאָנען דיביידלעך דערוויילקע פון מדבר־גאַנג, אין אויפגיין צו אַ נייעם בראשית.

1967

דער וויינענדיקער קאָרידאָר

כוסיין, דער מלך פון ירדן, האָט אַ קליינעם טעות געהאַט אין זיינע חשבונות און זיין קעניגרייכל האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן. ברענט אין אים זיין גרימצאָרן. אָבער אָנשטאָט צו פאָרן קיין מעקאַ זיך אויסוויינען — סטראַשעט ער גאָר, אַז ער פאָרט קיין מאָסקווע. דאָרט זאָל ווערן אויך זיין מעקאַ, ווי ס׳איז געוואָרן ביי אַנדערע אַראַבישע מושלים.

פריער גיט ער אונדז נאָך אָבער אַ שאַנס: אַ שמאָלינקן קאָרידאָרל צום כותל המערבי — מיר זאָלן האָבן וווּ צו וויינען.

אַזוי האָבן זיך שוין צוגעוווינט די שונאי ישראל — סיי די גרויסע, סיי די מיטלמעסיקע, סיי די קליינע — צו מיינען, אַז וויינען איז ביי אונדז אַ נאַציאָנאַלער קולט, אַז מיר האָבן בדעה אייביק צו וויינען.

אַוודאי וועלן דורות געוויין נישט אויסוויינען דעם צער נאָך אונדזערע פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער. אָבער איצטער ווילן מיר מאַכן אַן אַנדער חשבון — מיר ווילן מער נישט וויינען, נייערט אַדורכרעדן זיך מיט די שטיינער אויף אַן אַנדער אופן. נישט אין עפּעס אַ קאָרידאָר — געוווּנג האָבן מיר זיך געדרייט איבער קאָרידאָרן — און ביז איצט האָט עס אונדז דער פּיצעמאָנטשיקער מלכל אויך נישט פאַרגונען, איצט, ווען די קרוין גליטשט זיך פון זיין קעפּל, וויל ער אונדז טאָן אַ גנאָד און לאָזן וויינען.

אָבער דאָס מאָל ווילן מיר גאָר לאַכן. ער פאַרגעסט, דער

גנעדיקער מלך, אַז ווען ער איז געפאָרן קיין קאַיר אונטערשרייבן דאָס שותפות מיט נאַצערן, איז מיט אים מיטגעפאָרן דער פּאַגראָמשטשיק שוקיירי און אַלע האָבן זיי הילכיק געלאַכט. איצט קאָנען מיר זיך פאַרגינען צו לאַכן.

איר האָט נישט געשוינט, אדוני המלך, די שטיינער, וואָס האָבן צוגעדעקט אונדזערע אַלטע קברים. איר האָט פון זיי פּאָדלאָגעס זיך געבויט, אויף די פּאָדלאָגעס און אין די מויערן האָט איר געלאַכט פון אונדז. איצט ווילט איר אונדז לאָזן זיך אויסוויינען אין אַ קאָרידאָר?

ווילן מיר בעסער איצט לאַכן און פרייען זיך. אין אונדזער גאַנץ־אויסגעבענקט און אויסגעקעמפט — אייביק ירושלים.

1967

באַנייטע וועגן

פאַרוואָרלאָזט און מיט גראָז באַוואַקסן זענען געווען די וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין ירושלים. צעשניטן, אָפּגעשניטן פון אונדז. ביז ירושלימער יידן, קורדישע יידן, האָבן מיט זייערע פעסטע הענט אַ האַק־געטאָן די שטיינער — און אַ נייער כביש פון גבורה איז אויפגעוואַקסן. צווישן בערג, וואָס האָבן זיי פאַרהיט פון אַ בייז אויג, האָבן זיי דעם נייעם שאָסיי אויסגעשניטן, וואַסער־רערן אַוועקגעלייגט, ברויט און מילך געבראַכט אינעם באַלאַגערטן ירושלים.

איצט זענען אויך די אַלטע וועגן תחיית המתים אויפגעשטאַנען. פירן שוין וועגן פון אַלע זייטן קיין ירושלים. נישט קיין וויסטע, פאַר־וואָרלאָזטע — נייערט וועגן פריילעכע, פרישע, צוריקבאַנייטע. ס'האָט אַ זיד געטאָן דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע קעמפערס אויף די וויסטע וועגן. אין זייער זכות זענען די וועגן אויסגעלייזט געוואָרן. פירן איצט אַ סך וועגן קיין ירושלים, ווי אַמאָל, אַמאָל, כקדם...

1967

„סאַברעס, סאַברעס״...

יעדן טאָג — אויסער שבת — קומט ער, דער אַלטיטשקער אַראַבער, מיט זיין ברוין אייזעלע. פוןביידע זייטן, אויפן רוקן פון אייזעלע — צוויי קעסטלעך אָנגעהאָנגען, קעסטלעך אָנגעפּילטע מיט צייטיקע, פרישע סאַברעס.

גאַנץ פרי קומט ער צוגיין — ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. אַלץ דאָס זעלבע, בלויז דאָס אייזעלע איז נישט דאָס זעלבע. ווי לאַנג קאָן דען אַ בידנע אייזעלע אויסהאַלטן? אָבער אויך דאָס נייע אייזעלע, דאָס יונגע — נאָך אייניקע מאָל קומען אין דער שכונה — פילט זיך דאָ היימיש, ווייס וווּ צו גיין, וווּ זיך אָפּצושטעלן.

דער אַראַבער רופט מיט אַ רואיק קול, זינגט דערביי אַביסל אונטער: סאַברעס, סאַברעס...

קינדערלעך ברענגען טרוקן ברויט, דאַרע פּרוכטן — אַמאָל אויך אַן עמער וואַסער — פאַרן אייזעלע. קוקט דאָס אייזעלע דאַנקבאַר מיט מילדע אויגן — ס׳דאַנקט פאַרן הכנסת אורחים. אויך די לאַסט פון ביידע זייטן רוקן ווערט אים לייכטער פון מינוט צו מינוט, איז אים גאָר פריילעך.

ווייבער שטייען אַרום מיט טעלערס און טעפּלעך און דער זקן שיילט פאַמעלעך די פּרוכט מיט הוילע הענט. זיינע הענט שרעקן זיך נישט פאַר די שטעכלקעס פונעם פּרוכט.

קיינעם איבערראַשט נישט מער זיין קומען — פּונקט ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. ס׳איז בלויז אַ „קליינער איבעררייס״ געווען, מ׳האָט אים צוריקגעהאַלטן הינטער די מויערן. בסך־הכל — קנאַפּע צוואַנציק יאָר, נישט מער.

1967

יאָסל חריף

די ירושלימער געסלעך צווישן מויערן

קופּערשמידן קלאַפּן אין די טאַצן מיט זייערע הילצערנע האַמערס; שאָפֿן־פֿלייש וואַרעמט זיך אויף דער זון, וואָס גנבעט זיך אַריין דורך אַ שפּאַרע אין דאַך; אַ קאַלדרעמאַכער קלאַפּט וואַטע מיט אַן אויסגעצויגענעם ניגון און דער ווידערקול הערט זיך ווי פֿון אַ קלאַפּנדיק האַרץ; אַ קעמלמאַכער זעגט קעמלעך אויס פֿון האָלץ און קליינע סוחרימלעך פּאַרקויפֿן כינעזישע בלייפֿעדערס...

פֿון דער ווייטנס קלינגט דער סוס־פּאַרקויפֿער מיט זיינע מעשענע טעצלעך, וואָס גלאַנצן זוניק. ער האַלט אַ גאַנצן טורעם אויף זיינע פּלייצעס. גאַלאַנט פּילט ער אָן די כוסות — דער טורעם גיט זיך אַ נייג אויף זיין אַקסל און די טונקעלע, קאַלטע משקה שוימט פריילעך. בלויז זיין רויט־געשפּריצטע פּאַטשיילע דערמאָנט אַ ירדנישן לעגיאָנער, ווערט דערפֿון נישט פריילעך...

אין שכמער טויער רייכערט מען נאַרגילעס. די זיצערס קוקן נאָך די פאַרבייגייענדיקע בנות ישראל אין די קורצינקע קליידלעך — זייערע אויגן ברענען, ווי אַמאָל ביי שכם בן חמור צו דינהן, ווי ס׳ווערט געשריבן אין תנ״ך. און פּלוצלינג האָסטו זיך אַריבערגעטראָגן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, צו דעם אַלטן, וואָס זעט אויס איצט אַזוי פֿריש. דיינע טריט קלאַפּן אויף אַלטע שטיינער פֿון טרעפּלעך און ווי אַ רייף נעמען די אַלטע מויערן אַרום די שטאָט. דערפֿילסטו דאָ אַזאַ פריידיקע היימישקייט — האָסט צוריקבאַקומען אַן אַוועקגערויבטע ירושה.

די זון ברענט אין די אויגן, דאָס געשריי פֿון די הענדלערס פאַרטויבט דיך, מ׳קאָן זיך קוים דורכרייסן דורך דעם געדראַנג — פונעם שכמער טויער אַרויס. נישט ווייט פֿון דער מויער געפינט זיך די מערת צדקיהו, דער מלך איז פֿון דאַנען אַנטלאָפֿן פֿאַר נבוכדנצרן און איז אין אַ הירש פאַרוואַנדלט געוואָרן...

אַנטקעגן זעט זיך אַרויס די באַנייטע פּאָסט־געביידע. און אויף דער פּאָסט, אויפֿן שילד, — דער עמבלעם: אַ הירש אין לויף.

— אויפֿן פּאַן פֿון די ירושלימער אַלטע געסלעך.

וועמענס ירושלים?

וועמענס איז זי, ירושלים? — ווילן אויסגעפינען וועלט־חכמים. זיי ווייסן, נעבעך, נאָך אַלץ נישט.

ווי באַוווסט וועט מען היי־יאָר דעם יום־העצמאות פייערן אין ירושלים. איז זיי, אונדזערע גוטע פריינד, נאָך אַלץ נישט קלאָר, צי זיי מעגן זאָגן „אמן״, אַז ירושלים איז יידיש.

מילא, דער פויפסט קאָן עס אונדז נישט פאַרגינען. אָבער רעגי־רונגען פון פריינדלעכע מלוכות?

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט אַ פראַנצויזיש קינד אין אַן עלזאַסער שול (ביי די דייטשן), ווו עס געפינט זיך עלזאַס? האָט עס אָנגעוויזן אויפן האַרץ זיינס.

צי ווילן אונדזערע פראַנצויזישע פריינד — און אַנדערע — פאַרשטיין, אַז מיר וויזן שוין צוויי טויזנט יאָר: ירושלים געפינט זיך ביי אונדז אין האַרצן? און ס׳וועט דאָרט אייביק פאַרבלייבן. איצט — אַוודאי און אַוודאי. צי זיי ווילן עס יאָ ווילן, צי נישט.

1967

תשעה באב תשכ״ז

אויך תשעה באב פרעגט מען „מה נשתנה״. און היי־יאָר מעג מען דאָך אַוודאי פרעגן: וואָס איז דער אונטערשיד צווישן דער היינטי־קער נאַכט און אַנדערע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

— נעכט פון קינות אויפן ערשטן און צווייטן חורבן; נעכט פון באַקלאָגן די אומגעקומענע אין די היטלער־בראַנדן...

היינט האָבן מיר אויך וואָס צו באַוויינען — נישט געקוקט אויפן ניצחון. זעט די בערגלעך מיט שטיינער — מאָנומענטן אויפגעשטעלטע אויף דער גיך ביי אַלע וועגן, וואָס פירן צו די טויערן פון ירושלים. פון די בערגלעך שטיינער שרייט אַרויס דאָס יונגע בלוט פון אונדזערע העלדן — די אייניקלעך פון מכבייער, — וועלכע האָבן זיך ווי לייבן

געשלאָגן און דאָס טייערסטע אַוועקגעגעבן, דאָס לעבן, אויף דער סאַמע שוועל פון זייער אייגן לעבן.

גיבן מיר זיך אָפּ אַ מזל־טוב צוזאַמען מיט אַ יזכור; אונדזער פרייד איז צונויפגעמישט מיט טרערן.

איצט אָבער וועלן קאָנען די צווי ווייסע טויבן, וואָס שוועבן אין דער תשעה־באב נאַכט איבערן כותל, אַ בשורה אָנזאָגן: זיי וועלן פאָכן מיט זייערע גאולה־פליגל און ברומען „ווישט אָפּ די טרערן פון אייערע אויגן. ווייל אין די טריט פון די, וועלכע האָבן געוואָגט, גייט אויף אין תשעה באב די בשורה פון גאולה".

1967

קאָטש פון מאַנטעפיאָרע

געשטאַנען איז זי אינעם אַלטן בצלאל־מוזיי, אין אַ ווינקל פונעם הויף — אַן אויסגעשפּאַנטע, אַ פאַרשטויבטע, כאָטש זי איז אין די ירושלימער קאַלטע ווינטיקע רעגן־נעכט גוט דורכגעשווענקט געוואָרן.

אויף דער דאָזיקער קאָטש איז איבערן לאַנד אַרומגעפאָרן דער שר משה מאָנטעפיאָרע, אַרומגעפאָרן איבער ארץ־ישראל — געקוויקט זיך מיט דער לאַנדשאַפט, געמאַכט פּלענער, געבויט שכונות און די ווינט־מיל אין דער שכונת מונטיפיורה, אַנטקעגן דעם הר־ציון.

איצט האָט מען פאַר דער קאָטש גופא אויפגעבויט אַ פיינעם בנין — געסט זענען אַהערגעקומען פון לאַנד און פון אויסלאַנד. דער קוטשער, וועלכער האָט מיט קנאַפּע 70 יאָר צוריק געפירט איבערן לאַנד דעם ד"ר הערצל, האָט איצט איינגעשפּאַנט צווי שיינע פערד און מיט גרויס פּאַראַד די קאָטש אַריינגעפירט אין דעם נייעם בנין.

אין דער ווינט־מיל געפינט זיך היינט אַ קינדער־גאָרטן. קאָן די גננת דאָרט דערציילן די קינדערלעך מעשיות וועגן אַ יידישן שר און וועגן הערצלען. און אויך וועגן דעם קוטשער, וועלכער היט אָפּ אַ פרישקייט ביי זיינע יאָרן, געזונט און שטאַרק זאָל ער זיין: ער גיט זיך אַ וויש די גוט־געפלעגטע ווייסע וואָנסעס זיינע, זיין פּנים שיינט

אויף און — ער ברענגט אונדז אַ לעבעדיקן גרוס פון יענע בראשית־יאָרן, ווען די אבות פון ציוניזם זענען געפאָרן מיט דער קאַטש, מיט אַנדערע קאַטשן. געפאָרן צום ווייטן חלום, וואָס איז אין אונדזערע טעג געוואָרן די וואָר.

1967

אַ פרעמדער ביים כותל המערבי

באַמערקט האָב איך אים אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן ביים כותל המערבי אין אַ גרינעם פולאָווער — ביז אונטער דער גאָמבע — אין אַ קליינינקן גרינעם יעגער־קאַפעליוש, מיט אַ קאָלירט פעדערל ביי דער שלייף.

דאָס געלבלעכע פּנים, די אַרויסשטייענדיקע קינבאַקן, די זייטיק־געשניטענע אויגן האָבן דערציילט, אַז ער איז אַ יאַפּאַנער.

ער איז געשטאַנען איינגעקוקט אינעם עולם, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין תפילות און אַ פונק האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון אַנדערע, נאָענט־נאָענט האָט ער צוגעשפּאַרט זיין שטערן צו די שטיינער, אָנגע־שפּאַרט דעם שטערן אין דער וואַנט. זיין רוקן האָט אויפגעציטערט אין אַ געוויין. ווען ער האָט אָפּגענייגט דעם קאָפּ, האָט מען געקאָנט זען ווי די וויעס זיינע זענען פון טרערן באַנעצט.

„וואָס ווייַנט עפּעס דער פרעמדער דאָ אויס זיין צער?" — האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ נייגעריקייט. כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט דרייסקייט און צו צו אים. פּלוצלינג, ווען איך בין שוין געשטאַנען האַרט נעבן אים, איז ער מיר פאַרשוווּנדן, ווי אין דער ערד איינ־געזונקען.

— ס׳איז דאָך נישט געווען קיין חלום, — טענה איך צו זיך אַליין, — איך האָב אים דאָך דאָ געזען...

אַן אַלטער ייִד, פון די אַלט־געזעסענע אין ירושלים, פרעגט מיך וואָס איך זוך. האָב איך אים דערציילט וועגן מיין זעונג, וועגן דעם

יאַפּאַנער, וואָס איז אַזוי פּלוצלינג פאַרשוווּנדן. האָט זיך דער אַלטער ערנסט פאַרטראַכט:

— הער זיך איין, אפשר איז עס גאָרנישט קיין פרעמדער? ווער ווייס ווער דאָס איז געווען... דאָ, אויף דעם אָרט, קומען פאָר נישט געוויינלעכע זאַכן, ניסים. איז עס אפשר געווען עפּעס אַן אויסערגעוויינ־לעכער גילוי? ווייל ס'ווערט געזאָגט: ווען פרעמדע וועלן אָנהייבן צו קומען אַהער אויסצוויינען זייערע הערצער, וועט שוין באמת זיין אחרית הימים...

1967

דער בלויער וועקזייגער

באַגעגנט האָב איך זי צום ערשטן מאָל נאָך דער באַפרייונג־מלחמה, אין תש"ח. זי איז עוואַקואירט געוואָרן פון דער אַלטשטאָט, וווּ זי האָט געוווינט אין די בתי מחסה אויפן דייטשן פּלאַץ, נישט ווייט פונעם כותל המערבי. כ'האָב זי דאַן באַגעגנט ביי אַ זייגער־מאַכער. ס'האָט מיר עפּעס מאָדנע אויסגעזען: זי האָט געזוכט אַ בלויען וועק־זייגער. דווקא אַ בלויען. קיין אַנדערן וויל זי בשום אופן נישט. אויס נייגעריקייט האָב איך זי דאַן געפרעגט: פאַרוואָס דווקא בלוי? האָט זי מיר געענטפערט:

— וואָס מיינט איר, אַז איך וועל שוין חלילה קיינמאָל נישט זיין דאָרט צוריק? ביי מיר, אין דער אַלטשטאָט, זענען די ווענט, פענצטער און טירן געווען געפאַרבט אויף בלוי... וויל איך דער וועק־זייגער זאָל אויך זיין בלוי.

— פאַרוואָס?

— ראשית: כ'זאָל האָבן די קאָליר פון מיין היים שטענדיק פאַר די אויגן; והשנית: אַז איך וועל צוריקומען אַהיים, וועט אויך דער זייגער זיין צוגעפּאַסט צום אָרום.

כמעט צוואַנציק יאָר זענען אַוועק. דער וועקזייגער פון דער

געשיכטע האָט אויסגעשלאָגן די שעה פון באַפרייען די אַלט־שטאָט.
ירושלים איז ווידער גאַנץ.

איך איל זיך צו גיין צו די בתי מחסה, וועלכע מ'רייניקט נאָך, כדי צו זאָגן מזל־טוב דער פרוי מיטן בלויען וועקזייגער.

1967

נועם, דער טאַנקיסט

די טאַנקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיין פענצטער. מ'האָט זיי געדאַרפט אָנפילן מיט ברען־שטאָף. ס'איז געווען אַ צעלויכטענע ירושלימער פאָספאָר־נאַכט. נועם, אַ יינגל פון אַ יאָר ניינצן, האָט צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרלאָדנט די אַמוניציע. פריער האָב איך אים נישט געהאַט געקענט. אין דער איילעניש, פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט, אינעם ברען פון קאַמפן, האָב איך אים דערקענט. ער האָט געהאַט אַ וואַרעם, צאַרט קול. אין דער בראַנדיקער נאַכט האָב איך אים געפרעגט וועגן זיין היים, משפחה. כ'האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין פנים און שיינער געשטאַלט.

ער האָט אַ סך געטרונקען. איילנדיק פאַרביסן דעם כיבוד וואָס כ'האָב אים דערלאַנגט און מיר האָבן זיך לסוף וואַרעם אַרומגענומען. זיינע געזעגנונג־ווערטער קלינגען מיר נאָך אַלץ אין די אויערן. ער אַליין איז פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט — מיטן גערויש פון די טאַנקען.

די גאַנצע צייט האָב איך נועמען נישט געקאָנט פאַרגעסן. אַ שרעק האָט עפּעס געגנאָגט מיך ביים האַרצן.

ערשט נעכטן בין איך געוווּיר געוואָרן: פון זיין אָפּטיילונג זענען אַ סך געפאַלן. אַ סך. אָבער נועם לעבט.

האָט זיך אַ פרייד אין מיין האַרצן צונויפגעמישט מיט טרויער. פרייד — צוליב נועמען. טרויער — צוליב די געפאַלענע.

אַזוי זענען אַלע אונדזערע מלחמה־פריידן אויסגעווייקט אין טרערן.

1967

יאָסל חריף

דאַרפסט קענען דאָס לאַנד

דער 25־טער צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט צו פאָרשן דאָס לאַנד און זיינע אַלטערטימלעכקייטן, האָט צוגעצויגן טויזנטער פאַראינטערעסירטע. די רעפעראַטן האָבן געוואָרפן אַ שיין אויף אַ סך פאַרבאָרגענישן פון אונדזער אַלטער געשיכטע.

די שטיינער פון ירושלים לייכטן און דערציילן מעשהלעך פון אַמאָל. פון אונטער די שטיינער קוואַלן אַרויס שטראָמען פון נייע אַנטפּלעקונגען און וויסן.

אויך די געמאַרקן פון אַלטן ירושלים האָבן אויפגעלויכטן. די טויערן זענען געררייניקט געוואָרן פונעם שטויב, וואָס פאַרשאָטנט נישט מער דאָס ליכט פון דער געשיכטע. מגילות ווערן אויפגעוויקלט — אַלטע, אומבאַקאַנטע, פאַרלוירנגעגאַנגענע — ווי די פאַרמעטן אין די צייטן פון עזרא און נחמיה.

ריזיקע פּראָזשעקטאָרן באַלייכטן דעם מגדל דוד. ערשט נאָר וואָס האָבן פון יענע שפּאַרעס אַרויסגעגלאָצט די ביקסן פון ירדנישע לעגיאָנערן. היינט קומט פאָר אין טורעם אַ קונסט־אויסשטעלונג. מוזיק שפּילט און עס דוכט זיך דיר, אַז דו הערסט דעם ציטער פון די סטרונעס אונטער דודס פינגער...

אַ גראַנדיעזער אויספלוג גייט צו די דערגרייכטע בענקשאַפטן. פלעכט זיך דער עבר אַריין אינעם היינט. עס באַווייזט זיך אין זיין גאַנצער פּראַכט אונדזער רומפולער נעכטן, וואָס דער היינט פון אונדזער לאַנד האָט אים לגמרי נישט פאַרשעמט.

באַקענען זיך מיט אונדזער אַלט, שיין לאַנד. ס'איז כדאי עס צו קענען און דערקענען.

1967

אין דיינע טויערן, ירושלים

גייען מיר פאַרחלומטע, דאָס מויל מיט געלעכטער אָנגעפילט און די צונג מיט געזאַנג. טויזנטער יאָרן האָבן מיר געצייכנט דעם וועג צו ירושלים מיט אונדזער בלוט, צווישן פאַרשידענע בלאָנדזשענישן. און אָט איז מען ווידער דאָ, אין ירושלים, ווו אַ צעבראָכן אין צוויען יידיש האַרץ האָט זיך ווידער צונויפבאַהעפט.

און די פעסטונגען, געבויטע פון פאַרשידענע וועלט־באַפרייער, שטילע און אָפענע פיינט, זענען ווי קאָרטן־הייזלעך צעפאַלן. ברענט דער גרימצאָרן נישט בלויז אין די הערצער פון די היינטיקע פּרעה׳ס, נייערט אויך אין די, וואָס זייער רשעות שטייט נישט אָפּ פון דער רשעות פון די חרטומי־מצרים, די אַמאָליקע און די היינטיקע עצה־געבערס פון די מצרישע מושלים.

אין סאַלאַמאַנדרע־פייער גייט ווידער אויף דער נייער ייד, וואָס באַנעמט נאָך אַלע ראַנגלענישן דעם גורל פון זיין ברענענדיקן שטאַם, וואָס וועט אין קיין שום שטורעם נישט פאַרלענדט ווערן...

האָט דער שונא געמיינט, אָט איז די שעה געקומען און ער וועט זיינע הענט אין אונדזער בלוט וואַשן. ווידער איז ירושלים געשטאַנען אונטער אַ האָגל פון פייער, פון פאַספאָר־נעכט באַלויכטענע, וואָס זענען אונדז אַזוי גוט באַקאַנט, ווי דער שונא רייסט זיך אויף די רעשטן פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעזאַמלט און בויט זיין היים ווידער אויפסניי.

ירושלים איז אַ געאייניקטע געשטאַנען, פעלדזנפעסט, אין תפילה און אין קאַמף, ווי אַלע תקופות פון אונדזער געראַנגל וואָלטן אין בענק־שאַפטן צעצונדענע אויפסניי אויפגעלויכטן און אָנגעפילט די הערצער מיט שטאָלץ און קאַמפס־ווילן פאַר אַלע עוולות און באַליידיקונגען, פאַר אַלע אויסגעקרומטע טייטשונגען לגבי אונדז. אין די פלאַמען האָבן געברענט אַלע גזרות פון אַלע דורות, אַזוי ווי אַלע כמיעלניצקי־מאָנומענטן און זייערס גלייכן וואָלטן געברענט...

און איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דאָ אויף אייגענער ערד, וועלכע איז

אויסגעלייזט געוואָרן דורך אומציייליקע עקידות, וועט מער נישט צו שאַנד און שפּאָט זיין דער נאָמען ישראל. פון אַלע קברים וואָס מיר טראָגן אין אונדזערע הערצער, זענען אויפגעשטאַנען אונדזערע נאָענטע תחית המתים און געשטאַרקט אונדזערע טריט און געהאָלפן צעברעכן פאַלשע גרענעצן.

האָבן די הימלען זיך מיט רחמים געעפנט איבער ירושלים.

גייען מיר איבער גאַסן און געסלעך פון ירושלים און פאַר אונדזערע אויגן לייכטן די שטיינער פון די ווענט אַרויס ווי אַ באַהאַלטן ליכט נאָך אַ גרויס פינצטערניש, וואָס אַנטפּלעקט זיך פּלוצים, און עס באַלייכט אונדז נייע וועגן און שטעגן אויף אונדזער צוריקקום אין אויסלייזערישן וועג, אין די אָפענע טויערן פון באַפרייטן ירושלים...

1967

שטיינער דערציילן

עת להשליך אבנים ועת כנוס אבנים.
אַ צייט אַוועקצוּוואַרפן שטיינער און
אַ צייט אויפצוקלייבן שטיינער.

(קהלת ג׳ ה׳).

עפּעס איז דאָ אַ ווייכקייט אין די ירושלימער שטיינער, וואָס דורך זיי דריקט זיך אויס אויך די שיינקייט פון ירושלים. פון די טיפענישן פון דער ערד ווערן זיי אַרויסגעריסן, די שטיינער, דעריבער דערוועקן זיי אין מענטש אַזאַ וואַרעמקייט. ניין! די ירושלימער שטיינער זענען נישט קאַלט, פילסט דיך היימיש צווישן זיי.

פאַראַן אַ לעגענדע, אַז ווען גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, האָט ער אָנגעפילט אַ זאַק מיט שטיינער, דערלאַנגט עס אַ מלאך, און דער מלאך האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט פאַרטיילן די שטיינער. פליענדיק איבער ירושלים, האָט זיך דער זאַק צעריסן און אַלע שטיינער פון זאַק זענען געפאַלן איבער ירושלים. פון דאַנען אַזוי פיל שטיינער אין ירושלים...

אַ ירושלימער הויז וואָס איז נישט געבויט פון שטיינער, זעט אויס ווי איינער וואָס קומט אויף אַ שמחה אין זיינע וואָכן־מלבושים, ווען אַרום זענען אַלע אויסגעצירט.

וואָס מער מ׳געוווינט זיך צו צום ירושלימער שטיין, אַלץ מער בענקט מען צו אים. אדרבה, קומט קיין ירושלים, קוקט זיך איין אין אַ זוניקן פאַרנאַכט, ווען די זון שפּיגלט זיך אין ראָז־וויאָלעט קאָלירן איבער די הייזער, איבער מויערן און טורעמס.

בענקשאַפטן גיסן זיך איבער פון דור צו דור, אין פלאַמיקע תחנונים, תחינות, אין תפילות, און ס׳קוקן זיך איבער די שכונות און גאַסן פון דער ניי־בויענדיקער נייער ירושלים, מיט דער אַלטער שטאָט, וואָס איז אין די מויערן פאַרבליבן און בענקט צו פולער גאולה...

וווּנדערט זיך נישט אויף דער בענקשאַפט, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף אַלעם. זענען דאָך די גאַסן און געסלעך לייבלעכע קינדער פון דער אַלטער שטאָט, צעשיידטע אין באַפרייאונגס־געראַנגל.

דערמאָנען דיך די אַלטע שכונות, וואָס די אַלטע שטאָט איז געווען. און טאַקע אויף די אַלטע שכונות, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, איז אויסגעגאָסן געוואָרן דער צאַרן. זיי דאַרפן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן נייעם אויפקום, זיי דאַרפן פאַרשווינדן.

געסעלעך געבויטע אָן סדר, שטיינער, וואָס זענען אַמאָל ראָזעווע און דערנאָך ווייסע געווען, האָט די עלטער מיט גרינלעכן מאָך באַדעקט. אין זייער טיפן עלטער זעען זיי אויס ווי האָרבאַטע זקנים.

שמאָלינקע געסעלעך, ווו אַ מענטש אָדער אַן אייזעלע האָבן זיך קוים אַדורכגעשטופּט. אַמאָל זענען זיי אַנטפּלעקט געוואָרן ווי אָאַזיסן אין מדברדיקן ירושלים. היינט זעען זיי אויס ווי אָרעמע קרובים, אַרום די ריזיקע געביידעס, ווי קבצנים אויף די הינטערשטע בענק אין קלויז.

נעמט, למשל, נחלת שבעה, אויף דער סאַמע יפוער גאַס, דאָס קעניגרייך פון ספרדישע יידן. אַ שטעטעלע פאַר זיך, ספרדים מיט אַ צופּוץ פון אַ ביסל באַשטריימלטע אַשכנזים.

ווייבער האָבן זיך דורכגערעדט דורך די פאַרקראַטעוועטע פענ־

צטער, געוווּסט וואָס ביי דער צווייטער טוט זיך. עס האָט געקלונגען די שפּראַך, וואָס האָט דערמאָנט גלות־שפּאַניע און די אינקוויזיציע, אין מויל פון ספרדישע יידן, מאַנספּערשוינען, האַרעפּאַשניקעס, צוגעווינטע צום האַרטן לעבנס־שטייגער; קינדערלעך נישט געפּיעשטשעטע פון לעבן, האָבן אָנגעפּילט די שמאָלע געסעלעך, ווו אויטאָמאָבילן האָבן זיך סיי ווי נישט געקאָנט באַוועגן...

שבת־יום־טובדיקע טעג פלעגט עולם זיצן אויף קליינע פּיסב־בענקעלעך, פאַרלייגט די פיס הינטער זיך און פריילעך געקנאַקט קערעלעך. ווייסע פאָרהענגלעך האָבן זיך געהוידעט אויף די קליינע פענצטערלעך, אין פאַרשידענע קאָלירן געפאַרבט, ווי שלום־פענדלעך פאַרשטעקט אין אַ רעגנבויגן, וואָס דריקן אויס שלום ושלוה.

און איצטער, שטייען זיי די הייזקעס צוזאַמען מיט די גרויסע געביידעס, ריזן־הייזער, אַ געפלעכט פון בעטאָן און שטיין. און די קליינע פאַרבליבענע הייזעלעך קוקן מיט שרעק ווען זייער ריי וועט קומען און קומען וועט זייער ריי, ווייל ס'זענען שוין אָנגעצייכנט די נייע גאַסן, וואָס וועלן זיי פאַרשלינגען.

עפּעס ענדערט זיך אין ירושלים, זי ווערט פונסניי געבוירן, צעוואַקסט זיך. און דאָך בענקט זיך צו דעם אינטימען, וואָס ירושלים האָט אין זיך געהאַט.

און אפשר — אפשר וועט אויך די נייע גרויסע צעבויטע ירושלים, די ברייט צעוואַקסענע, קאָנען אויך פאַרהיטן איר פּשוטן שטייגער, אָט אַ די ווייכקייט פון די ירושלימער שטיינער, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק און האַרציק.

1967

בויער און צעשטערער

אין אַלע בענקשאַפטן און תפילות, האָבן מיר געבעטן, איבער־געחזרט אַן אייביקן ניגון פון ווידערבאַלעבונג און בוי. דאָס באַנייטע

און ווידעראויפגעבויטע ירושלים דערפרייט אונדז, יעדעס צוגעקומענע זויז דערמונטערט.

דעריבער איז ירושלים די היים, דאָס געוועב פון דורות. אַ היים קאָן מען נישט פאַרבייטן. אַ היים — דאָס זענען די פעדים, וואָס קניפּן אונדז אָן צו די פרימאָרגנס, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פון ערשטן קינדערישן בליק.

אַ היים — דאָס איז די מאַמעשע פרייד איבער די ערשטע טריט פון איר קינד, וואָס הייבט אָן זיין גאַנג אויף דער וועלט און גייט אַנטקעגן דעם גורל זיינעם.

פאַראַן בענקשאַפטן — וואָס עלטער זיי ווערן, דערהערן זיי דעם פליגל־פלאַטער פון באַנייאונג און אייביקער שטרעבונג צו גוטסקייט, און געלייטערטקייט.

פאַראַן אַ שייד־וועג צווישן אונדז און דעם יאָרהונדערט וואָס מיר לעבן. אַ יאָרהונדערט פון גרויסע אידעאַלן, ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אָט־אָט ווערט אויסגעלייזט אַ וועלט; און פאַר אונדז איז דווקא דאָס יאָרהונדערט מיט אַלע ליכטיקע דערשיינונגען אַ יאָר־הונדערט פון גרעסטן בראָך.

ווי טעמפּ איז די וועלט און וויל אונדז נישט פאַרשטיין, און ווי שווער איז זיי צו באַגרייפן זיצנדיק אין זייערע היימען, אַז אויך מיר ווילן נישט מער ווי אַ היים. דווקא צו אַנטריגען פון אונדזער ספּעצי־פישקייט...

אונדזער צוריקקום — אונדזער ווידערקערן קיין ירושלים, האָט אויך געדאַרפט אויסלייזן אַ וועלט פון זינד כלפּי אונדז. אַ וועלט, וואָס האָט מיליאָנען פון אונדזערע געקרייציקט. נאָר איינצלנע האָבן דאָס פאַרשטאַנען נאָכן מבול, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונדזערע קעפּ.

מיר, דער איבערבלייב פון אַ פאָלק, האָבן געגלייבט, אַז זיי וועלן באַנעמען, אַז דאָס פּיצל לאַנד ישראל, דאָס לאַנד פון אונדזער אָפּשטאַם, איז פאַר אונדז פּשוט זיכערקייט און היים און ווידערוווּקס.

צווישן אַלע היימען אויך אונדזער היים ירושלים. און פון דאַנען

וועט מען אין נייעם יאָר אָנזאָגן דער וועלט אַ ווונטש און אַ ברכה,
„דאָס שלעכטס זאָל ווי דער רויך פאַרשווינדן״.
נישט הילף פאַר צעשטערער, נייערט אַ ברכה פאַר די בויער...
1967

אויפן הויף פון בית־המקדש

יאָרנלאַנג האָב איך געטראַכט: ווען וועל איך דאָרט ווידער זיין?
איך האָב געקלעטערט אויף הויכע דעכער פון ירושלימער הייזער, כדי פון דאָרט אַראָפּצוקוקן און כאָטש כאַפּן בלויז אַ בליק — אפשר וועל איך עפּעס דערזען...
און ענדלעך — אין אַ פרייטיקדיקן טאָג — האָט מיך אַ שטראָם מענטשן אָוועקגעטראָגן אַהין. ס׳זענען דאָרט געווען מוסולמענער, צונויפגעקליבענע פון גאַנצן לאַנד און אָט בין איך אויפן הויף.
ווי אין חלום האָב איך זיך דערזען צווישן טויזנטער אַראַבערס.
איך קוק זיך אַרום איבערן הויף: מיט טויזנטער יאָרן צוריק זענען זיך דאָ צונויפגעקומען יידן פון גאַנצן לאַנד, — פון דער גאַנצער דעמלטדיקער וועלט — דריי מאָל אין יאָר, געפּראַוועט דאָ זייערע יום־טובים. וויפל דאָס האָט מיך איצט דערמאָנט, וואָס פאַר אַ געדאַנקען אַרויסגערופן!
און אַזוי, פאַרטיפט אין מחשבות, בין איך אַריין אין אָמאַר־מאָשיי. כ׳האָב באַוווּנדערט די איידעלע שניצערייען, די גאָבעלינען, די פערסישע דיוואַנעס, וואָס זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד.
באָרוועס גייט מען דאָ אַריין. גלייביקע קניען און בייגן דעם קאָפּ, בוקן זיך צו דער ערד, אין תפילות פאַרזונקען.
יעדע תפילה זייערע הייבט זיך אָן מיט „אל רחום וחנון״ — ווי ס׳שטייט געשריבן אין קאָראַן. די פּנימער זענען געווענדט אין דער ריכטונג פון מעקאַ, זיי זענען איינגעזונקען אין עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער מזרחדיקער דביקות.

און אַט האָט זיך מיין בליק אָנגעשטויסן אויפן אבן שתיה — דעם שטיין, וואָס זאָל נאָך האָבן דאָ פאַרבליבן פונעם בית המקדש. מיט אַן אייזערנער צוים איז ער איצט אַרומגעצוימט, דער שטיין — די איבערבלייבעניש פון אַמאָליקער יידישער גרויסקייט.

מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען דאָס פאָלק איז פעסט אויף זיין ערד געזעסן, האָט קיינער נישט געזאָגט: „ענג איז מיר דאָס אָרט אין ירושלים”... אין ירושלים איז פאַר אַלעמען אַ יום־טובדיק אָרט דאָן געווען...

...אַ יונגע, טראַגנדיקע פרוי האָט מיט פאַרוויינטע אויגן אַרויפּ־געקוקט אויבן און אירע ליפּן האָבן אַ תפילה געשעפּטשעט. ווער ווייס — צי באַוויינט זי אימיצן, צי וויל זי עפּעס אויסבעטן? ס׳איז מיר שווער געוואָרן אויפן האַרצן, קוקנדיק אויף איר.

איז אַריינגעקומען אַ יידישער זעלנער. דער מונדיר זיינער האָט זיך שאַרף אַרויסגעשניטן פונעם אַרום. ער איז מיט באַרוועסע טריט געגאַנגען איבער די טייערע טעפּיכער און אַ סך אויגן האָבן אים נאָכגעקוקט — מיט חשד? מיט שנאה? — ווער קאָן עס דערגיין. אָבער מיר איז געוואָרן אַביסל לייכטער אויפן האַרצן. כ׳בין רואיקער געוואָרן, ס׳האָט זיך געענדיקט מיין איינזאַמקייט דאָ.

כ׳האָב זיך שוין געהאַלטן ביים זעלנער און צוזאַמען מיט אים אַרויס אין דרויסן.

נאָך אַזויפיל הונדערטער יאָרן איז דאָרט ווידער אַ יידישער פוס געשטאַנען. און טאַקע — אַ פוס פון אַ יידישן שלאַכט־מאַן.

יידישע עולי רגל — ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

1967

פעלקער־וואַנדערונג!

אַהין און אַהער שטראָמען מאַסן מענטשן. פון דער אַלט־שטאָט האָט זיך אין אָנהייב אומדרייסט, שפּעטער מיט ריזיקע שטראָמען אַ לאַז געטאָן די באַפעלקערונג, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַסן פון ירושלים,

און פאַרקערט, דער שטראָם פון יידן הערט נישט אויף. מען גייט, און גייט, און גייט. ערשט איצטער זעט מען ווי שטאַרק עס איז געווען צונויפגעבונדן דאָס אַלטע מיט דעם נייעם, ווי עס האָט געלעבט אין יעדן איינעם, ווי עס האָט געפעלט. לייכטער איז געוואָרן דאָס האַרץ און טיפער דער גלויבן, אַז מיר גייען צוריק צו דער גרויסקייט פון אַמאָל. ווי שנאה וואָלט מיט אַמאָל פאַרשווונדן. און אין דער וואַנדערונג וואָלט זיך דערפילט די פרייד פון ווידער ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. אָבער מיט גאָר אַ באַזונדערער שליחות.

אויף די געמאַרקן פון ירושלים זעט מען איצטער אַ געמיש פון מענטשן. אַ קאָלאָריט פון געשטאַלטן. אַ נישט געפּעגטעטער גאַנג, אַ גאולה־גאַנג, פאַרוועבט אין עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר האָבן נאָכנישט איבערגעלעבט. אָט איז דאָס לאַנד פאַר דיר, אויף די טריט, ווי זיי וואָלטן זיך מיט דער ערד אונטער זיך געקושט נאָך אַ לאַנגן איבעררייס, אין אַ נייער באַגעגעניש, אין פריילעכער וואַנדערונג.

1968

דער חורבן פון הר הזיתים!

טויזנטער יאָרן זענען יידן קובר זייערע נאָענטע אויף דעם הר הזיתים, עס שניידט אים דורך דער נחל קידרון, וואָס דערמאָנט די אוראַלטע צייטן און עס ווייסלען זיך גאָר אַלטע מצבות, פאַראַנקערטע ווי דאָס לעבן אויף דער דאָזיקער ערד אונדזערער.

אַ שרעק נעמט דיך אַרום, ווען דו שטויסט דיך אָן אויף דער דאָזיקער ערד, אויף די צעבראָכענע שטיינער, אויף אויפגעריסענע קברים, אויף צעשמעטערטע מצבות, — מצבות און שטיינער, וואָס מען האָט געגנבעט ביי די טויטע, זייער לעצטע היים, און פון זיי געביידעס געבויט (אויך אומריינע פלעצער). שטיקער פון הר הזיתים האָט מען פאַר בוי־פלעצער פאַרוואַנדלט. מעטשעטן, הייזער און האָטעלן געבויט; שאָסייען געשניטן און קברים פאַרדעקט.

אין תשעה באב בין איך געגאַנגען איבער דעם הר הזיתים,

אַ מצבה פון אַ נאָענטן מענטשן געזוכט. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט ווי זיי האָבן געוואָלט אָפּמעקן יעדן שפּור פון לעבן, און וואָס עס האָט דאָ געלעבט.

ביים שכמ׳ער טויער, אַנטקעגן „שער האריות״, אויף דעם וועג צום הר הזיתים, שטייען נייע צונויפגעלייגטע פון שטיינער נייע מצבות פון די וואָס האָבן דעם נצחון געבראַכט, און פאַר דער וועלט די שאַנד פון די וואַנדאַלן אַנטפּלעקט.

1968

לייכטנדיקע חנוכיה ביים כותל

לאַנג שוין, אַ סך אַ סך יאָרן, ווי דאָס אייביקע חשמונאים־ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן. דאָ, ביים כותל, איז עס דערטרינקען געוואָרן אין יידיש בלוט.

דורות אויף דורות האָבן דאָ זייערע הערצער אָנגעצונדן, אָבער אַ ליכט — אַ פּשוט ליכט, אַ פלאַם — איז נישט מעגלעך געווען דאָ אָנצוצינדן. די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט טרערן, דער אָרום איז געווען קאַלט און נאַס אין חנוכה־טעג און ווילדע ווינטן האָבן געבלאָזן פון אומעטום.

און אָט האָט ווידער אַ פלאַם־אויף געטאָן די שיין פון חנוכה־ליכטלעך ביים כותל המערבי. די אייניקלעך פון חשמונאים האָבן זיך דורך דעם שער האריות אַדורכגעריסן. האָט זיך דער שער הרחמים אויך אַ טרייסל־געטאָן — ס׳איז צעשטערט געוואָרן זיין אייביקע פאַרמאַכטקייט. ס׳האָט דאָ, ביי די טויערן און מויערן, אַ שאַל־געטאָן דער שופר פון גאולה און נאָכאַמאָל אַנטפּלעקט דעם סוד פונעם באַפרייונג־פייער.

איז ווידער ליכטיק ביים כותל — אַ מעכטיקע חנוכה־לאָמפּ האָט זיך צעלויכטן.

זאָל זי אונדז שיינען לדורות, ס׳זאָל ווידער ווערן דאָס אייביקע חשמונאים־ליכט.

יאָסל חריף

שטאָט פון שלום

שונאים קאָנען נישט רוען, זיי קאָנען נישט פאַרליידן, אַז עס וועבט זיך אַ צוזאַמענלעבן מיט אַראַבער, אַז אַראַבישע הענט פון מזרח־ירושלים געפינען אַרבעט אין דער ניי־שטאָט, אינעם גרויס־אייסגעוואַקסענעם יידישן ירושלים. זיי קאָנען אַפילו נישט פאַרטראָגן די צייטונג־פאַרקויפערס, וואָס פאַרקויפן די נאָכמיטיק־צייטונגען און זייערע קולות מישן זיך אויס מיט די יידישע.

און וואָס לענגער ס׳דויערט דער איצטיקער מצב, אַלץ היימישער, אַלץ נאָענטער ווערן ביידע חלקים פון דער שטאָט. גייט אַ ייד צוריק פונעם כותל — קויפט ער אין אַראַבישע קלייטלעך. אַראַבער אַרבעטן ביי די יידישע הייזער און יידן לייגן קאַנאַליזאַציע־רערן צו דער אַלט־שטאָט און אין איר.

קאָן מען אָבער נישט פאַרטראָגן, וואָס שמוץ, פוילעכץ און שנאה זענען אויסגערוימט געוואָרן פון יפוער טויער און פון מגדל דוד, וועלכע דער אַראַבישער לעגיאָן האָט פאַרוואַנדלט אין אַ מיסט־קאַסטן. איצט שיינט ער אַרויס פון צווישן די אַרומיקע בערג און בנינים אַ באַלויכ־טענער.

און די פלאַנטאַציעס אַרום די מויערן? די גרעזלעך, וואָס הייבן שוין זייערע קעפּלעך, פעלד־בלומען, וואָס הייבן אָן אַרויסצושפּראָצן צווישן גראָז...

דאָס שכמער טויער האָט תמיד געשפּיגן מיט שנאה צו אונדז — איצט שטייען יידישע אַרבעטער און פאַרריכטן די גזימסן.

אַ שטאָט, וואָס קריגט צוריק איר נאָמען — די שטאָט פון שלום, ירושלים. רוען נישט די רוצחים, קריכן פון דער הויט אַרויס, רייסן זיך אויף די גלייכע ווענט.

אָבער די, וואָס זיצן אין ירושלים, וועלן זיך נישט דערשרעקן פאַר אויפרייסן. רוממה וועט זיך ווייטער שטאָלץ און זיכער דערהייבן איבערן אַרום, אויף אַלע אַנפאַלן וועלן די רוצחים קריגן ענטפערס, ווי עס קומט זיי, ווי זיי פאַרדינען זיך.

מיר וועלן ווייטער בויען און אויפבויען דאָס גרויסע, גאַנצע שיינענדיקע ירושלים. און פון די טויערן פון אונדזער אייביקער הויפּט־שטאָט וועלן ווידער אַראָפּלייכטן די אַלטע נביאישע ווערטער:

און דיין הויז זאָל ווערן אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער!

1968

ברידער און שוועסטער

געטראָפן האָב איך זיי אין דער אַלט־שטאָט פון ירושלים: מיינעם אַן אַלטן גוטן פריינד, אַן אָנגעשטעלטן אין דער סאָציאַלער הילף פון דער עיריה און אַ מיידל מיט ברוינע קאַרשן־אויגן און אַ טונקל פּנים, וואָס אויף אירע ליפּן האָט געשוועבט אַ שעמעוודיקער יונגער שמייכל.

געמיינט האָב איך, אַז זי איז זיין טאָכטער, ווייל — ווי אַנדערש? מיין פריינד שטאַמט פון אַן אַלטער מיוחסדיקער ירושלימער משפּחה, טראָגט נאָך היינט לאַנגע מלבושים און אַ פולע באָרד נעמט אַרום זיין איידל פּנים. ער האָט מיך אָבער באַלד אַרויסגעפירט פון טעות: „באַקענט זיך, מיינע אַ פּאַך־קאָלעגין, איך פיר זי אַריין אין דער אַרבעט פון אַ סאָציאַלער שוועסטער" — האָט ער מיר געזאָגט.

פירט זי אים איבער גאַסן און געסלעך פון אַלט־ירושלים — זיי רעדן צווישן זיך אַראַביש — און טראָגן הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע אַראַבער.

זיי האָבן מיך פאַרבעטן אין דעם נייעם ביורא פאַר סאָציאַלער הילף, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער אַלט־שטאָט. אַ שיינער מקום און וועט מסתמא אַ סך העלפן די, וואָס נייטיקן זיך אין הילף. אַזוי ווי ס'העלפן זיך איצט אַרויס די, וואָס אַרבעטן ביים טראָגן הילף.

ווי מענטשלעכער ס׳איז די דאָזיקע שוועסטער פון יענער טונקל־הויטיקער, וואָס האָט געטראָגן די באָמבע אין קינאָ „ציון״ אין ירושלים! וואָס מער אַזעלכע שוועסטער, וועט גיכער הערשן שלום אין דער שטאָט פון שלום, אין גאַנצן לאַנד.

1968

דער דימענט פון אַנטווערפּן

באַגעגנט האָב איך אים ערב ראש השנה, אין אַן אויטאָבוס, אויף די ירושלימער גאַסן. אַ בחור — אַ צאַצקע. מיט זיין שיינקייט און ציכטיקייט האָט ער זיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער גרופּע ישיבה־בחורים: די פּיאות פאַרשטעקט הינטער די אויערן — נוסח אייראָפּע; אַ גלאַנציקער שוואַרצער פּליוש־הוט האָט באַדעקט זיין יונגן קאָפּ. פון פּנים האָבן אים אַרויסגעבליקט אַ פּאָר פינקלענדיקע אויגן, וואָס האָבן מיט צופרידנקייט געקוקט אויף גאָטס וועלט.

אויף דער גיך האָט ער מיך עפּעס געפרעגט און ס׳האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ שמועס: ער לערנט אין דער בעלזער ישיבה, וואָס אין ירושלים, שוין אַ פינף יאָר צייט. אין צווישן איז ער שוין דריי מאָל געווען אין בעלגיע, אין אַנטווערפּן, „אין דער היים״.

צי בלייבט ער שוין דאָ?

— ניין, — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַ קוים באַמערקבאַרן, פאַררויטלט. — מיין כלה איז פון אַמעריקע, איך פאָר צו איר און דאָרט וועט מען אם ירצה השם בויען אונדזער הויז.

— פאַרוואָס נישט דאָ?

האָט ער געענטפערט פּשוט און פּראָסט:

— משיח וועט דאָך קומען, וועט מען צוריקקומען מיט אים...

פינף יאָר האָט מען אים געשליפן, דעם דימענט, אין דער בעלזער ישיבה. פינף יאָר געלערנט תורה און חכמה, געבאָדן אין ים פון תלמוד, אָנגעזאַפּט מיט ש״ס און פּוסקים. אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט צוגעבונדן צו דער ערד פון די אבות. ווייל די בעלזער ישיבה

— שטעקט נאָך אַלץ אין בעלז. בעלז איז טאַקע צו אונדזער צער שוין מער נישטאָ, אָבער תורת בעלז איז פאַרבליבן. האָט מען צייט צו וואַרטן אויף משיחן. און צו וואַרטן איז אין אַמעריקע לייכטער, ווי אין ירושלים.

אַוודאי וועט משיח האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט אויפצוקלייבן די אַלע דימענטן אינעם ריזיקן ניו־יאָרק און אין אַנדערע פרומע צענטערן. אָבער וואָס גייט עס אָן דעם פיינעם דימענט פון אַנטווערפּן, וואָס פאַרט דערווייל קיין אַמעריקע?

1968

זיי, די ניין־און־אַכציק...

זיי, די 89 און אַנדערע וואָס איך האָב געזען קובר זיין אויפסניי, קומט פון אונדז אַ גרויסער חוב. זיי האָבן אַלץ אַוועקגעגעבן — דאָס לעבן אַליין.

זיי, דער גרעסטער טייל פון זיי איז נישט עלטער ווי די ידישע מדינה, און זיי זענען געפאַלן אויף דער שוועל פון אירע צוואַנציק יאָר.

ירושלים איז נאָך געהילט אין פייערלעכקייט. די פענער פלאַטערן נאָך איבער די קעפּ. יאָרן אויף יאָרן וועט מען דערציילן וועגן וווּנדער און נסים, סוף־כל־סוף וועלן אַמאָל אַ סך חשבונות פאַרענדיקט ווערן, דער מענטש וועט צו אַ ביי לעבן דערוואַכן, אַנטקעגן זיי אָבער וועלן מיר בלייבן אייביקע בעלי־חובות...

ניין און אַכציק אויסגעווילטע זין, אויסגעלייטערטע זין פון פאָלק, וואָס זענען פון דערווייליקע קברים אַרויסגענומען געוואָרן און אויף הענט מיט ליבשאַפט צום לעצטן וועג געטראָגן געוואָרן, און די ירושלימער ערד האָט זיי אַריינגענומען.

דוכט זיך, פול שוין דער בעכער פון צער און טרערן, אויף דעם גאולה־וועג; פול איבער די ברעגעס!

אַ שיינער טאָג געווען אין ירושלים, אַ וואַרעמע זון האָט

געלויכטן — און באַלויכטן די אויסגעקריצטע נעמען אויף די מצבות, ביי זייער צוקאָפּנס, מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער, ברידער, פרויען, קינדער, די וואָס וועלן אייביק טראָגן פאַרקריצט זייערע נעמען אין זייער האַרץ. אַ פּיצל קינד שטייט און גאַפט, אויף אַ קבר, דעם פאָטערס האַנט וועט עס שוין קיינמאָל נישט גלעטן.

אַט האָט זיך צעקלונגען דער „אל־מלא־רחמים״. ווו איז רחמים? אין אַ פאַרפלאָנטערטער תקופה פון שנאת חנם. באַזונדערס קעגן אונדז. דאָס צעהרגעטע פאָלק, וואָס וואָגט ווידער אויפשטיין.

מאָדנע באַטאַליאָנען זענען זיך דאָ צונויפגעקומען צופוסנס דעם „קבר הרצל״, פון דריי מלחמות, אויף אייגענער ערד, אין משך פון צוואַנציק יאָר.

דער חזן זינגט קאַפּיטלען תהילים, וואָס דערמאָנען דעם קאַמף פון דוד קעגן גלית.

אַ פאָטער פון אַ געפאַלענעם זון שטאַרקט זיך, און רעדט, וועגן גורל פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט אָנגעהויבן גיין איבער דעם רויטן ים, צו גאולה, און גייט ביזן היינטיקן טאָג.

זעלנערינס לייגן קרענץ אויף די נאָר וואָס צוגעדעקטע קברים. טויזנטער נידערן די קעפּ.

פיל וועלן פאַרגעסן, וווּנדן וועלן זיך פאַרהיילן, און דער שר פון דערמאָנונג — וועט דערמאָנען וועגן דעם חוב... וואָס מיר זענען זיי שולדיק.

און די וואָס האָבן דעם יאָמער געהערט, וועלן דאָס קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן!...

1968

אין די דאָזיקע טעג

— 1 —

אַ יאָר שוין באַלד ווי עס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן די גרענעצן, ווי עס זענען פאַרשוווּנדן די פרעמדע שומרים פון די מויערן

פון ירושלים, אַ יאָר שוין באַלד ווי דער ירדן־פּאַס איז געוואָרן די נאַטירלעכע גרענעץ.

שוין באַלד אַ יאָר ווי די פאַראייניקטע ירושלים איז פריי, נישט געפּענטעט צווישן די שטעכלדראָטן, ווי די געמאַרקן פון דער שטאָט זענען איבערפולט מיט אויסגעבענקטע עולי־רגל צו דער שיינקייט פון ירושלים, ווי די ווונדערלעכע שטאָט וועקט אַזויפיל האָפנונגען פון שלום און פרייד, אַ מענטשן־פאַרקער פון דער גאָרער וועלט, וואָס גאַפט אויף דעם גרויסן ווונדער פון אַנזאָג פון אַן אמתדיקן שלום אַנטקעגן דעם זשאַווער פון שנאה, וואָס שפּייזט אונדזערע שונאים און זייערע באַשיצער, וואָס שלום איז אויף זייערע לעפצן און ביטערע שנאת ישראל אין זייערע הערצער.

שרעקט זיך דעריבער אַ פאַלשע וועלט פאַר דער שלווה, וואָס לייכט אַראָפּ פון די שטיינער פון די מויערן פון ירושלים, פאַר דער וואַרעמקייט פון דער זון, פאַר דער השפעה אויף דעם מענטש, וואָס דער אוראַלטער אַרום האָט אויף אים. קאָן זייער מידווייליק געוויסן נישט רוען און זוכט כל מיני־תחבולות ווי אַזוי צו באַטריבן און פאַראומערן אונדזערע טעג.

מיט ציטער האָבן אונדזערע קינדער, וואָס שפּאַצירן איבער די שטעגן פון לאַנד אויף די וועגן פון נגב, שומרון און יהודה און אַרום די סיני־גראַניטן, געשפּאַנט און נישט איבערגעריסן אונדזער גאַנג. מיר שפּאַנען איצט ווייטער צום שפּיץ באַרג פון אונדזערע האָפנונגען. מיר גייען און וואַרטן אויף די, וואָס וועלן קומען און זיך באַהעפטן אין אונדזער גאַנג, אין אונדזער אויפגאַנג, אין אונדזער אַלעמענס באַנייטן פרילינג.

פרילינגס־פרייד און אַ טרער קייקלט זיך פון אויג. סימנים פון אַ פאָלק, וואָס ווערט איבערגעבוירן, ווען איינער צום צווייטן ווערט באַקאַנט און היימיש, ווען איינער ווערט דעם צווייטנס גליק און אָנשפּאַר.

— 2 —

איך גיי איבער די געסלעך פון דער אַלטער ירושלים. צווישן די מויערן אַזאַ מאָדנע שטילקייט. אַלטע אַראַבער זיצן ביי די קליינינקע קאַפע־הייזער און רויכערן נאַרגילעס. דאָס וואַסער שוימט זיך אין די גלעזער. נאָך יעדן צי פאַרטראַכטן זיי זיך, הערן זיך איין אין די טראַנזיסטאָרס, קוקן אויף די פאַרבייגייער. עס ציט זיך אַן אומאויפהער־לעכער שטראָם, אַ פאָלק גייט ביי אַ פאָלק, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט.

גייען יידן צו דעם כותל און פאַר דעם כותל זיצן אַראַבישע אַרבעטער און טעשען די שטיינער. מען רייניקט די ניי־אַנטפּלעקטע טיילן פון דעם כותל. הייזקעס אַלטע, צוגעקלעפּטע, פאַרשווינדן. מען פלאַסטערט דעם שטח מיט ווייסע העלע שטיינער, ווי אַ ניי מלבוש פאַר דער אַלטער וואַנט, אַ מלבוש פון פרייד פאַר דער אַלטער וואַנט, אַ מלבוש פון פרייד און פאַרגיטיקונג פאַר אומצאָליקע טרערן וואָס זענען דאָ פאַרגאָסן געוואָרן אין תפילות און תחנונים, אין דורות פון פינצטערע גזרות און יסורים.

אויף דעם מערב־דרום־ווינקל דערגראָבט מען זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווי מען וואָלט דורך די שטיינער אַדורכגעשמועסט מיט אונדזער עבר, מיט דעם וויטן עבר, וואָס איז אונדז אַזוי נאָענט.

היינט וועט מען ברענגען צו קבורה אַ טייל פון די אויסדערווײלטע וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר אונדזערע לעבנס, זייערע אַכצן־ און ניינצן־יאָריקע לעבנס. די וואָס האָבן קוים אָנגעהויבן צו שמייכלען צום לעבן און דאָס לעבן האָט זיי אַזויפיל צוגעזאָגט. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען קיבוץ־מענטשן, געבוירענע אין קאָמונעס, וואָס די וועלט קען נישט זייערס גלייכן.

אַנטיסעמיטן אין קאָמוניסטישע מאַסקעס רופן זיי ציוניסטן. יאָ, ציוניסטן אין וועלט־פאַרנעם. ערטער פון וווּ מיר זענען פאַרשוווּנדן, אָבער דער גייסט אונדזערער גיט די שונאים נישט קיין רו. ניין, ניין, אין די אויגן פון זיי, וואָס פאַרשטייען אַזוי אַ סאָציאַליסטישע וועלט, וועלן מיר קיינמאָל נישט קיין חן־וחסד געפינען... וואָס פאַראַ אינטער־

נאַציאָנאַל פון געוועד־זאַמלונג אין די הענט פון די רוצחים, פון די פאַרגיסער פון אומשולדיק בלוט. ניין, דאָס פאָלק וועט וויסן, דאָס פאָלק פון ציון וועט באַווייזן, אַז זיין ווילן איז אויסגעשמידט. שנאה און שקר וועלן אָפּגעמעקט ווערן און זייער צביעות וועט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער וועלט.

— 3 —

עס איז ווידער שבת. עס בענקט זיך צו דעם שיינעם וואַרעמען דרויסן, נאָך אַ רעגנדיקן ווינטער. מען גייט ווידער אין דער אַלט־שטאָט. אָ, ווי פריילעך די שטיינער האָבן זיך צעלויכטן אויף די מויערן פון ירושלים. די גאַסן זענען אָנגעפילט מיט לעבן, ריזיקע שטראָמען גייען צו דער כותל. טויזנטער און טויזנטער — אַן אומאויפהערלעכער שטראָם.

ביי דער כותל שטייט, צווישן אַנדערע, אַ ספרדישער מנין יידן און לייענט פון אַ ספר־תורה, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון רומעניע. עס דערמאָנען זיך דיר און שטייען פאַר די אויגן די חרוב־געוואָרענע קהילות. דאָס איז איינע פון די ספרי־תורה וואָס די רומענישע רעגירונג האָט איבערגעשיקט קיין ישראל.

אַ ווייסע טויב האָט זיך באַוויזן אין אַ שפּאַלט פון אַ שטיין אין דער כותל, אַ פלי געטאָן איבער די קעפּ און צוריק אין נעסט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין די אין די תפילות זיך וויגנדיקע יידן און איינגעהערט זיך אין דעם יזכור פון די נאָר־וואָס פאַרשניטענע לעבנס.

אויף מיין צוריקוועג האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָרגאַ־ניזירטן שפּאַציר. פאַרגעסן די מידקייט דראַפּע איך זיך אַריבער די מויערן צום וויפלטן מאָל, און זאַפּ איין זיך איין די שיינקייט פון ירושלים. די לופט איז אָנגעפילט מיט לויטערקייט און רחמים. מיר באַטראַכטן די דרום־וואַנט, שפּאַנען איבער דעם מוזולמענישן בית־הקברות, באַ־וווּנדערן די קברים אין זייער גאַנצקייט אַנטקעגן די צעשטערטע מצבות פון הר־הזיתים...

ניין, דאָס איז נישט קיין פאַנטאַזיע. דיינע טריט קלאַפּן אויס

אויף די שטיינער טריט פון גאולה, ביסט ווידער דאָ. נאָך אַלע בלוט־אָפּפלוסן ביסטו ווידער דאָ אויף דער דאָזיקער ערד, נאָך אַלע שחיטות און בראַנדן אַ פרילינג אַ נייער, אַ יום־טוב אַ נייער, ווי היינט וואָלסטו פון מצרישער קנעכטשאַפט אַרויס. די שונאים שטייען אַנטקעגן דיר און דו גייסט אין פרייהייטס־קאַמף אין די טריט פון דיינע אָבות.

דעם שונא איז נאָך פרעמד אונדזער אויפריכטיק שלום־וואָרט און דאָך איז מען זיכער, אַז קומען וועט דער טאָג פון פרייד און פרידן און דאָס פאָלק וועט אין זיכערקייט זיצן אויף זיין ערד.

און כאָטש אַ טרער נעצט דאָס אויג צוליב אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, גייען מיר פול מיט בטחון, אויף דער שוועל פון צוואַנציקסטן יום־העצמאות, צוואַנציק יאָר פון אונדזער באַנייטער גאולה.

1968

שלום אין דיינע טויערן

ביי די שוועלן פון ירושלים וועלן זיך צונויפקומען די קינדער פון פאָלק פון זייער גאָרער צעשפּרייטקייט. זיי וועלן זיך איינקוקן אין דעם כח, וואָס האָט פון דער צעשפּרייטקייט איינס געמאַכט.

זעלנער און זעלנערינס, קינדער פונעם פאָלק, אין אַ פייערלעכן יום־טוב־אויפמאַרש. גישט מיט שנאה וועט טרעטן זייער נצחונדיקער טראָט אין דער אייביקער שטאָט ירושלים — נייערט ווי אַ פרידלעכער צונויפטרעף פון פאַרצייטנס מיטן היינט, וואָס באַנייט זיך תמיד איבער אַניי.

אַ לייכט ווינטל וועט בלאָזן אין די פלאַטערנדיקע פענער איבער די קעפּ פון די פאַרשיידענע פאָרמאַציעס, פונקט ווי אַ שבטים־אויפגאַנג אינעם אַמאָליקן מדבר־גאַנג, ביז צום ווידער ווערן פאָלק, און ווידער אויף אייגענער ערד.

און כאָטש וואָפן וועט פאַררוישן די אויערן, וועט די פּראַכט פון נצחון פאַרכאַפּן דאָס האַרץ אין דער בלענדנדיקער ירושלים, וווּ פון יעדן שפּאַן פילט זיך דאָס וואָרט פון נביא, וואָס האָט עס אויסגעהייליקט און

אויסגעוואַרעמט אין זיין ציטער פאַר דעם עתיד. און דער אָפּקלאַנג פון זיין וואָרט הערט זיך מיט כח און קראַפט איבער אַלע דורות, איבער דער גאָרער וועלט — דאָס וואָרט נאָך וועלכן מענטש און וועלט, און מיר באַזונדער, בענקען צו דעם: —

„און קיין פאָלק וועט נישט הייבן זיין שווערד איינער קעגן צווייטן..."

1968

מחנה יהודה

מחנה יהודה האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט זינט די צענדליקער יאָרן. ווען כ'בין דאָרט געווען צום ערשטן מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך דריי זיך אַרום איבער די געסלעך שוין יאָרן און יאָרן, אַז גאָרנישט האָט זיך טאַקע געענדערט.

מחנה־יהודה איז דער צענטראַלער נערוו פון האַנדל־וואַנדל אין ירושלים. דאָ קאָנט איר באַקומען די פרישסטע פּרוכטן, וואָס צייטיקן אין אונדזער לאַנד, ווי אויך די אַלטע זאַכן, וואָס ווערן אַרויסגעטראָגן אויף די געמאַרקן.

דער גרעסטער הו־האַ איז דאָרט ערב שבת און יום־טוב. דאַן שטופּט מען זיך קוים אַדורך צווישן די סטראַגאַנעס.

די ריחות פון אוראַלטע ירושה־קרעמלעך, וואָס גייען איבער פון דור צו דור — קרעמלעך מיט אַלערליי געווירצן און בשמים, די מזרחדיקע באַווירצונג פון שפּייזן. די מוטער שרה האָט נאָך מן־הסתם מיט אַזעלכע געווירצן געשמאַק געמאַכט אירע פּאַטראַוועס, ווען די מלאכים זענען געקומען אָנזאָגן די בשורה פון ווידער־יונגשאַפט אינעם פריינדלעכן הויז פון אברהם אבינו.

דאָ, אין מחנה יהודה, זענען אַפילו די בעטלער פון גאָר אַן אַנדער מין — אַ קיבוץ־גלויותדיקער צונויפמיש. זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן אַלע אַלטקייטן פונעם פאָלק אָפּגעהיט אויף זייערע פּנימער, און

אין זייער לבוש; אַלע אַלטקייטן, מיט וועלכע דאָס פאָלק ישראל האָט זיך אָנגעזאַפּט אויף זיין לאַנגן וואַנדער־וועג.

איר האָט דאָ פּיש־קלייטן און יאַטקעס, מיט שווערע אייזערנע טירן. סיי די פּישערס, סיי די קצבים, זענען אַזעלכע געמיטלעכע און רואיקע — אַ געזונטע פרישקייט שיינט אַראָפּ פון זייערע פּנימער. פּישערס בני פּישערס, קצבים בני קצבים — שטאָלצע מיט זייער באַרוף, יחוס און אָרט אין ירושלים.

און איצטער זענען אויך צוריקגעקומען אַלטע קרובים:

די קעפּיעס, פאַרגאַרטלטע אויף די קעפּ, די שוואַרצע טראַלדן הענגען זיי נאָך. די ווייבער גייען אין געשיקטע פּיאָלעטענע סאַמעט־קליידער ביז די קנעכלעך. זיי קומען מערסטנס פון שכמער טויער, איבער שמואל־הנביא־גאַס, איבער גאולה און יוסף בן מתתיהו. זיי לאָזן זיך פון אויטאָבוס אַראָפּ מיט געמאָסטענע טריט, ווי אין אַ פּראָצעסיע. די ווייבער טראָגן קוישן אויף די קעפּ, דער גוף — אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע.

באַלד אין די ערשטע טעג איז מחנה־יהודה געווען ווי אין די ימי־קדם — ווען ירושלים איז גאַנץ געווען: ס׳איז באַלד געוואָרן דער טרעף־פּונקט פאַר טיילן פון דער שטאָט.

די געמאַרקן פון ירושלים זענען נאָך פולער און בונטער געוואָרן. מחנה־יהודה האָט זיי מיט אַ פריינדלעכן „סקאָצל קומט" אויפגענומען און אַזוי ציט עס זיך פון נאָך די ניסימדיקע טעג ביז היינט צו טאָג. דער שטראָם פון שכמער טויער פליסט אין אַלע שעהן פון טאָג, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, ווי די טויערן וואָלטן שטענדיק אָפן געווען. איז מחנה־יהודה ווידער אַ טרעפּפּונקט געוואָרן; דער טרעפּפּונקט צווישן צוויי פעלקער, וואָס לעבן אין דער שטאָט זינט דורות — פון דער פאַר־אייניקטער אייביקער שטאָט ירושלים.

1968

ביים שכמער טויער

דאָס שכמער טויער אין ירושלים איז באַשעדיקט געוואָרן אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה. די אַלטע אָרנאַמענטן זענען נישט בכוח געווען אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון מאָדערנעם געווער. אַ סך פון די אויסגעטאָקטע און אויסגעשליפענע שטיינער ליגן צעברעקלטע אויפן ברוק.

געווען צייטן ווען דאָס שכמער טויער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף ירושלים. די בייזע בליקן פון אונדזערע שכנים האָבן זיך איינגעגעסן אין יעדן יידישן פאַרבייגייער. זיי, די שכנים, זענען געזעסן מיט די נאַרגילִיעס אין מויל, געררויכערט און געשפּיגן.

היינט צוטאָג שטייען יידישע אַרבעטער אויף רושטאָוואַניעס און טאָקן צוריק אויס, פאַרריכטן די באַצירונגען פונעם שענסטן טויער אין ירושלים. יידן גייען דאָ פאַרביי צום כותל. פריי פילט מען זיך אין די ענגע געסלעך, ווי זיי וואָלטן אויסגעלייזט געוואָרן פון דער דורותדיקער שנאה.

נישט ווייט פונעם שכמער טויער געפינט זיך די הייל פון צדקיהו. דורך דער הייל איז דער מלך צדקיהו אַנטלאָפן פאַרן מלך פון בבל. איצט גייט מען אָבער — זען, באַוואונדערן, איינזאַפּן אין זיך דעם אָטעם פון יאָרטויזנטער יידישער געשיכטע.

אין די נעכט ווערן די מויערן פון ירושלים באַלויכטן, די שטראַלן באַלייכטן אויך צוביסלעך אונדזער אַלטן עבר, גראָד ווי זיי באַלייכטן די באַנייטע טויערן פון ירושלים.

1968

דער צווייטער ראש־השנה

מיר נעמען אויף דעם צווייטן ראש־השנה נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין דער פאַראייניקטער ירושלים. מיר שפּאַנען אין צווייטן יאָר, מיר לעבן און ווירקן: אין שומרון, אין יהודה, אין עזה און אין גולן,

אין אַלע אויסגעברייטערטע שטחים. מיר זענען אַריין אין איינאונ־צוואַנציקסטן יאָר פון ווידער באַנייטער מדינה. און טראָץ אַלע שטערונגען, שנאה פון אונדזערע שכנים, וואָס קאָנען נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז מיר זענען ווידער דאָ, זענען מיר איצטער פיל שטאַרקער, פאַראייניקטער, אויסגעוואָקסן, גאַנצער, און נאָך מער איבערצייגט און איבערגעגעבן צו אונדזער באַנייטן וועג. וואָס ווייטער ווערט אַלץ קלאָרער, פאַרשטענדלעכער, נענטער. און אין דעם אַלעם פלעכט זיך אַדורך דער רומפולער קדם, דער אָנהויב פון ווערן, דאָס וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן זיין מיט טויזנטער יאָרן צוריק...

אין דעם צווייטן ראש־השנה דאַרפן מיר דערמאָנען דעם נצחון איבער די, וואָס האָבן זיך געוואָלט באָדן אין אונדזער בלוט, דערמאָנען דעם זיג איבער די שוואַרצע כוחות, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט בכדי אָפּצומעקן אונדז פון גאָטס ערד. און דער גרימצאָרן ברענט אין זיי, ווייל מיר האָבן זייערע פינצטערע פלענער צעשטערט; מיר דאַרפן דערמאָנען דעם נצחון איבער רשעות און צביעות... ווי פאַרשידענע פינצטערע כוחות האָבן זיך פאַראייניקט קעגן אונדז. די וועלט האָט זיך צוגעוווינט צו יידיש שווייגן, און פאַרשווייגן... שווער באַנעמען זיי, ווען דער ייד איז מקיים „והיה כי ירום משה את ידיו" — ווען משה הויבט די הענט און דערלאַנגט, צעשמעטערט די פויסט וואָס הויבט זיך רשעותדיק אַנטקעגן אים.

פאַר אונדזערע אויגן ענדערט זיך בולט דאָס אויסזען פון לאַנד. דאָס אַלטע לאַנד ווערט יינגער, שענער, לעבנספולער און אויך שטאַרקער. מיטאַמאָל איז אַלץ אַנדערש געוואָרן. די פלאַנץ, דער בוים, און אפילו די שטיינער אין ירושלים. די בערגער אַרום, וואָס האָבן אין זייערע נאַקעטע פאַלדן געוועער קעגן אונדז געזאַמלט, געוועער פון כלומרשטע וועלט־באַפרייער, בכדי שנאה און מאָרד זייען קעגן אונדזער פרידלעך דאָ זיין. האָבן מיר זיי ווי ווילד גראָז אויסגעריסן. אַנשטאָט טויט־מכשירים, וועלן מיר דעם אָרום שפייזן מיט ברויט און פרוכט, די דאַר־שטיקע, טרוקענע פון דורות, ערד ווערט אָנגעטרונקען, עפנט איר טראַכט, שפייזט דעם מענטש, זעטיקט די בהמה, און דער פויגל געפינט

מנוחה אויף אַ גרין צווייגל. די אָפּגרונטן באַדעקן זיך ווידער מיט בלומען־טעפּיכער, און די רוקנס פון די בערג שפּיגלען זיך אין פּילפאַרביקן ליכט, און ציטערן נישט אין זייער געוועזענער באַקעטקייט, פאַר קעלט.

פאַרדריסט זיי, די אַפּוטרופּסים, אונדזער מענטשלעך ווידערקערן, אונדזער דאָ זיין. זיי איז שווער באַנעמען, אַז עס זענען אונדז צוריקגעקערט געוואָרן די כוחות פון אַמאָל.

בעט זיך פון טיפן האַרצן אַ תפילה אין די ראָש־השנה־טעג. אַ תפילה פאַר שלום און שלווה אויף דער וועלט. אַ תפילה צו אַ ביסל קלאָרן שכל, דאָס שלעכטס זאָל נישט שולט זיין אויף דעם גוטן — און נוצלעכן פאַר דער וועלט, נייערט דאָס אַלטע געבעט „וכל הרשעה רעשן תכלת"... און דאָס שלעכטס וועט ווי אַ רויך פאַרשווינדן...

1968

אַ וואָרט וועגן עליה און עולים

זיי וועלן ווידערקערן, ווי די שפּראָצונג אין פעלד, ווי די פרישינקע גרינקייט אויף צעבליטע צווייגן אין פרילינג, ווי די אויפגעבויטע און ווידער באַנייטע פּאַלאַצן פון ימי קדם...

מען וועט דערזען די שיינקייט פון אונדזערע קינדער, באַגלייט פון שיר־השירים געזאַנג. אַלץ וואָס איז אונדז נאָענט, היימיש און הייליק, וועט אויפשאַלן מיט פרייד.

ווידערקערן וועלן די קינדער נאָך אַלע בראַנדן, נאָך אַלע אָפּנאַ־רערייען, ווייל נישטאָ קיין קיום פאַר תורות וואָס דער אמת שטייט נישט איבער זיי און דער לייטזעליקער גלעט פון גאולה.

און ס'וועט אָפּהילכן פון אונדזער גומען דאָס וואָרט פון רחמים, יושר, צדק; און האַלדזן אַ באַנייטע וועלט וואָס די ריינקייט און לויטערקייט פון ירושלים וועט שטראַלן אויף איר.

היימיש וועט זיך פילן דער מענטש אויף אַלט־נייער ערד, און זיין ווידערטרעטן אויף איר.

זיי, די קינדער פון פאָלק, וועלן ווידערקערן פון אַלע וועגן, און

זיי וועלן זיך ציען אַהער ווי דאָרשטיקע צו אַ לעבעדיקן, זיסן קוואַל.

ירושלים וועט זיי גלעטן ווי אַ מאַמעשע האַנט, מיט צאַרטקייט און ליבשאַפט.

און נאָך אַלע זוכענישן און וואַנדערונגען וועט דער אומאויפּ־הערלעכער גייער מיט אַ מאָל דערפילן דעם טעם פון פשוטן וואָרט — היים...

1968

ירושלים אינעם שניי

אין אַ דיקן, ווייסן שלייער איז איינגעהילט געוואָרן ירושלים. דורך שטאַרקע ווינטן איז ער אָנגעטראָגן געוואָרן דער שניי. ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַזאַ שטורמיש יאָר, האָט ער זיך צעטאַנצט אין אַ ווילדן טאַנץ איבער אַלץ און אַלעמען, ווי ער וואָלט וועלן מיט אַ ווייסער חתימה צוחתמענען דעם בונד צווישןביידע טיילן ירושלים, אָפּווישן יעטוועדע גרענעץ צווישן זיי, יעדן צייכן פון צעשיידונג, יעדן סימן פון בייזע שריט, וואָס פאַרגנבנען זיך אין די פינצטערנישן פון בייזע מחשבות אַרום דער אייביקער שטאָט ירושלים.

די הימלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער איבער די בערג פון יהודה, דיביימער אויסגעפּוצטע אין כלה־שלייערן, האָבן זיך צונויפגע־גאָסן אין ווייסקייט מיט די שטיינער פון די בערג, הייזער און גאַסן. די טויערן פון דער אַלטשטאָט זענען אויסגעצוואָגן געוואָרן, באַפּוצט מיט פינקלדיקע שניי־שטערנדלעך. אויף די ביישטידלען פון אַלע טירן און טויערן איז אויסגעמאָלט מיט ווייס לייכטנדיקער שריפט אַ ברוכים הבאים: קומט און זיצט אין די היימען פון ירושלים.

די ענגע געסלעך און ליקלעך פון אַלט ירושלים זעען אויס, ווי יום־טובדיק אויסגעפּוצטע קינדערלעך. אַלטע הייזער, וואָס זייערע שטיי־נער זענען גערינצלט, ווי די פּנימער פון זקנים, האָבן אויסגעגלייכט זייערע קנייטשן און אויסגעצירטע אין ווייסע קיטלען, האָבן זיי פאַרהאַלטן אונטער דער ווייסקייט הונדערטער יאָרן געשיכטע.

אפילו די אָפּענע קבֿרים פון הר הזיתים, וואָס די מצבֿות האָבן די ירדנער פאַרנוצט צום פלאַסטערן וועגן און אומוועגן, האָבן אויפגעהערט אויסשרייען זייער עוולה אויף אַ ווײַלע.

אין עמק יהושפט, ווו מ׳וועט אין אחרית הימים משפטן די וועלט, האָט זיך אַ טעפּיך פון פוך אויסגעשפּרייט פאַר די פרומע ערלעכע טריט פון די שופטים, וואָס טראָגן מיט זיך אייביקע גערעכטיקייט.

און ווען איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם כותל המערבֿי, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז פון זײַנע שטיינער האָבן זיך אָפּגעריסן צוויי ווײַסע טויבן און אָפּגעפלויגן אין דער אומענדלעכער ווײַסקייט. פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שניי פוכעלעך, וואָס זענען אָן אויפהער געפאַלן פון ירושלים של מעלה אויף ירושלים של מטה.

1968

יום־טובֿ טעג אין ירושלים

יונג בין איך געקומען אין דײַנע טויערן ירושלים מיט יאָרן טויזנטער אויף מײַן רוקן.

נישט איינמאָל האָבן בענקשאַפטן מיך געבראָכן, ווי ס׳וואָלטן אַלע עקדות פון מײַן געשלעכט פאַלק אויף מײַנע אַקסלען זיך געלייגט.

פאַר מײַנע אויגן, מײַן אַלטע היים, וואָס איז פאַרשרפעט געוואָרן אין די תהומות פון רשעותדיקער שנאה.

און פּלוצעם האָב איך אַ געפּאַנגענער פון דײַן שיינקייט, צוגעטוליעט זיך צו דיר — צו דײַנע דורותדיקע סודות.

וואַרעמע זון האָט געגלעט מײַן ציטערדיק טראַכטן איבער דיר, מײַן לעצטע האָפענונג.

מײַנע טריט, ווי אָפּקלאַנגען פון דאָרט, האָבן זיך דאָ אין המשך פאַרוועבט. אַ המשך פון דאָרט, ווו איך האָב מײַנע ערשטע שריט געשטעלט, צו מזרח מײַנע תפילות געווענדט און דערפילט, אַז איך געהער צו דיר.

מײַן דורשט האָב איך אין די ערשטע טעג אין רעגנוואַסער פון

אוראַלטע ברונעמער געשטילט, וואָסערן אָנגעזאַמלטע אין ווייסינקע שטיי־נערנע בעקנס, פון נביאישע טריט געהייליקטע.

וואָסערן אויפגעזאַמלטע טראָפּנווייז ווי יידישער בטחון, פון דור צו דור וואָס האָט נישט אויפגעהערט בענקן צו דיר, ירושלים.

אין האַרבסטיקע נעכט, אין פרימאָרגנס געהילטע אין קאַלטן טוי, בין איך מיט מיין הייסן שטערן צו דיינע שטיינער צוגעפאַלן, און האָב זיך צו דיין באַנייטן פרילינג דערוואַרט, וואָס איז אויך מיינער געוואָרן.

בוק איך זיך מיט ערפורכט פאַר דיינע ווידער־אויפגעמאַכטע טויערן, וואָס אַנטפּלעקן אונדז טויזנטער יאָרן צוריק און פאָראויס, און פרישקייט פון באַנייאונג ליגט אויף זיי...

גיי איך אין דיינע צעלויכטענע גאַסן, אין יום־טובֿ'דיקע טעג, אַ נייער פרילינג שוועבט איבער אַלעמען, ווידער זענען דיינע געמאַרקן אָנגעפּילט מיט צעזונגענע עולי רגל און די בענקשאַפטן שטילן זיי אין פרייד צו דיר, ירושלים.

1968

די עסטרייכישע פּאָסט

ערשט נעכטן איז זי נאָך דאָ געשטאַנען, די אַלטיטשקע פּאָסט, אַן איבערבלייב פונעם „קייזער און קעניגלעכן עסטרייך" — פון פראַנץ־יאָזעפס אימפּעריע.

די פּאָסט און דער עסטרייכישער קאָנסול דאָרט — דאָס איז געווען אַ באַזונדערע מדינה. אַ צווייסטאָקיקער בנין, געבויט אינעם סטיל פון אַן עסטרייכישער קאַזאַרמע. אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך נאָך דאָרט געפונען די הויפּט־פּאָסט — איידער די מאַנדאַט־מאַכט האָט אויפ־געשטעלט דעם בנין פון דער נייער פּאָסט.

איבער דער עסטרייכישער פּאָסט, אויף דער מויער פון אַלט־ירושלים, פלעגט שטיין אַ ירדנישער לעגיאָנער. האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ שטיין איז געפאַלן אויף אַ יידישן פאַרבייגייער. דאָס איז

געוועזן — נישט ווייט פונעם יפוער טויער — דער גרענעץ־פּאַס אינעם צעשניטענעם ירושלים.

איצט — נישטאָ מער די פּאָסט, פאַרשוווּנדן. גראָד, ווי די עסטרייכישע אימפּעריע, גראָד ווי דער ירדנישער לעגיאָנער.

דער פּלאַץ איז אָפּגערייניקט, אַנטפּלעקט איז די מויער. אַ בנין, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן די עמבלעמען פון אַן אַלטער אימפּעריע — האָט זיינס אָפּגעדינט און פאַרשוווּנדן. מיר האָבן אים איבערגעלעבט, גראָד ווי מיר האָבן איבערגעלעבט יענע אימפּעריע, גראָד ווי מיר האָבן איבערגעלעבט די צעשניטנקייט פון ירושלים. ירושלים, וואָס לייכט אונדז איצט אַנטקעגן אַ גאַנצע, אַ שיינענדיקע, אַן אַלטע און אַ יונגע.

1968

מוזעאומס...

ווער נאָך ווי זיי האָט אַזאַ חוש פאַר אַלטערטימלעכקייטן, פאַר אייביקייטן, פאַר געשיכטע, אַרכעאָלאָגיע, פאַר אויסגראָבן דעם עבר, זיי, דאָס צווייטע פאָלק פון דער בייבל, די ענגלענדער. ווו אַ שטיקל שמאַטע, פון מאָלן צעפרעסן, ווו אַן אָנגעפּוילטע סטאַטוע אַ מומיע, אין טונקלקייט פון קאַטאַקומבן, אין טויזנטיאָריקן שלאָף, ווו נאָר אַן אָנהייב פון קולטור וואָס איז פאַרשאָטן אָדער פאַרגראָבן געוואָרן, ווו נאָר אַ שאַרבעלע אַ קמיע — ווערט עס דורך זיי געראַטעוועט און אַריינגעפירט אין דער מוזעאום־אייביקייט. געראַטעוועט גיכער, ווי אַ לעבעדיק יידיש קינד, וואָס איז געבליבן אַ זכר פון אַ גרויסער יידישער משפחה, פון נאַציס פאַרפייניקט און פון דער וועלט, דער נאָבעלער, נישט געדולדעט.

אַ פאָלק, וואָס האָט ליב געשיכטע, קאָלעקציאָנירט די פּרעכטיקסטע אוניקומס אין זיינע מוזעאומס. אַלץ לויט כראָנאָלאָגישן סדר, תקופה נאָך תקופה, פון די עלטסטע שטיינערנע עפּאָכע ביז דער עפּאָכע פון שטיינערנע הערצער...

נבוכדנצר און טיטוס, טאָרקוועמאַדאַ און כמיעלניצקי, ראַספּוטין און ניקאָליי, אַפילו היטלערס ביוסט פון דער לעצטער פאַשיסטישער

תקופה איז אין דעם דאָזיקן גאָטפאַרכטיקן לאַנד נישט געוואָרפן געוואָרן אין מיסטקאַסטן. טרייע הענט, וואָס האָבן חוש פאַר היסטאָריע, האָבן אים פאַר אַ גוטן פּריז אָפּגעקויפט און געגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ.

שטייענדיק פאַרן צוים פון שטעכלדיקע דראָט אין מאה שערים אין ירושלים, האָב איך באַמערקט, ווי אַ קליין מיידעלע האָט געוואָלט אַריבערוואַרפן אַ כאַלאַט, אַ גרינלעכן שבתדיקן כאַלאַט פאַרן זיידן אירן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט, אָט גיט זי אים אַ וואָרף און האָט אים נישט דערוואָרפן, דער כאַלאַט איז געבליבן אויף דעם שטעכיקן דראָט, דער זעלנער, אַ באַוואָפנטער מיט דעם פולן געווער און מיט אַ פּאַלקע אין דער האַנט, כאַפּט דעם כאַלאַט, וואָס גלאַנצט אַנטקעגן דער זון מיט אַלטקייט פון אַליוון־קאָליר, און מניה וביה אַריינ־געוואָרפן אין אַ פאַרבייפאַרנדיקן טאַנק.

דאָס אייניקל האָט אויסגעשטעלט אויגן פון שרעק, דער זיידע האָט נאָכגעקוקט און געוויינט, ווי אַ שטיק לעבן וואָלט אים דער טאַנק פאַרכאַפּט, און דער זעלנער, אַ צופרידענער פון אָפּגעטוענעם, רייבט זיך די הענט און לאַכט.

איך האָב אים געוואָלט טרייסטן דעם זיידן: זיידעשי, זאָרגט נישט, דער כאַלאַט וועט האָבן השאָרת הנפש. זיי וועלן אים אויסבאַהאַלטן, פאַראייביקן אין אַ מוזעאום, אין טויזנטער יאָרן אַרום וועט מען אים דערקאָנען, דעם צוגערויבטן כאַלאַט, אַז זיין אָפּשטאַם איז מאה שערים אין ירושלים. אַ ייד, אַן אַלטיטשקער האָט זיינע ביינער אין אים גע־כאָועט, מען וועט אין אים דערקענען, מען וועט דערקענען די תקופה, די תקופה פון בעווין הערשאַפט.

אַ שאָד נאָר וואָס מען קאָן נישט צונויפנעמען די טרערעלעך פונעם אייניקל און די טרערן פונעם גרויז גרויען זיידן, אין לאָגלען פאַרמאַכן און מיטגעבן אַלס באַגלייט־דאָקומענט — וואָלט פאַר די צוקונפטיקע געלערנטע געווען לייכטער צו דערקענען, ווי אַזוי אַ שבתדיקער כאַלאַט, פון אַ ייד פון מאה שערים, פון דער הייליקער שטאָט ירושלים, איז אַריין אין דער אייביקייט. און אפשר, מיינע דזשענטלמענער, פּראָפעסאָרן און געלערנטע, אפשר האָט איר אַ מיטל צו קאָנסערווירן טרערן? מאַכט,

כ׳לעבן אַן עקסטראַ אָפּטיילונג, שטעלט זיי אין איין ריי! אַ יידישער כאַלאַט, טרערן פון אַ יידיש מיידעלע און פון אַ גרייז גרויען זיידן — און שרייבט אונטער, פאַרגעסט נישט זייט מוחל, הויכגעשעצטע פּראָפעסאָרן, „טרערן פון דער בעווין־תקופה״.

1947

ולירושלים עירך

דער נאַפט־לאָמפּ, אין אַ באָמבאַרדירטער ירושלים־נאַכט, דערמאָנט מיך מיין דאָרף אין פּוילן, ווו מיין וויגל איז געשטאַנען, ווו איך האָב מיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט. אין מיין זכרון לעבן אויף די געשטאַלטן פון יידן דאָרף־לויפער, וואָס האָבן געשפּאַנט איבער דערפער, זוכנדיק פּרנסה פאַר זייערע אָרעמע היימען. אין די אוונטן פלעגן זיי אָנקומען אונטער אונדזער דאַך — די איינציקע יידישע משפחה אין דאָרף — און ביי דעם נאַפט־לאָמפּ, אונטערלענענדיק דאָס האַרץ מיט אַ וואַרעמער וועטשערע, פלעגן זיי אָפּרוען פון אַ שווערן טאָג האַרעוואַניע. זיי פלעגן דערציילן מעשיות וווּנדערלעכע, וועגן צדיקים, ניסים, און להבדיל וועגן רוחות און שדים. איך פלעג זיך איינהערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און פלעג איינזאַפּן אין זיך די ווונדערבאַרע געשיכטעלעך. מיט גאָר אַ באַזונדערן נייגיר פלעג איך שלינגען די מעשהלעך איבער ארץ־ישראל — ירושלים, וואָס עס פלעגט זיי דערציילן ר׳ ישראל לייב. מיר האָבן אים חושד געווען, אַז ער קלעפּט צו זיין בערדעלע מיט זייף צו זיין גאָמבע.

דאָס בערדעלע פלעגט זיך באַוועגן אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, און פון זיין הייזעריקלעכן האַלדז האָט זיך פון צייט צו צייט אַ ניגון געהערט: ולירושלים עירך ברחמים תשוב.

פון דער מאַמעס אויגן האָבן טרערן געקאַפּעט און זי פלעגט זיי אַ וויש טאָן פון צייט צו צייט. זי פלעגט מכבד זיין דעם יידן מיט נאָך אַ הייס גלאָז טיי. אין דער צייט, אין שיין פון דעם קנאַפּן ליכט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער די טריט פון אליהו הנביא, דעם

מבשר פון אונדזער גאולה. און אַז פון דעם מויל פון ישראל לייבן, וואָס דערציילט די מעשהלעך, רעדט אַרויס דער בעל־שם־טוב אַליין.

און איצטער, זיצנדיק אין ירושלים, אין שיין פון אַ נאַפט־לעמפל, ווען עס שלאָפט זיך נישט, ווען די קאַנאָנען דונערן, לעבן אויף אין מיין זכרון די ווונדערלעכע זיסע מעשהלעך. ווי אַ נשמה־ליכט לייכט מיר דער נאַפט־לאָמפּ אין דער באָמבאַרדירטער נאַכט, ערב וואָפנשטילשטאַנד אין חודש תמוז תש״ח.

גייען אויף אין מיין זכרון די ווונדערלעכע יידן, וואָס האָבן אַזוי ליב געהאַט ירושלים. אין נעפּל פון זכרונות בין איך אויפגעשטאַנען, האָב אַריינגעקוקט אין דעם חלל פון דער נאַכט, אינעם הימל, באַלויכטן מיט דעם פאָספאָר פון די שראַפּנעלן, און פון דער ווייטנס, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט גייט מיין מאַמע, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין די נאַצישע קאַלכאויוונס. זי שפּאַנט און אַן עמער וואַסער האַלט זי אין אירע ציטעריקע הענט, און שעפּטשעט צו מיר: „טרינק, טרינק, מיין זון! איך האָב געהערט, אַז וואַסער פעלט אין ירושלים. טרינק, און דאָס, וואָס עס וועט פאַרבלייבן, גיס אויס אויף די ברענענדיקע הייזער...״

מיין מאַמע פאַרשווינדט און איך בלייב ווידער אַליין, כ׳הער זיך איין אין די באָמבן־אויפרייסן, און פון די דונערן און אויפבליצן שפּאַרט זיך און גייט אויף דאָס קול פון ר׳ ישראל לייב:

„ולירושלים עירך ברחמים תשוב...״

1968

ע י ן ־ ג ד י

נישט ווייט פון סדום, ווו אַ העליש פייער האָט פאַרצערט יעדן סימן פון לעבן, הענגען און שלענגלען זיך די בערג פון מדבר יהודה צופוסנס פון ירושלים. פון דער געזאַלצענער און פאַרקאַלכטער סדום־ערד, וואַקסט אַרויס פאַר דיר עין־גדי, ווי דאָס געזאַנג פון שיר השירים.

עין־גדי שפּרודלט מיט אירע שאַרפע זיסע וואַסער־שטראָמען, וואָס

זענען שטענדיק פריש און קאַלט אין זייערע שטיינערנע, בלאַנקנדיקע בעקנס; זי שטראַלט מיט אירע וואַסער־פאַלן און גרינקייט.

די שיינקייט פון אָרט איז אַזאַ, אַז ווען מען איז איינמאָל דאָרט געווען, ציט עס און לאָקט עס שוין אַהין. עס איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן דאָס קלעטערן אויף די שמאָלע שטעגלעך, דאָס גיין איבער די שטיינערנע בריקלעך אַרום די וואַסער־פאַלן, נחל דוד, נחל ערוגות און נאָך און נאָך.

ביים נחל ערוגות שטויסטו זיך אָן אויף אַ צויבערדיק בילד, וואָס מען הערט אויף צו גלויבן, אַז דאָס איז וואָר. אַרום וואַסער־פאַל — מעכטיקע שטיינער, אויסגעהוילט און באַוואַקסן מיט לאַנגע געקרייזלטע גראָזן, גרין־ברוינלעכע, וואָס שאַפן אַ טיפע שוואַרצקייט. ווען די זון ברעכט די שטראַלן איבער זיי. דאָס זענען די „האָר פון שולמית" און עס ווייזט זיך טאַקע אויס, אַז מען הערט פון דאָרט דאָס געזאַנג פון שיר השירים...

צווישן די שטיינער — טונעלן, ווו עס שטראָמען אָן אויפהער קוואַליקע וואַסערן, דאָ, אַנטקעגן דעם אַלטן ירושלים, האָט מען אין די ציַיטן פון יידישע מלכים און נביאים, אויסגעפּרעסט די איידלסטע זאַלבן און פּערפומען, פון דער איידעלער אַפּאַרסימאָן־פּרוכט, וואָס נאָך היינט קאָן מען נישט דערגיין דעם סוד אירן. אַפילו די רוימער, וואָס האָבן דאָ אַלץ פאַרניכטעט און אויסגעריסן מיטן וואָרצל, האָבן אַ חלק פון די דופטיקע ביימער געשוינט. די דאָזיקע יידישע פּערפומען האָבן אָפּנים געטראָגן אין זיך דעם אָטעם פון די שולמית־שטעגן, — ווו זי האָט אַ ליבע־דורשטיקע, געשווענבט איבער די „כרמי עין־גדי", געחלומט פון שלמה המלכס פּאַלאַץ, שפּרינגענדיק ווי אַן איגד איבער די בערג.

איז דער דאָזיקער נאָענטקייט צו אַזאַ וויַיטן עבר, האָט זיך לעצטנס אויך אַהינגעריסן דער עתיד. אויף אַ בערגל, ווו די וועגן זענען באַוואָקסן מיט קליינע זיסע מדבר־עפּעלעך; ווו בייַנאַכט קאָן מען נאָך הערן די טריט פון אַ מדבר־חיה, וואָס זוכט דאָ איר רויב; ווו אינדן שפּרינגען אַרום און אַן אָדלער קרייצט איבער דיין קאָפּ; פון וואַנען מען זעט דעם ים־המלח, אויסגעשפּרייט ווי אַ זויבערער שבת־

טישטוך — בלאַנקט אַרויס דאָס עין־גדי פון היינט. בענקשאַפטן פון דורות האָבן דאָ אַהערגעבראַכט די אייניקלעך פון בר־כוכבא צוריק צו דעראָבערן דאָס זייעריקע.

נישט קיין גרויסער קאָלעקטיוו מענער, פרויען און קינדער, זיי האָבן אויסגעוואַשן און אויסגעזופּט די ערד; אָנגעטרונקען די פאַר־טרוקנטע טיילן מיט זיס קוואַליק וואַסער. און אַט — פּיקען זיך אויס קנאָספּן פון בלומען, עס צייטיקט דער וויינגאָרטן, וואָס גיט דאָ די ערשטע פּירות אין לאַנד; עס ווינקען צו דיר די זאַפטיקע טאָמאַטן, וואָס ווערן שוין רייף צו פּסח־צו.

מיר שפּאַצירן צווישן די בייטן און אונדזער באַגלייטער דערציילט אונדז וועגן יעדן גרעזל, יעדן פויגל. ער גייט בנעימותדיק — אַ נייער ייִד, וועלכער צאַפּלט זיך נישט האַווענדיק. וואָס האָט ער זיך דאָ צו איילן? ס׳איז אַזוי אָנגענעם דער שפּאַציר...

און אָט איז יוסי פון רביבים — ער העלפט אונדז זיך דורכשמועסן מיטן עבר, דערקלערט אונדז אַלע היגע אַרכעאָלאָגישע נייעסן.

אַנטקעגן אונדז — אַ גרופּע קינדער, מיט זייער גננת, מרים. זי זעט אויס ווי אַ טייל פון גאַנצן צעבליטן אַרום און די קינדער — באַוועגלעכע בלימעלעך אין דעם גרויסן בלומען־טעפּיך. איין טאָג האָט מיך אַ קינד געבעטן: ס׳וויל זען, וואָס עס טוט זיך אין מיין זייגער. האָב איך אים געעפנט און די קינדער האָבן מיט אַזאַ אינטערעס נאָכ־געקוקט די באַוועגונגען פון זיין אינגעווייד, אַז ס׳איז מיר געווען אַ שאָד, ווען די קינדער זענען אַוועק מיט מרימען.

שפּאַצירנדיק אַליין אין אַ פאַרנאַכט העט ווייט אין פעלד, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי מצבות מיט אַן אויפשריפט: „געפאַלן פאַר דער באַפרייונג פון עין־גדי". און איך האָב געפינען די פאַרבינדונג פון אונדזער דור מיט די בר־כוכבא־העלדן, וואָס זענען געפאַלן דאָרט אויבן, אין דער פעסטונג מצדה.

די זינד פון סדום, וואָס איז אין אירע זינד פאַרברענט געוואָרן, זענען אַפּנים שוין לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרן. אויף דער פאַרברענטער הויט פון סדום וואַקסן אויס ישובים, זי ווערט איבעראַניי באַלעבט דורך

די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. אויך דאָ הייליקן יידישע קינדער דעם באָדן פאַר אַ ניי לעבן, פאַר אַ נייעם יידישן מענטשן.

און אין דעם גאַנצן אַרום שיינט צום שענסטן עין־גדי.

1962

אין יונגן לאַנד

היי־יאָר זענען די פענסטער פון די הימלען געווען דערבאַרעמענדיק און אָנגעטרונקען די ערד מיט אַ שפע פון רעגן. האָבן זיך די זאַמען פון די פעלדער און די צווייגן פון די ווייגערטנער און סעדער אַ הויב געטאָן און די מי פון מענטשלעכער פראַצע האָט מיט פרייד דערזען די פרוכט.

האָט טאַקע אַ שאַל געטאָן דאָס געזאַנג אין ערב פסח פאַרנאַכט, צום באַנייטן מנהג, פון די צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען. און חברה זענען אַרויס אין אַ פאַראַד־גאַנג, אַלט און יונג, קינדער מיט געפלאָכטענע קרענץ איבער די קעפּ, אויף די פעלדער שניידן דעם עומר, מיט מוזיק און טענץ באַגלייט און נאָכדעם דערציילט די ניסים פון אַמאָליקן מצרים און אין זינען געהאַט די איצטיקע פרעה׳ס...

שאַנקענדיקע קינדער פרעגן קשיות און מען ענטפערט זיי ווי אונדזערע אבות אבותינו. און דאָך קלינגט דאָס אַנדערש אויף אייגענער ערד, ווייל מיר זענען קנעכט געווען. הונדערטער מענטשן אַרום די טישן. עפּעס האָט זיך דאָך געענדערט. אַמאָל האָבן מיר געפלעגט ציען צו אונדזערע עלטערנס טישן און דאָ גייען די עלטערן צו די קינדער. דאָ, אין יונגן לאַנד, זענען די קינדער די באַלעבאַטים און די אַלטע לייט פרעגן קשיות... אַזוי איז דער נס געשען.

1964

יאָסל חריף

שופר של משיח

געווידמעט מיין אייניקל חגי

אין לויטערן פרימאָרגן פון ערשטן טאָג ראש־השנה תשכ״ה, האָט מיך אַ צי־געטאָן צו מיינע אַלטע באַקאַנטע, צו די תימנער פון אישי. כ׳בין געגאַנגען ביחידות איבער די פעלדער, ווו רעשטלעך וואַטע־קנאָספּן וואַלגערן זיך אונטער די פיס, פאַרבליבן פון דעם איינגעזאַמלטן ביינוול. אַ פערד, אַנגעבונדן אויף אַ לאַנגן שטריק, דרייט זיך אין אַ קרייז און זוכט אַ געשמאַק גרעזל צום ערשטן אָנבייסן. אַן אייזל האָט זיך צעשריגן, ווי להבדיל אַ קינד, וואָס וויל נאָכמאַכן שופר־בלאָזן. אַ מיידעלע אין אַ געבלימט קליידל און באָרוועסע פיס, גייט — ווי אַמאָל די מאַמע רחל — פאַרויס פאַר אַ טשערעדע שעפּסן, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט.

נעענטער צום דאָרף הערט זיך דאָס מעקען פון מעלקנדיקע קי. ווייסע אינדיקעס בלאָזן זיך אין די אָפענע שטייגן און די פעדערן זייערע פליען פון אַלע זייטן, היגער האָבן זיך צעקוואָקעט.

אין דאָרף — קינדער אויסגעצוואָגענע לכבוד יום־טוב, אין נייע מלבושים, יום־טובדיקייט אומעטום, אין אַלץ. פלוצלינג האָבן מיינע אויגן דערבליקט פון דערווייטנס די שיינע געשטאַלט פון אַ יונגער פרוי. זי האָט געטונקען אַ לאַפּן אין אַן עמער און געוואַשן דאָס קעפּל פון אַ יונג קעלבעלע — אַ שוואַרץ־ווייס קעלבעלע, מיט אַ ווייס מאָרדעלע, זי האָט עס אויסגעווישט אויף טרוקן, אַריינגעקוקט אין די קעלבערנע אויגעלעך און מיט אַ מאַמיש געפיל אַ בויג־געטאָן זיך צו זיין קעפּל, אַ קוש געטאָן אין שטערן, אין דער לויטערקייט פון פרימאָרגן האָב איך געהערט דייטלעך דעם קלאַנג פון קוש.

זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און מיך דערזען — אַביסל זיך פאַרשעמט, איך האָב איר אַ ניי גוט יאָר געווונטשן, אויסגעפרעגט, ווי ס׳לעבט זיך.

— מען אַרבעט נישט און ס׳איז אויך נישטאָ קיין צייט אין שול צו גיין — האָט זי אַ שמייכל־געטאָן.

פון שולעכל האָט אַרויסגעשאַלט דאָס שופר־בלאָזן. אַ דינינקער ווידערקול האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די בערג, און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַזוי דאַרף זיין דער קלאַנג און דער אויפשאַל, ווי מען האָט אונדז דורות־לאַנג געשילדערט דעם שופר של משיח...

1964

יום העצמאות

דאָס מאָל האָט מען געפייערט אין באר־שבע, אין דער שטאָט פון אונדזערע אבות, אין דער מדברדיקער הויפּט־שטאָט, ווו דו זעסט נאָך אַ קעמל מיט אַ בעדואינער, אין דער שטאָט וואָס דערמאָנט דיך, ווי יצחק אָבינו האָט ברונעמער געגראָבן און די פּלישתים האָבן זיי פאַרשיט פּונקט ווי היינט: דיר נישט, מיר נישט, פאַרשיט. און דאָך פאַרשיט זיך נישט אַזוי לייכט. אָט זעסטו דאָך דעם מיליטערישן אויפמאַרש. ניין, דאָס איז נישט מער קיין קליין שטעטעלע באר שבע, דאָ זיצן זעכציק טויזנט יידן, כן ירבו. דאָ ווערן געבויט הייזער, פאַבריקן, שולן, שפּיטעלער. דאָ ברויזט פון אַרבעט. דאָ זענען ווידער געקומען די בני ישראל פון פאַרשידענע גייסטיקע מדבריות, בכדי אוראַלטן מדבר צו ענדערן.

האָט מען טאַקע געזען אַ קאַלאַריט אין דעם יום העצמאות, וואָס זעלטן ווען זעט מען אַזעלכן. אַ פאָלק, וואָס איז צונויפגעזאַמלט פון זיבעציק אומות ולשונות, און צווישן זיי אַ סך בעדואינער אין זייער מדבר־טראַכט.

דער אויפמאַרש פון אונדזער מיליטער האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט די הונדערטער פאַרשידנאַרטיקן געווער, מיט די עראָפּלאַנען, וואָס פליען שנעלער פון קלאַנג. צענדליקער טויזנטער מענטשן שטייען און קוקן זיך איין אין דעם אויפמאַרש פון צה״ל, אין אַלע זיינע פאָרמען, און האָפן, אַז מיר וועלן עס נישט דאַרפן נוצן קעגן שונאים, נאָר טאַקע בלויז צו פאַראַדן...

1964

יאָסל חריף

נאָך שבועות

אַט איז שוין דער ביכורים־יום־טוב אויך פאַרביי. אַ וואַרעמקייט גייט אויף פון די יהודה־בערג. די צווייגן פון די בוימער ווי אויס־געשפּרייטע הענט צו תפילות, מחנות פויגל פליען געזעטיקטע איבער די פעלדער און טראָגן אַ שירה צו די בלויע הימלען.

היינט האָבן חברה אין קיבוץ אַ טיול פאַרטראַכט צוליב שבועות, אַ שפּאַציר איבער די פעלדער. אויך איך האָב דאָ אַמאָל אין די יהודה־בערג פלוימען געריסן, ווייַנטרויבן געשניטן, עפּל געזאַמלט אויף די בערג אַנטקעגן חברון... נייַע גערטנער, נייַע ווייַנגערטנער זענען צוגע־קומען, און די בוימער שאָקלען זיך פולינקע, טראָגנדיקע מיט פרוכט; בוימער וואָס גרינע בלעטער דעקן זייער צייַטיקע פרוכט. און רייַפקייט שפּראָצט פון זיי. אַט שטייען יינגינקע בוימעלעך נאָר וואָס די ערשטלינג־פרוכט אויסגעטראָגן. און אַט דעמאָנסטרירט אַ חבר אַ נייַעם טראַקטאָר וואָס באַוועגט וואַסער־רערן, מען זאָל זיי נישט דאַרפן מיט די הענט שלעפּן. דאָס באַשפּריצט ער די בוימוואָל־פעלדער וואָס זענען בטבע דורשטיקע. זיי זעען אויס ווי אַ צודעק וואָס דאַרף אָנוואָרעמען דעם קאַלטן צופוסנס פון די בערג. און די בערג אַליין ווערן געצוואָגן און געקעמט.

יאָגט איין פרוכט די צווייטע טאַקע. אַט איז די „עסקאַדיניע” און אַט זענען טרוסקאַווקעס, רויטע, און אַט שייַנען אַרויס די קאָקעטישע אַפּערזיכן און די געלע מישמישן. דער עפּל און די טרויב, אויך דער אַרבוז און דער מעלאָן. און אַט צייַטיקט די „סאַנטאַ ראָזאַ” די קעניגין פון פלוימען. באַווייַזן זיך די פרוכטן באַלד מיט דעם פרילינגס־שפּראָץ. ערשט מאַי און ביי אונדז פולער זומער! און שניטער שניידן אויף די פעלדער. גאַסט און גאַסט, קינד און קייט גייען. מע האַלט פּיצלעך קינדער אויף די הענט, מען איז נישט מער געפּענטעט אין די ד׳ אמות פרעמדע. קאָנסט דיך באַוועגן, אָטעמען מיט ברייטקייטן.

אַט פליט די טירקל־טויב וואָס איז אין חומש דערמאָנט, דער־מאָנט זיך אויך דער רבי אין דער אַלטער היים. און די טירקל־טויב

פליט איבער דעם קאָפּ מיט אירע יונגע טייבעלעך, ווי מיט שבטים פירט זי זיך אין דער לופט, לערנט זיי הויבן די יינגע פויגל; דער פליגל־רויש, דערמאָנט דיך דיין היים, און דאָס קול וואָס האָט געחזרט: דו גייסט, און אויך דיינע קינדער, און דיינע קינדס־קינדער — „אתה, בניך ובני בניך".

פון דערווייטנס ווינקט אַראָפּ אַ טורעם פון אַ באַרג, דאָרט האָט אַמאָל געוווינט ר' גמליאל, הינט ווייגען צופוסנס פון דעם באַרג אַ סך גמליאל'ס, תימנער יידן, וואָס האָבן ווידער די ערד באַאַרבעט, זענען ווידער דאָ אין באַהעפטונג מיט דער ערד, נאָך צוויי טויזנט און פינף הונדערט יאָר גלות־תימן, בליט זייער דאָרף אויפן וועג קיין חברון צווישן צרעה און אשתואל, ווו שמשון הגיבורס וויגל איז געשטאַנען, און האָט זיין פויסט אַנטקעגן די פלישתים געביילט.

אָט ביסטו שוין ממש ביים „עמק האלה" דער טאָל, אין וועלכן דוד, נאָך זייענדיק אַ יינגל, מיט פאַרחלומטע אויגן, האָט גליתן מיט אַ שטיינדל אַוועקגעהרגעט. פון די אַמאָליקע פלישתים איז קיין שפור נישט געבליבן. און מיר נאָך אַלע וואַנדערונגען, גייען ווידער אויף די זעלבע שפורן וואָס מען האָט אַמאָל אָנגעהויבן שפּאַנען.

ערגעץ פון דערווייטנס, זעען זיך צוויי צעשראָקענע הירשלעך, זיי הויבן לויפנדיק דעם אונטערשטן טייל גוף אויף זייערע דינע געטאָקטע פיסלעך. אויף זייער הינטן זעען זיך אָן צוויי ווייסע אַלאַבאַסטער־פלעקן אויף דער ברוין גאָלדענער פעל.

ציען זיך די פעלדער און וועלדער אין די בערג פון יהודה ווי אַן אויסגעשפרייטער טעפּיך צו די פיס און מען האַלדזט זיך מיט היימ־ערד צוריק.

און אָט איז ווידער אַ נייער וויינגאָרטן, מיט מושקאַט־טרויבן, פיאָלעטענע, אָנגעגאָסענע מיט זון און זאַפט. שפּראָצט דער ווייַן פון זייערע פאַררויזלטע באַקן, און די בוימלעך בויגן די קעפּלעך, ווי זיי וואָלטן בעטן: זויגט אויס פון אונדז די זאַפטן. דערפילט די ברכה פון דער ערד, און די ברכה פון אַנדערשקייט נישט ווי נעכטן און אייערנעכטן.

טראַכסט: טויזנטער יאָרן ביסטו צווישן פעלקער געלאָפן, ווו

געטאָגט נישט גענעכטיקט. האָסט דווקא געוואָלט אַן אור לגויים זיין, אַ לייכט־טורעם און זיי האָבן דיר דאָס לעבן פאַרפינצטערט.

האָסט וועלטן געשטורעמט, פרעמדע פעלדער באַרייכערט, ביז דו האָסט ווידער פשוט און פראָסט, דיך פאַרמאָסטן אויפסניי ביי דעם זוים פון ערד היימישער. צוריק צום בראשית, צוריק צום קדם. און אַנדערע פעלקער וואָס וועקן זיך צום לעבן קומען לערנען פון דיר.

קומען זיי לערנען ווי אַזוי מען רעדט צו ערד, ווי אַזוי מען פאַרוויכט דעם שטיין, דאָס וואַסער ווי אַזוי מען לענקט, ווערט ווידער דער מענטש צום בוים געגליכן וואָס גיט זיין שאָטן צום וואַנדערער און שפייזט אים מיט זיין פרוכט.

נאָך שבועות איצטער אַ וואַרעמער זומער שפרייט זיך אויס. עס פילט זיך אַ זאַפטיקער געשמאַק אין לאַנד. די פעלדער בליען מיט פעלד־בלימלעך. דער הימל אַ לויטערער זאַמלט ערגעץ די רעגן־וואָלקנס, און פאַרבאַהאַלט זיי צום ווינטער. דערווייל איז וואַרעם אויף די פעלדער צווישן די יהודה־בערג, ווו עס האָט געשפרייזט שמשון הגיבור, און דוד האָט זיינע גבורות באַוויזן.

די נאַכט פאַלט צו, די זון זינקט אין די בערג. דער עולם גייט צוריק אין קיבוץ אַן אָנגעטרונקענער מיט לופט און פראַצע־פריידיקייט.

1965

דער כוח פון אַ מאַמע

גערווידמעט מיין איניקל איה בלומע

נאָך אַ פריילעכער סדר־נאַכט, נאָך אַ צעזונגענעם און צעטאַנצטן „עומר"־שניידן... נאָכדעם ווי איך האָב געהערט קיבוצישע קינדער זינגענדיק פרעגן די קשיות — און צווישן די קינדער איז געווען מיין אייניקל חגי אויך, דאָס ערשטע מאָל וואַך ביים סדר־טיש ביז נאָך חצות — האָבן מיר זיך צוזאַמענגעמישט די קשיות פון די קינדערלעך און זייער ציטערדיק קול פון שיר השירים. די נאַכט איז טאַקע פאַר מיר געווען אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען.

בין איך נאָכן זון־אויפשיין אין די בערג פון צרעה און אשתיאול — דאָס געבוירן־אָרט פון שמשון הגיבור — אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין דער געגנט. אויפן סאַמע שפּיץ־באַרג — בית־ג׳מאל, אַ ישוב פון נזירים, וועלכע טרעטן אַליין ווײַן פון די אַרומיקע ווײַנגערטנער. אַמאָל האָבן די ווײַנגערטנער געהערט צום נשיא, רבן גמליאל...

און אָט בין איך אין אישי, אין דעם תימנער דאָרף. נאָך זייער פּלי אויפן וואונדער־טעפּיך האָבן זיי זיך דאָ באַזעצט און היינט איז פּאַר זיי אויסגעשפּרייט אַ גרינער וואונדער־טעפּיך אַרום און אַרום. מעקען די ציגן, קלינגען די גלעקלעך אויף שעפּסענע העלדזער, גוידערן זיך זאַטע אינדיקעס און רויטע קאַרעלן טרייסלען זיך אויף זייערע גוידערס. דער מו־ז־ו פון די בהמות קלינגט דאָ עפּעס לשון־קודשדיק, אָבער די ווייסע ציגן דערמאָנען מיר מײַן געבוירן־היים אין פּוילישן דאָרף. זיי קײַען דעליקאַט, מיט עפּעס אַ יום־טובדיקייט, דאָס געשמאַקע גרעזל.

עס רוט אַ פערד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אייזל פּאַרגייט זיך אין אַ גלוסטנדיק געשריי און יום־טובדיקע יידן שפּאַצירן אַרום אויסגעפּוצטע, גייען צום דאַווענען. די ווײַבער פּאָרען זיך אין דער ווירטשאַפט, ביי די הינער־שטייגן, אָבער אויך מיט עפּעס אַ יום־טובדיקייט.

פּלוצלינג האָב איך אָבער דערזען פון דערווײַטנס אַ מאָדנע געזעמל: יונג און אַלט זענען געשטאַנען אין אַ רעדל. ווען כ׳בין צו נעענטער האָב איך געזען אַ ווייסע ציג, אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַרום איר איז געשפּרונגען אַ קליין, ווײַס ציגעלע, געזוכט עפּעס מיט שנעלע באַוועגונגען.

נאָרוואָס איז דאָס ציגעלע אויף דער וועלט געקומען און שוין זוכט עס עסן, זוכט דער מאַמעס אייטער.

די מאַמע־ציג קוקט מיט רחמנותדיקע אויגן אויף איר ניי־געבוירן קינד, אַ מידע לעקט זי דאָס קעפּל פון ציגעלע, אָבער אויפשטעלן זיך און אָנזויגן עס — האָט זי נישט קיין כּוח.

שטייען מענטשן אַרום און קלערן ווי צו העלפן דער מאַמען: האָט מען אַ עין־הרע אָפּגעשפּראָכן, געגעצט מיט לימענעס אירע ליפּן, געריבן

מיט שפּירט דעם רוקן פון דער קימפּעטאָרין — אָבער זי רירט זיך אַלץ נישט. ממש — אַ צער בעל החיים.

פלוצלינג איז אָנגעלאָפן מיט דריבנע טריטעלעך אַ גרייז־גרויער זקן, איינגעהילט אין טלית. די פאַנטאָפעלעך האָבן אַזש אָפּגעהילכט פון זיין גיכן גאַנג. אויף זיינע לעפצן האָט נאָך געשוועבט די תפילה. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ציגעלע און געלאָפן דערמיט צו דער שול. און דאָ איז געשען דאָס וואונדער: ווען די מאַמע האָט דערזען, ווי איר פּיצעלע דערוווייטערט זיך, האָט זי זיך אַ שטעל אויף געגעבן און מיט די לעצטע כוחות נאָכגעגאַנגען אין די פוס־טריט פון זקן, וועלכער האָט געטראָגן דאָס ציגעלע אַ פאַרדעקטס מיטן טלית.

דער זקן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויך די מאַמע־ציג איז שטיין־געבליבן אויף אירע שוואַכע פיס. און ער, דער זקן, האָט דאַן אַראָפּ־געלאָזט דאָס ציגעלע פון די הענט, איז עס צוגעפאַלן צו דער מאַמעס אייטער, אָנגעכאַפּט דעם וואָרצל און גיריק געזויגן. אַלע אַרום האָבן אויפגעשיינט...

אין דער לופט האָט נאָך געקלונגען דער חד־גדיא פון אַ פריי־לעכער סדר־נאַכט. די מאַמע־ציג האָט נחתדיק געלעקט איר ציגעלע, און דער זקן האָט געשמייכלט:

— וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן? אַז מען נעמט אַ מאַמען צו איר פּיצל, ווערט זי אַלע ווייטיקן פאַרגעסן און נאָכלויפן, מיטן כוח פון אַ מאַמען!

1965

צווישן די הרי־יהודה

ווי שיין זענען די יהודה־בערג. דאָ און דאָרט אַ יישוב, דאָ און דאָרט שניידט זיך אַ נייער וועג. אָט דער נייער צווישן צרעה און אשתאול, דאָ האָט שמשון זיינע גבורות באַוויזן קעגן די פלישתים. אָט באַדעקן די בערגלעך, וואָס אין בית־שמש, הויכע הייזער. ערשט נעכטן

זענען דאָביידלעך געשטאַנען, ממש סוכות. אָט איז די ראָווערן־פאַבריק און שוין וועט מען זיך פאַרמעסטן און בויען פליענדיקע גיגאַנטן...

די צעמענט־פאַבריק, אַן אַנגעהייצטע, שטופּט קנוילן רויך פון אירע קוימענס, און דאָך בלייבט דער הימל שטענדיק בלוי. אין דער הייך, ווו עס שטייט דער קלויסטער אויף דעם באַרג איינגעהילט אין וואַלדיקער גרינקייט פון נאָדלביימער, האָט אַמאָל זיין היים געהאַט רבן גמליאל. צופוסנס פון באַרג האָט זיך אויסגעלייגט דאָס תימנער דאָרף אישי מיט ביידע רבן גמליאל׳ס, אוראייניקלעך פון יענעם נאָך אַן איבעררייס פון צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריקגעקומענע, און שפּע הויזט אין זייערע נעסטן.

און אָט זענען די ביינוול־פעלדער פון קיבוץ צרעה; ווו די הייזער מיט רויטע דעכער שניידן זיך אַרויס און דער צווייטער דור וואַקסט אויס און אָט איז דער וועג, אויף וועלכן מען קאָן שפּאַצירן פראַנק און פריי קיין כפר עציון.

ס׳איז יום־טוב, די נאַכט פון ראש־השנה, מען טישט אויף די ברייטע גראָז־טעפּיכער. אַלע זיצן אויף דער ערד און עסן זייערע מאָל־צייטן. די שומרים גייען אַרום מיט די ביקסן אויף די אַקסלען און אַ געזאַנג וויגט זיך אויף דער נאַכטישער שטילקייט. דאָס געזאַנג קייקלט זיך וואָס אַמאָל העכער און העכער. אַן עלטערער ייד, קנאַפּע פופציק יאָר האָט ער געלעבט דאָרט אין סאָוויעטן־לאַנד, גיט זיך אַ שטעל אויף און מאַכט קידוש. ער אַליין נישט קיין פרומער, עפּעס האָט אין אים אויפגעברויזט אין דער ראש־השנה־נאַכט אויף די פעלדער, צווישן די יהודה־בערג, און ער זאָגט די ווערטער: שהחינו, וקימנו והגיענו לזמן הזה. און עס דאַכט זיך אויס, אַז די ווערטער טראָגן זיך אַהין דאָרט, צו די ברידער און שוועסטער פאַרשטומטע וואָס מוזן זייער בענקשאַפט דערשטיקן. דאָס איז אַ מין יום־טוב־גרוס, אַ לשנה טובה, וואָס טראָגט זיך איבער פונדאַנען ביז דאָרטן אַהין, אַן אומזעבאַר געוועב וואָס פאַרבינדט אַ פאָלק, אַן אָנזאָג, אַז דאָס רשעות וועט באַזיגט ווערן...

ראש השנה אין די בערג פון יהודה. די טרויבן געשניטן און

איינגעזאַמלט. אַ ווייסקייט שלאָגט פון די ביינול־פעלדער ווו די ערד וואַלט זיך איינגעהילט אין אַ ווייסן וואַטענעם קיטל און בעט אויף רעגן פאַר דעם קומענדיקן ווינטער, אַז די זריעה זאָל אויפגיין.

אַוודאי צאַרנען נאָך די שונאים אַרום, אָבער דער ווילן צום פרידלעכן שאַפן וועט די שנאה באַזיגן און דאָס שלעכטס וועט ווי רויך פאַרשווינדן.

אַ ניי יאָר גייט אויף אין די בערג פון יהודה, אַ ברכה פאַר דעם ייד און אַ ברכה פאַר דער וועלט.

1965

ביים נחל ערוגות...

ראש השנה האָבן שאָסן דורכגעשניטן די לופט אין נחל ערוגות. די שאָסן פון „פתח״־לייט האָבן אָפּגעהילכט אין גאַנצן לאַנד.

שווער צו געפינען אין אונדזער שיין לאַנד אַ שענער ווינקעלע, ווי אָט די אַאַזע אין דער מדבר. דאָ פילט זיך נאָך דער ריח פון די בלומען, פון וועלכע מ׳האָט געדעמפט פּאַרפומען פאַר די שיינע טעכטער פון ירושלים. די גראָזן, וואָס רייסן זיך אַדורך די שטיינער אַרום, רופט מען „די האָר פון שולמית״.

שטיל און באַזאָכט מוז דער מענטש דאָ שטעלן זיינע טריט: דאָ איז שולמית אַ באָרוועסע געלאָפן, ווי די אינדן, איבער די אָפּגרונטן. קוואַלן האָבן מיט פרישן וואַסער גענעצט אירע הייסע פיס.

דאָ האָט אונדזער יוגנט פאַרקניפּט אוראַלטע חלומות אין דער וואָר פון ווידעראויפגעלעבטן לאַנד. די בראַנדיקע ערד פון סדום ווערט דאָ געהיילט מיט תחיית־המתימדיקער אויפאַקערונג. פון די עין־גדי־קוואַלן האָט מען אַ זיסן טרונק געגעבן דער דאַרשטיקער ערד, אָפּגעריניקט און באַגייט דעם וועג צו מצדה — די מצבה פון אונדזער אומשטערבלעכער גבורה.

איז נאָך מער וויטיקלעך און באַליידיקנדיק דאָס פייער פון שאָסן אויף שפּאַצירנדיקער, פרידלעכער יוגנט. די שאָסן פון ראש השנה

תשכ״ו אין די בערג פון יהודה דערמאָנען דעם יידישן מענטשן: נאָך נישט דערגאַנגען צום שלומדיקן סוף!

קיין שום רוצחישער שאָס וועט נישט קאָנען איבעררייסן דאָס געזאַנג פון שיר השירים אויף די וועגן פון שולמית. אין עין־גדי איז שוין צו פעסט פאַרוואָרצלט דער יונגער ייד. דאָ מוז זיין הייליק־שטיל. נישט אין בלוט ווייל דאָ דער מענטש זיינע הענט וואַשן, נייערט אין די הייליג־דיקע קוואַלן פון עין־גדי.

און די וואָס שטערן אים, מוזן איינגעשטילט ווערן.

1965

אין די טעג פון עומר

אַלע זענען יום־טובדיק אויסגעפּוצט אין קיבוץ. ס׳בלאַנקען די ווייסע העמדער. אויף די אַקסלען טראָגן די טאַטעס זייערע פּיצלעך קינדער — די קעפּלעך באַקרוינטע מיט בלומען־קרענצלעך.

דאָס גייט מען מאַכן אַ שהחיינו איבער די ערשטע געשניטענע זאַנגען.

פּלאַטפאָרמעס, אויסגעפּוצטע אין גרינס, צוגעטשעפּעטע צו טראַק־טאָרן און אויף די פּלאַטפאָרמעס — קינדער פון גן.

בחורים און מיידלעך — אין ספּעציעלע קאָסטיומען מיט ברייטע גאַרטלען — טאַנצן, באַגלייט פון אַ האַרמאָניע. און אָט שניידן זיך דריי בחורים אַריין מיט זייערע בלאַנקענדיקע קאָסעס אינעם תבואה־פעלד און ס׳פאַלן שוין די ערשטע זאַנגען.

קליינוואַרג, צעוויגטע אין טענץ, נעמען אַרום מיט זייערע הענטלעך די בינטלעך תבואה און טאַנצן אַריין מיט זיי צום סדר־טיש. דאָן ערשט פרעגן זיי קשיות און דער עולם נעמט זיי אויף מיט אַ פריידיק געזאַנג.

אַזויפיל אַלטס און נייעס איז פאַראַן אין דעם יום־טוב פון ווידער־באַנייונג, ווידערפאַרקנסונג מיט פעלד, מיט דער דערוואַכטער ערד.

די זון האָט אַ צונטער־רויטע שוין פאַרבאַהאַלטן זיך צווישן די בערג — דער ערשטער פּסח־אָוונט איז אָנגעקומען.

און די מחשבות פליען ערגעץ ווייט — איבער פעלקער און לענדער פון אונדזער צעשפּרייטקייט. אַהין, פון וואַנען מיר קומען און פון וואַנען עס קומען שוין מער נישט...

1966

יעקב אין באר שבע

אונדזער היינטיקער יעקב איז געקומען קיין באר שבע פון אַרגענטינע און האָט דאָ אויפגעשטעלט זיין געצעלט. אויך ער איז מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער געגאַנגען אין די פוסטריט פון אונדזערע אָבות. ער, דער נייער היינטיקער יעקב, האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם אָרט, וווּ זיי, די אָבות, האָבן אָנגעהויבן. נישט שאָף און רינדער האָט ער דאָ אַהערגעבראַכט, נישט אויף אייזלען און קעמלען האָט ער פאַרלאָדנט זיין באַגאַזש, נייערט צוויי געראַטענע הענט און אַ וואַרעם יידיש האַרץ מיט אַ שטאַרקער ליבשאַפט צום היימלאַנד האָט ער מיטגעבראַכט און אַ שטאַרקן ווילן דאָ זיך אויסצולעבן האַרט ביי די מדבר־זאַמדן אויף די שוועלן פון נגב.

אונדזער יעקב איז נישט געגאַנגען מיט אַזאַ גראַדן וועג. אויך אים האָט איבער מדבריות געפירט ביז ער איז אַהערגעקומען. זיין זיידע האָט נישט פאַרשטאַנען אַנדערש, ווען עס האָט אַ שיין געטאָן די מעג־לעכקייט צו פאָרן אין ווייטן אַרגענטינע און איינגענומען די ברייטקייטן פאַר אים, פאַר קינדער און קינדס־קינדער און נהנה זיין פון דערפילן זיכערע ערד אונטער זיינע טריט, די ערד וואָס עס האָט דערוואָרבן פאַר זיינע אָרעמע ברידער דער באַראָן הירש, וועלכער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דעם חלום פון אויסלייזן די ערד אין אַלטן ארץ־ישראל פון אונדזערע אָבות. דער באַראָן האָט עס געוואָלט מאַכן פּשוטער, צוגעגנגלעכער, רעאַלער. גאָטס וועלט איז אומעטום און מיט ערלעכער אַרבעט וועט אויך זיין מזל און ברכה.

יעקבס זיידע האָט נישט געחלומט, אַז זיין אייניקל, דערצויגן אויף די ברייטקייטן פון אַרגענטינע, וועט זיך גאָר אומקערן צום לאַנד פון די אָבות, אויף די שפורן פון יעקב אָבינוס קינדער, די מדבר־שבטים פון אַמאָל, און אַזוי וייט צוריקגיין צום נעכטן וואָס איז אויך געוואָרן דער נייער מאָרגן.

כאָטש דער זיידע פון אַרגענטינער יעקב האָט געבויט אַ שול, גערעדט יידיש, געלערנט אַ פרשה חומש, האָט ער נישט באַנומען די אויסגעזונגענע פסוקים, אַז מען קאָן אויפסניי פאַרוועבן און איבער־פלאַנצן און אויפגראָבן די ברונימער, וואָס די אָבות האָבן אַמאָל געגראָבן און די פלישתים האָבן זיי פאַרשיט.

און ער, דאָס אייניקל, יעקב דער אַרגענטינער, גראָבט זיי ווידער אויף און טרינקט פון די קלאָרע קוואַלן, וואָס טרינקען גלייכצייטיק אָן די דורשטיקע ערד פון דורות, וועלכע עפנט איר טראַכט און טראָגט פרוכטבאַרע קערנער און שפייז פאַר מענטש, בהמה און פויגל וואָס זינגט שירה צו דער באַנייאונג.

דער זיידע האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אויף די תורה־אותיות און תנ״ך־קאַפּיטלען, וועט גאָר זיין אייניקל אַ ניי לעבן פאַרוועבן אויף דער ערד פון יענע אָבות.

נישט וייט פון יעקב׳ס געצעלט שפּאַנען נאָך קעמלען פון בעדוּ־אינער, וואָס זיצן אין געצעלטן פון ציגן־האָר געוועבטע און אַקערן מיט די הילצערנע אָקערס די ערד. און מיר האָפן, אַז זיי וועלן די ברונימער נישט מער פאַרשיטן און וועלן געניסן פון געענדערטן ירדן־גאַנג, וואָס ברענגט דעם זיסן וואַסער־שטראָם ביז צום מדבר אַהין.

די פאַרגליווערטע וואַסערן פון ים המלח זענען געוואָרן אַ זאַלב פאַר דער ערד און זייער יאַד שטעלט אָפּ דעם בלוט־אָפּפלוס פון דורות און די ערד, אַ געהיילטע פון אירע בראַנדן, ציט אַרויף אויף זיך אַ נייע הויט.

יעקב אַרבעט איצט אין ים המלח. ער פאַרפולקאָמט זיך אין עלעקטריציטעט־אַרבעט. אויך פאַר דער היים בלייבט אים אַביסל צייט און ער בויט אויף אין זיין שיכון אַ נייע שאַנק מיט די אייגענע

געראָטענע הענט. פון בעטל קוקט אַרויס אַ פּיצל קינד, וואָס באַלייכט דעם אַרום מיט אַ קינדערישן שמייכל פון זיינע ליכטיקע אייגעלעך. זיין יונג ווייבל גרייט צו דעם שבתדיקן מיטאָג אין קיך. זי האָט זיך שוין צוגעוווינט, אַז איר יעקב איז כמעט אַ גאַנצע וואָך אין סדום און קומט אַהיים בלויז אויף שבת. אַלע טעג פון דער וואָך גיט ער אַוועק זיינע כוחות צו היילן די בראַנדוווּנדן פון דער ערד און ווישט אָפּ דעם זינדיקן עבר פון סדום.

פלוצים גיט ער אַ בליק צום שפּילנדיקן קינד, וואָס ליגט אין זויבערן בעטל און ער גיט צו מיר אַ זאָג, טייטלנדיק מיטן פינגער אויף דעם באָדן:

דאָ בלייב איך!

פון זיינע אויגן האָט געבליצט אַ פייערל, וואָס האָט געלויכטן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין די אויגן פון די אָבות אין זייער ערשטן לך־לך, אויף דער דאָזיקער ערד, ווו יעקב דער בייער שפּאַנט היינט מיט זיינע באַנייטע טריט — אין באר־שבע.

1966

נעכט אין די בערג פון יהודה

סוף־יאָר האָט זיך אַריינגעשניטן אין די בערג פון יהודה. טוי־פייטקייט באַדעקט די לעצטע טרויבן און מאַכט נאָך פאַרביקער זייער פּיאָלעט.

די בערג זענען פאַרזונקען אין אַ רואיקן שלאָף, ווי קינדער וואָס זענען פון אַ מאַמע איינגעוויגט געוואָרן. אַ וויג־ליד שוועבט איבער זייערע רוקנס.

פון ערגעץ דערהערט זיך אַ קריי פון אַ האָן, אַ ביל פון אַ הונט, וואָס היט יידיש האָב און גוטס. אַ לאַסט־באַן איז פאַרבייגעפאָרן מיט אַ דינעם פייף און — ווידער שטיל. שלאָפסט איין.

און אָט דערהערט זיך פון תימנער דאָרף אישי דער שאַל פון אַ שופר. רייסן זיך אויף די אויגן פון שלאָף און מיטאַמאָל דערמאַנט

זיך די אַלטע היים מיט אירע רעגנדיקע, האַרבסטיקע טעג: יידעלעך, שטייט אויף צו „עבודת הבורא".

קוק איך אַרויס דורכן פענצטער און כאַפּ אויף די ליכט־פלעמלעך פון דאָרף אישי. דאָ זענען טאַקע נישטאָ די בעל־שם־טוב־יידן, פאַר־שניטענע פאַר דער צייט. ס'זענען אָבער דאָ די תימן־ברידער, וועלכע האָבן דריטהאַלבן טויזנט יאָר פון דער ווייט אָפּגעהיט דעם הייליקן ציטער פאַר ירושלים. זיי האָבן אויסגעפּויקט אויף בלעכן מיט דינע, פון זון־פאַרברענטע פינגער, דעם גאולה־זמר און איצט לאָזן זיי וויסן מיט קול שופר דעם קיבוצישן אַרום, אַז זיי זענען דאָ, אַז זיי זענען אַ טייל פון דעם אַרום.

וועקט זיך טאַקע אַ טראַקטאָר אין צרעה און אין קיבוץ ל"ה און אויף לייכטע וואָלקנס שווימט אַרויס אַ נייער פרימאָרגן.

אַ מודעה אויפן לוח: דער שכן פונעם קיבוץ ל"ה פאַרבעט צו דער דערעפענונג פון קולטור־הויז אויפן נאָמען פון ל"ה.

עפנט זיך אַ בלעטל געשיכטע. דערפילסט דעם הייסן אָטעם פון די ירושלימער בחורים, וואָס זענען אַרויס אויף די וועגן צו חברון, העלפן זייערע חברים און באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס — פאַרן פרייען לעבן פון היינט.

ביי דיינע שוועלן, ירושלים, שטייען ווידער די, וואָס האָבן דיך באַזאָרגט מיט פרוכט, אייל און האָניק; וואָס האָבן דיך מיט שפע געשפּייזט.

עס מישט זיך צונויף דער קרעכץ פון יידישן טראַקטאָר מיטן אור־אַלטן שופר־בלאָזן.

זע איך ווי צום קיבוץ פאָרט צו אַן אַלטער תימנער — געקומען אַ שאלה פרעגן ביי אַ יונגן קיבוצניק — אין הלכות זריעה. זיי שמועסן זיך דורך און דער תימנער פאָרט צוריק, אַ צופרידענער מיט דער עצה, וויגנדיק זיך אויף זיין אייזעלע אין די השכמה־שעהן.

אַזוי מישט זיך צונויף אוראַלטע יידישקייט מיט דעם שפּראָץ פון אונדזער פרישקייט, דער צונויפבונד פון פאַרשידענע פאַרפרעמדטע שבטים — אין איין געזונט פאָלק.

הוידעט זיך אַ תפילה איבער די רוקנס פון די יהודה־בערג, טראָגט זיך אַ געזאַנג. און דו דערמאָנסט זיך דעם פּאַסטוך, וואָס איז איבער די וועגן געגאַנגען און געוועבט די חלומות פון יידישער גאולה און מאַכט.

עס פּאַלט ווידער צו די נאַכט. עפּעס אַ פלעמל פלאַקערט אויף אין די בערג. צי ברענט עס ווידער דער דאָרן, וואָס האָט באַלויכטן די אויגן פון משה?

אַ הייליקע סודותדיקייט כאַפּט דיך אַרום. דיינע ליפּן שעפּטשען „שעל נעליך מעל רגליך" — טו אויס די שיך פון דיינע פיס, ווייל די ערד, אויף וועלכער דו שטייסט איז הייליק. געהייליקט מיטן בלוט פון פאַרגאַנגענע דורות און פון אונדזער דור.

הייליק זענען די נעכט אין די בערג פון יהודה און הייליק איז דאָס פרימאָרגן־ווינטל, וואָס טראָגט מיט זיך דערוואַכונג און אַ ברכה פון נייעם יאָר — פאַר די אַלע ישובים אַרום, פאַר דעם גאַנצן לאַנד, פאַר דער גאַנצער וועלט.

1966

צוויי זין זענען געפאַלן...

אָנגעפּרייט זיך אין באַניאַס, געטרונקען פון זיין זיס וואַסער און פילסט אַזאַ היימישקייט ווי אַמאָל די אָבות, וואָס זענען דאָ אָהערגעקומען, זיך באַזעצט און פאַראַקערט און פאַרזייט די פעלדער. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן זיך באַהעפטן צו די קוואַלן, וואָס שטראָמען מיט אַזאַ זיכערקייט און עפּעס פילסטו אַליין אַזאַ נאָענטקייט צו די קוואַלן, וואָס שטראָמען צווישן די שטיינער. זיי פליסן פון די הויכענישן ווי פון מיליאָנען אָדערן און ברענגען מיט זיך דאָס קלאָרע וואַסער פאַר מענטש, בהמה, פויגל און פלאַנץ.

אַזוי איז שוין אין אַלע צייטן, מיר נישט, דיר נישט פאַרדאַרבן און פאַרשטאָפּן די קוואַלן פון לעבן מיט שנאה און רציחה קעגן אונדז. אין מיטלאַלטער האָט מען אונדז באַשולדיקט, אַז מיר פאַרסמ׳ען די

וואַסערן און פאַרפעסטן זיי; היינט זענען זיי פול צאָרן קעגן אונדז, ווייל מיר באַלעבן, רעגולירן, רייניקן אויס די וואַסערן. פרשות פון חומש בלעטערן זיך פאַר דיינע אויגן אין די פוסטריט פון דיינע פאָרגייער, וואָס פונקט ווי דו האָבן זיי געזוכט און געבאָטן שלום דעם אָרום.

אַ נייער דור איז אַנטשטאַנען. שווערע פּראָבלעמען און חבלי־קליטה זענען פאַרשווונדן. אַט איז מען אַריינגעפאָרן אין קרית שמונה אויף דעם וועג פון כפר גלעדי און צו ראש־פינה. דאָ און דאָרט ווייזט זיך אַ פילשטאָקיק הויז, פאַבריקן און וואַרשטאַטן. אויך די מענטשן גייען מיט אַ זיכערן גאַנג. פאַרשווונדן איז די שרעק אין די אויגן פאַר דעם מאָרגן. די קליידונג איז אַ סאָלידע און זויבערע און אין דער אויטאָבוסן־סטאַציע ווימלט עס מיט לעבן. אויטאָבוסן צעפאָרן זיך אין אַלע ריכטונגען. און פון די בערג שלאָגט אַזאַ ליכטיקייט און פיל־פאַרביקייט. די הייזער טוליען זיך צו די בערג אין זייער ווייסער ליכ־טיקייט, ווו די זון שפּיגלט זיך אויף זייערע שויבן אין די בין־השמשות־שעה׳ן. אַ געמיש פון ליכט און שאָטן הילט איין די דעכער פון די הייזער.

אַנטקעגן מיר קומט אָן אַן עלטערער מאַן. זיינע קליידער און ווייסער קיטל ווייזן אָן אויף זיין מאַראָקאַנישן אָפּשטאַם. נאָך אים אַ פרוי מיט אַ יונג בחורל. אַ מידקייט האָט זיך אַרויסגעפּילט פון מאַן אין קיטל און אַ טרויער האָט אַרויסגעבליקט פון דער פרויס שוואַרצע אויגן. אויך דאָס יינגל האָט פאַרכמורעט געקוקט אויף אונדז. דער פאָטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד ביי דעם גראָזיקן ברעג פון וועג און געבעטן אַ ציגאַרעט. זיין איידל־געשניצט פּנים האָט זיך צעלויכטן אינעם פייערל פון ציגאַרעט און ער האָט אויפגעהויבן צוויי פינגער פון זיין האַנט און געזאָגט: צוויי עקדות האָב איך איבערגעלעבט, צוויי זין אונדזערע זענען געפאַלן פאַר דער באַפרייאונג פון די בערג, וואָס האָבן געזיית טויט. די פרוי האָט געשוויגן, צוויי טרערן האָבן ביי דער מאַמען, ווי נשמה־ליכטלעך זיך צעפלאַמט אויף אירע באַקן. און דאָס יינגל האָט נאָכגעזאָגט: צוויי זין, צוויי ברידער מיינע, דאָרט אין די בערג...

דאָס יינגל האָט דעם אַלטן אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט

זיך מיט אַ קרעכץ אויפגעשטעלט און די דריי זענען אַוועק. מיר האָט די גאַנצע צייט געקלונגען אין די אויערן דער זאָג פונעם ייגל: שני אַחים נפלו לי — צוויי ברידער זענען מיר געפאַלן, צוויי טרערן צע־פלאַמטע אויף די באַקן פון דער מאַמען, צוויי פינגער פון פאָטער אויפגעהויבענע צום הימל.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט אַזוי מיט דער אויפגע־הויבענער האַנט ווי ער וואָלט עפּעס אין חלל געזוכט...

1967

אויף די באַנייטע וועגן פון סדום

דאָס פּאָטאַש־ווערק — און די מינעראַלן, וואָס ווערן דאָ פּראָ־דוצירט, האָבן אַ חשיבות פאַר דער אינדוסטריע, און באַקאַנט איז די פּראָדוקציע אין אַ סך לענדער, ווייט־ווייט איבער גרעניצן און קאָנטי־נענטן. דאַכט זיך, אַז סדום וויל חסד טאָן און צדקה מיט דעם מענטש, ווי זי וואָלט וועלן אויסקויפן אירע אַמאָליקע זינד. הייבן זיך אָן פּיקן אַרום איר נייע ישובים און עס פירן שוין צו זיי שאָסייען, פיין געפלאַס־טערטע, מיט אַספאַלט געדעקטע. ווי נישט ווי, וועיזט זיך שוין אַביימל אַ גרינס, און צו ביסלעך הייבט זיך אָן צו דעקן די טרוקענע נאַקעטקייט. דער האַמער־קלאַפּ גיסט זיך צונויף מיט פייגל־געזאַנג, וואָס געפינט שוין דאָ אַ ברעקל שפּייז אויף דער פאַרברענטער ערד, וואָס מען רייסט פּאַוואָליע אויף די פאַרשמאַכטע ליפּן אירע, אין חורבן סדום פאַרשרפּהטע, און מען נעצט זי מיט אַ זיסן טרונק.

שפּיגלען זיך די ברוינע בערגעס אין ים, און פון די בערגעס שיינט אַרויס אַ פאַרבן שפּיל. ראָזע־פיאָלעט, זילבער־גרוי, גאָלד־ברוין. די פאַרבן בילדן אַ ריזיקן רעגנבויגן אויף דער ערד, וואָס זאָגט אָן, אַז אויף סדום וועט שוין מער קיין פייער־מבול נישט קומען. און פון די בערג, דאַכט זיך דיר אויס, שרייט אַרויס אַ פאַרבאָרגן קול: סדום איז שוין תחית המתים אויפגעשטאַנען. ווי דער נביא „יחזקאל האָט

פאַרויסגעזען" (ט"ז נ"ה ואחותיך סדום ובנותך תשבו לקדמתן) און דיינע שוועסטער סדום און אירע טעכטער, וועלן זיך אומקערן צו זייער פריערדיקן שטאַנד, און די אויפשריפט צופוסנס פון מצדה־פעסטונג באַשטעטיקט די נבואה, „נאָכאַמאָל וועט מצדה נישט פאַלן", און פונקט ווי אַמאָל עס האָבן געקעמפט די מצדה־העלדן — פאַראַנקערט זיך דער צוריקגעקומענער מענטש, דער יידישער חלוץ, אין סדום און איר סביבה.

און ביי די וואַסער־פאַלן אין דעם וווּנדערבאַרן אָאַזיס „עין־גדי" ווו דער „אפאַרסימאָן" האָט זיין דופט פאַרשפּרייט און פון אים פאַרפומען געדעמפּט פאַר די שיינע ציון־טעכטער, גלייבט זיך, אַז די פרוכט וועט דאָ ווידער אַ בלי טאָן. ווייל אויף די פעלדער פון עין־גדי האָבן שוין די קיבוצניקעס איינגענומען די ערד, אַראָפּגעצויגן פון איר די ביטערע זאַלציקע קאָרע, און זי האָט זיך שוין מיט אַ נייער הויט פאַרצויגן. אָנגעטרונקען מיט זיס וואַסער וואָס גליסט פון די קוואַלן פון דורי דורות, ווי דאָס וואַסער וואָלט זיך אויסגעהיטן נאָך אַלע בראַנדן אין די שטיינערנע קוואַלן צו אַ נייעם אָנהויב.

היינט צו טאָג וואָלט זיכער אברהם אבינו נישט געדאַרפט דינגען זיך וועגן דער צאָל סדומישע צדיקים, ווייל זיי זענען דאָ. זיי זענען גרייט צו נידערן קנאַפּע פירהונדערט מעטער אונטער דעם ים־פלאַך און באַווייזן מיט זייערע מעשים, אַז אויך אויף דעם נידעריקסטן אָרט פון דעם ערד־קיילעך קאָן דער מענטש זיך דערהויבן, און הויך שטייגן.

און ווידער העלט אַ ברענענדיקער דאָרן מיט וואַרעמקייט און באַנייאונג פון דער מדבר אַרויס...

און ווען עס וועט אייך אַמאָל אַ בענקשאַפט אַרומנעמען, און איר וועט גליסטן זיך איינקוקן מיט אייערע אויגן, אין ווידערבאַנייונג, און איר וועט קלעטערן אויף די שטיינערנע בריקלעך, שפּאַנען אויף די שמאָלינקע שטעגעלעך, וואָס שפּיגלען זיך אין די קוואַלן פון די אַלבאַסטער באַסיינען, וועלן פאַר אייך אויפגיין די פסוקים פון שיר־השירים.

און אָט שטויסט איר זיך אָן אין „נחל דוד" און אָט איז שוין נחל ערוגות — שטיינער באַוואַקסענע מיט מאָכיקע גראָזן, ווי געקרויזלטע

האָר, ברוין־גרינע און אפשר גאָר טונקל־פיאָלעט, ווייל די פאַרבן בייטן זיך לויט דער צייט פון טאָג. די מאָכיקע גראָזן רופט מען די האָר פון שולמית. און אָט דאַכט זיך אייך אויס אַז איר הערט נאָך דעם אָפּהילך פון אירע באָרוועסע טריט, ווען זי איז אין פולע לבנה־נעכט געלאָפן דאָ אַ בענקענדיקע, און פון מלך שלמהס פּאַלאַצן געחלומט.

און אָט איז מען ווידער אין מצדה פון שפּאַציר צוריק, און עס נעמט אונדז אויף דער מלך פון דער מדבר, דער חבר פון „כפר גלעדי" וואָס האָט חלומות געוועבט מיט יוסף טרומפּעלדאָר, און וואָס פאַרוואַנדלט זיי איצטער אין וואָר, דאָס איז דאָך יהודה אלמוג, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט פון דאַנען אַרויסגעוואַקסן, וואָס אָטעמט ממש אַריין זיין אָטעם אין דער אויסגעטרוקנטער ערד, און וועקט זי צום לעבן. קומען דאָ יוגנט און דערוואַקסענע, באַזוכער פון דער גאָרער וועלט, פון טונקל־הויטיקע אַפריקאַנער, ביז צעהעלטע שוועדן. קומען פעלקער באַוווּנדערן די שייג־קייט פון „עין־גדי" אויף די וועגן פון סדום, ביי די ראַנדן פון מצדה, וואָס איז צופוסנס פון ירושלים.

און אויך אַ משכן האָט ער דאָ אויפגעבויט, יהודה אלמוג און אין אים, דעם משכן, וועבט ער אַריין, אַלע חלומות, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אין די הויכע גליל־ראַנדן, ווו ער וויל איצטער דורך וויזיע פאַר דעם אַלטן היסטאָרישן און פאַר דעם נייעם, וואָס קומט דאָ אויף, אין נייער באַנייונג דערהויבן. וועט זיך טאַקע דאָ אין אים, אין דעם משכן, אויפזאַמלען און אָפּשפּיגלען אַלץ וואָס דער אַרום פאַרמאָגט דאָ, אָדער האָט אַמאָל געהאַט, און מען דאַרף עס אַנטפּלעקן. דער משכן איז נישט קיין דערוויילקער. מען קאָן אים נישט צענעמען, ווי יענעם משכן, וואָס האָט מיטגעוואַנדערט מיט דעם מדבר־דור. נייערט געבויט פאַר די וואָס זיצן דאָ און די וואָס קומען זען און באַוווּנדערן. יהודה ווייזט אַרויס אַזאַ האַרציקע הכנסת אורחימדיקע צוגעלאָזנקייט, און פּשטות. אַזאַ היימיש־קייט האָט אוודאי געשטראַמט פון אהרן הכהן, דעם שלום־ליבהאָבער, ווען כהונה איז געווען מיט געטלעכקייט באַהויכט...

שטיל און קיל איז געווען די נאַכט ווען מיר האָבן אין מצדה גענעכטיקט. הונדערטער יוגנטלעכע זענען ביי די שייטערס געזעסן און

געזונגען פאַרשידענע פאָלקס־לידער, לידער פון פלמ״ח, יידישע לידער און ניגונים, וואָס מיר האָבן אַ מאָל, זייענדיק יונג, געזונגען. אַ טייל האָט געטאַנצט, רעדלעך־רעדלעך און צעוויגטע האָראַס, און איבער זיי אַ צע־העלטע לבנה נאַכט, שיינע ליכטיקע יוגנטלעכע פּנימער, פול מיט גלויבן אין לעבן, אַ סך אויסגעוואַקסענע דאָ.

אויף די ראַנדן פון ברייטן שטח האָבן זיך גרופּעס אין טאַנץ געוויגט, ווי דער מדבר וואָלט זיך געהוידעט. יהודה האָט זיך איינגעקוקט אין זיי. אַלע זענען דאַכט זיך מיט אַ מאָל זיינע קינדער געוואָרן.

און אָט האָט זיך די מחנה אַ ריר געטאָן, און זיי גייען רייענווייז מיט אַ סדר. עס הערט זיך אַ שאַל פון אַ טראָמפּייט. דאָס פייפן פון אַ פייפל שניידט אַדורך די קילע לופט פון באַגינען. זייערע יונגע לייכטע טריט מיידן אויס די אַמאָליקע פּלעצער ווו עס זענען אָנגעצייכנט די מחנות פון די רוימישע גאַרניזאָנען. דאָ האָבן די רוימער באַלאַגערט מצדה וואָס האָט געקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון אליעזר בן־יאיר.

אָבער די פוסטריט פון יונגן ייד אויף באַנייטער סדומישער ערד הילכן דאָ ווידער אָפּ, אין יונגן גאַנג, מיט מיליטערישער און דאָך פריי־וויליקער דיסציפּלין — ייִנגלעך און מיידלעך, און די פּנימער בלאַנקען ווי דער פרימאָרגן אַרום מיט באַנייאונג און ווידער ווערן. חדש ימינו כקדם — באַניי אונדזערע טעג ווי צופריער.

און אָט שטייגן זיי אויף די געדרייטע שטעגן, העכער — העכער, און נאָך העכער — באַלד וועלן זיי זיין ביי דעם פּרעכטיקן הורדוס שלאָס. און דער באַרג, אַן אויסגעכשרטער פון די ריינע יוגנטלעכע פוסטריט, טובלט זיך אין אַ נייעם פרימאָרגן.

זינגט דיר ווידער דאָ שולמית ממש אין אויער אַריין, דאָס ליד איבער אַלע לידער: „אַ היטערין פון פרעמדע וויינגערטנער בין איך געווען, און מיינעם נישט געהיטן...״ און אָט זענען מיר ווידער דאָ סאַלוטירן דעם קאָמענדאַנט פון מצדה אליעזר בן־יאיר, צוריק אין דעם נידעריקסטן אָרט פון דער וועלט, און דערהויבן זיך צו אַ ווייטערן המשך, צוריק צום אָנהויב, אויף סדומס באַנייטע וועגן...

1967

יאָסל חריף

אַנטקעגן דעם חרמון-באַרג

ווידער בין איך אין גדות. די הייזער געשטיפּלטע. נישט קיין וווּנדער, דער קיבוץ האָט געפּאַקט און געמאָזלט. אַ הויכער גראָז־טעפּיך איז אָנגעוואַקסן אויף די בונקערס און אין אַ סך הייזער נאָך נישט פאַרריכט די שאָדנס. ווייזט מיר מיין יונגע חברטע חוה אויף דעם נייעם קולטור־הויז, איידער מען האָט נאָך געדעקט דעם דאַך, האָט ער שוין באַקומען אַ וווּנד, אַ מעטער די ברייט. אַרויסגעריסן אַ לאָך אין סאַמע מיט. ווי חברים דערציילן, וועט מען דאָס לאָך איבערלאָזן. זאָל עס דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות, ווי אַזוי מען האָט דאָ געלעבט און געבויט...

גדות ליגט צופוסנס פון די גולן־בערג און איבער דעם קיבוץ פירט דער וועג צו דער רמה, צו די פאַרפעסטיקונגען אויפן באַרג. ערשט נישט לאַנג זענען דאָרט געזעסן די סיריער אין זייערע בונקערס — פעסטונגען צו זייען מאָרד און חורבן אויף די בליענדיקע ישובים, מיט דער ברכה פון אָקטאָבער־לאַנד אויפן שוועל פון יובל־יאָר פון דער גרויסער רעוואָ־לוציע. שווערע טאַנקען, אומצאָליקע הארמאַטן און כל־מיני כלי־משחית, אָנגעשטעלט אַנטקעגן יידישע ישובים, אַנטקעגן קאָמונעס פון אַרבעט, פרידן און בוי, וואָס האָבן אויפגעלעבט אויף וויסטן באָדן.

נאָך די זעקס טעג האָבן די ישובים אָפּגעאָטעמט. די רוצחישע סיריער, אין סאָוויעטישע מאַסקעס, זענען פאַרשוווּנדן, אָפּגעשטויסן. אויף דעם חרמון, וואָס טראָגט אַ ווייסע שניי־קרוין, זיצן איצטער יידישע זעלנער.

זעקס אַזייגער פרי. דער ראַדיאָ זינגט מה טובו. מיר פאָרן באַרג אַרויף. דער שאָפער, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, וואָס קען גוט די סביבה, דערקלערט מיר אַלץ. פאַר אונדזערע אויגן הויבן זיך אָן אַנטפּלעקן די פעסטונגען פון די סיריער, געבויט לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. צעבראָכענע קאַנאָנען מיט לאַנגע לופעס קוקן אַרויס פון די לעכער. פאַרברענטע לאַסט־אויטאָס און צעשטערטע טאַנקען, סאָוויעטישע, אין פאַרשידענע פאָזעס מיט די רעדער אַרויף, מיט צעשמעטערטע מאָטאָרן און דער זשאַווער הייבט שוין אָן זיי צו פרעסן.

פונדערווייטנס שניידט זיך אַרויס דער חרמון־באַרג מיט זיין ווייסער קרוין. ער שטייט מאַיעסטעטיש און יידישע זעלנער אויף אים. אַרום אַ פּאָר אַראַבער, וואָס פאַררייכטן דעם שאָסיי. ווי אַן אַאַזיס קוקט אַרויס אַ דרוזישע זידלונג, הייזלעך מיט רויטע דעכער. זיי, די דרוזן, זענען נישט אַנטלאָפן. זייערע ברידער זענען איינגעגלידערט אין דער ישראל־דיקער אַרמיי. אָט זענען טאַבאַק־פּלאַנצונגען און אַ ביסל פּרוכט־ביימער. די ערד ברוין און מען האָט געקאָנט אַזויפיל לעבן אַרויסבאַקומען פון איר, ווען מען לייגט אַריין אין איר אַרבעט אַנשטאָט מאָרד־מכשירים. זעט טאַקע אויס, ווי די ערד וואָלט געצאָרנט און האָט זיי אויסגעשפּיגן.

מיר פאָרן פאַמעלעך באַרג־אַרויף און אָט זענען מיר אין קונעיטרא. איך לאָז זיך איבער די פּוסטע גאַסן פון קונעיטרא. די באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן. פּוסט די הייזער און די לאָדנס הוידען זיך אויף די פענסטער. די זשאַלוזיעס פון די קלייטן קלאַפּן אומעטיק. ערגעצוו אין אַן אָפענער טיר, זיצט אַ געגעצנדיקע קאַץ — דער איינציקער איבערבלייב פון אַ לעבעדיקער באַלעבאַטישקייט.

די קעץ זאַמלען זיך פאַר דער קאַנטינע און בעטן עסן. ביי דער זייט פון דער גאַס זעט זיך אַרויס אַ קירך, מאַסיוו געבויט פון בלאַנקנדיקע שטיינער. פון אַ קליינער הייזקע מיט טונקל־גרינע פענצטער און טירן פלאַטערט אַראָפּ פון דאַך אַ ווייס פענדל.

עס באַווייזט זיך באַניאַס.

די אויגן ווערן פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט. דאַכט זיך, אַז דו חלומסט. בערג און וואַסער. דאָ פליסט אַרויס אַן אָדער פון ירדן צווישן שטיינער און בערג. פונדאַנען האָבן די סיריער געוואָלט אָפּלענקען דעם ירדן, ענדערן זיין גאַנג און צורויבן דאָס וואַסער וואָס פליסט פון די בערג. מיר פאַלן צו צום וואַסער. דאָ איז דער אָנהייב פון ירדן און דורך די בערג שטראָמט צו אונדז דאָס וואַסער זייט טויזנטער יאָרן. ווי באַקענט און היימיש איז אונדז זיין געזשום. מיר בייגן די קעפּ און אונדזערע ליפּן זאַפּן איין דאָס זיסע וואַסער. קאַלט און באַטעמט איז דאָס וואַסער און די זיסקייט צעגייט זיך אין די גלידער. דו שטייסט ביים אָנהייב פון ירדן, שטייסט ביי בראשית.

אויך דאָ אַ גערויש פון סוחרים. אַראַבער האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס און דער מסחר איז אין פולן גאַנג. אַ רעסטאָראַן געפינט זיך דאָ און קליינע, קינסטלעכע וואַסערפאַלן. דער רעסטאָראַן שטייט ממש אויפן וואַסער און אויפן וואַסער בריקלעך, ווו מען שפּרייזט אַריבער דעם ירדן.

און איבער דעם אַלעם אויסגעהאַקט אין דער שטיינערנער נאַקעט־קייט דאָס בילד פון גריכישן אָפּגאָט. די אַראַבער האָבן אים געגעבן דעם נאָמען באַניאַס. אויך אַ חורבה פון אַן אַלטן טעמפּל געפינט זיך דערנעבן. מען דערציילט, אַז אין יאָר תש״ח, נאָך דעם פאַלן פון ירושלימער אַלטשטאָט, האָבן די אַראַבער דאָ געפּראַוועט אַ שמחה, דעם זיג איבער אַלט־ירושלים. היינט זענען מיר דאָ און איבער אונדזערע קעפּ די שמחה פון גאַנצן פאַראייניקטן ירושלים. דאָס לאַנד דעקט אָפּ די שיינקייטן, וואָס זענען געווען פאַרהוילן פאַר אונדזערע אויגן און די ערטער, וואָס זענען אַ שטרויכלונג געווען, פאַרוואַנדלען זיך אין רואיקע ווינקלעך. די בערג אַרום טראָגן אויף זיך אַ שפע פון גרינס.

אַזוי איז שוין אין דעם לאַנד דאָ, אין לאַנד, ווו אונדזערע אָבות האָבן געטרעטן. און מיר קומען ווידער באַנייען זייערע פוסטריט און פאַרקניפּן זי אין אונדזער בראשית.

דער ירדן רוישט אַנטקעגן דעם חרמון־באַרג.

1967

די טויב אויפן גלאָבוס

אַ טריבער טאָג געווען. אין קיבוץ זענען אָבער די חברה אַרומ־געגאַנגען פריילעך: אַזאַ רעגן, אַ לייכטער, אַ דריבנינקער, האָט שוין לאַנג נישט געשווענקט די דאַזיקע ערד.

די ערד איז דאָ אַ פאַרקאַלכטע, אַ דורשטיקע — זי חלשט שטענדיק אַ טרונק. און דאָס יאָר האָבן זיך די הימלען געעפנט מיט ברכה — דער רעגן וואַשט דעם אויפגעאַקערטן באָדן כסדר, מאַכט בלויז קליינע זון־איבערייסן.

צווישן די געמויערטע זיילן פון אַ הויז ליגן וואַליזעס פון פּריש־

געקומענע — קיבוצניקעס — פון ווייטע לענדער. צווישן די פאַרשידענע חפצים שטייט אויך אַ גלאָבוס — אַ שיינער קאָלירטער גלאָבוס. בלויז דאָס פּיסל זיינס איז געווען אַביסל איינגעבראָכן. האָט ער זיך געשאָקלט אין ווינט, דער גלאָבוס, נישט געקאָנט געפינען קיין מנוחה.

אונטערן דאַך פון הויז האָט זיך אַ טויב פאַרקליבן. זי איז שפּאַצירנדיק אַרומגעפלויגן צווישן די זיילן, נאָר אירע פּיסלעך זענען אַפּנים געווען אַביסל געפרוירן פון ווינט, האָט זי געזוכט אַן אָרט ווי זיי אָנצוואַרעמען. איז איר בליק געפאַלן אויפן גלאָבוס און זי האָט באַשלאָסן אירע פּיסלעך ביי אים אָנצוואַרעמען. האָבן זיך די פּיסלעך אָבער געגליטשט איבערן גלאַטן, וואַקלענדיקן גלאָבוס און די טויב — האָט זיך מיטגעוואָקלט מיט אים.

האָט זיך מיר פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ס׳איז ערב 1968. און אַ משונהדיקער געדאַנק איז מיר אַדורך דעם מוח: צי האָט נישט די טויב עפּעס אַ שייכות צו יענער פון נחס תיבה און צי זוכט זי נישט, ווי יענע, אַן אָרט ווו זי זאָל קאָנען זיכער אוועקשטעלן אירע פּיסלעך? אין פאַרגאַנגענעם יאָר זענען מיר נישט געווען זיכער מיט די טויבן — די באָמבאַרדירונג האָט געשטערט זייער רו, נישט איין קויל האָט געטראָפן אין זייערע נעסטן. צי וויל איצט די טויב זיך פאַרזיכערן אַ רואיק ביי יאָר?

און דער גלאָבוס טרייסלט זיך; אין דרויסן גייט אַ רעגן, וואָס טרינקט אָן די ווייגגערטנער. האָב איך טיף אין האַרצן געווונטשן דער טויב, אַז דער גלאָבוס זאָל זיך אויפהערן אַביסל צו טרייסלען, זי זאָל אין נייעם יאָר 1968 געפינען אַ שטיקל אָרט אויפן גלאָבוס, ווו זי זאָל קאָנען האָבן מנוחה, רו — נישט באַדראָט פון קוילן און אויפרייסן.

סוף 1967

יאָסל חריף

אויף די שטעגן פון שמשון הגיבור

צופוסנס פון די הרי יהודה, ווו שמשון הגיבור האָט אַמאָל, העט אין וויטן עבר, געשפרייזט און זיינע גבורות קעגן די פלישתים באַוויזן; באַרג־אַראָפּ פון „צווישן צרעה און אשתאול", ווו זיין וויגל איז געשטאַנען, פון וואַנען ער איז מיט ליבע אַנגעצונדן געוואָרן צו די פלישתים־טעכטער, און כסדר פאַררעטן געוואָרן, ביז — דאָס ליכט פון זיינע אויגן איז אין עזה פאַרלאָשן געוואָרן, כדי שפּעטער אויסצורופן „תמות נפשי עם פלישתים!" דאָ, אויף די דאָזיקע שטעגן־וועגן, דוכט זיך דיר אויס, אַז די פלאַקערס, וואָס ער האָט אַנגעצונדן אין די פוקסן־וויידלען און זיי געשיקט אין די פלישתימס תבואה־פעלדער, פלאַקערן נאָך איצט און זיי ברענען, זענען נאָך אַלץ נישט פאַרלאָשן...

אויף אָט די זעלבע שטעגן און וועגן האָבן אין טויזנטער יאָרן אַרום ווידער געשפרייזט גבורים און ווידער — צווישן פלאַקערנדיקער שנאה. זיי האָבן נישט געזוכט פערזענלעכע נקמה, נייערט אַ נייעם ליכטיקן וועג געשניטן. זיי, ל"ה גבורים, האָבן מיט זייערע לעבנס אַלטע וועגן באַנייט — די שמשון־וועגן, די וועגן פון גאולה, פון אַרבעט, נס פון נייעם ווידער־אויפקום.

פון באַרג אַראָפּ זעט זיך בית ג'מאל, די אַמאָליקע היים פון רבן גמליאל. צופוסנס פונעם באַרג שפּרייט זיך אויס אין רחבות דער תימנער מושב אישי, ווו עס האָבן זיך באַזעצט נייע גמליאלס, די וואָס זענען אין דער צייט פון עזרא און נחמיה נישט צוריק געקומען און געוואַרט ביז עס האָט זיי געבראַכט אַהער דער מאָדערנער וווּנדער־טעפּיך...

אַ קייט פון קיבוצים ציט זיך איבער די ברייטקייטן און פינקלט מיט אַרבעט און בוי. זעסט: אַ ניי לעבן קומט־אויף אויף אייגענער באַנייטער ערד. יונגע וועלדלעך פאָכען מיט זייערע צווייגן ווי מיט פעכערס און טראָגן אָן אַן אָנגענעמע קילקייט אין דעם צעפלאַקערטן אַרום.

נישט ווייט פון דאַנען, אין עמק האלה, איז דוד, דאָס פאַסטוך־ייִנגל,

קעגן דעם ריז גלית אַרויס און האָט אים באַזיגט. מעשהלעך פון אַמאָל וועבן זיך דאָ פון זיך אַליין, טראָגן אָן דעם ווייטן ווידערקלאַנג פון אַן עבר, וואָס לעבט אין דיר, איז דיר היימיש און נאָענט, און דו דערפילסט: ביסט אַ טיילעכל פון דער גאָרער צעשפּרייטקייט פון דיין פאָלק און טרינקסט מיט דעם טוי פון באַנייונג.

שטייט אַנטקעגן מיר אַן אַלטער מאַן. ער קומט פון דרום־אַפריקע. זיינע דריי זין געפינען זיך שוין דאָ אין אַ קיבוץ שוין אַ צייט לאַנג און האָבן דאָ געשלאָגן וואָרצלען. אין זייערע פוסטריט איז טאַקע דער טאַטע געקומען. פון זיין ליטווישן יידיש האָט זיך נאָך עפּעס אויפגעהיטן, הגם ער איז שוין דער צווייטער דור אין דרום־אַפריקע און איצט לערנט ער זיך אַרבעטן ביי זיינע זין, און לערנט די שפּראַך פון די אבות...

די סאַנטאַ ראָזאַ־פלוימען קוועלן אַרויס פון די נאָר וואָס צוזאַמענגעקלאַפּטע קעסטלעך. ריזיקע ראָזע, פיאָלעטענע פרוכט, אַ פרייד פאַרן האַרץ און אַ גלוסטונג פאַרן אויג.

דער ראַדיאָ האָט זיך יום־טובדיק צעזונגען, דער עולם כאַפּט אונטער „ירושלים של זהב" און אַנדערע לידער. טוסט אַ קוק אַראָפּ און עס ווייסט זיך דער שאָסיי, וואָס פירט צום קיבוץ ל"ה און דערמאָנסט זיך ווידער...

די לופט איז אנגעזאַפּט מיט אַרומנעמענדיקער וואַרעמקייט. די גרעזלעך און בלומען טרינקען פון די וואַסער־שפּריצערס און גלאַנצן מיט פרישקייט אַנטקעגן דער זון. איבער די פעלדער פליט אַ העליקאָפּטער און טראָגט אָן אַ היימישן רויש, צערייסנדיק די שטילקייט.

דער ראַדיאָ מאַכט וויסן, אַז ערגעץ אויף די ירדן־ברעגן איז אַ שיסעריי פאָרגעקומען. אין פראַנקרייך קאָכט און ברויזט, אין וויעטנאַם קוילעט מען זיך נאָך אַלץ. און די איידעלע מענטשהייט קוקט זיך צו דעם אַלעם צו ווי צו אַ ספּאָרט־פאַרמעסט.

און אַ תפילה רייסט זיך פון האַרצן, אַ תפילה נאָך אַ ביסל קלאָרן פאַרשטאַנד, נאָך אַ ביסל רחמים און חסד פאַר דער וועלט, נאָך אַ ביסל מנוחה און פרייד, פאַר אונדז און פאַר דער גאָרער וועלט.

1968

יאָסל חריף

תורת חיים

כ׳בין געגאַנגען צום כותל המערבי אין פרימאָרגן פון שמחת תורה. טויזנטער האָבן געשטראָמט אָן אויפהער, ווי געוויינלעך אין ירושלים, יידן און נישט־יידן פון אַלע וועלט־עקן. דעם דאָזיקן טאָג, האָט די וואָגט נישט געוויינט פון איינזאַמקייט און בענקשאַפט, נייערט זי איז אַ וואָגט פון שמחה געוואָרן, ווי דער רומפּולער עבר וואָלט זיך צוריקגעקערט צו איר. אַ געזאַנג האָט זיך פון איר געטראָגן און טאַנצנ־דיקע פיס האָבן זיך געקושט מיט דער ערד.

איידער איך האָב פאַרקערעוועט צום כותל, האָבן זיך מיינע אויערן אָנגעשלאָגן אויף אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון שכמער טויער. אַ חזן האָט געציקלט אַ הלל־געזאַנג.

אין די ענגע געסעלעך — געדעקטע מיט אַ דאַך, זיצן די בני ישמעאל, טרינקען ביטערע קאַפע און זופן צווישן די ליפן דעם נאַרגילע־רויך. אויך זיי הערן זיך איין אין די תפילות, וואָס טראָגן זיך פון דער שול „תורת־חיים״.

אַ באַשטריימלטער ייד אין אַ ירושלימער ווייסן כאַלאַט שטעלט זיך אָפּ און פרעגט, וואָס איך האָב זיך אַזוי פאַרטראַכט: קום אַריין, זאָגט ער צו מיר, דאָ איז די ישיבה „תורת חיים״, וואָס איז געווען פאַרמאַכט און פאַרבאָרגן פון יאָר 1928 אָן, ווען ר׳ יצחק ווינאָגראַד ז״ל האָט זי איבערגעלאָזט אויף די הענט פון זיינעם אָן אַראַבישן פריינד, כדי ער זאָל זי אויסהיטן. אין יענער ביטערער צייט, ווען מען האָט גענומען אַרויסשטופּן די יידן פון אַלטשטאָט, איז דאָס געווען אַ זעל־טנהייט.

קנאַפּע פערציק יאָר איז מען מער נישט געגאַנגען דאָרט אַהין צום שכמער טויער, וואָס האָט געשיפּעט מיט „מופטישער״ שנאה, ביז... ס׳איז געקומען דאָס יאָר 1967. האָבן זיך די אייניקלעך פון ר׳ יצחק ז״ל, נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה דערמאָנט אין דער צוואה פון זיידן, און אַ ווונדער... דער אַראַבער האָט טריי אויסגעהיט די ספרי תורות, די ספרים, פאַרשטופּט זיי דערנעבן אין אַ קליין שטיבעלע,

פאַרשטעלט די טיר מיט אַ שאַנק און געוואַרט ביז עמיצער וועט צוריקקומען.

היינט, שמחת תורה, זענען זיך די יידן צונויפגעקומען בענטשן גשם פאַר די פעלדער פון לאַנד ישראל און דער עולם האָט זיך ביי די הקפות אויף אַן אמת צעטאַנצט. איך בין אַרויס אויף דעם באַלקאָן, אַראָפּגעקוקט צו די זיצנדיקע אַראַבער אויף די קליינע בענקעלעך. וואָס טראַכטן זיי? ווער וויים? און אפשר טראַכטן זיי פון די יהוד׳ס, וואָס זענען ווידער צוריקגעקומען, וועגן דער שול, וואָס זיי האָבן פערציק יאָר צייט נישט געוווּסט, אַז זי איז דאָ פאַרהוילן, אַז יידיש לעבן איז תחית המתים אויפגעשטאַנען נאָך אַ לאַנגן, פערציק־יאָריקן מדברדיקן דרימל.

און עס הערן זיך די תפילות הגשם אויף אייגענער יידישער ערד. מאָדנע, מאָדנע האָט מיר געקלונגען די געשיכטע פון דעם אַראַבער, וואָס האָט אויסגעהיט די שול פון „תורת חיים״. און אויך מאָדנע קומט מיר אויס די תורת חיים, די תורה פון לעבן, וואָס מיר האָבן טאַקע דורכ־געלעבט די לעצטע יאָרן און דאָס ווידערקערן זיך צו אַ גאַנץ ירושלים. דאָס איז שוין באמת אַ תורת חיים, וואָס מיר און אויך די גאַרע וועלט האָבן פון איר עפּעס צו לערנען.

1968

לייכטנדיקע שטיינער

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען דער קאַלישער רב איז אויפגעגאַנגען קיין ירושלים, איז ער ר״ל אין עצבות אַריינגעפאַלן, סיבות דערצו געווען גענוג. נאָך דער שלווה און גוטן לעבן אין דער ק״ק קאַליש וואָס אין קעניגרייך פוילן, איז אים דאָ אַלץ אָנגעקומען מיט ביטערע יסורים. שוין כמעט אַ יאָר פאַרלאָפן און קיין פרנסה איז נאָך אַלץ נישט געווען, אויך קיין טראָפּ חדווה נישט אין האַרצן.

פּלוצעם אין אַ פּשוטן וואָכן טאָג, צווישן מנחה ומעריב האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע מקורבים און געזאָגט זיי אַזוי צו זאָגן: מיינע

טייערע, ברענגט משקה און פאַרבייסעכץ, מען דאַרף פריילעך זיין. אַזאַ פרייד ווי עס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון זיינע אויגן האָבן זיי ביי אים קיינמאָל נישט באַמערקט. געזאָגט און געטאָן, די רביצן דעקט דעם טיש, משקה מיט לעקעך באַווייזן זיך, דער ווייס געדעקטער טיש שיינט מיט יום־טובדיקייט, עס האָט זיך געדאַכט אַז פון דער רביצנס שטערן זענען די כמאַרעס פאַרשוונדן, פון אַלעם האָט געשפּאַרט עפּעס אַ ליכטיקייט, עפּעס אַ היימישקייט, וואָס גלעט און וואַרעמט.

פנימער האָבן אויפגעשיינט, האַנט ביי האַנט צוזאַמענגעשלאָסן, איז מען מיט ריקודל אַרויס, און די פנימער האָבן געשטראַלט. אַ צייט לאַנג האָט מען געטאַנצט מיט דבקות און צוגעווונטשן אַ גאולה קרובה.

איינער פון דעם רב׳ס נאָענטע פריינד האָט געפרעגט דעם רב, וואָס זאָל די שמחה באַדייטן? דער רב, דער גרויסער למדן און בקי אין נגלה און נסתר, האָט געגלעט זיין באָרד, און אַ שמייכל האָט צעהעלט זיין פּנים. ער האָט אַ זאָג געטאָן: הערט רבותי, ער איז גערעכט געווען, גערעכט געווען, די שטיינער אין ירושלים לייכטן טאַקע...

ווערט דער עולם נייגיריק, וויל הערן וואָס זענען די פאַרבאָרגענע רמזים, וויל הערן וואָס זענען די רמזים, וואָס איז דער רב אויסן. מן־הסתם איז דאָך דאָס אַ גרויסער ענין, אַ שטילקייט האָט אַלץ אַרומגענומען, און דאָס קול פון רב האָט געפלאָסן ווי טל פון הימל: ווייסט איר דאָך מיינע טייערע אַז מיט יסורים קויפט מען זיך איין אין ארץ־ישראל, פאַרשידענע נסיונות שטייט אויס דער מענטש ביז ער ווערט דאָ פאַרוואָרצלט, און איז זוכה צו שלווה, און קאָן זיך איבערגעבן צו עבודת הבורא מיטן גאַנצן האַרץ, ווי איר ווייסט בין איך געווען קאַלישער רב, געלעבט אין כבוד און אין רחבות, ויהי היום קומט אין דער שטאָט אַ משולח פון ירושלים תובב״א זאַמלען פאַר דער צדקה ר׳ מאיר ב״ה און ווי געוויינטלעך שטייט ער איין ביי מיר און הערט נישט אויף מיך צורעדן: קאַלישער רב, זאָגט ער צו מיר, גייט אויף קיין ירושלים, דאָרט איז אייער אָרט, און ער הויבט אָן שילדערן פאַר מיר די שיינקייט פון דער הייליקער שטאָט. און נאָך זיינע רייד אין אַ שבת נאָך הבדלה איז עס געווען — ווען אליהו הנביא גייט איבער

יידישע הייזער און דערמאָנט די טריט פון משיחן, האָט זיך אין מיין האַרצן דערוועקט אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו ירושלים. כ׳האָב ממש דערפילט ווי אַ שטאַרקער ווילן ציט מיך צו דער עיר הנצח, פרעג איך ביי דעם יונגן מאַן ביים משולח: און וואָס וועט זיין מיין שכר ווען איך וועל עולה זיין? און ער ענטפערט מיר: איר וועט זוכה זיין זען ווי די שטיינער לייכטן.

מיינע טייערע, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ירושלים איז מיר נישט געווען צו פריילעך, אַ שווער ביטער לעבן, די רביצן קרעכצט און קוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן, מאַכט מיר שווער מיין געמיט, דערמאָנט דאָס גוטע לעבן אין קאַליש. דאָ טרינקט מען רעגן וואַסער פון בור, און די פרנסה ווייסט איר דאָך אַליין, אָבער איך וועל דאָך חלילה נישט ווערן קיין יורד, הויב איך אָן נאָכטראַכטן אפשר בין איך נישט ווערט און דעריבער דערזע איך נישט די ליכטיקייט. איך פאַסט, בעט רחמים, זיץ ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, און וויין איבער חורבן הבית.

איינמאָל, טרעפנדיק דעם משולח אין גאַס, האָב איך אויסגעגאָסן פאַר אים מיין ביטער האַרץ, איך האָב אים געפרעגט: האָסט מיר געזאָגט, אַז איך וועל זוכה זיין צו זען ווי די שטיינער לייכטן אין ירושלים. מיר איז פינצטער, נו טרעפט, וואָס אַזאַ איינער ענטפערט מיר. און אַ שמייכעלע שוועבט איבער זיינע ליפּן. „קאַלישער רב — זאָגט ער צו מיר, און יעדעס וואָרט שטעכט ווי אַ שפּיז, — קאַלישער רב הערט זיך איין, די שטיינער לייכטן טאַקע, נאָר מן־הסתם זענט איר דאָס נישט ווערט צו זען, זעט איר נישט”. און דרייט זיך אויס פון מיר מיט אַ שנעלן שלום און גייט אַוועק.

אויך היינט, ווי יעדן טאָג, האָב איך תפילה געטאָן ביים כותל, צוגעלייגט מיין שטערן צו זיינע שטיינער, און געבעטן רחמים, אַז דאָס ליכט זאָל נישט זיין פאַרהוילן פון מיר.

און ווען כ׳בין מיט פאַמעלעכע טריט צוריק געגאַנגען, געהאַלטן כמעט האַלב צוגעמאַכט מיינע אויגן אַנטקעגן דער צעהעלטער זון, האָט מיר פּלוצעם עפּעס אַ בליץ געטאָן פאַר מיינע אויגן. ס׳האָט אויפגע־

שיינט פאַר מיר אַ ליכט, וואָס כ׳האָב עס געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. איך קאָן זיך נישט אָוועקרייסן דערפון, ווער נישט זאָט קוקנדיק, סוף־סוף דערזען דאָס ליכט פון די שטיינער, די שטיינער פון ירושלים, און איצטער מיינע טייערע, ווען איך האָב זוכה געווען צו דעם דאָזיקן גרויסן, ליכטיקן גילוי, זאָל מען טאַקע טרינקען לחיים און זאָל זיך דאָס ליכט קיינמאָל נישט אָפּטאָן פון אונדז. לחיים יידן, און זאָל מען זוכה זיין צו זען דאָס ליכט פון פולער גאולה, וואָס וועט לייכטן דעם וועג פון אירע קינדער וואָס קערן צוריק, אין די אויפגעמאַכטע טויערן פון דער צעלויכטענער ירושלים, אמן־ואמן...

1968

אויף די הענט האָט מען זי געטראָגן

יונג איז זי געווען ווען די ירושלימער ערד האָט זי איינגעזאַמלט, נאָך אַלע פייערן איז זי דאָך נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, נישט אַוועק מיט דעם רויך. זי האָט זיך אַרויסבאַקומען און דערגאַנגען ביז ירושלים.

און אַזוי לויפנדיק איבער פוסטע פעלדער און וועלדער האָט זי אַ נדר געטאָן: אויב זי וועט לעבן בלייבן גייט זי אויף קיין ירושלים, וועט מיט אמונה דערטראָגן די ביטערע איבערלעבענישן, און קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טעג פון שאַנד און שפּאָט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף איר גורל און אויף איר שטאָם.

לויפנדיק אַמאָל איבער די אַלפּן אין אַ פראַסטיקער נאַכט, איבער פאַרשנייטע פעלדער ווו עס האָט זיך קיין מענטשלעכער טריט נישט אָנגעזען, איז זי אין טיפן שניי ליגן געבליבן און איז פאַרשטאַרט געוואָרן אין דעם ברענענדיקן פראָסט, דער פינקלדיקער שניי האָט זי איינגעהילט ווי אין אַ ווייס חופה קלייד, און איין פוס איז כמעט אין אייז פאַרוואַנדלט געוואָרן. קוים אָטעמענדיק, האָט זי אַ תפילה געשעפּטשעט מיט אירע טרוקענע ליפּן, און ירושלים דערמאָנט.

פלוצעם איז אַ פאַסטעך אָנגעקומען, ער איז אויף אַ ווײַלע פון

דעם „שאַלאַס״ אַרויס, ווו ער האָט זיינע שפּעלעך איבערן ווינטער איינקוואַרטירט, און דאָס פאַרפרוירענע מיידל דערזען, קוקנדיק צעשראָקן אויף איר, אין זיינע אויגן האָט זי ווי אַ פאַרכישופטע פּרינצעסין אויסגעזען, אָדער גאָר ווי אַ מאַדאָנע.

האָט דאָס פאַסטעכל געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פּאַרציקט שעפּעלע און אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען, האָט ער זיך פרום איבערגעצלמט און רחמים ביי גאָט פאַר איר נשמה געבעטן, און אויף די קני פאַר איר זיך אַראָפּגעלאָזט ווי פאַר אַ הייליקער און מיט זיין אָטעם זי באַלעבט, און זי האָט אירע אויגן אויפגעמאַכט. ער האָט זי אויף די הענט גענומען, ווי דאָס וואָלט זיינס אַ שעפּעלע געווען, וואָס ער האָט פון וואָלפישע ציינער אַרויסגעריסן. געטראָגן זי ווי אַן איידעלע קרישטאָלענע כלי, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, זי זאָל זיך אין איר דורכזיכטיקייט־פאַרגליווערטקייט נישט איבערברעכן. ער האָט זי צו זיך אין „שאַלאַס״ אַריינגעטראָגן, אַ פייער אָנגעצונדן און מיט וואַרעמער שוימיקער מילך אָנגעטרונקען. פּאַמעלעך האָט זי אירע לעפצן אויפגעמאַכט און אַ דאַנק אַרויסגעשעפּטשעט. מיט ברויט און שאָפן־מילך וואָס ער האָט פאַרמאָגט האָט ער זי געקאָרמעט. אַ געלעגער פון היי פאַר איר אויסגעבעט, און מיט שאָפענע פעל איינגעדעקט. אַ לאַנגע צייט איז זי ביים פאַסטעכל מיט די שעפּעלעך געווען. אַ ראַזעווע געזונטקייט האָט אירע באַקן באַדעקט, און ווען דער פרילינג איז אָנגעקומען האָט זי דעם פאַסטעכל געזאָגט אַז זי מוז זיך פון אים שיידן, און אים פון דעם נדר דערציילט. דעם נדר צו דער הייליקער שטאָט ירושלים. צוגעזאָגט אים, אַז זי וועט דאָרט תפילה טאָן פאַר זיין גוטער נשמה, און אים אייביק צום גוטן דערמאָנען.

דאָס מלחמה־פייער האָט זיך איינגעשטילט, און ווען ער איז מיט זיינע שעפּעלעך אויף פּאַשע אַוועק אין אַ צעהעלטן פרימאָרגן, האָט זי זיך מיט אים האַרציק געזעגנט. דאָס פאַסטעכל האָט אַ טרער פון אויג מיטן אַרבל געווישט, און מיט זיין פייכטן בליק אַ צייט לאַנג זי באַגלייט.

אויפן וועג האָט זי זיך צו אַ פּליטים־מחנה דערשלאָגן, און פון דאָרט צו די ברעגן פון ארץ־ישראל נאָך לאַנגע וואַנדערונגען צוגע־

שווימען, און באַלד איז זי קיין ירושלים אויפגעגאַנגען, און צופעליק אָנגעקומען אין די פרומע געצעלטן פון מאה־שערים. און הגם אין דער היים אירער האָט זי פוילישע ביכער געלעזן האָט זי דאָ אַ פרום געפיל אַרומגענומען. מען האָט זי מיט אַ ישיבה־בחור פאַרקנסט, און זי איז אין דעם פרומען שטייגער ממש אַריינגעוואַקסן, און צדקה און מעשים טובים עוסק געווען כל־ימיה. נאָר אַ טרויער איז געלעגן אין איר בליק, ווייל גאָט האָט איר טראַכט פאַרשלאָסן און קיין קינדער נישט געגעבן, איז זי אין ווייבערישן שילעכל ביז וואָרעמס געזעסן און אין קרבן־מנחה אַריינגעוויינט, אפילו אין די שבתים מיט אַ טרויעריקן ניגון די סדרה אין דער צאנה־וראינה אויסגעזונגען, און דאָס נייע ישראל־לאַנד, וואָס איז אויפגעקומען איז פאַר איר ווי פאַרחתמעט געבליבן, אַזוי האָט זי געלעבט, צוגעהערט זיך וואָס גוטע און פרומע לייט זאָגן. און גאָט פאַר די חסדים געדאַנקט, אויסגעהיטן און כשר האָט זי איר לעבן געלעבט, און צדקה און חסד מיט אַלעמען געטאָן.

און ווען פיר צענדלינג יאָרן אירע האָבן זיך פאַרענדיקט, האָט זי אַ שוואַכקייט דערפילט, די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט זי צו טראָגן, און אַזוי שטיל ווי זי האָט געלעבט, אַזוי איז זי אויך אויסגעגאַנגען, אויסגעהויכט איר כשרע נשמה.

פרייטיק פאַרנאַכט נאָך ליכט בענטשן האָט זי צוריק געגעבן איר נשמה, און די שבת ליכט האָבן איר פנים צום לעצטן מאָל באַלויכטן. מוצאי שבת, ווי דער מינהג פון דער הייליקער שטאָט ירושלים, האָט מען אין די געסעלעך פון מאה שערים אויסגערופן מיט אַ וויינענדיק קול: גייטס צו דער לויה — גייטס צו דער לויה פון דער צדקת... געטראָגן האָט מען זי אויף צוויי דרענגלעך פאַרקייטלטע, צוגעדעקט מיט אַ פלושענעם פרוכת, יידן מיט באָרד און פאות האָבן זי געטראָגן אָנגעטאָן אין די שבתדיקע כאַלאַטן, פאַרגאַרטלט מיט ברייטע בייגאַרטלען, און מיט שטריימלעך אויף די קעפּ. מיט שטורקאַצן האָט מען צוגעלויכטן, על כפים ישאונך און אשת חייל מיט פרומען טרויעריקן ניגון געזאָגט.

אַ בלאַסע לבנה האָט אַריינגעקוקט אין קבר אַריין. און אפשר,

ווען מען וואָלט איר פּנים אָפּגעדעקט, וואָלט מען אַ שמייכל באַמערקט, אַ שמייכל נאָך אַ דערפילטן נדר, וואָס זי האָט אַ נדר געטאָן אויפצוגיין קיין ירושלים.

און ווען די לעצטע שויפל ערד האָבן איר קבר צוגעדעקט, און אל מלא רחמים האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט־שטילקייט, איז אַ נאַכט־פויגל איבער די קעפּ פון די מלווים געפלויגן, טרויעריק מיט די פליגל געפּאָכט, ווי אַ שליח פון אַנדערע וועלטן, עמיצער האָט קדיש געזאָגט, שטיינדלעך אויפן קבר געלייגט.

דער פויגל האָט זיך ווידער באַוויזן און די פליגל אויסגעשפּרייט איבער דעם פרישן קבר, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס׳הערט זיך אַ ברומען:

ושבו בנים לגבולם...

אַ תפילה פון אַ ירושלימער ייד

כ׳דאַנק דיר, גאָט, וואָס האָסט מיך מיט גאָלד נישט געפּרוּווט, און שפּייזסט מיינע טעג מיט פּראָסט ברויט. כ׳לאָז זיך באַגנוגענען ווי אַמאָל מיינע אבות, וואָס האָבן מן אין מדבר־וואַנדערונג געקליבן, אָן רייכע מאָלצייטן פון געדעמפּטע שאָף און רינדער, גייערט אָרעמע שפּייז, אויף גערייניקטע טישן, פון דיין הייליקן אָטעם באַהויכט. טעמ׳דיק איז דער ביסן וואָס מען רייסט נישט פון יענעמס הונגעריקן מויל.

און אויך דאַנק איך דיר גאָט דערפאַר, וואָס האָסט מיר כח געגעבן צווישן דער אָרעמקייט גיין, און אין האַרצן מיינעם באַגער געפלאַנצט, אויסצוּווילן דיין שטאָט פאַר מיין היים.

זיץ איך ביי דיין אָפענער טיר, היימיש איז מיר יעדעס ווינקעלע, ווי מאַמעשער באַריר... וואַרעמט מיך אַ יעדער שטיין.

געהילט אין טויאיקע נעצן פון ראָזעווע ירושלימער טעג, שפּאַן איך, קוים באַרירנדיק די ערד, און באַוונדער דיין באַשאַף...

און כאָטש דיין אינגעווייד, ירושלים, טראָגט שטיינער נאָר אין זיך, ביזטו דאָך אַזוי צאַרט, איידל און ווייך, און אַ טרייסט פאַר די,

וואָס וואַשן און שפּיגלען זייער אָרעמקייט און נויט אין דיינע צעהעלטע טעג.

ווייך זענען מיר דיינע שטיינער ווי די וויג אין מיין אַלטער היים, דערמאָנסט מיר דעם חלום פון יעקב אבינו וואָס ער האָט אין דיר, אויף זיין שטיינערנעם געלעגער געחלומט, מלאכים געזען, וואָס האָבן אַרויף און אַראָפּ אויף אַ לייטער געקלעטערט, היטנדיק זיינע טריט.

הויב איך מיין קאָפּ מיט באַוווּנדערונג און ערפורכט, צו די הימלען דיינע, ירושלים, וואָס הענגען ווי פּרוכתן, פון גינגאָלד פּיאָלע־טענע פעדעם געוועבט, און ווען אין מנחה־צייט נידערן פון דיינע הויכע־נישן זילבער־שטראַלן און אַ ראָזיקייט פון דיינע הימלען באַדעקט ירושלים, און תפילות צו איר גאַנצקייט און שלום טראָגן זיך אין דער לופט, און עס דאַכט זיך אויס ווי אַלץ בוקט זיך פאַר איר שטיינערנער פשוטקייט.

כאַפּ איך אויף מיט אַ ציטערדיקן בליק, אַ קרישטאָל ליכטיקן שטראַל, און שיק דיר, אַ גאָט, אַ לויב־געזאַנג דורך אים.

פאַר דעם זכות, וואָס האָסט מיר צוגעטיילט צו שפּרייזן און קוקן אויף דיין צעלויכטענער — ירושלים.

ל״ה צדיקים

צום 15־טן יאָרצייט

אין זכות פון ל״ו צדיקים עקזיסטירט די וועלט און אויף זיי שפּאַרט זי זיך אָן. אַזוי דערציילט די לעגענדע, וואָס לעבט אינעם פאָלק דורות אויף דורות. אָן אַ שיעור וווּנדערלעכע מעשיות ווערן געוועבט אַרום אָט די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס לעבן אינעם פאָלקס־זכרון.

מיט 15 יאָר צוריק, אויפן שוועל פון דער אַנטשטייענדיקער יידישער מדינה, טראַגנדיק הילף צו דעם קעמפנדיקן גוש־עציון אויפן וועג קיין חברון, האָבן זיי אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַרן פאָלק און לאַנד. דאָסמאָל זיינען געווען נישט ל״ו, נאָר ל״ה צדיקים. לעגענדעס

אויף לעגענדעס וועבן זיך אַרום זיי און וועלן דורות־לאַנג געשפּינט ווערן אַלעמאָל פונדאַסניי. אין מיין זכרון שיילט זיך אויס איינער פון זיי — יהודה. אין אָנהויב 1948, אין הויף פון דער יידישער אַגענץ. ער גרייט זיך צו באַוואַכן אַ טראַנספּאָרט צום „הדסה"־שפּיטאָל אויפן הר־הצופים. נעבן אים זיינע אַ יונגיקע חברטע מיט אַ צעשמייכלטן פּנים. זי איז, ווייזט אויס, געקומען אים באַגלייטן. אָט דערלאַנגט זי אים אַ קוכן גלייך אין מויל אַריין. ער דערלאַנגט איר מיטן מויל די צווייטע העלפט אויף אַ ביס... זי האָט איינגעביסן ממש ביז זיינע ליפּן, וואָס האָבן זיך אין יוגנט־ליבשאַפט און פרייד באַגעגנט. דאָס איז געווען 2 טעג איידער ער איז געפאַלן צווישן די ל"ה. ביז היינטיקן טאָג שטייט דאָס דאַזיקע בילד פאַר מיינע אויגן.

אָט שטייט זיין טאַטע, אַ באַיאָרטער טרויעריקער ייד, די אויגן צוגעשמידט צום נאָמען אויף דער מצבה פון זיין איינציקן זון. זיין מאַמע איז דערטרונקען געוואָרן אינעם ים פון אירע טרערן, זי האָט נישט געהאַט גענוג כוח איבערצולעבן די עקדה יעדן טאָג פונדאַסניי.

*

אָט שטייט אַ מאַמע און זאָגט תהילים מיט אַ געבראָכענעם געוויין, ווי זי וואָלט אַרויסגעזיפּצט פון די פּסוקים די לויטערע נשמה פון איר געליבטן זון. צו איר האָט זיך צוגערוקט אַ צווייטע פרוי, אָנגעכאַפּט דעם ראַנד פון סידור ווי זי וואָלט וועלן פאַראַנקערן איר ווייטאָג אין די קאַפּיטלעך תהילים און אַוועקשווימען אין דער אומענדלעכקייט, ווי אין אַ רעטונגס־שיפל אויף אַ צעבושעוועטן ים פון פּיין און יסורים, וואָס קען זיך נישט איינשטילן און ברעכט אַלעמאָל ווידער אויס.

אַן אַלטיטשקע מאַמע פאַלט און קושט די מצבה. אירע גרויע האָר הילן איין דעם אויסגעקריצטן „עמבלעם" „צבא הגנה לישראל". זיינע 18 יאָר שרייען אַרויס פון דער טיפעניש. כ'ווייס נישט, צי זי האָט באַוויזן צו געבן אַ קוש איר זון ווען ער איז פון איר אַוועק צו דער גרויסער גורל'דיקער שליחות. איצט, אין 15 יאָר אַרום, גיט זי אָפּ דעם קוש דעם זון, וואָס איז געפאַלן אויף די חברון־בערג, וווּ דוד המלך

האָט אַמאָל פאַרלייגט די יסודות צום יידישן מלכות. דאָס איז ער געגאַנגען פונדאַסניי אַנצוקניפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון דער יידישער מלכות׳דיקייט.

✶

און אָט שניידט זיך אַרויס אַ יונגינקע מיידל, אינגאַנצן אַ יאָר 18. וואַרשיינלעך רוט דאָ איר ברודער זיין אייביקע רו. זי האָט אים נישט געקאָנט, זי ווייסט נאָר וועגן זיין טאַט. זי איז דאַן אַלט געווען ס״ה אַ יאָר 3 ווען די בשורה וועגן זיין אומקום האָט אַנגעקלאַפּט אין זייער טיר. זי האַלט אַ קראַנץ בלומען אין האַנט, און פּלוצים גיט אַ בלעטל אַ ציטער. אַ קרישטאָלענע טרער האָט דאָס בלעטל באַנעצט. זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן קבר דאָס קרענצל בלומען צוזאַמען מיט דער טרער און צוגעטוליעט אירע ליפּן צום שטיין כדי צו זעגענען זיך.

✶

אָט קניט אַן אַלטער טאַטע אַריבערגעבויגן איבער אַ קבר און וויינט. אַזוי האָט מן הסתם געקלאָגט יעקב אבינו ווען זיינע זין האָבן אים געבראַכט דאָס העמדל פון זיין געליבטן זון איינגעטונקען אין בלוט. ער האָט פון זיך זיינע קליידער געריסן און געשריען: אַ בייזע חיה האָט אים פאַרציקט.

✶

דווקא היינט אַזאַ צעהעלטער און זוניקער טאָג אויף די רוקנס פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום ירושלים, כאָטש עס איז ענדע יאַנואַר. אַ וואַרעם ווינטל ווייעט איבער די קעפּ. ווי אַ בלויער פּרוכת הילט איין דער הימל די 35 מצבות, פון וועלכע עס ווינקען אַרויס יונגע יאָרן. די אויפשריפטן אויף די מצבות ווייזן: 17, 18, 19... נישט דערלעבטע יאָרן. אַמאָל, אַמאָל האָבן טאַטע מאַמע זיך געשפּיגלט אין זייערע פּנימער, היינט שטייען די נאָענטע פאַר די אויפשריפטן און וויינען, און דאָס פאָלק שפּיגלט זיך אין זייער העלדן־טאַט...

אַט שניידן זיך אַרויס פון צווישן די גוט־געפּלעגטע גרינע אַלייען 2 סאָלדאַטקעס אין זייערע אוניפאָרמס פון אַליוו־קאָליר, וואָס גיסט זיך צעַנויף מיט דער גרינקייט אַרום. אויף זייערע פּנימער אַ ראָזקייט, וואָס שאַפט אַ פרידלעכע האַרמאָניע מיט די בלומען־בייטן. זיי שפּאַנען שטאָלצע מיט אַ געלאַסענעם טריט אויפן וועג, וואָס יענע האָבן פאַר זיי אויסגעטראָטן ערב דער מדינה...

צופוסנס פון אַ קבר, וואָס קיינער שטייט נישט ביי אים, האָט, ווייזט אויס, אַ פרויען־האַנט אַוועקגעלייגט אַ בינטל „פאַרגעסמירנישטן". די בלעטלעך בלאָזן זיך אין ווינט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרויסט מיט דעם כבוד, וואָס זיי באַפּוצן די רו פון די העלדן.

פון דער שטילקייט רייסט זיך אַרויס די שטימע פון ראובן מס, דער פאָטער פון דני, קאָמענדאַנט פון די ל"ה בעת זייער היסטאָרישער אַקציע. ער הויבט אָן מיט אַ מעשה:

אַמאָל איז אַ ייד געגאַנגען מיט זיין זון אין אַ וויטן וועג. איז דער זון מיד געוואָרן און יעדע מינוט געפרעגט דעם טאַטן, צי איז נאָך וייט צו אַ ישוב? סוף סוף האָט אים דער טאַטע געענטפערט, אָט, באַלד, מיין זון, וועסטו זען אַ ישוב. אָט ווייזלט זיך מיט זיינע מצבות אַ בית הקברות, און דאָרט וווּ עס איז דאָ אַ בית הקברות, איז אַ סימן, אַז עס איז פאַראַן אַ ישוב, אַ סימן פון לעבן. אָט אויף די קברים, אויף די קרבנות איז אַ מדינה אויפגעשטאַנען — דער בעסטער סימן אַז דאָס פאָלק לעבט. דער עיקר מען זאָל זיי געדענקען און כסדר נאָכקאָנטראָלירן, צי מען גייט אין זייערע לויטערע וועגן... צי האָט מען נישט צו שנעל פאַרגעסן זייער הייליקע און יוגנטלעכע ריינקייט. מען דאַרף גלויבן אַז די קרבנות זיינען געבראַכט געוואָרן, כדי צו שאַפן אַ שיין פריי לעבן.

*

די אויטאָבוסן פילן זיך אָן, מען פאָרט אין קיבוץ ל"ה אויפן גרענעץ־פּאַס פון גוש־עציון.

יאָר איין, יאָר אויס, קומען זיך דאָרט צונויף די נאָענטע. די זוימען זיינע אויפגעגאַנגען אויף די פעלדער, די פלאַנצן אין די ווייג־

גערטנער און עס האָט זיך פאַרוואָרצלט אויף דער חלוץ, דער מענטש, וואָס איז געגליכן צום בוים אין פעלד... עס וואַקסט אַ נייער דור אויף דער ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און טרערן און דער אַרום פאָדערט אַ המשך אויף די אויסגעשפּרייטע ווייטקייטן, פאַר וועלכע די ל״ה צדיקים האָבן אָפּגעגעבן זייערע בליענדיקע לעבנס, כדי עס זאָל אויפגיין אַ ניי לעבן.

*

פון אַרום הערט זיך אַ שטיין־קלאַפּעריי. דאָ האַמערט מען און מען טעסיעט אויס שטיינער, וואָס דאַרפן פאַרפּוצן דעם מיליטערישן בית־הקברות. וואונדערלעכע גרימאַסן ווינקען אַראָפּ פון די טויערן, אויס־געטאַקט פון ירושלימער ווייס־ראָזעווען שטיין. פון אַ הויך בערגל קוקן אַראָפּ די מצבות פון די פאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו טרייסטן און וועקן צום קאַמף אַ פאָלק, וואָס ווערט פאַרשניטן אין סאַמע מיטן חלום וועגן גאולה, און אין דער שפּיץ דער קבר פון חנה סענעש.

אָט ווייסלט זיך די אינסטיטוציע „יד ושם״, ווו עס ווערן דאָקומענ־טירט די לאַגלען פול מיט גלות־צער.

און אָט די סימבאָלישע מצבה פון יענע, וועלכע זיינען אַראָפּ אין די ים־טיפענישן, און נישט ווייט פון זיי אויף אַ בערגל די כ״ג, די 23, וואָס האָבן געשניטן די כוואַליעס פונעם ים אין אַ גרויסער שליחות קיין סיריע און זיינען פאַרשוווּנדן אָן דעם מינדעסטן צייכן. די סודות׳־דיקע כוואַליעס האָבן זייערע לעבנס פאַרשלונגען און זייערע נעמען שפּיגלען זיך אָפּ פונעם שטיין אין דעם וואַסערל צופוסנס...

און אָט איז אַ מצבה אין דער פאָרם פון אַן אוהל פאַר די יעניקע, וואָס מען ווייסט נישט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. זיי זיינען געפאַלן אין די קאַמפן פאַר ירושלימער אַלטשטאָט. צווישן זיי אַ 10־יאָריקער שליח־ציבור, אַ זעלנער מיט אַ מיליטערישן נומער. זיי אַלע זיינען דער המשך פון די ל״ה, וואָס האָבן אָנגעצייכנט דעם וועג צו דער באַפרייונג.

און נישט ווייט פון זיי, די קברים, ווו עס ליגן די אבות פונעם ציוניזם.

און פון העכסטן שפּיץ, וואָס בליקט אויף גאַנץ ירושלים, וועלכע וועקט זיך אויף אין אַ באַניטן בוי, קוקט אַראָפּ דער שוואַרצער מאַרמאָר־שטיין מיט דעם איינציקן וואָרט „הערצל״. ער ווינקט זיך איבער מיט די קברים פון די פאַרווירקלעכער פון זיינע וויזיעס.

דאַכט זיך, עס הערט זיך אַ שטימע, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דעם בלישטשענדיקן מאַרמאָר־שטיין: אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין לעגענדע! ווייזט אויס, אַז אַזוי האָבן עס טאַקע פאַרשטאַנען די ל״ה צדיקים.


געראנגל

קעצישער שטאָלץ

זעלבער פאָרן אויף טאַנקן אַהין און אַהער, עולם שטעקט נישט אַרויס קיין נאָז. אַפילו קינדער האָבן באַנומען, אַז עס איז נישט קיין שפּיל, די זעלבער זענען בייז, פון טאָג צו טאָג בייזער, טאַטעס רופן שטרענג די קינדער אין די היימען, ערגעץ ווו גרילצט אַ ראַדיאָ צוריק־געהאַלטן, פון צייט צו צייט שניידט אַדורך די גאַס אַן אויטאָ מיט געפאַנגענע יידן... זעלבער פאַרגנבענען זיך שטילינקע ווי קעצלעך. זיי טראָגן גומענע שיך, די גאַס איז שטיל, נאָר זעלבער באַוועגן זיך אין איר מיט טומיגאַנס אין די הענט, זייער באַנעמונג גיט נישט צו קיין באַזונדערע הייליקייט דער הייליקער שטאָט ירושלים.

די זון שטייט נאָך הויך. אויף די שויבן מיניעט זיך איר גאָלדענער אָפּשיין, אין די אויערן שלאָגן זיך אָן ידיעות, וועגן שיפן געקומענע מיט פּליטים. תל־אביב אַרומגענומען, אַ נייע באַלאַגערונג אויף ירושלים, ערגעץ ווו וויינט אַ קינד.

דער ראַדיאָ איז שטיל געוואָרן, פאַרנאַכטיקע דעמערונג פאַרציט זיך איבערן דרויסן. איך קוק אַרויס דורך אַ שפּאַרע, אַ טאַנק קאַטשעט זיך איבער דער גאַס. אויפן געמויערטן פאַרקן פאַר מיין הויז זיצט אַ קאַץ און וואַשט זיך.

זי געהערט נישט צו קיין שום נאַציע. איר האָט מען נישט באַשטימט קיין קוואָטע, ליגט זי פויל און גענעצט אַריין אין די פאַרביי־פאָרנדיקע טאַנקן.

אפשר טראַכט זי, אַז אין אַזעלכע הינטישע צייטן, מעג זי זיין שטאָלץ אויף איר קאַצישן אָפּשטאַם?...

ירושלים 1947

יאָסל חריף

אַ כינעזיש מעשהלע

דער מיניסטער דערקלערט, אַז די לאַגע אין די מעפּילים־שיפן איז אומדערטרעגלעך, אַ רחמנות אויף די מעפּילים.

(פון דער פּרעסע)

אַמאָל איז געווען אַ מלך, אַ גרויסער בעל־רחמנות. נישט נאָר וואָס ער איז געווען אַ דערבאַרימדיקער, האָט ער אויך ליב געהאַט, מען זאָל רעדן וועגן זיין רחמנות און ווייך האַרץ, ווי עס שטייט־אָן פאַר אַ מלך.

אין איינעם אַ טאָג שטייט אַזוי דער מלך און קוקט אַראָפּ פונעם פענצטער פון זיין פּאַלאַץ. זיינע אויגן פאָרשן, וואָס פעלט זיינע אונטערטאַנען און וואָס קאָן ער פאַר זיי טאָן.

דערזעט דער מלך, דער בעל־רחמנות, אַז טויזנטער כינעזער לויפן פאַרביי אָן היטלען. איז עס אַ חרפּה פאַר אָן אָרנטלעכן כינעזער נישט צו האָבן אויפן קאָפּ אַ מיצל און אַ חרפּה פאַר דער מדינה, וואָס זאָרגט נישט פאַר אירע בירגער, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צוצודעקן זייערע הוילע קעפּ מיט די לאַנגע צעפּ. נעמט אָרום אַ גרויס רחמנות דעם אַדעליקן מלך אויף די אַלע אָרעמע מענטשן. ווי אָרעם מוזן זיי נעבעך זיין, אַז זיי האָבן נישט צומאָל קיין פּיצל מיצל אויפן קאָפּ.

גיט דער מלך אַ פּאַטש מיט די הענט און עס באַווייזט זיך זיין מיניסטער, גרייט אויסצופירן דעם מלכס באַפעלן, און דער מלך עפנט זיינע ל עפ צ ן מיט ווערדע, אַזוי צו זאָגן: „קוקנדיק דורכן פענצטער האָב איך געזען אַ גרויסע מאַסע מיינע אונטערטאַנען וואָס האָבן נישט קיין מיצלעך אויף די קעפּ. מיין האַרץ פּלאַצט פון רחמנות צוצוזען, ווי ס׳ווערט געשענדעט דער כבוד פון מיין פאָלק און לאַנד. באַפעל איך דיר: צייל־אויס וויפל כינעזער עס האָבן נישט קיין מיצלעך".

האָט דער מיניסטער זיך פאַרבויגן צוויי מאָל ביז צו דער ערד און געבענטשט אין האַרצן דעם רחמנותדיקן מלך, מיט וועלכן דאָס קלוגע כינעזישע פאָלק איז געהאָלפן געוואָרן, און אַזוי האָט ער געענטפערט דעם הערשער פון אַלע כינעזער:

„גרויסער קעניג, דיין ווילן וועט געשען, עס וועלן זיך מער נישט אַרומדרייען פאַר דיינע אויגן קיין כינעזער מיט הוילע קעפּ.‟

נאָכאַמאָל האָט ער זיך טיף פאַרנייגט און איז הינטערווײַלעכץ אַרויס.

און באַלד האָט דער מיניסטער צענויפגעזאַמלט אַלע כינעזער, וואָס האָבן נישט קיין מיצלען, און כדי אָפּצוהיטן דעם כבוד פון לאַנד און דעם גוטן מלך פון צער, האָט ער זיי אַלעמען געהייסן אָפּהאַקן די קעפּ.

נאָכדעם האָט ער זיך באַוויזן אַ צופרידענער פאַרן מלך און מיט אַ הכנעהדיק שמייכעלע אויף די ליפּן האָט ער אָנגעזאָגט דעם רחמנותדיקן מלך:

„גרויסער, גוטער, פיינפילנדיקער הערשער, איך האָב איבער־געציילט די צאָל כינעזער, וואָס זענען אַרומגעלאָפן אונטערן הימל מיט הוילע קעפּ. עס זענען געווען איבער פיר מיט אַ האַלבן טויזנט, און איך האָב געזאָרגט, זיי זאָלן שוין מער נישט אַרומלויפן מיט הוילע קעפּ. גרויסער האַר פון אַלע כינעזער, דיין ווילן איז געשען!...‟

1947

שמות

בערגער שמות וואַלגערן זיך אין אַלע צימערן. דאָ איז אַמאָל געווען דאָס האַרץ פון זייער הערשאַפט — דאָס האַרץ און דער מוח. די אַלע שמות וואָס וואַלגערן זיך אונטער מיינע פיס. דאָ האָבן זיך געפונען דאָקומענטן, געפלעגטע, סאָרטירטע, דורך אַ ריזן שטאַב באַאַמטע. דאָ זענען געזעסן שטאָלצע ענגלענדער און געשפּיגנען זייער „הבא נתחכמה‟ קעגן אונדז, וויגנדיק זיך מיט אַזאַ זיכערקייט אין זייערע פאָטעלן, ווי אַמאָל די פּראָקאָנסולן פון דער רוימישער אימפּעריע. און געווײַלט זיך צוקוקנדיק זיך צום געראַנגל פאַר אונדזער לעבן, ווי אַמאָל די אַלטע רוימער האָבן הנאה געהאַט פון די גליאַדיאַטאָרן־פאַרמעסטן אויף די אַרענעס פון די רוימישע צירקן.

איך הויב אויף אַ בוך פון דער ערד, דאָס שערבלאַט פּרעכטיק געצייכנט אין מזרח־סטיל. דאָס לעבן אין עבר־הירדן ווערט דאָ מאָלעריש געשילדערט. אַראַבישע פּאַליציי אויף קעמלען, אויף פערד. אויף טאַנקען... דערגעבן וואַלגערן זיך רעגיסטערס פון יידישע שטייער־צאָלערס...

איך קוק אַרויס דורכן פענצטער. פונדערווייטנס, פון קירכנטורעם, זעט זיך אַ צעהאַקטער צלם, אַן אָפּגעבראָכענער טייל הענגט אומ־באַהאָלפן. מיט אַ מינע ווי עס וואָלט אים שווער געווען מכפר זיין אויף אַזויפיל זינד...

און אָט האָב איך ווידער אויפגעהויבן אַ בוך. דאָ ווערן גאָר באַשריבן די מאַלאַיען. ווייזט אויס, אַז עפּעס „אַ טשיף קלאַרק" אַ נוגש האָט דאָ געהאַט געגנוג צייט זיצנדיק אויף אונדזערע קעסט שטודירן מאַלאַיער פּראָבלעמען.

טרעט איך מיר אַזוי אויף די ענגלישע שמות, דאָס אויג, וואָס האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט צער צו קוקן אויף יידישע געשענדעטע שמות, געשענדעטע, צעריסענע יריעות פון ספרי תורות, דאָס האַרץ וואָס טראָגט אין זיך דעם בראַך און ווייטיק פון פאַרשניטענע קהלות, פון אומגעבראַכטע דורות, און טראָגט אין זיך אויך האַס און צאָרן קעגן איינוואַנדערונגס געזעצן, און ברוטאַלע באַגרענעצונגען.

דאָס אויג און דאָס האַרץ מאַכן שהחינו איבער די צעוואָרפענע ענגלישע שמות, אומצייליקע סדום־געזעצן, וואָס ווען אַפילו צו קבר בריטאַן נישט קומען, און איבער זיי דער צעבראָכענער צלם, וואָס גלאָצט אומבאַהאָלפן, פון גאַטערדאַם...

1948

דער אונטערגעהאַקטער בוים

כי האדם כעץ השדה (פון חומש)

לענגאויס די טראָטואַרן פון דער מלך דזשאָרזש־גאַס, צו רחביה־צו, שטייען די ביימער יונגע אָבער פעסטע, מיט געקרויזלטע גרינע קעפּ. הינטער זייערע שאָטנס האָבן זיך איצט פאַרבאַריקאַדירט בעווינס לעגיאָ־

בערן. ווי שפּינען לויערן זיי אין געוועב פון שטעכיקן דראָט און האָבן זיך פאַרשאַנצט אונטער אָנגעפּילטע זעקלעך מיט זאַמד, ממש קריגס־צושטאַנד.

שטייט זיך אַזוי אַ יונגער בוים אין דער היץ פון טאָג, און הויבט זיינע צעוואַקסענע יונגע אָרעמס. ווי אַ לויב צו די הימלען, פּלוצים זענען אָנגעקומען צוויי מומחים פון זיין מאַיעסטעט און באַשלאָסן, אַז עס איז אַ חוצפּה פון אַ יידישן בוים, ער זאָל פאַרשטעלן דעם פּיסק פון מאַשין־געווער.

טויזנטער יאָרן איז דאָ קיין בוים און קיין גרעזל נישט געוואַקסן, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן דער בוים און געבערט מיט די זאַפטן פון דער ערד, שטייט ער אַ שטאָלצער מיט זיין גרין גאָלדיקער קרוין און זיין שטאַם פאַרפעסטיקט אין די שטיינערנע אָדערן, און איז פול מיט יוגנטלעכן חן.

האָט זיי די חוצפּה פון בוים שטאַרק געקרענקט און אין די תשעה־באב־טעג האָבן זיי זיך צו אים גענומען מיט העק און זעגן.

און ביי יעדן האַק גיט אַ ציטער ביי אים די קרוין און זיין ווייגעשריי הערט זיך ת״ק פּרסה אויף ת״ק פּרסה, הילכט אָפּ צווישן אַלע בוימער אין דער וועלט, רופט צו בוימערישער סאָלידאַריטעט...

1947

די נייע שרה בת־טובים

ערשט דאָ נישט לאַנג איז עס געווען אַ נעסט פון שנאה און נאַצישער טומאה. וועלפּישע אויערן האָבן זיך איינגעהערט צו היטלערישע נצחונות. נעכטן נאָך איז פון דאַנען אָנגעגאַנגען די לויערונג אויפן יידישן מעפּיל. קוילן האָבן פון דאָרט געשווישטשעט איבער יידישע פאַרבייפאָרער.

ערשט נישט לאַנג איז עס געווען.

היינטער גרינע לאָדנס זיצט נישט מער דער שונא, די נעכט פון

שרונה זענען שטילע, דער וואַנדערער שניידט־אַדורך דעם פּאַס גרינע ערד מיט אַ רואיק געמיט. שטובן וואַרטן אויף געסט און אין די שטילע נעכט גייט־אַרויס פון צווישן די קוסטעס און שווער באַלאַדענע פּרוכט־ביימער — זי — געטובלט אין טוי, אין אַ ווייס כלה־קליידל, דאָס פּנים יוגנטלעך־ראַזיק. שפּאַנט זי מיט שטילע טריט אַ נייע אַן אַנדערע שרה בת־טובים, און קרייזט אַרום די פעלדער. פייגל מיט פריידיקן געזאַנג זענען אַרויס אַנטקעגן איר, ביים ראַנד פון טאָג. זיי זאָגן אָן, אַז זי איז געקומען, זי — ברכה פאַלד.

אויף די פעלדער פון שרונה...

1948

א י כ ה

וואָס איז געוואָרן פון דיר, דו האַרנטע צווישן פעלקער? דו, וואָס האָסט לוחות געשניצט פאַר פעלקער און לענדער, וואָס דיין גרויסער בייראָן איז געפאַלן פאַר פרייהייט, געלערנט דיך קעמפן פאַרן גליק פון מיט־מענטש און דיין גיוטאָן האָט הימלען געגעבנט צו דעם מענטשן, געלערנט אים לייענען אין הימלישע ספערן — ווי האָסטו עס פאַרגעסן געקאָנט?

א י כ ה?

דו, וואָס דריקסט דעם תנ״ך צום האַרצן און דיין מויל הערט נישט אויף צו פּרעפּלען הייליקע תפילות, ווי אַזוי ביסטו ווידער אַ ים־רויבער געוואָרן, שטעלסט זיך אַוועק, ווי עמלק, אין וועג פון אונדזער אויפגאַנג?

א י כ ה?

ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז דיינע שיפן, ווי פּיראַטן, שניידן די ימען און לויערן אויף קינדער־פאַנג?

מיינסטו דען אַז דער שוימיקער ים פון אונדזערע טרערן וועט דיך פירן צו אַמאָליקער גרויסקייט? —

א י כ ה?

1947

דזשאָניס טויט

באַגלייטנדיק אַ לויה־צוג איז געפאַלן פון אַן
אַראַבישער קויל אַן ענגלישער פּאָליציאַנט.

(פון דער פּרעסע)

דזשאָני האָט נישט געחלומט, ווו זיינע פיס וועלן אים פירן, ווו זיין קאָפּ וועט צו רו קומען.

באַגלייטנדיק אַ מתים־צוג צום הר־הזיתים אין ירושלים שניידט ער זיך אַריין מיט זיין געפּאַנצערטן אויטאָ צווישן אַ וואַלד מצבות און ער איז זיכער: דאָ וועט גאַרנישט געשען. נאָר ווען ס׳פּאַלט דער ערשטער שאָס פון די בערג און ס׳הילכט־אַרויס אַ קרעכץ פון צווישן די מצבות, נעמט אים אַרום אַן אומרואיק געפיל, ווי ער וואָלט געשטאַנען צווישן בינשטאָקן און די בינען זשומען אַרום...

פּלוצים דערזעט ער: אַ בחור שטייט לעבן אים און גיט פייער, און באַלד הייבט אויך ער אַליין, דזשאָני, אָן צו פייערן. סוף־כל־סוף איז עס דאָך אַ לוויה...

דער בחור מיטן סטען אין דער האַנט מונטערט אים: פייער! פייער! פּלוצים גייט אים דורך אַ לייכטער ציטער אין די קני. ער פּאַלט אויף אַ שטיין.

צווישן די אויסגעשטעלטע מיטות פון יידישע מתים אויפן אַלטן סודותפולן הר־הזיתים בייגט זיך איבער אים אַ בערדיקער ייד און לייגט אים אויף אַ טראָג־בעטל.

זיין היים דערמאָנט זיך אים, מעשהלעך פון דער מאַמען. און ער מורמלט אַ פּסוק פון תנ״ך. עפּעס קלאָרט זיך אים אויף אין זיין מוח. ער שטאַרבט אויפן הר הזיתים און אַלע פּסוקים און תפילות, וואָס ער געדענקט, שטופּן זיך אויף דער אָפּשטאַרבנדיקער צונג. איצט גייט אין אים אויף אַ פּסוק, וואָס האָט אים אייביק אַזוי געשראָקן, אין לעצטע שטילע ווערטער קרעכצט ער אַרויס אויף די הענט פון אַ בערדיקן חברה־קדישא־ייד, ווי אַ ווידוי פאַרן טויט: והארץ היתה תוהו ובוהו...

1947

יאָסל חריף

אין די נעגל פֿונעם קרייץ

ערב קריסטוסעס געבורטסטאָג, יום־טובדיקע שטימונג אין גאַס. זעלנער גרייטן זיך צום הייליקן אָוונט־מאָל. די גלאָקן אויף די טורעמס האָבן זיך צעקלונגען. שנעלערס קלויסטערל, די נעסט פֿון אַמאָליקע נאַציס, ווו אויפֿן טורעם איז אויפֿגעמאָלט אַן אומשולדיק שעפּסעלע, הערט נישט אויף צו קלינגען און זאָגט־אָן די בשורה פֿון מלכות שמים; זאָגט־אָן די עניוותדיקייט פֿון אַ גאָט, וואָס איז אין אַ שטעלעכל געבוירן.

צוזאַמען מיטן גלאָקן־קלאַנג טראָגט זיך אַ בשורה וועגן 853 מעפּילים פֿון „לא תפחידונו", אָוועקגעשיקטע קיין ציפּערן.

דער רעגן שלאָגט אין פּנים. ס׳בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. עקשנותדיק קלינגען די גלאָקן, ווי צו פֿאַרטויבן די שטים פֿון נאַיוון טרוימער אַמאָל...

רייסט ער זיך, דער טרוימער פֿון נצרת, פֿונעם קרייץ, צו רו, צו טרייסט. נאָך קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר, נאָך אַלץ קיין רו נישט געפֿונען.

אין באַגילדטע קלויסטערס, אין הייליקע פּראָצעסיעס, אין טוכלע קירכן־צעלן ווערט מאַכט געזאַמלט, ווי שפּייז אין שפּייכלערס, אָבער זיין מאַכט איז דאָך נישט פֿון ד ע ר וועלט.

ס׳רייסן זיך זיינע געקרייציקטע הענט און פֿיס צו די 853 ברידער פֿון יידן־שטאַם, און דער ווייַרויך אַרום ליגדערט נישט זיין ווייטיק.

דער ריח פֿון קטורת טראָגט אים אַנטקעגן יידן־האַס, פֿון שיכורע טישן טראָגט זיך מענטש־לעסטערונג.

וואַנדערט ער מיטן געדאַנק אין דער נאַכט פֿון זיין געבוירן־טאָג, אַ געריסענער פֿונעם קרייץ, שפּרייזט צו די ברעגעס פֿון זיינע טרוימען, דערגייט צו די אָרעמע פֿישער־ביידלעך פֿון כפֿר־נחום, צו דער היימישער וואַרעמקייט פֿון נצרתער שטוב. פֿאַרוואָס האָט ער בעסער די זעג נישט געהאַלטן מיטן טאַטן און ברידער צוזאַמען? צו־וואָס געדאַרפֿט טרוימען און הימלען רייסן?

אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר זאָל מען טרייבן ברידער און שוועסטער פֿון היימישער ערד און אויף שיכורע טישן לעסטערן זיין נאָמען?

וואָיעט דער גלאָק אויפן טורעם פון שנעלערס קלויסטערל אין ירושלים, אין מיטן נאַכט שיט ער אויס זיינע קלאַנגען אין שטורעמדיקע רעגנס, און ס'פלאַנטערן זיך טראַכטונגען וועגן דעם גורל פון שיפן אויפן ים, וועגן 853 יידן, פאַרטריבענע פון די ברעגעס, אַ מתנה צו קריסטמעס. און ס'דאַכט זיך: אַט האָט ער זיך אויפן קרייץ אַ ריס־געטאָן. ער וויל די לעסטערער קיין שוץ פון אַ גאָט נישט געבן, אָבער די נעגל פון קרייץ זענען שטאַרק; זיי לאָזן דעם גאָט נישט אַנטלויפן.

1947

דערפאַרונג

פאַראַן אַ ווערטל:
„מ'זאָל באַהיט ווערן פאַר פייער און וואַסער".
אַ ווערטל פון דערפאַרונג.
יעדעס פאָלק האָט זיין עלעמענט.

נאַרוואָס האָט אַ פאָלק פון אַ הויכער ציוויליזאַציע געוויזן זיין אמתן פּרצוף, דאָס פּרצוף האָט זיך באַוויזן אין פייער פון קרעמאַטאָריעס. דער געצנדינערישער פייער־קולט פון די דייטשן האָט גובר געווען טויזנט יאָר קריסטנטום.

אַן אַנדער פאָלק, זיין געשיכטע שטראָמט זיך אַזוי שטיל ווי וואַסער, הערשט מיט דער מינע פון געטלעכע שליחים. זייער עלעמענט איז וואַסער.

ווי פישערס פאַרוואַרפן זיי די נעצן אויף ימען. אונדז צו פאַנגען אין זייערע וואַנדערנדיקע תפיסה־שיפן.

מיר, דאָס אַלטע פאָלק, זענען אַריינגעפאַלן צווישן זיי ביידע, צווישן פייער און וואַסער.

1947

מה טובו אוהליך יעקב!

אין רחביה האָט דאָס מיליטער די בעסטע הייזער באַזעצט. האָט דאָרט געגאָסן פון אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואַרעם און קאַלט וואַסער, ווינטער — גוט־געהייצט, זומער — ווענטילירט. לופטיק און זוניק און אַ שפע פון גרינס,ביימער און בלומען.

מאָדערנע קאַזאַרמעס.

זעלנער וואַרעמען זייערע נאַקעטע לייבער קעגן דער פרילינגס־זון און מיט פולער הנאה געניסן זיי פון די מאָדערנע איינריכטונגען אין יידישע הייזער.

מה טובו אוהליך יעקב...

1947

פון היינט אויף מאָרגן

די טעג כאַפּן זיך אויף נאָך אומרואיקע נעכט און טרינקען פרי־מאָרגן־שטראַלן. דורשטיקע טעג. קאָנסט אַזאַ טאָג נישט אָנטקעגנגיין. ביזט אין געטאָ־צוים אין דיין ירושלים, זוכסט אַן אָנשפּאַר, טראַכסט וועגן דעם אַלעם וואָס טוט זיך אַרום דיר, ווילסט זיך דערגרונטעווען אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון אונדזער זיין, וואָס האָט דיך געברענגט ביז אַהער און האָט דיך פאַרטשעפעט, ווי אַ זומער־פויגל אויף שטעכיק דראָט?

די פייגעלעך זינגען־אויס אין פרימאָרגן דעם זעלבן טשירי־טשירי. זיי טראַכטן נישט, ס'אַרט זיי נישט. וואָס נעכטן איז געווען און מאָרגן וועט זיין. זיי טרינקען פון גאָלדענעם היינט. טרינקען מיט דער גאַנצער לוסט און זענען זיכער, ס'וועט אויף מאָרגן אויך אַזוי פאַרבלייבן.

ווו זאָל איך איצטער נעמען די זיכערקייט פאַר מיין לעבן, די זיכערקייט פון אַ פויגעלע פון היינט אויף מאָרגן...

1947

קבר־אבות

וואָלט היטלער אַ קבר געהאַט, וואָלט מען געוווּסט ווּ זיין פּגר ליגט און נאַצישע אבלים וואָלטן זיך געשלעפּט צום פאַרפוילטן פאַשיס־טישן געץ — וואָלט געקאָנט פּאַסירן, אַז אַ מיניסטער פון זיין מאַיעסטעט זאָל זיך אַריבערכאַפּן אַהין אין שווערע שעהן פאַר דער גרויסער אימפּעריע און בסודי־סודות אַוועקלייגן אַ קראַנץ אויפן קבר. אויף דער שוואַרצער לענטע וואָלט דאַן געווען דזשענטלמעניש צוגעשריבן:

„דיין קנעכט, וואָס לעכצט אויסצופירן דיין צוואה, גרויסער פירער!"

1948

די היסטאָרישע קייט

פירטויזנט פינפהונדערט טעג, פירטויזנט פינהונדערט נעכט שפּיג־לען זיך יעדן טאָג איבעראַנייס אין די וואַסערן פון מיטללענדישן ים, יעדער מח — מיליאָנען גרוילן, יעדער בליק אויף צוריק — אומצאָליקע שרעקן.

דאָס מויל ביי יעדן איינעם האָט מורא אַרויסצוזאָגן, וואָס דאָס האַרץ טראַכט.

די אוראייניקלעך פון די, וואָס טיטוס האָט געטריבן אויף דעם זעלבן וועג, פון די, וואָס מען האָט זיי פאַרקויפט פאַר קנעכט, צו די רודער בענק אויף שיפן געשמידט, די אייגענע סימנים פון קייטן, די סמנים פון אוישוויץ טאַטואירט אויף די הענט...

זיי פיבערן און טראַכטן אַ טראַכטונג, וואָס נאָר אַ ידישער מח קאָן טראַכטן, און אַ נישט דערשריגן געשריי שרייט פון זיי צום הימל.

שיפן וואַיען ווי שאַקאַלן, און דער תלין פון אַזויפיל חלומות גיט מיט קיין אויג נישט קיין פינטל.

דזשאָנין, דעם בלאָנדן ענגלישן יינגל מיט געווער אין האַנט, ציטערט נישט קיין טרער אין אויג. ער פילט אויס זיין פליכט. זיין

מאַמע זאָגט איצט אַוודאי פאַר אים אַ תפילה, ער זאָל אויסגעהיטן ווערן פון יידישע הענט, און צינדט אַ ליכטל פאַר דער הייליקער יונגפרוי.

דזשאָני לויפט אַרום מיט אַ פאַלקע אין האַנט צווישן פרויען און קינדער, שלאָגט אויף רעכטס און אויף לינקס, פאַרן כבוד פון בריטישן פאַטערלאַנד. פון דער גרויסער אימפעריע. און דאָך איז ער אַ רינגעלע אין דער קייט וואָס ציט זיך פון אספּסינוס און טיטוסן אָן... ווו איז ער טיטוס, און ווו אספּסינוס און ווו וועט מאָרגן זיין בעווין?...

1947

איבעריקע שלאַנגען

אַ שלאַנג שרייט נישט, ליאַרעמט נישט. דאָס גיפטיקע באַשעפעניש פאַלט אָן אויף איר קרבן שטיל, לאָזט זיך נישט הערן. אויסער איר גיפט, וואָס זי פאַרסמט מיט אים איר קרבן, גיט זי אויך גיפטיקע עצות, עפנט כלומרשט די אויגן ביי בלינדע. די שלאַנג האָט גורם געווען צו דער ערשטער אויסזידלונג. ווען נישט זי וואָלט נאָך די וועלט ביז היינט געווען אַ גן־עדן. פון יענעם ערשטן גיפט קען זיך דער מענטש נאָך ביז היינט נישט באַפרייען, און ווו מען רירט זיך וואַקסט אויס די שלאַנגישע עצה־געבערין.

אָט איז ד״ר געאָרג האַאַס פון דער ירושלימער אוניווערסיטעט געפאָרן פון אַמעריקע און געפירט פאַרשידענע מינים שלאַנגען. האָבן זיי מיט כח אויפגעריסן די שטייג און זענען אַנטלאָפן...

זיי ווילן נישט, מען זאָל זיי פירן קיין ארץ־ישראל.

דאָס איז אַן איבעריקע זאַך.

איצט פירן אויס זייער אַרבעט אין לאַנד שלאַנגען פון אַן אַנדערן מין...

1947

ברונעמער

 וישב יצחק ויחפור את בארות המים
אשר חפרו בימי אברהם אביו ויסתמם הפלישתים
(בראשית כ״ז ט״ז)

ווען יידן וועקן די אינגעווײדן פון דער ערד פון אַ לאַנגן שלאָף צו אַ ניי לעבן, באַהעפטן זיך מיט ליבע צו איר, און רופן אַרויס פון די טיפענישן די שפּרודלדיקע קוואַלן — קומט דער שטן צו זיינע קנעכט און רוימט זיי איין אין אויער טייוולאַנישע עצות, ווי צו פאַר־שטאָפּן, פאַרשטייניקן די קוואַלן פון לעבן.

איבער אַלע דורות ציט זיך די זעלבע רשעות, תמיד דער זעלבער געראַנגל: פלישתים און אדום און איצט די מאָדערנע פלישתים. שטענדיק דער זעלבער געראַנגל איבער פכים קטנים — שטענדיק אַ מעשה מיט ברונעמער...

אַזוי האָבן אין פינצטערן מיטלאַלטער די רשעים אויסגעטראַכט בלבולים אויף אונדז: יידן פאַרסמען ברונימער, פאַרשפּרייטן שוואַרצע פעסט און כאָלערע. און אויך היינט ווען טרייע הענט רייסן ווידער אויף די ערד און אַנטפּלעקן פרישינקע לעבנס־קוואַלן, איז עס ווידער אַ חטא פון יצחקס אייניקלעך קעגן דער מדבר. אויך די היינטיקע פלישתים פאַרגינען אונדז נישט אַ ביסל וואַסער.

1947

אויף דער וואַך

יעדן טאָג, פרימאָרגן און ביינאַכט, גייען מיר מיט שמייכלענדיקע פנימער און גליטשן זיך אַרויס פון גאַסן און געסלעך, די באַשיצער פון ירושלים.

ציטערט דאָס האַרץ איבער יעדן ייִנגל, איבער יעדן מיידל, וואָס דאַרף שטיין קעגן קוילן פון מערדער, פון ווילד פאַרהעצטע קנעכט.

די זון גייט־אויף אויף זייערע פנימער, פאַרגייט מיט רויטן פלאַ־קער איבער זייערע קעפּ פאַרנאַכט.

דאָס איז דיין מיליטער, נײַ ירושלים.

די לופט איז אַזוי ריין צו איבערגאַנג און ווידערגעבורט.

און זיי — אויפן ראַנד פון אייגענעם און אַלעמענס לעבן — פאַדערן גאָרנישט. דאָס לעבן טאַנצט אין זייערע אויגן. זיי שעפּן דאָס בייע מיט פולער ברוסט. און מיט אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן זענען זיי גרייט צו געבן דאָס לעבן פאַרן לעבן...

1947

שטורעם דויערט

נאָכן רעגן רעגן וועט ווידער ווערן די ערד סאַמעט־ברוין, פלאַנצן וועלן אַרויסשטעקן גרינע געזונטע קעפּעלעך, איבער דער ערדפלאַך וועט זיך טראָגן דער ריח פון רייפער פרוכט און פריש ברויט... אויף ברייטע לאָנקעס וועלן גרעזלעך זיך טוליען איינס צום צווייטן און ליבשאַפט־ציטער און סודות דערציילן, מעשהלעך פון אַמאָל וועגן שומרים, וואָס האָבן געשפּרייזט איבער שטעגלעך ביינאַכט, געשפּאַנט איבער שטעגלעך רעגנדיקע אין פולן וואָפן, אָפּצוהיטן פאַראַקערטע בייטן.

יוגנט פון גליל, שומרון און יהודה, אַ דור ווי זאַנגען רייפע, גינגאָלדענע, וואָס זענען שטורעמס איבערגעשטאַנען.

דער שטורעם דויערט, וואָלקנס ציען זיך איבערן הימל...

1947

אַזיאַטן

אויסגעווען אַ גאַנצע וועלט. איינגעזאַפּט קלימאַטן פון אַלע קאָנ־טינענטן, געביטן די קאָליר פון אונדזער הויט, געטרויערט און געזונגען אין אַלע שפּראַכן, איבער אַלע פראָנטן בלוט פאַרגאָסן.

ריינקייט אונדזערע אָפּגעהיטן אין געטאָס, ווו שמוציקע וועלט האָט אונדז פאַרשפּאַרט.

געפּרוכפּערט און געמערט זיך, און פאַרשניטן געוואָרן.

און אַ קליינער ווידערוווקס פון אַלע וועלטס פעלדער איז צוריק אַהער געקומען, אין אַלטן וויגעלע אַזיע.

אונדזערע שריט באַגלייטן מעשהלעך פון תנ״ך, וואָס קלינגען בראשיתדיק אין אונדזערע אויערן.

יעקב קלייבט זיך אין באר־שבע, און מ׳דאַרף ברונעמער גראָבן איבעראַנייס.

מיר באַגריגען די זאַמדן אַרום בעדואינער־געצעלטן, וואַשן דאָס זאַלץ פון סדומס פאַרברענטער ערד. אונדזער געזאַנג מאַכט שטום שאַקאַלן־געוואָי אין מדבר. מיר וואַשן פון זיך דעם שימל פון וועלט, און באָדן דעם מידן גוף, וואָס שטייט־אויף צום לעבן, אין די קלאָרע וואַסערן פון ים כנרת.

נאָך צוויי טויזנט יאָר אייראָפּעישער ציוויליזאַציע ווערן מיר פון גאַנצן האַרצן צוריק היגע — אַזיאַטן.

1947

מיר ווילן לעבן!

מיר גיסן זיך אַריין אין תקופות, שטוקעווען־צונויף די רינגען פון אונדזער צעריסענער לעבנס־קייט. נישט איינער האָט געפּרווט אונדז לייגן אַ פעדער צו דער נאָז, כדי צו זיין זיכער, אַז מיר פאַר־שווינדן.

רויב־חיות האָבן געגאַגט דאָס פאַרגליווערטע בלוט פון אונדזערע געפּאַלמעסטע גופים, און פון אונדזער צעמזיקטן קערפּער האָט גע־שטורעמט אַ געשריי: **מיר ווילן לעבן!**

טרייבנדיק, ווי שאָף צו שחיטה, האָט מען געוואָלט אונדזער לעבנס־חשק טויטן — נאָר אונדזער וואָרעם בלוט, געשפּרענגט איבער אַלע מזבחות פון דער וועלט, האָט געזאָטן און געשריגן: **מיר ווילן לעבן!**

אונדזערע לעבנס־טעג שפּרינגען איבער קברים, איבער שטענ־

דיקער שרעק, מיר רופן אין חלל פון דער וועלט: מיר ווילן לעבן!

מיט מיליאָנען טויטן האָבן מיר אָפּגעצאָלט אונדזער שפּאַן צום לעבן, און דאָך איז נישט דערשטיקט אונדזער אויסגעשריי: מיר ווילן לעבן!

אין שווערע שבעה־טעג האָט עמיץ דעם פּאָרהאַנג אויפגעהויבן, אַ טרער פון אונדזער ביטערן טרערן־ים אַרויסגעשעפּט און, וועגנדיק און מעסטנדיק, באַשטימט אַ פּרייז פאַר איר.

הויבט זיך דער מידער גוף, ציטערן די פאַרברענטע ליפּן איבער די געשאָכטענע און דערשטיקטע קינדער פון אונדזער פאָלק.

און מיר שרייען זייער נישט דערשטיקטן געשריי:

מיר ווילן לעבן!...

1947

מזל

ווי דער נאָמען וואָלט זיך וועלן רייצן מיטן וויסטן מזל אירן. זיצן זיצט זי אין קורדישן געסל, וואָס אין „שבת־צדק" אין ירושלים. אַ גאַנצע וואָך וואַשט זי וועש און אין וואָכעדיקע טעג קאָנט איר הערן איר קול איבער גאַסן און געסלעך:

כאַסיל! כאַסיל! — וועש וואַש איך, וועש וואַש איך!

פאַר אַ צוגאָב צו וועש וואַשן האָט זי נאָך אַ פּרנסה: זי פליקט עופות ביים שוחט יעדן ערב־שבת און יום־טוב. ווען זי רוימט אַריין דעם יום־טוב צו זיך אין שטיבעלע, איז שוין זייער שפּעט — נאָר אויף צו מאָרגנס, אין די שבת־יום־טובדיקע טעג זיצט זי אינדרויסן צווישן אַלע ווייבער אויף אַ קליין בענקעלע, די פּיס מזרחדיק פאַרלייגט, וויגט זיך און דערציילט די צרות אירע מיט אַ ניגון אין איר מאָדנעם תרגום־אונקלוס־לשון. דער מאַן ליגט אין בעט ווי אַ שטיק האָלץ שוין אַזויפיל יאָרן. די קינדער זענען זיך צעלאָפן און דערצו גייען זיי נישט אין דעם וועג, וואָס איז מזלען צום האַרצן.

איז וואָס בלייבט איר מער, ווי בעטן פון גאָט אַ היילונג פאַר איר נשמה? ווייל איר זינדיקער גוף פאַדערט שוין גאָרנישט מער קיין טרייסט אין לעבן. הייבט זי די אויגן צום הימל און פאַרענדיקט מיט אַ „ירחם השם", „ירחם־השם".

מיט אַ קוואָקעריי לויפן פלוצים אָן צוויי הינער, און מזל גיט אַ לאַך. אָט זעט איר, וויזט זי אויף די הינער, דאָס האָב איך אויסגעהאַלטן אויף ל"ג בעומר.

אַלע יאָרן, ווען מזל קלייבט זיך קיין מירון אויף ל"ג בעומר, מאַכט זיך עפּעס אַ סיבה, וואָס שטערט איר די נסיעה. אם־ירצה־השם, דאָס יאָר פאָרט זי שוין. דאָס יאָר, זאָגט זי, וועט זי שוין מקיים זיין די מצווה פון עולה זיין אויפן הייליקן קבר פון ר' שמעון בר יוחאי, קיין מירון. זי וועט זיין אויך אין צפת און פאַרגיסן טרערן אויף די קברים פון די הייליקע צדיקים אין טבריה.

זאָל נאָר די הינער קיין בייז אויג נישט שאַטן, וועט זי זיי פאַרקויפן, אַביסעלע געלט האָט זי אָפּגעשפּאָרט, וועט זי האָבן אויף דער הייליקער נסיעה. אַזוי זאָלן מיר זוכה זיין צו מצוות און מעשים טובים.

אָמן, — האָבן די ווייבער מיט אַ קרעכץ געענטפערט.

אַזוי זענען זיי אַ גאַנצן שבת פאַר ל"ג בעומר געזעסן און דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן ניסים, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט מענטשן, וועלכע האָבן זוכה געווען אויפצוגיין קיין מירון.

מזל האָט געפיבערט פון גליק. אָט־אָט פאָרט זי. אָט־אָט איז זי דאָרט ביי דער הדלקה. און זי טאַנצט אין ראָד. אין אָפּשיין פון אַ גרויסן פייער, וואָס גייט־אויף ווי דאָס פייער פון אַ מזבח, גלייך אין הימל אַריין.

און אַזוי טאַנצנדיק פילט זי די בענטשנדיקע האַנט פון די צדיקים אויף איר קאָפּ.

פלוצעם האָבן טאַנקן זיך אַריינגעריסן אין דער שכונה, דערמאָנט, אַז ס'איז עוצר. אַלע זענען זיך צעלאָפן אין די שטובן. מענטשן האָבן זיך ווי הינער, פאַרקליבן אין די נעסטן, ווען אין דרויסן איז נאָך געשטאַנען פולער טאָג.

ווען זי האָט זיך געלייגט אויפן געלעגער, האָט זיך אין איר

האַרצן אַריינגעריסן אַן אומרואיקייט וועגן אירע הינער. ס'טוט איר באַנג וואָס זי האָט זיי ביז איצטער נאָך נישט פאַרקויפט. איבער נאַכט קען נאָך, חלילה, עפּעס פּאַסירן, און אַרויסגיין אין חצר איז אַ סכנה. זעלנער שיסן...

ביינאַכט איז געווען אַ שרעקלעכער גערויש אין גאַס. טאַנקן האָבן זיך געשלעפּט אויף די בייכער ווי שלאַנגען, ראַקעטן האָבן באַלויכטן די געסלעך און געפאַלן הינטער די פענצטער מיט אַ געבראַזג. און דער שלאָף האָט זיך צו מזלס אויגן נישט געקלעפּט.

קוים זיך דערוואַרט אויף פאַרטאָגס און אַרויס אין איילעניש אינדרויסן. און ווי און ווינד איז איר, וואָס זי האָט דערזען, פון די צוויי הינער האָבן זיך געוואַלגערט ביים שטיגל צוויי אַראָפּגעדרייטע קעפּלעך, איינס גרוי־ווייס און דאָס צווייטע רויט־געלבלעך און דערנעבן אַביסל אויסגעפליקטע פעדערן.

מזל האָט זיך מיט געיאָמער אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. געשאָלטן אויפן קול די אינגליזי, וואָס האָבן זיך ביינאַכט געמאַכט אַ סעודה פון אירע הינער. בשום אופן האָט זי זיך נישט געלאָזט טרייסטן. געקליבן פון ברוק די פעדערלעך און געדרייט זיך אין אַ משוגענעם טאַנץ.

אַז מען האָט נישט קיין מזל, האָט מזל געיאָמערט, איז בעסער נישט געבוירן ווערן.

1947

דאָס הימלישע קעניגרייך

צייטן בייטן זיך. זומער, ווינטער, האַרבסט און פרילינג. נאָר ער שטייט שטענדיק אין דער זעלבער פּאָזע; אַ הויכער מיט אַ שוואַרצן ברייטן הוט אויפן קאָפּ, אַ לאַנגע מאַרינאַרקע מיט אַ שטייפן קאָלנער, פאַרקנעפּלט אויף הינטן ווי אַ גלח מיט אַ זיס־צופרידן שמייכעלע אויף די ליפּן. פולע הענט מיט הייליקע שריפטן. יעדן שענקט ער דאָס

זעלבע שמייכעלע — אַ ייִנג מיידל, אַן עלטערן טוריסט, אַ קינד וואָס קוקט אים נייגעריק אין די אויגן.

ער אַליין — דער זון פון אַ גרויס פאָלק, וואָס הערשט איבער יבשות און ימים, מישט זיך נישט אין פּאָליטיק, ער איז דאָ אַהער געקומען פאַרשפּרייטן דאָס געטלעכע וואָרט.

קוים, חלילה, טרעטסטו אים אָן אויף אַ היגער־אויג און פרעגסט אַן אַפּיקורסישע קשיא, לייגט ער דיר אַרויף די האַנט אויפן אַקסל, קוקט דיר פּאַטערלעך אין די אויגן און זאָגט דיר: „אַלץ קומט פון אים, פון הייליקן גייסט" — ווייזט ער מיט אַ פינגער צום הימל און פאַרמאַכט פרום די אויגן.

ער אַליין וויל דאָ גאָרנישט, סיידן אײַן אויפגאַבע האַלט אים דאָ. נישט מער, ווי אַראָפּברענגען אויף דער ערד דאָס הימלישע קעניגרייך. דערפאַר מישט ער זיך נישט אין פּאָליטיק.

1947

ביי דיינע ברעגעס

און זאָל די וועלט געדענקען: מיר זענען ביי דיינע ברעגעס געווען און אונדזער בענקשאַפט צו דיר געצוימט און געצוימטערהייט דיר אַ ליד געזונגען!

מיר האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם דופט פון דיין וווּנדערבאַרן סוף זומער; ווי ערב פריילינג ערגעץ־אַנדערש; פונדערווייטנס האָבן מיר געזען די הייל פון אליהו הנביא, אין די כרמל בערג. אויסבאַהאַלטן אין זיין שפּעטסענער פעל שטייט ער, שטראַפט און וואָרנט, וואַרפט די דעס־פּאָטן דעם זודיקן אמת אין פּרצוף. שווינט נישט קיין גילדענע קרוינען און רייסט דעם זשאַווער פון אייזערנע הערצער...

דערווידער איז אים פאַלשע נבואה, דאָס זיסע וואָרט, אויף קרע־ציקער אומווערדיקער צונג; אין אַפּשיין פון פּאַטערלענדישן ברעג האָבן מיר דערזען און דערפילט זיינע דערלייזערישע משיחישע טריט.

מעג דער גלות זיין האַרט און פּראַסטיק, וועלן מיר אייביק פילן

דעם וואַרעמען הויך פון היימלאַנד, וואָס האָט געוואַרעמט אונדזער גוף נאָך צוויי טויזנט גלות־יאָרן.

איבער אַלע אונדזערע צעברענטע הויטן האָבן אונדז דיינע ליכטיקע ברעגעס אַ נייע הויט אַרויפגעצויגן.

און איצט גייען מיר ווידער געשטאַרקטע, כאָטש מיט געוואַלט פאַרשלעפּטע, אויף אַלטע גלות־וועגן, ווייל מיר קומען באַלד צוריק, אין אונדזערע הערצער שרייט און יאָמערט אויס ירמיהו זיין קלאָג און דאָס האַרץ ציטערט פון צאָרן און טרייסט...

מיר וועלן די שעהן פון געפאַנגענשאַפט ביי דיינע ברעגעס נישט פאַרגעסן, ווי מיר וועלן נישט פאַרגעסן די רשעות, וואָס האָט אונדז פון אויסגעבענקטער היים פאַרשלעפּט, ווי היטלער, וואָס האָט קינדער פון דער מאַמעס שויס געריסן.

מיר הערן דעם אָפּהילך פון אונדזער טראָט. אַ ווילדן „האָראַ“ וועלן מיר איצט אויסטאַנצן, דעם טאַנץ פון שנאה און קללה אויף אייך. מיר וועלן אונטער לאַסטן פון געשענדעטער היים אויך אייך באַגראָבן.

ווו מיר וועלן נאָר גיין, וועלן מיר גיין אין שיין פון זוניקע ארץ־ישׂראלדיקע טעג, אין צויבער פון אירע ווייסע נעכט.

געדענקט, מיר קומען צוריק, ווייל מיר האָבן די ברעגעס פון אַלט־נייער היים געזען און אַ נייע בענקשאַפט האָט זיך צעצונדן. אונדזער האַרץ וועט זיך נישט איינשטילן, ביז מיר וועלן דערפילן די געטרייע ערד אונטער אונדזערע פיס.

1947

דער טאַנק און די וועשין

היינט האָבן די זעלנער געכאַפּט שׂרהן, שׂרה די וועשין, פון די פּאָפּולערסטע וועשינס אין דער שכונה כרם אברהם. אין געוויינלעכע טעג גייט זי נישט וואַשן אַבי־ווו. זי קען איר פאַך, און היט איר כבוד. נאָר היינט, אין די ניין טעג און דערצו אין עוצר (ווען זעקס פאַרנאַכט מוז מען זיצן אין שטוב), האָט זי געכאַפּט וואָס עס לאָזט זיך. זי האָט אפילו

אַ בייז פּאַרגעפּיל ווען זי גייט וואַשן צו דער גבֿרת קלאַצהאָלץ, אַ גאַנצן טאָג שטייט איר די גבֿרת קלאַצהאָלץ איבערן קאָפּ, גיט עצות און בייזערט זיך: דאָ זענען טיולענע, איידעלע גאַרדינען, דאָ אַ טישטוך, מען דאַרף אַ בעסערן רײַב טאָן, און דאָ ווידער דיבינקע באַטיסטענע וועש מיט וואַלאַנסיען־שפּיצן, און דאָס האַרץ פֿאַלט אײַן דער גבֿרת קלאַצהאָלץ, ווען שרה נעמט די איידעלע וועש אין אירע גראָבע הענט.

שרה לאָזט די באַלעבאָסטע רעדן, וויפל זי וויל, און טוט, ווי זי פּאַרשטייט. די באַלעבאָסטע וויל אָבער, עס זאָל זיין אי גוט אי שנעל, ווייל שרה וואַשט אויף דער שעה. געגעסן האָט שרה דעם טאָג זייער קנאַפּ, ווײַל זי איז חושד איר אַרבעט־געבערין אין נישט אָפּהיטן כשרות...

פּאַרנאַכט, ווען זי וועט אַהיימגיין, וועט זי אײַנקויפן אין בוכאַרער מאַרק אַ גרויסן אַרבוז. זי זעט שוין, ווי די קינדער שטייען אַרום איר און וואַרטן ביז זי וועט אים אויפמאַכן און ער וועט אַ גלאַנץ טאָן מיט זײַן אינגעווייד צינטער־רויט, ווי אַ פולע לבֿנה, און ווייכע פּיטעס באַג־דאַדער וועט זי קויפן, גרויס ווי די ליילעכער, און שטיקער צפתער געזאַלצענעם קעז וועט זי דערלאַנגען דער חבֿרה.

שרה׳ן ווערט פֿײַכט אין מויל. זי פילט ווי חבֿרה וועט דאָס מאָלן די פעטע סעודה. נאָענט צו די עוצר־שעהן האָט זי פאַרענדיקט איר אַרבעט זי האָט זיך זייער געאײַלט אַהיים.

זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות און פּאַרטיק געוואָרן אַ פאָר מינוט פאַר זעקס. די שטעק־לעטשלעך זענען איר, פון גרויס איילעניש, געפאַלן פון די פיס. דאָס רויטע טיכל האָט זיך פון שוויס געקלעפּט צו די האָר אויפן קאָפּ, לויפנדיק, האָט זיך איר דאָס ברייטע קלייד אויפגעבלאָזן ווי אַ שירעם, איר שטרויענער קאָרב האָט זיך געבאָמבלט אויפן עלנבויגן, און דער בוכאַרער מאַרק איז געוואָרן אָפּגעליידיקט. קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם האָט זי געשפּאַנט אין טויט־שרעק אַהיים, אין אַלטן בית־ישׂראל. זי האָט זיך שטאַרק מצער געווען, כאַפּנדיק אַ בליק אויף דעם לערן קאָרב. וואָס וועט זי געבן די קינדער עסן?

פּלוצים האָט זיך אַריינגעריסן אַן אויטאָ פון ראָג גאַס. צוויי טאַנקן האָבן נאָכגעגראַגערט. פון אויטאָ איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ זעלנער

אַ באַוואָפנטער מיט אַ טאָמיגאַן, און האָט אַ כאַפּ געטאָן שרהן אין אויטאָ אַריין. שרה האָט אַפילו נישט באַוויזן דאָס מויל צו עפענען. צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרהאַלטענע האָט מען זי אָפּגעפירט צום קאָנצענטראַציע־לאַגער אין תלפיות און אַ וואָרף געטאָן אין אַ נאַסן באַראַק. זי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד, שטיל אַריינגעשאָלטן אין דער וועלט, און געוויינט. אַזוי איז זי אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט. ערשט פרימאָרגן האָט מען זי פריי געלאָזט.

אַהיימקומענדיק האָט זי זיך איבעראַנייס צעוויינט און די קינדער האָבן מיטגעוויינט.

זי האָט אַ נדר געטאָן, אַז צו דער גברת קלאָצהאָלץ, וועט זי מער נישט גיין. ווען זי גייט אַהין האָט זי עפּעס אַ צרה.

1947

אַ טרונקביים קוואַל

אַזוי קומען זיי דורשטיקע אין די טויערן פון פאָטערלאַנד, אַ טרונק פאַר פאַרברענטע ליפּן, וואָס זענען פאַרקוילט געוואָרן אין אוישוויץ, מאַידאַנעק, טרעבלינקאַ, דאַכאַו, אַ טרונק פאַר מענטשן, וואָס מען האָט זיי אָן אויפהער געצאַפּט דאָס בלוט און געוואָרגן אין גאַז־קאַמערן.

ריין, קלאָר וואַסער — ווייטער גאָרנישט, אויף אויסגעבענקטער ערד, מירן ווידער וואַקסן און פרוכטבאַר זיין...

געזאַלצן זענען געווען די לאַגלען, וואָס שונאים האָבן אונדז אין שווערן וועג אָנטקעגן געטראָגן, טויזנטער יאָרן האָבן מיר דעם דורשט נישט געשטילט. אַ טרונק, אַביסל היימיש וואַסער פון היימישן קוואַל.

טרינק אונדז אָן, היימישער קוואַל!

מיר וועלן פון דאַנען אין ערגעץ נישט גיין!

1947

חורבן

י ז כ ו ר

די לעצטע טעג איידער איך בין אַוועק פון פּוילן, בין איך פֿאַרביי־געגאַנגען נעבן אַ וואַרשעווער קינאָ, דאָרט האָט מען פֿאַרגעשטעלט אַ יידישן פילם „יזכור", מיט מאָריס שוואַרץ אין דער הויפּט־ראָל. מען האָט געוויזן אַ יידישן בית־עולם, אויף די קברים פון צדיקים, אומגעקומענע אויף קידוש־השם, קומען יידן אויסגיסן זייערע הערצער. אַ קליין יינגעלע פרעגט ביים זיידן זיינעם: זאָג מיר, זיידעשי, וועמענס איז די דאָזיקע מצבה? פאַרוואָס איז זי אַזוי אַנדערש פון אַנדערע מצבות? און דער זיידע דערציילט אים אַ מעשה נורא וועגן אַ בחור, אַ גרויסער מתמיד און אַ שיינער אין וועמען די טאָכטער פון פּריץ האָט זיך פֿאַרליבט. דער פּריץ שטימט איין נאָר בתנאי, אַז ער זאָל זיך שמדן. ווען דער בחור האָט אָפּגעזאָגט, האָט דער פּריץ באַפוילן מען זאָל אים לעבעדיק באַגראָבן. יאָר אויף יאָר קומען יידן אויף זיין קבר, באַוויינען זיין אויסטערלישן טויט און פאַרגיסן ביטערע טרערן.

אַ פאַרשטיקט העשען האָט זיך געהערט אין זאַל. מאַסן יידן זענען דאָן געזעסן אין קינאָ, האָבן געיאָמערט און געקלאָגט.

גאַנץ אָפט דערמאָנט זיך מיר יענער פילם און די וויינענדיקע יידן אין וואַרשעווער קינאָ, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי וויינען אַרויס פון די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ — אַ יזכור איבער אַלע יזכורס...

1946

יאָסל חריף

דער לעצטער

ר׳ חיימל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים איינציקן ווילד צעוואָקסענעם בוים אויפן בית־המדרש־הויף, ווו דער יידנראַט האָט איצט אין אַ ווינקל איינגעאָרדנט אַ קיך פאַר נויטבאַדערפטיקע. אויף מזרח־זייט, ווו עס איז געשטאַנען דער אָרון קודש איבער אים, האָבן זיך אַרויסגעזען די פאַרסמאַליעטע עשרת הדברות.

די חורבה, ווו ער איז איבער פערציק יאָר געווען שליח ציבור פון דער קהלה קדושה סלאָמניק, האָט אים געוועקט צו חשבון הנפש. ער האָט געטראַכט וועגן זיינע אַכציק יאָר, וואָס שטייען אַזוי לויטער פאַר זיינע אויגן, ער איז שוין כמעט פון די לעצטע זקנים, וואָס די נאַציס האָבן איבערגעלאָזט ביים לעבן, ווי אויסגערעכנט צו באַגלייטן זיין פאַר־טיליקטע עדה מיט אַן „אל מלא רחמים״. ער מוז עס איינזאַפּן דעם גאַנצן צער ביז אויך זיין ריי וועט קומען.

די טריבקייט פון פרימאָרגן האָט זיך אים צעגאָסן אין אַלע אברים. ער האָט גענומען שפּרייזן אַהין און אַהער, פון בית־המדרש־הויף ביז צו דער מקווה, נישט ווייט פון זיין דירה.

פאַר דער מקווה האָבן גוים געוואַרט אויף זייער ריי אין דער אָנגעהייצטער באָד. די נאַציס האָבן פאַרוואַנדלט די מקווה אין אַן אַלגע־מיינעם באָד־אַנשטאַלט. די מגפה פון פלעקן־טיפוס האָט ווילד געבושעוועט אין שטאָט.

מיט אַן אומרו און ציטער האָבן ר׳ חיימלס הענט געגלעט זיין אַרומגעשניטענע באָרד, וואָס האָט אַמאָל מיט גלאַנץ געזילבערט זיך מיט רחבות איבער זיין ברוסט. איצט האָט זי ווי אַ שטעכל־דראָט צוים איינ־געראַמט זיין טרויעריק פּנים. פאַרמאַכנדיק די אויגן האָט ער אָנגעהויבן אַלץ באַנעמען, דערמאָנט זיך וואָס אַמאָל קלאָרער און קלאָרער אַלע געבענטשטע ראש חודשן, די הללס, וואָס ער האָט אין ימים טובים אויסגעזונגען, הייסע תפילות, כל נדרים, ונתנה־תוקפס.

ווי מען וואָלט אים נאָר וואָס אַראָפּגענומען פון דער עבודה אין בית־המקדש, האָבן זיך זיינע מחשבות אויסגעהעלט, און ער האָט זיך

דערפילט ווי אַ רינגל אין דער דורותדיקער קייט, וואָס ווערט איבער־געשמידט פון דור צו דור, זיין דרך מיט זיין חסידישער דבקות, פלאַמיקער טיפער אמונה. עס קען דאָך אַנדערש נישט זיין. עס מוז קומען דער דערלייזער.

פון יסורים, בלוט, פיין, צער אָן אַ ברעג וועלן זיך דערהערן די טריט פון משיחן.

געקומען די צייט פון חבלי משיח. ער האָט טאַקע דערלעבט — דערלעבט די שרעקלעכע צייט פון אחד בעיר ושנים במשפחה, אין אויסגעליידיקטע אויסגעפלינדערטע קהלות וועט דערשיינען משיח. אויס־לייזן דאָס פאָלק ישראל פון ביטערן גלות...

און ער אַליין, דאַכט זיך אים אויס, שטייט אויף אַ טרייסלנדיקער בריק צווישן אונטערגאַנג און גאולה. ער אַליין האָט משיח׳ס צייטן דער־לעבט. אין דמיון שווימען קאַפּויער יום־טובדיקע טעג, ווען ער שטייט פאַר זיין עדה, בעט און שפאַלט די הימלען, און זיינע תפילות דערגרייכן דעם זיבעטן הימל.

די מתפללים ווערן מיטגעריסן. טרייסלען זיך, זענען אין ווייסע קיטלען און טליתים געהילט, די ווייבער יאָמערן, און ער דערפילט אַן עת רחמים צערטלט און גליט די ווערטער, ציקלט דעם ניגון, דערגייט צו שלמות און דערהויבט די גאַנצע עדה אַלץ העכער און העכער. די טענער שטאַרקן זיך, דערגרייכן די פמליה של מעלה, דאָס געזאַנג דערגייט אַוודאי ביז צום כסא־הכבוד... זיינע ווערטער קייקלען זיך קלאָרע און געלויטערטע ווי פּערל.

אַ קראָ האָט אַ פּאַך געטאָן מיט אירע פליגל איבער זיין קאָפּ, און אַן אויפהער גענומען קראַקען, ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, איבער זיין קאָפּ האָט געקרייזט דער שוואַרצער פויגל מיט פאַנאַנדער־געשפּרייטע פליגל און ר׳ חיימלען אַרויסגעריסן פון זיינע מחשבות.

ער האָט אַ ציטער געטאָן. באַלד איז אונטערגעקומען מאַטעס וואַסערטרעגער מיט אַ פּאָר ליידיקע קאַנען, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אויף די „באַשידלעס". ער האָט אַ לאַך געטאָן אויסקרומענדיק אידיאָטיש זיין פּנים. דער טאָג אין זיין גאַנצער שרעק האָט זיך אָנגעהויבן וועקן,

די זון האָט זיך נישט געאײַלט, נישט געוואָלט באַשײַנען דעם אויפגײ־ענדיקן טאָג מיט איר גרויסן חסד.

אין קיך, ביים יודנראַט, אויפן הקדש־פּלאַץ, האָבן יונגעלייט געקאַכט מאָגערע קאַשע, זיי זענען געווען אויסגעדאַרטע, מערסטנס געקומענע פון דער פרעמד, זיך אויסגעמישט צווישן די רעשטלעך אָרטיקע יידן, געטיילט מיט די גזרות, פינצטערע שרעק און פּיין, וואָס האָבן זיך דאָ אויפ־געזאַמלט. איצט זענען זיי געשטאַנען צעשראָקענע, מיט שיסעלעך אין די הענט. אויסגעזען ווי אַ סטאַדע הונגעריקע עופות, וואָס מען טרייבט צו דער שחיטה.

אַ בלאַסער מאָגערער יונגערמאַן מיט אויסגעאיידלטע הענט האָט זיך מיט אַ האַק פאַרמאָסטן איבער אַ ליפּע האָלץ. די האַק איז כסדר אָפּגעשפּרונגען און נישט געוואָלט שפּאַלטן דאָס האָלץ.

ר׳ חימל האָט אַרויסגענומען די האַק פון זיינע הענט, געוויזן דעם יונגנמאַן ווי אַזוי אַ ליפּע האָלץ לאָזט זיך שפּאַלטן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַביסל פאַרשעמט, פאַרקוקט זיך מיט ליבשאַפט אויף ר׳ חימלען און באַלד ווידער זיך גענומען צום האַקן דאָס האָלץ.

אויפן שאָסיי זענען פאַרבייגעפאָרן אָנגעלאָדענע פורן, קרעכצנדיקע פון שווערער משא. דאָס האָט פאָועל גאַלאָמביאָווסקי געפירט פון בית־עולם אַרויסגעריסענע מצבות, מיט אַ דערלויבעניש פון די דייטשן. זיין אויפגאַבע איז געווען צו פלאַסטערן מיט זיי טראָטואַרן און דערנאָך פאַראַקערן דאָס פעלד...

ר׳ חימל האָט פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די אויגן, אַ געוויין האָט זיך אין אים געבראָכן: דערלעבט צייטן, אַלץ איז געוואָרן אַ חסד, אַ חסד אויסצוהאַלטן אַזאַ אויסטערליש לעבן; אַ חסד צו שטאַרבן; אַ חסד באַגראָבן צו ווערן. נישטאָ קיין אָרט, נישט פאַר לעבעדיקע, נישט פאַר טויטע יידן...

און אָט האָט ר׳ מאירל פאַרקערעוועט מיט אַ פורל חפצים פון אַ ליקווידירטער יידישער שטוב פון אַן אויסגעזידלטער משפחה, דערזען ר׳ חימלען האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ באַרג צעפליקטע שמות. אויס־

געשמירטע אותיות, בלעטער פון גמרות, משניותן, חומשים, מחזורים, און סידורים, ווי אויך העברעאישע און יידישע ביכער.

מיט פאַרשטשעמעטע ליפּן פון צער האָט ר׳ חיימל געבעטן ר׳ מאירלען, ער זאָל אָפּלייגן די שמות אין אַ ווינקל. נאָך היינט וועלן זיי אַוועקפירן די שמות צו קבר־ישראל.

ר׳ מאירל האָט אַזוי געטאָן, געזאָגט, אַז ביז פאַרנאַכט וועט זיך צונויפזאַמלען מער, ווייל די דייטשן איילן זיך...

מיט ציטערדיקע הענט האָט ר׳ חיימל געגלעט דעם באַרג שמות, ווי ער וואָלט ביי די אותיות געוואָלט מחילה־בעטן פאַר דער דאָזיקער שאַנד.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אָן אומרואיקער, ר׳ חיימל האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עס וועט היינט עפּעס פּאַסירן. אָבער ער האָט זיך באַמיט אַרויפציען אַ רואיקייט אויף זיין פּנים. דאָס רווישן פון דער קראָ מיט די פליגל איבער זיין קאָפּ, איר קראַקען, מאַטעסעס לערע קאַנען און זיין אידיאָטישער שמייכל, האָבן אים שטאַרק באַאומרואיקט.

אַ גאַנצן פאַרמיטיק האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען. ווען ר׳ מאירל איז געקומען נאָכמיטאָג מיט אַ ניי פורל שמות האָט ער אים געבעטן צואיילן און גרייטן זיך צו דער שמות־לוויה.

ר׳ מאירל האָט מיטגענומען עטלעכע בחורים פון מאַגאַזין, ווו מען האָט סאָרטירט יידיש האָב און גוטס אויף אַוועקצופירן דעם זאַקרויב צו די דייטשן. אויפגעלאָדן אויפן וועגעלע די שמות, האָט די אויסטער־לישע לוויה זיך געלאָזט צום נעדזשזוויעדזשער וועג, צום בית־הקברות, נישט ווייט פון דער בריק האָבן זיי איבערגעשניטן דעם שאָסיי און אַריינגעפאָרן אויפן שמאָלן פעלד־וועג, געאיילט זיך וואָס גיכער אָנצו־קומען צום וויסטן בערגל, ווו עס האָט זיך געפונען דער בית הקברות...

פלוצים האָט זיך ווידער צעקראַקעט אַ קראָ איבער זייערע קעפּ, די מלווים האָבן זיך איבערגעקוקט...

שנעל קובר געווען די שמות, געזאָגט קדיש און אין זינען געהאַט די וואָס זענען צו קבר ישראל נישט געקומען.

צוריקגייענדיק האָט ר׳ חיימל געשפּאַנט פאָראויס, נאָך אים דער

איבעריקער עולם. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ר׳ מאירל האָט דאָס פּערדל געפירט ביים צוימל, אַדאַנק דעם פּערדל האָבן אים די רוצחים געשענקט דערווייל דאָס לעבן, דאָס פּערדל האָט אויסגעדרייט די מאָרדע צו אים און אַ הירזשע געטאָן אויף פּערדיש לשון, וואָס עס האָט געקאָנט הייסן: ווי לאַנג נאָך וועלן די רוצחים בושעווען?

ווען זיי זענען צוריק אַריין אין שטעטל, איז געווען אַ בהלה נאָך דער נאָרוואָס פּאָרגעקומענער אַקציע אויף קינדער און אַלטע לייט. ר׳ חימל האָט דערפילט, אַז דאָס מאָל מיינט מען אויך אים און זיינס גלייכן, וואָס זענען ביז איצטער פּאַרבליבן. אַריינגייענדיק אין זיין היים האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס ער טרעט איבער די שוועל. שטיל און געלאַסן, ווי זיין שטייגער, האָט ער געבעטן ר׳ מאיר־לען, ער זאָל רופן די קינדער זיינע, וואָס זענען נאָך פּאַרבליבן, פון אַ באַהעלטעניש האָט ער אַרויסגענומען צוויי ליכט, די לייכטערס האָבן די נאַציס שוין לאַנג צוגענומען. צעשניטן אַ קאַרטאָפל אויף צוויי העלפטן אויסגעבויערט אין זיי לעכער אַריינגעשטעקט די ליכט, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און אָנגעצונדן, אָנגעטאָן די זיידענע קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטלט מיט דער גאַרטל, איבערגעדעקט זיך מיט דעם טלית, אַוועקגעשטעלט זיך מיטן פּנים צו מזרח, צו ירושלים, און פּאַרגאַנגען אין תפילות.

מיט אַן איכה־ניגון האָט ער אָנגעהויבן מתפלל זיין אויף אַ קול, געטראַכט, אַז דאָס לעבן פּאַרגייט ווי אַ חלום, דורות זענען דאָ אויפגע־גאַנגען און פּאַרגאַנגען. אָט אַ דער ווילדער באַרן־בוים ביים בית־המדרש, געדענקט ער, ווי ער איז גאָר אַ קליינינקער געווען, איצט הענגען ביי אים די צווייגן ווי מידע הענט. דאָך וועט דער אַלטער בוים בלייבן פּאַרוואָרצלט אין דער ערד דאָ, וווּ יידישע הענט האָבן אים איינגעפלאַנצט, און מיר ווערן אויסגעריסן, פרעמדע וועלן זיך אין זיין שאָטן שיצן... דאָס געזאַנג, וואָס מיר האָבן דאָ דורות אויף דורות אויסגעזונגען מיט האָפענונג אויף גאולה, איז איבערגעריסן געוואָרן.

ער האָט אונטערגעלענט זיין באַק מיט דער רעכטער האַנט און צעזונגען זיך מיט אַ ציטעריק קול „אל מלא רחמים" — רחמים איבער די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען מיט כל מיני מיתות משונות;

די, וואָס מען האָט ערשט נעכטן געפירט אין וועלדל און זענען מער נישט צוריקגעקומען... אל מלא רחמים איבער די אומשולדיקע קינדער־לעך, וואָס די חיות בצורת אדם האָבן פאַרציקט. אל מלא רחמים איבער אַלע היגע און נישט היגע יידן.

צוויי טרערן צעלויכטענע האָבן זיך ווי בריליאַנטן געקייקלט איבער זיינע באַקן.

דער טאָג האָט זיך ימים־נוראימדיק גענייגט צום פאַרגיין. די ליכט אין די קאַרטאָפל־לייכטער האָבן געצאַנקט אין זייער דערברענען, ווי אויסגייענדיקע נשמות. אַלץ האָט אויף עפּעס אויסטערלישעס געוואַרט.

ווי אַ ווילדער שטורעם האָבן זיך פּלוצים אַנגעטראָגן די עס־עס־לייט, אויפגעפּראַלט די טיר, אַ ליכטל אין קאַרטאָפל־לייכטער האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ ווילד נאַציש קול האָט אָפּגעהילכט: „אַלטע לויטע הערראוס!" אויף אַלעמענס פּנימער איז פאַרגליווערט געוואָרן די שרעק.

ר׳ חיימל האָט אַ לעצטן בליק געוואָרפן אויף די אַרומיקע, אויסגע־גלייכט דעם רוקן, אַ שטעל געטאָן זיין רעכטן פוס און ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל האָט ער שנעל אַ קוש געגעבן די מזוזה, און אויסגערופן ווי הויך ער האָט נאָר געקאָנט: „שמע־ישראל"...

די יידן האָבן מיט אַ פאַרשטיקט קול נאָכגעזאָגט:

שמע ישראל — — —

אויסגעדאַכט האָט זיך אין דער מינוט, אַז דאָס פירט ער גאָר די רוצחים, און נישט זיי אים...

1946

לשנה־טובה

מאַמע! דאָס מאָל וועל איך דיך נישט באַגריסן צום נייעם יאָר. איך ווייס נישט דיין אַדרעס. ביסט אינערגעץ נישט, און אומעטום, ווו מיין פוס טרעט, און ווינטיקע טעג טראָגן מיר דיין אַש איבערן קאָפּ. דיין האַנט וועל איך נישט קושן צום נייעם יאָר. איך וועל דיך נישט

זען אין דײַנע יום־טובֿ־קלײדער, װי דו קלױבסט זיך מיט אַזאַ רײנקײט אױפֿנעמען דאָס נײַע יאָר.

סײַדן אַמאָל בײַ אַן אױפֿגעריסענעם אָפּגרונט אין אַ פֿאַרפּלאָנ־טערטן חלום קוש איך דײַנע אײַנגעפֿאַלענע באַקן. דײַנע דאַרע הענט, גלעט דײַן אײַנגעשרומפּענעם גוף, און ביסט לױטער לױטערקײט און רײנ־קײט. אָט זע איך נאָך אױף דײַנע הענט די אָדערן פֿון יאָרן האַרעװאַניע, אָט איז דער טונקעלער ראַנד אונטער דײַנע אױגן, מאַמע. דאָס האָסטו דיר דערװאָרבן אין װאַכנדיקע נעכט, װען ביסט אין טיפֿער נאַכט אַרײַן געזעסן און פֿאַרזאָרגט אונדז קינדער צום אױפֿגײענדיקן טאָג.

האָסט אַלץ געשעפּטשעט, מ׳דאַרף זײ מאַכן פֿאַר מענטשן — פֿאַר מענטשן דאַרף מען זײ מאַכן...

און װאָס, אָ, מאַמע האָבן מענטשן פֿון דיר געמאַכט? מענטשן, װאָס האָסט זײ אַזױ געגלױבט און דײַנע קינדער געלערנט זײ גלױבן. האָסט געהאַט אַ טרער פֿאַרן בעטלער. אַ װאַנדערנדיקער ציגײַנער האָט זיך צוגעשפּאַרט בײַ דײַן הױז, האָסט געװײנט איבערן פֿרעמדן זעלנער װאָס גײט אין צװעקלאָזן קריג און בענקט אַהײם! האָסט דאָס לעצטע שטיקל ברױט צעבראָכן און מיטן צװײטן געטײלט. מאַמע, איך שרײַב נישט צו דיר, דײַן הײליקע אַש האָט נישט קײן אַדרעס.

די װעלט װאָס האָסט אַזױ געגלױבט אין איר האָט זיך נאָך נישט מישבֿ געװען, װאָסערע מצבֿה דיר צו שטעלן, אין מאָדערנעם אײראָפּעישן טעכניש פֿאַרפֿולקאָמטן בית־עולם שטײט נאָך נישט דײַן מצבֿה, אין דײַן אַש זוכט אַ שמוציקע װעלט גאָלד, מיט זשעדנע רױבערישע אױגן.

מײַנע טרערן פֿאַלן אױף דײַן הײסן אַש, אָ! װוּנדער, מײַנע טרערן װערן אױפֿן פֿײַער נישט דערברענט, און מיט ברענענדיקע אױגן גײ איך װידער צום מענטש, װאָס האָסט מיך געהײסן ליבן. טאַ, װעמען זאָל איך אָנזאָגן אַ גוט יאָר?

דײַנע צעאָדערטע הענט, פֿאַרפֿראַצעװעטע, גלעטן מײַן מידן קאָפּ און לעשן דעם בראַנד אין מײַן מח און הײסן מיך גײן װײַטער...

שטײ איך איצט איבער אַנײס אין װאַלד פֿון נישט פֿאַרשטענדעניש

אינמיטן אַ פאַרשרפהטער וועלט. אויף שייטערהויפנס ווערט געברענט ס׳געוויסן פון דער מענטשהייט.

מענטשהייט וויינט, מענטשהייט שפּאָט, מענטשהייט ליגנערט, גזלט, גנבעט.

און איך דיין זון, מאַמע מיינע, שטיי אויף זייער שוועל.
צום משפּט רוף איך זיי אין נאָמען פון דיין אַש... שרייב,
שנה של נקמה פאַר דיין הייליקע אש... 1947

איינס ווייניקער

אין וואַגאָן איז געווען אַ שטיקעניש. לעבעדיקע מיט טויטע אויסגעמישט, קעפּ אויף קעפּ, און אין אַ ווינקעלע צונויפגעפּרעסט זענען געשטאַנען אַ מאַמע מיט אירע קינדערלעך פינף. צוויי אירע עלטערע קינדער מיטן מאַן צוזאַמען האָבן די בעסטיעס פאַרברענט אין ביאַליס־טאָקער שול. און די איבעריקע פירט איצט די באַן קיין אוישוויץ. אַט באַלד שטעלט די באַן זיך אָפּ... אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו רייסט מיט געיאָמער די נאַכט־שטילקייט, צערייסט די לעצטע פעדים אין אַ מאַמעס האַרץ.

זי ציילט און טאַפּט אין דער פינצטערניש די קינדערשע קעפּעלעך.

פּלוצים דערפילט זי אַ קוש אויף איר ציטערדיקער האַנט. דאָס קושט זי די עלטסטע טאָכטער און שעפּטשעט איר אין אויער: „מאַמע, איך שפּרינג״.

עס איז די עלטסטע טאָכטער אירע. זי גיט נאָך אַ לעצטן בליק צום ווינקל אויף דער מאַמען מיט די פיר שוועסטערלעך־ברידערלעך, און לאָזט זיך צום קליינעם פענצטערל. פון פענצטערל כאַפּט זי אויף דער מאַמעס לעצטע ווערטער: „ס׳וועט גענוג זיין פיר...״

היינט איז זי דאָ אין לאַנד. מיט די לעצטע שיפן געקומען. איצט, דערציילט זי, הערט זי נאָך דער מאַמעס לעצטע ווערטער פון וואַגאָן־קבר אַרויס:

„ס׳וועט גענוג זיין פיר...״

די פאָטאָגראַפיע

דריי יאָר איז נחמנקע אַלט געווען. אַ ייִנגעלע מיט בלויע אייגע־לעך, גאָלדענע לעקעלעך, חן־גריבעלעך אין די בעקעלעך. דער מאַמעס פרייד איבערן וואַקסנדיקן ייִנגעלע האָט זיך אַלץ מער פאַנאַנדערגעוואַקסן אַרום איר, אין איר, און גראָד האָבן די נאַצישע האָרדעס אָנגעהויבן רייסן יידישע קינדערלעך פון מאַמעס הענט.

מיט וויפל אייפער זיי האָבן אויך איר נחמנקען אַרויסגעריסן. זי זעט נאָך זיינע אויסגעשפרייטע הענטלעך, זי הערט נאָך זיין שטימעלע.

און וויגנדיק זיך אין אַ פּליטים־שיף שוין לענג־אויס די ברעגעס פון ארץ־ישראל, האָט זי זיך דערמאָנט: פאַרן קריג האָט זי געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון איר זונעלע צו אַ קרובה אירער. מער האָט זי נישט פון אים, ווי די פאָטאָגראַפיע אין ארץ־ישראל. אירע אויגן לייכטן־אויף. באַלד־באַלד וועט זי זיין ביי איר קרובה. באַלד וועט זי דריקן צו איר האַרץ איר ייִנגעלע...

לאַנג געוואָרט, אַ סך טעג געזעסן הינטער שטעכיקן דראָט, האָט זי סוף־כל־סוף דערפילט ארץ־ישראל אונטער אירע פיס און שנעל געלאָפן צו דער קרובה. די פאָטאָגראַפיע, איר קינד, האָט זיך אָפּגעפונען.

1946

אַ ד ו ן ע ו ל ם

פונקט אַנטקעגן מיין פענצטער געפינט זיך אַ קינדער־גאָרטן און די קינדערלעך זינגען יעדן טאָג „אדון עולם". ווען זיי הויבן אויף די שטימעלעך ביי „אחרי בכלות הכל לבדו ימלוך נורא" — לויפט אַדורך אַ ציטער אין מיין האַרץ. צי ווייסן זיי וואָס זיי זינגען? ווען ס'וועט שוין גאָרנישט זיין וועט ער שרעקלעך קיניגן אַליין!

פאַר מיינע אויגן שווימען אויף אַלע פאַרברענטע, אָפּגעווישטע, אויסגעמעקטע קהלות, און דאָס אַש פון אונדזערע נאָענטע שטויבט זיך איבער שאָסייען.

איך טראַכט וועגן דעם תענוג פון אַ גאָט, וואָס וועט שרעקלעך קיניגן אַליין. און ס׳ווערט מיר אַזוי אומעטיק פון דעם קינדערשן געזאַנג און דעם באַזונגענעם אַדון עולם...

ס׳איז אַ טריבער פרימאָרגן און מיר דאַכט זיך אויס, אַז אויך די אָן האָט זיך פּלוצעם באַהאַלטן און ווי די הימלען וואָלטן זיך פאַרקליבן אַראָפּקאַפּען אַ טרער...

1947

נומער 96445

ס׳איז מיר אויסגעקומען באַזוכן די אויסשטעלונג פון נייעם פּוילן ביי דער דערעפענונג, קורצע וואַרעמע רעדעס, אָפּשאַצונגען, אַ פייערלעכע שטימונג, ווי עס קאָן זיין אין אַזאַ אַטמאָספער. אַן אויסשטעלונג פון פאַרטיליקונג, באַשיידן צעהאַנגען פאָטאָגראַפיעס, בילדער, ווי פּוילישע יידן זאַמלען זיך פאַר די צוגן, וואָס דאַרפן זיי אַוועקפירן אין אייביקן וועג.

די היטלעריסטן דאַרפן זייערע שיך, זייערע מלבושים, זייערע גאָלדענע ציין, זייערע האָר...

און אָט איז שוין נישט קיין פאָטאָגראַפיע, נאָר ממש אַ שטיקעלע זייף פון מענטשלעכן פעטס. מענטשן-זייף. פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, „יודן-זייפע".

„איך קוק זיך איין אין דעם מאָדנעם „השארת הנפש", אין דעם גילגול פון אַ יידישן גוף, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיקל זייף, ווי קאַלט פּראַקטיש עס זענען די דייטשישע רוצחים, וואָס זיי קאָנען אַלץ מאַכן פון אַ מענטש! מאַטראַצן — פון זיינע האָר, זייף — פון זייער פעטס, און שאָסייען פלאַסטערן מיט דעם שטויב פון זייערע צעמאָלענע ביינער...

אויב עס זענען געבליבן די רוצחים, וואָס וואָלטן געקאָנט זייערע בלוטיקע לאַפּעס וואַשן מיטן דאָזיקן זייף, קאָן דאָך אַזאַ וועלט קיין קיום נישט האָבן...

און דאָך לעבן די רוצחים. זיי זענען פריי. און די, וואָס זענען געווען קאַנדידאַטן אויף יידן־זייף, זיי זענען גאָר פאַרשפּאַרט הינטער קראַטעס, און דייטשן היטן זיי.

אָט איז זאַגלעמביע. סאָסנאָוויץ. בילדער פון מיין שטאָט. אַ לאַנגע שורה מענטשן, געטריבן פון מערדער. איך קוק זיך איין עקשנותדיק אין זייערע צעשראָקענע פּנימער, אפשר וועל איך עמיצן דערקענען, אפשר איז דאָ אַ אַ באַקאַנטער, מיין שוועסטער? אפשר אַ קינד פון אירע דריי געראָטענע זין? דער מאַן? מיין ברודער? מיין מאַמע? ניין! אַלץ איז אַזוי צענויפגעמישט, אַז מען קאָן קיין פּנים נישט זען.

מען פירט זיי קיין שראָדולע, אַ פאָרשטאָט פון סאָסנאָוויץ. איך האָב אייביק פיינט געהאַט דעם דאָזיקן פּלאַץ, קיין ביימל, קיין וואַסער, קיין ברעקל גרינס. בערגער קוילן־שטויב און געל־דורכגעברענטער זאַמד, און די לופט שטענדיק אַ שטיקנדיקע.

דאָס אָרט האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַן „אומשלאַגס־פּלאַץ" פאַר דער זאַגלעמביער יידישער באַפעלקערונג.

און אָט האָט אַ קינסטלער פאַראייביקט אויף אַ לייוונט מיידאַנעק, טריב קוקן אַראָפּ די העלדן פון מיידאַנקער גיהנום, שאָטנס פון מענטשן, אויף תליות, ליגנדיק, דאָס פּנים באַגראָבן אין דער ערד. אָט איז איינער געלאָפן צום עלעקטריזירטן דראָט־צוים און געבליבן הענגען ווי אַ פליג, פאַרטשעפּעט אין שפּינוועבס.

פּלוצים איז עפּעס געשען. אַלע ווענדן די בליקן צום איינגאַנג, ס'איז אַריין אין זאַל אַ יונג יידיש מיידל, באַשיידן אָנגעטאָן, אין שטילן טרויער, ווי פון אַן אַנדערער וועלט, זי קוקט נישט, ווייזט אויס, זי האָט שוין אַלץ געזען, זי אַליין פאַר זיך דערשיינט ווי אַן עקספּאָנאַט אויף דער נאָר וואָס געעפנטער אויסשטעלונג.

זי שטייט אַ לעבעדיקע און באַשטעטיקט אַלץ, פון אָנהויב ביזן סוף, אויף איר האַנט איז אויסטאַטוירט דער לויפנומער פון אוישוויצער פאַרניכטונגס־לאַגער:

5 4 4 6 9...

1947

אַ גמר חתימה טובה

קראָקע פּלאַשאָוו, דאָס איז אַ סטאַציע באַלד ווי דו פאָרסט אַרויס פון פּאָדגוזש, איבער דער ווייסל. דאָרט האָט מען אויפגעזאַמלט די רעשט־לעך יידן אין שטיינערנע בלאָקן, וואָס מען האָט אויסגעבויט פון די מצבות פון פּאָדגוזשער בית־עולם. צווישן די מצבות־ווענט האָבן לעבעדיק פאַרגראָבענע צאַנקנדיקע לעבנס זיך געראַנגלט, שאָטנס פון אַמאָליקע מענטשן. מ׳האָט דאָס חיות פון זיי געצאַפּט טראָפּנווייז — ביסלעכווייז. און פון צייט צו צייט האָט מען אַרויסגענומען אַ פּאָר יידן, ווי עופות, און געקוילעט.

צווישן די רעשטלעך נישט דערשאָכטענע יידן האָט זיך אויך געפונען ר׳ שמעון, אַ הויכער ייד, וואָס האָט פאַרליב־גענומען אַלע צרות און זיך נישט געקלאָגט. פאַרקערט, מיט אַ זמר אויף די ליפּן האָט ער געשטופּט די טאַטשקע מיט שטיינער, און דער זמר איז געווען אַזאַ, אַז ווער ס׳האָט אים געהערט האָט באַלד גענומען וויינען.

טראָץ זיין עלטער און פרומקייט האָט ער אויך געהיט זיין גוף. אַפּנים געהאַלטן אַז דער גוף איז אויך נישט אַבי־וואָס... אַזוי האָט ער צוזאַמען מיט די שווערע שטיינער אויף דער טאַטשקע דורכגעפירט זיינע יאָרן ביז יום־כיפור תש״ג. און טאַקע אין יום־כיפור איז אים באַפאַלן אַ בענקשאַפט צו דער היים, צו דער דזשאַלאָשיצער שול, צו היימישע יידן. האָט ער זיך אַ דריי־אַוועק־געגעבן פון דער אַרבעט און אין אַ ווינקל פונעם בלאָק האָט ער אָנגעהויבן ציען אַ יום־כיפורדיקן ניגון.

די אויפזעער האָבן אים אויסגעשפּירט, צוגענומען און נאָך פינפ־אונצוואַנציק שמיץ איבערן נאַקעטן לייב, האָבן זיי אים באַגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. דאָס קאַלטע וואַסער האָט זיך פאַרמישט מיטן פרייש שטראָמענדיקן בלוט פון זיין צעקיילטן לייב.

מיט אָנגעשפּיצטע שפּיזן האָבן זיי אים געשטופּט פאָראויס, צום קליינעם אויוון, וואָס איז געווען אַ מין ערזאַץ פון אוישוויץ...

אויפן וועג האָבן געאַרבעט אַ גרופּע יידן. זייערע הענט האָט זיך אויסגעדאַכט זענען צוגעשמידט צו די טאַטשקעס. ר׳ שמעון האָט אויסגע־

דרייט צו זיי דעם קאָפּ און בניחותא אויסגערופן: „היי יידעלעך, ס׳איז יום־כיפור היינט, האָט׳ס מיר אַ גמר חתימה טובה!“

מידע קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן אויף דעם יום־כיפור־קרבן. צען מינוט שפּעטער האָט מען פאַר זייערע אויגן פאַר־בייגעפירט אויף אַ טאַטשקע שמעונ׳ס קליידער.

פּונעם סקריפּ פון רעדל פון דער טאַטשקע האָט אַרויסגעקרעכצט ווי מיט אַ שפּאָט צום הימל: אַ גמר חתימה טובה!

1946

דער פּאַקל-צוג

אָט גייען זיי איבער גאַסן, צעהעלטע יוגנט. יוגנט ארץ־ישראל־דיקע. דאָ וועלן נישט העלפן קיין דריידלעך און פּשטלעך, וויפל און פון וואַנען. אַ וואַלד יוגנט מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט אין פלאַמיקן, מוטיקן יוגנטלעכן מאַרש.

איך שטיי, קוק זיך איין אין זייערע צעשטראַלטע פּנימלעך. אין האַרצן פּיקן־אויף די קינדער־יאָרן. קינדער־יאָרן ביי דער מאַמען. אך, ווי וואָלט זיך דאָס מיין גוטע מאַמע געפרייט צו קוקן אויף זיי. זי האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט יוגנט און ירושלים.

איך שטיי פאַרגליווערט און טראַכט (אויב מען איז נאָך פעיק צו טראַכטן): ניין דאָס טראַכטן ציטערט אין קאָפּ. איך קאָן זיך נישט דער־טראַכטן צו דעם טראַגישן אמת... — איז זי (מיין מאַמע!) דאָך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלאַמיקן פּאַקל (מיין מאַמע!), אין אוישוויץ אָדער מאַידאַנעק.

ווייס איך נישט די יאָרצייט פון מיין טייערער מאַמען, און קאָן אפילו קיין ליכט נישט אָנצינדן צו איר אָנדענק. ווילט זיך בעטן ביי דער צעשטראַלטער מאַרשירנדיקער יוגנט, בעטן ווי אַ יתום: קינדערלעך, צינדט־אָן נאָך אַ פּאַקל לזכר מיין מאַמען. פאַר מיין מאַמען, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט אייך און ארץ־ישראל; וואָס האָט פיינט געהאַט גלות

און געשטרעבט צו גאולה. אירע שוואַכע הענט האָט זי צום הימל געהויבן, געבעטן פאַר איך און אין זיך פאַרגעסן.

זי איז שוין אַלט געווען, מיין מאַמע, און האָט נישט אויפגעהערט צו בעטן, עס זאָל שוין ווערן אויסגעלייזט דאָס פאָלק ישראל. און צו מיר, אין יעדן בריוו, האָט זי געשריבן: „מיר זאָלן נאָך זוכה זיין זיך צו זען אין ארץ־ישראל. דאָס איז מיין איינציקער געבעט!"

האָט זי אירע אייניקלעך, די פּיצעלעך, געהאַלטן אויף אירע הענט און געבעטן: אין זכות פון זיי זאָל זי נאָך זוכה זיין אויפגיין קיין ארץ־ישראל.

צום סוף איז זי צוזאַמען מיט די פּיצעלעך אין די פלאַמען פאַרשווונדן.

ליגן אירע בריוו, ווי פייגל מיט צעבראָכענע פליגל, פאַר מיינע אויגן.

בעט איך אייך, קינדערלעך: צינדט־אָן אַ פאַקל פאַר מיין מאַמעלע, וואָס איז אין פייער־פלאַם, ווי אליהו הנביא, אין הימל אַרויף. פון דאָרט קוקט זי אויף אייך מיט רחמים און פרייד, אויף אייער פאַקל־צוג.

1946

די פּליטה

אין ט"ו בשבט האָב איך באַזוכט מיינע אַ קרובה אין אַ יידישער קאָלאָניע.

ס'איז געווען אַ ווינטער־פרימאָרגן, ראש־השנה פון דיביימלעך.

דער יום־טוב פון יונג־פאַרפלאַנצטן ביימל. און אָט שטייט זי, אַ יונג צווייגעלע, וואָס פאַר דעם לעצטן ביסל געלט וואָס איר טאַטע האָט געגעבן אַן אָרנטלעכער קריסטין — פאַר אַ נישט קליינעם פּרייז — האָט יענע איינגעוויליקט אויסבאַהאַלטן אַזאַ באַשעפעניש וואָס הייסט יידיש קינד. ווען דער טאַטע איז מיט אַן אכזריותדיקן טויט אומגעקומען — און דאָס רחמנות פון די גוטע קריסטן האָט זיך צוביסלעך אָפּגעטאָן, האָבן אירע צוועלף יאָר דערפילט, אַז דער באָדן ווערט צו הייס אונטער די

פיס, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן פון גיין, גיין קיין ארץ־ישראל. און שוין, זייענדיק אינעם טראַנספּאָרט אויף דאָרט... נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון אירע אַפּוטרופּסים, האָט זי זיך אַרויסגעריסן מיט אַ גרופּע קיין אונגאַרן. און פון דאָרט, נאָך לאַנגן וואַלגערן זיך אין תפיסות, האָט זי זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל.

שטייט זי, אָט, ביי די שפּעסלעך און גיט זיי צו עסן... זיי לעקן אירע הענט, זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו איר. און זי שמייכלט, גלעט זיי איבער די וואָליקע, ווייכע קעפּלעך. און די רויטע צינגלעך פון די שפּעסלעך לעקן נאָך שטאַרקער אירע הענט.

איך טראַכט: האָבן דאָך, חס ושלום, פייערצונגען געקענט גלעטן דעם שיינעם גוף פון מיין פּרעכטיקער יונגיטשקער קרובה, ווי אַ סך פון אירס גלייכן.

האָב איך געבענטשט דעם טאָג, געבענטשט דאָס יונגע ביימעלע, וואָס פאַרפּלאַנצט זיך איבער אַ נייע, נאָך טויזנטער יאָר, אין פאָטערלענדישער ערד.

די שפּעסלעך האָבן זיך נאָך נעענטער צוגעטוליעט צו איר, ווען זי האָט זיי געגלעט מיט בײדע הענט.

איר גאַנצער ווען האָט געזאָגט: דאָס זענען דאָך שפּעסלעך, נישט קיין מענטשן, און צו זיי קאָן מען דאָך זיכער האָבן צוטרוי...

1946

פאַרשטיקטע טרערן

ער איז דעמאָלט נאָך יונג געווען, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, ווי ברונעמער טיף, אַ געלאָקטן קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר איבערן הויכן מאַרמאָר־ווייסן יידישן שטערן, מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַ שיינער מאַנספּערשוין און ערשט אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה. זיין פרוי האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער פאַרוואָרצלטער יידישער משפחה פון וואָרמס ביים ריין. זי האָט ליב געהאַט דערמאָנען די שטאָט, פונוואַנען רש״י האָט אויפגעלויכטן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

נאָך דער חתונה האָבן זיי זיך באַזעצט אין לייפּציק, אויפגעבויט אַ פּרעכטיקע נעסט, געשפּיגלט זיך אין זייער שאַנקעדיק מיידעלע, וואָס די פרוי האָט געבוירן. ער האָט געאַרבעט פאַר אַ גרויסער עקספּאָרט־פירמע, מיט דער צייט געוואָרן דירעקטאָר.

איינמאָל, צופעליק האָט דאָס פּאַסירט, האָבן זיך זיינע הייסע אויגן באַגעגנט מיט די אויגן פון זיין סעקרעטאַרין, אַ קריסטלעך מיידל מיט העל בלאָנדע האָר פון טיי־קאָליר, מיט אַ שפּיציק־פאַרריסענער נאָז און העל־ראָזעווע באַקן.

ווען זי, ליזאַ, פלעגט קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשין, האָט זי אַזוי מאָדנע אַריינגעשמייכלט אין אירע דינע פינגער, וואָס זענען געשווינד געלאָפן איבער די אותיות. ווען ער האָט עס אַמאָל באַמערקט, האָט ער זי געפרעגט, וואָס דאָס שמייכלען באַדייט, זי האָט דאַן אויסגעדרייט איר דינעם שוואַנען־האַלדז און געענטפערט:

„אָך, גאָרנישט, שטערט אייך דאָס, הער שעף?"

דאָס שמייכלען האָט זיך איבערגעחזרט.

ביסלעכווייז האָט איר שמייכל אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין זיין האַרץ. דערנאָך האָט ער זיין פרוי און קינד פאַרלאָזט און אַוועק צו ליזען.

עס איז געקומען דאָס יאָר ניינצן דריי און דרייסיק. לויט די היטלער־געזעצן האָט ער זיך נישט געפּאַסט צום דייטשן ייחוס. ער איז גלייך אַוועק קיין ארץ־ישראל און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויך ליזע געקומען. זיי האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט.

ער האַלט זיך גוט, דער יוגנטלעכער גלאַנץ פון זיינע אויגן לאַכט זיך אויס פון די זילבער־האָר אויף זיין קאָפּ, און ווען ער שטייט אויף דער טעראַסע און לאַכט זיך איבער מיט די יונגע שכנות קנייטשן זיך די קאַרבן אויף ליזאַס שטערן נאָך טיפער.

זי רופט אים:

„האַנס, זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי זאָל איך דאָ שרייבן?" — פרעגט זי ביי אים, אָנווייזנדיק אַ נישט פאַרענדיקטן געשעפטס־בריוו...

פאַר אַ פּאָר טעג צוריק איז מיר אויסגעקומען זיי צו באַזוכן, ער

האָט זיך געהאַלטן אויסערלעך ווי שטענדיק, אָבער ווען איך בין אַרויס, איז ער מיר נאָכגעגאַנגען און כ׳האָב דערזען ווי אין זיינע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן טרערן.

„איצט — דערציילט ער מיר — האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו וועגן מיין טאָכטער, דו ווייסט דאָך, מיין טאָכטער פון דער ערשטער פרוי... זי געפינט זיך אין בריסל. אַ פריינד שרייבט מיר: זי איז דאָקטאָר מעדיצין, האָט געהאָלפן יידישע קראַנקע, די נאַציס האָבן זי אויסטערליש געפייניקט, געמאַכט איבער איר עקספּערימענטן...

איצט איז זי בלינד און געליימט, האָט דאָס לשון פאַרלוירן... זי ליגט דאָרט אין אַ שטאָטישן לאַזאַרעט".

נאָך אַ ווײַלע שוויגן, האָט ער ווידער כמעט געהעשעט:

„איך בעט דיך, וואָס טוט מען? אַך, מיין ליזע דאַרף נישט זען, אַז איך וויין. פאַרשטייסט, זי דאַרף מיך נישט זען וויינען..."

איך האָב געקוקט אויף אים, אַ יידישן טאַטן, וואָס האָט מורא צו וויינען איבער זיין קינד אין דער אנוועזנהייט פון זיין דייטש ווייב.

איך האָב אים געוואָלט עפּעס זאָגן, זאָגן ווי אַ ייד צו אַ יידן אין אַזעלכע מאָמענטן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אויף דעם זאָג געוואַרט.

פּלוצים האָט זיך דערהערט איר שניידנדיקע שטים, האַרט און באַפעלעריש, אין אַ טיף דייטשער אויסשפּראַך:

„האַנס!..."

1946

מאַמעס און קינדער

איינע האָב איך געזען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן — אַ מאַמע אַ מאַלפּע מיט איר ניי־געבוירן מאַלפּעלע, האַלט זי דאָס פּיצל אויפן בויך, צוגעדריקט פעסט צו דער ברוסט, זי שפּרינגט דערמיט, האַלט עס פעסט מיט דער פאָדערשטער לאַפּע, גיט אים צו זייגן, נעמט פון עמיצן אַ נוס, זי לאָזט אָבער אויף קיין מינוט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר פּיצל.

אַ מוסטער־מאַמע איז זי, אַט די ווילדע מאַלפּע, אַ מאַמע מיט אַלע חושים. און וואָס פאַר אַ סימפּאַטיע דאָס וועקט פאַר דער מאַמען מיט איר האַריק באַשעפעניש!

איר קאָנט זיך נישט אויף קיין מינוט פאַרשטעלן אַז מ׳קאָן זיי צעשיידן, אַ בונד פון מוטערשאַפט מיט קינדער־ליבע אויף אייביק, אייביק.

וועגן דער צווייטער מאַמע, להבדיל, האָט מיר דערציילט אַ פריינד אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט אין זייער שטאָט. שוין נאָך די קינדער־אַקציעס, קיין יידישע קינדער זענען שוין דעמאָלט נישט געווען. איינע אַ יונגע מאַמע, האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט פון איר קינד זיך נישט שיידן, אַ קנאַפּ יאָר איז אַלט געווען דאָס פּיצל. ווען די רוצחים האָבן אַנטדעקט די יונגע מאַמע מיט איר קינד, פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם צווישן קלעצער און שטרוי, האָבן זיי זי אַוועקגעשלעפּט אין מיטן מאַרק, געוואָלט אַרויסנעמען דאָס קינד פון אירע הענט, און צעשמעטערן דאָס איינציקע יידישע קינד, וואָס איז נאָך געבליבן אין שטאָט.

די מאַמע האָט עס אַרומגענומען מיט די הענט, צוגעדריקט צו דער ברוסט ווי צענויפגעוואַקסן האָבן זיי אויסגעזען.

מיט גראָבע שטעקנס האָבן זי די נאַציס געשלאָגן איבער די הענט, זי זאָל אַרויסגעבן דאָס קינד. בלוט האָט גערונען, און טראָפּנס זענען געפאַלן אויפן קינדערשן שטערנדל. מיט פאַרלאָפענע אויגן פון בלוט פון אַ פאַרווונדעטן פויגל האָט די מאַמע געקוקט אויף איר קינד, נאָך שטאַרקער באַהאַפטן אירע הענט אַרום דעם צאַרטן קערפּערל, און אַלע רוצחים זענען נישט געווען בכוח פאַנאַנדערצורייסן אירע הענט.

דער אָפיציר באַפט אַרויס זיין רעוואָלווער און צילט אין איר — זי רירט זיך נישט. זי פאַרדעקט נאָך שטאַרקער מיט איר גוף איר קינד, צום סוף זענען די תליינים מיד געוואָרן, רחמנות באַקומען, אַזוי צו זאָגן...

זיי האָבן פלאַץ געמאַכט פאַר דער פאַרמאַטערטער, פאַרבלוטיק־טער מאַמען מיטן קינד, באַפוילן שטרענג מיליטעריש: מ אַ ר ש! און צוזאַמען מיטן קינד אַריינגעשטעלט זי אין טראַנספּאָרט קיין בעלזשיץ.

ביידע צוזאַמען אָפּגעשיקט אין קרעמאַטאָריע...

1946

יאָסל חריף

דער משפּט

די טראָפּנס פון פאַרקילטן מענטשלעכן בלוט האָבן נישט אַריינ־געדרונגען אין די טיפענישן פון מענטשלעכן האַרץ. די וועלט האָט אפילו קיין טרער נישט געלאָזט, רעשטלעך פון אַ גרויס פאָלק ווערן געשליידערט פאַרן ווינט און קיינער איז נישט גערירט געוואָרן, נישט אַראָפּ פון זינען.

די וויסנשאַפט האָט זיך איינגעהילט אין צביעות. אין די טויט־פאַבריקן איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע מאָראַל, איז שווער צו מעסטן מיט דער זעלבער מאָס ווי נעכטן.

און דער ייד וואַנדערט ווידער, זיצט אין צעבראָכענע באַראַקן, טראַנטעס באַדעקן זיין געפּאַסעוועטן גוף, מען טרייבט אים פון די רייכע טישן, ער שווימט אין ימען טרערן — דאָס געוויסן פון דער וועלט בלייבט רואיק.

וועלט משפּט זיינע רוצחים און איז גלייכגילטיק ווי אַ יוריסט, געדולדיק ווי אַ פּגר.

1947

פילמען

אין נירנבערג האָט מען דעמאָנסטרירט פילמען. הונדערטער קאָרעספּאָנדענטן פון גאָר דער וועלט האָבן פאַנאַנדערשיפּרירט יעדע מינע פון יעדן דייטשן תליין באַזונדער.

גערינג האָט פאַרשטעלט דאָס פּרצוף מיט די הענט. העס איז נערוועז. שטרייכער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט נאָך ווייניקער געוווּסט, ווי לאָנדאָן...

פאַר זייערע אויגן האָט מען געוויזן טויט פון מיליאָנען אין פאַרשידענע וואַריאַנטן.

וואָס קאַניבאַלן האָבן נישט געקענט צוטראַכטן, האָבן צוגע־

טראַכט פירער, מאַרשאַלן, גענעראַלן, פּראָפעסאָרן און אַנדערע אויס־וווּרפן פון דער נאַבעלער ראַסע.

פילם איז אַ גוטער דאָקומענט. מ׳וועט דאַרפן גוט פילמירן די שיפן „יאָגור״ און „העבריעטע סאָלד״, טראַגנדיק פרויען מיט זויג־קינדער, רעשטלעך, נישט־דערברענטע פון יענע אוישוויצער פילמען.

פילמירן! און איבערלאָזן פאַרן משפט פון דער געשיכטע. געלערנטע, היסטאָריקער וועלן זיך אַמאָל ברעכן די קעפּ פאַנאַנדערצושיפרירן אַ בילד, כדי אַרויסצובאַקומען דעם אונטערשייד פון אַ פילם ביז אַ פילם.

1947

אַ מעשה מיט אַ הונט

באַגעגנט האָב איך אים צופעליק אין אַ קאַלטן ירושלימער ווינטער טאָג. ער האָט, ווי איך, געוואַרט אויף אַן אויטאָבוס און אונטערגעציטערט פון קעלט. זיין אומרויִק און סימפּאַטיש פּנים האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. אין זעלבן אויגנבליק האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר אויף יידיש: „כ׳בעט אייך, ווי אַזוי פאָרט מען קיין קרית־ענבים?״ איך האָב אים צוגעפירט צום געהעריקן אויטאָבוס און אַזוי גייענדיק מיט אים האָט ער מיר דערציילט, אַז ער קומט נאָר וואָס פון רומעניע. קיין ירושלים איז ער געקומען איבערגעבן אַ בריוו און אַ לעבעדיקן גרוס פון אַ ברודער צו אַ ברודער, וואָס האָט זיך אַזוי געפרייט מיט דעם בריוו, אַז ער האָט פשוט פאַרגעסן מכבד זיין אים מיט אַ גלאָז טיי.

דער ייד דערציילט מיר וועגן זיין מזל: זיי האָט מען אין טראַנס־ניעסטריע נישט געשיקט. געזונטע אַרבעטס מענטשן, האָט מען זיי צוגעטיילט צו פאַרט־אַרבעט אין דער היים. איינמאָל אָבער איז זייער ממונה, אַ רומענישער אָפיציר, שטאַרק בייז געוואָרן אויף יידן און ער האָט די גאַנצע גרופּע יינגלעך אַוועקגעפירט אין דאָרף. אין אַ זונטיקדיקן טאָג איז דאָס געווען, אַ ביטערע פראָסט, און דער אָפיציר האָט באַפוילן,

זיי זאָלן זיך אויסטאָן מוטער־נאַקעט, צונויפגערופן פויערים און פוי־ערטעס, זיי זאָלן צוקוקן ווי ער שמייסט זיי מיט ריטער איבער די נאַקעטע לייבער. געווען דאָרט פויערים וואָס האָבן פּראָטעסטירט: זונטיק, און אַזאַ געמיינקייט אין די אויגן פון אַזויפיל ווייבער. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן.

הונגעריקע, צעשלאָגענע, דערנידעריקטע, האָט מען זיי אַ צייט לאַנג געהאַלטן אין אַ סטאָדאָלע אין פרייען פעלד. איינמאָל האָט זיך צו זיי צוגעשאַרט אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט, אַ הונט פון אַן אײדעלער ראַסע, אַ יאַג־הונט, און געוואָרן מיט די יידן היימיש און כמעט יעדן טאָג האָט ער געבראַכט צו טראָגן אַ דערשטיקטן האָז צווישן זיינע ציין. דער הונט האָט אונדז געשפייזט. דערהאַלטן אונדז דאָס לעבן אין זיין הינטישער אָרנטלעכקייט.

„ווייסט־איר — זאָגט ער צו מיר — איך האָב דאָך אַ סך איבער־געלעבט, אָבער ווו איך קום דערמאָנט זיך מיר שטענדיק די אויסטערליש מענטשלעכע האַנדלונג פון יענעם הונט”...

1947

„קיקיטעש”

„קיקיטעש” געהערט אַמאָל אַזאַ אויסדרוק? אַ וואָרט אַזאַ? איך האָב עס צום ערשטן מאָל געהערט פון אַן אַכצניאָריקן אונגאַרישן בחור. ווען מען האָט אים פאַרשיקט אין לאַגער, דערציילט ער, איז ער קוים זעכצן יאָר אַלט געווען. ער האָט זיך געמאַכט עלטער. כדי זיך אַריינ־באַקומען אין לאַגער, אַנדערש וואָלט מען אים אָוועקגעשיקט... אים מיט נאָך חברה האָט מען צוגעטיילט זעגן האָלץ. סתם זעגן קלעצער אַן אויפהער און אַן אַ זין, און דערצו איז די זעג אַ טעמפּע געווען און אירע ציינער האָבן זיך אַ סך מאָל אין נאָסלעכן קלאָץ פאַרפּלאָנטערט און נישט געקאָנט אַרויס. איז ער אַוועק זוכן אַ האַק, בכדי אונטער־צוהעלפן דער זעג זיך אַרויסקריגן.

אין די אויגן פון אונגאַרישן אויפזעער איז עס געווען אַ פאַרברעך.

מען האָט אים צוגענומען און באַשטראָפט מיט „קיקיטעש". דאָס איז אַזאַ מין קרייציקן. מען האָט אים צוגעבונדן מיט דער פּלייצע צו אַ ראָד, אין פאָרם פון אַ קרייץ, און דאָס ראָד דרייענדיק זיך אָן אויפ־הער האָט זיך איינגעפּרעסט אין דער פּלייצע ביז בלוט, ביז חלשות.

דער דאָקטאָר מונטערט און דאָס ראָד טרייבט ווייטער און פּרעסט זיך איין אין די ביינער. ער אָבער מוז זיין באַשטימטע צייט אויסהאַלטן. ווען מען האָט אים אַראָפּגענומען פון קרייץ, האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט: „ביסט אַ געזונטער יונג"...

ער האָט אַ מינוט איבערגעריסן זיין דערציילונג, ווי ער וואָלט וועלן אָפּרוען זיך פונעם קרייץ. און ער האָט צוגעגעבן: „טאָג און נאַכט פאַרלאָזט מיך נישט דער געדאַנק, ווי אַ סך פון מיינס גלייכן, וואָס איז געשען מיט מיינע נאָענטע, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן. טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, אָבער פון וואָס איך זאָל נישט טראַכטן דאַכט זיך מיר, אַז עמיצער שרייט מיר אין אויער „קיקיטעש". פּלוצעם פיל איך אויף מיין רוקן דאָס קרייציקן.

אָבער מאָדנע קומט דאָס אויס. איך האָב דעמאָלט נישט געבעטן קיין רחמים, איך האָב זיך נישט געוואָרפן, ווען דער תלין האָט מיך געבונדן אויפן קרייץ. איך האָב נישט געשריגן, און דאָס געפיל, וואָס איך האָב געהאַט נאָך די טאָרטורן, איז געווען ביי מיר ווי איך וואָלט אויפגעשטאַנען תחית המתים".

היינט אַרבעט ער ביי בריליאַנטן־שלייפן אין ירושלים, און זיצנ־דיק ביי דער אַרבעט, ווען די שטיינדלעך בלישטשען אין זיינע הענט, פאַלט פון זיינע אויגן אַ טרער, און ערשט איצטער פרעגט ער: פאַר־וואָס?

אַ סך מאָל שרייט ער פון שלאָף, די אַרומיקע כאַפּן זיך אויף מיט שרעק, און ער, שוין אַ האַלב וואַכעדיקער, שרייט ווייטער:

„קיקיטעש!..."

1947

יאָסל חריף

די לבנה

אַ קלייניניקע, אַ דאַרינקע, מיט אַרויסגעזעצטע בלויע אייגעלעך, מיט אַ בלאָנד קעפּל האָר. עלף יאָר איז זי אַלט, דאָס פּיצעלע, און טויזנטער יאָרן יידישער גלות שפּיגלען זיך אָפּ אין דער בלויקייט פון אירע אויגן. זי קומט פון טראַנסניעסטריע. דאָרט האָט זי אויף אייביק איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע. איז זי, ביי אירע עלף יאָר, געוואָרן דער אפּוטרופּוס איבער אירע צוויי יינגערע ברידערלעך.

אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן טאָג האָט מען זיי צוגעכאַפּט — דער־ציילט זי — און אַוועקגעפירט אין טראַנסניעסטריע. דער טאַטע איז באַלד געשטאָרבן, און די מאַמע האָט פאַרבראָכן די הענט און געיאָ־מערט. „כ׳וועל נישט אויסהאַלטן, קינדערלעך, כ׳וועל נישט אויס־האַלטן!” אין אַכט טעג שפּעטער איז די מאַמע געשטאָרבן.

איינמאָל ביינאַכט איז געווען אַזאַ שרעקלעכע זאַווערוכע, אַ ביי־זער ווינט האָט געבלאָזן דורך די דינע ווענטלעך פון אונדזער שטעלעכל, האָב איך איינגעדעקט מיינע ברידערלעך אין די שמאַטעס וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט, געגלעט די קעפּלעך זייערע, ווי די מאַמע פלעגט עס מאַכן, און מיר זענען איינגעשלאָפן. האָט זיך מיר געחלומט, אַז די מאַמע שוועבט איבער אונדזערע קעפּ. אויפן אָרט פון איר קאָפּ האָט זי גאָר אַ קאָפּ פון אַ לבנה און אין די הענט האַלט זי אַ גרויסן זאַק און שיט אין אים פעדערן און ווייסינקן פוך. דערנאָך האָט זי אָפּגעריסן עטלעכע גאָלדענע שטערן, צוגענייט שנעל און פאַרקנעפּלט דעם זאַק.

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אונדז, אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּערענע, וואָס זי האָט נאָרוואָס אַזוי קינציק אויסקאָמבינירט. צו־געלייגט די ליפּן און אַ קוש געטאָן, צו־ערשט דעם קליינעם ברודערל, דערנאָך דעם גרעסערן און צום סוף — מיר. אָט־דאָ אין שטערן, און דאָן האָב איך מיך אויפגעכאַפּט. איך רייב מיינע אויגן און זוך די מאַמע. אָבער אַנשטאָט דער מאַמען האָבן דורכן באַלקן אַריינגעקוקט אַ סך שטערנדלעך און שניי האָט זיך געשאָטן אַן אויפהער אין אונדזער שטע־לעכל אַריין. אונדז אַלעמען פאַרשאָטן. איך האָב געשריגן: מאַמע,

מאַמעלע! דורכן אָפענעם באַלקאָן האָב איך אויף די שטערן, אויף דער לבנה געקוקט און געזוכט מיין מאַמען...

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי שוועבט נאָך אויבן, די מאַמע אונדזערע, אָבער אַזוי ווייט, אַזוי ווייט, נאָר איך בין געווען זיכער, אַז זי זעט אונדז.

דעם זעלבן פרימאָרגן זענען געקומען גוטע יידישע מענטשן, האָבן אונדז איינגעטוליעט אין וואַרעמע מלבושים, צוגענומען פון דאָרט און געבראַכט מיך אַהער צוזאַמען מיט מיינע צוויי ברידערלעך.

נאָר תמיד ווען די לבנה שיינט, גיי איך אַרויס פון שטוב, און קוק אויף דער לבנה, און מיר דאַכט זיך אויס, אַז איך זע דער מאַמעס פּנים.

און איך וויין אַרויף צו דער מאַמען מיינער...

1947

כשר פלייש

צוויי טעכטער זענען איר געבליבן נאָכן טויט פון איר מאַן. זי איז נאָך געווען יונג, ווען דער טויט האָט זי אַזוי אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיטן לעבן. אַ יינגע, איינזאַמע יידישע אַלמנה אין דער גרויסער שטאָט בערלין.

שיין און געראָטן זענען געוואַקסן די טעכטערלעך. איינע פון דער צווייטער אָפּגערוקט מיט אַ צוויי יאָר.

אַ מאַמע, אַ בריה, האָט זי זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַלע שטרויכ־לונגען פון לעבן און געהיטן די קינדער.

ווען די טעכטערלעך זענען אונטערגעוואַקסן, האָט די יינגערע פאַרלאָזט די מאַמע און אַוועק קיין ארץ־ישראל. דאָ האָט זי געפונען איר באַשערטן און געשריבן צו דער מאַמען האַרציקע בריוולעך, געבעטן זי זאָל טראַכטן וועגן קומען.

די מאַמע מיט דער צווייטער טאָכטער האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי געדאַרפט פאַר־

לאַנד דייטשלאַנד. און דאָ — אין סאַמע מיטן פון די צוגרייטונגען האָט זיך באַוויזן פּעטער, אַ סימפּאַטישער בלאָנדער קריסט. די באַגעגעניש מיט דער יידישקע איז אים געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט אפילו נישט געפילט די שפּיזיקע אויגן פון זיינע חברים, אויפ־געקומענע נאַציס, אויף דער שוועל פון דעם צוויי און דרייסיקסטן יאָר.

די מאַמע האָט גענומען פאָדערן פון דער טאָכטער איבעררייסן די חברשאַפט מיט דעם פרעמדן. גאַנצינקע נעכט האָט זי געוויינט, דער־מאָנט איר פּיין און צער ביז איצט. אָבער צום שלוס האָט געזיגט פּעטער.

די מאַמע האָט אָפּגעווישט די טרערן. געלאָזט די טאָכטער אין פּעטערס שטאַרקע אָרעמס. מיט פייכטע מאַמעשע אויגן אַ לעצטן בליק געגעבן אויף איר, און אַוועק צו דער יינגערער קיין ארץ־ישראל.

די צייט איז געלאָפן. היטלער האָט זיך געגרייט צום קריג. דערנאָך איז געפאַלן אַ בלייערנער פויערהאַנג איבער אַלעמען, די וועלט האָט זיך געבאָדן אין בלוט און פייער. באַמבעס האָבן אויך אָנגעהויבן זייען טויט אין היטלער־דייטשלאַנד. אין אַזעלכע טעג פלעגט די מאַמע מיך באַגעגענען אַ באַטריבטע, איר ביטער האַרץ אויסגערעדט. זי טוט תפילה — האָט זי געזאָגט — פאַר איר טאָכטער, זי זאָל ניצול ווערן...

ווי נאָר די וועלט האָט זיך איינגעשטילט, האָט איר די טאָכטער אַ בריוו געשריבן, אַז פּעטער האָט זי געטראָגן איבער אַלע פייערן. אַ זעלטן גוטער מענטש איר פּעטער. און בכלל איז ער נאָענט צו יידן... איצט איז שווער, אָבער זאָל מען נאָר אָפּאָטעמען, וועט מען זען וואָס צו טאָן. זאָל די מאַמע איר שרייבן, בעט זי, וואָס ס׳הערט זיך אין ארץ־ישראל.

איינמאָל באַגעגן איך די מוטער אין גאַס אַ צעשטראַלטע, און איידער איך האָב נאָך באַוויזן זי צו באַגריסן, זאָגט זי צו מיר:

„מיין קינד איז ווירקליך אַ טרייע יידישע טאָכטער. דער ערשטער יידישער קצב איז צוריקגעקומען קיין בערלין און מיין טאָכטער, אַזוי שרייבט זי מיר, צוליב סאָלידאַריטעט, קויפט ביים קצב כשר פלייש...“

1947

מה נשתנה?

שטיבלעך, גרויס ווי „טל ומטר״, צוגעטוליעט איינס צום צווייטן און אַ פאַרפסחדיקע זון וואַרעמט זיי נאָך אַ שווערן ווינטער. מ׳קאַלכט און מ׳רוימט, אַ האַרמידער און אַ רויש, פון מיעכאָווער גאַס ביז זאַ־מאָשטש, פון דער פּראָשאָוויצער ביז צום סאַרעש.

גולאַנעס קוקן בייז ווי די יידעלעך וואַלטן וועלן אויסשעפּן אַלע וואַסערן פון די ברונעמער און די צוויי טייכן, וואָס שניידן דורך דאָס שטעטל.

שטיפעריש וועט זיך צעקלינגען דער אַלטער „חד־גדיא״־זמר פון די סדר־טישן. האָט דער ווינטער געמעגט זיין ווי שווער. וועט היינט אין די אָדערן צעגיסן זיך ווייַן פון ארבע כוסות.

אַזוי לעבט סלאָמניק פאַרפסחדיק אין אונדזער זכרון.

יידן אויסגעהאַמערטע, געזונטע דעמבעס אין אַ וואַלד פון גויים. יידן, שבת־יומטובדיקע, וואָס לעבן אַ מרורדיקן גלות, מיט גרויסן בטחון אין פולער גאולה.

יאָ, קינדערלעך דאָס איז אַ מעשה׳לע פון אַמאָל. אַלץ איז פאַר־שווונדן. ...אויסגעלאָשן דאָס פסח־ליכט פון יידישע פענצטער. פאַרשוווּנדן די פרייד מיט די יידן צוזאַמען. נישט געבאַקן קיין מצות, נישט געכשרט. ערגעץ אויף אַ טיר אויפ׳ן ביישטידל אויפן אָרט פון דער מזוזה, האָבן פרומע גויים אויסגעקריצט אַ צלם...

אין קופערנע ירושה־פאַנען קאָכן און פרעגלען זיך פּאַטראָוועס אויף פּסחא, נישט אויף פסח, אין חלל שוועבן נאָך די פאַרשטיקטע שטימען, דער איבערגעריסענער ניגון, דאָס פאַרשניטענע בענקשאַפט־געזאַנג צו גאולה...

אין פוסטן מאַרק דאַכט זיך אויס הערן זיך נאָך די טריט פון די קדושים וטהורים. אַ פרילינגס־ווינטל ברומט מיט אַ פאַרבענקטן שעמעוו־דיקן ניגון „אל מלא רחמים״.

טויכן אויף אין דער פוסטער סדר־נאַכט נשמות, נשמה׳לעך פון יידישע קינדערלעך, די קעפּלעך פאַרריסן אַקעגן הימל...

איז אַנגעלאָפֿן אליהו, אין אַ טרערן וואָלקן געהילט און וואַשט מיט זײַנע טרערן די קעפּלעך זייערע.

און די כּשר׳ע נשמה׳לעך מיט אַ פֿאַרשטיקטן יאָמער אין זייערע שטימעלעך רײַסן די הימלען, פֿרעגן:

מה נשתנה?

1950

קינדער, פֿאַרבן און טויט...

אויסטערלישע לײַדן און אויסטערלישע ניסים באַגלייטן דאָס יידישע פֿאָלק אין זײַן געשיכטע.

אונדזער ווידערבאַנייונג אויף אייגענער ערד איז באַגלייט מיט דעם גרעסטן חורבן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט איבערגעלעבט און דאָס טאָרן מיר נישט פֿאַרגעסן, עס דאַרף שטענדיק הילכן ביי אונדז אַ לאָזונג „אם אשכחך גלות”...

די וועלט איז בדרך־כּלל טעמפּ צו אונדזער ווייטיק. ס׳איז שוין באַלד לײַכטער צוצוקומען צו דער לבנה, ווי צו אַ מענטשלעך האַרץ. וועגן דעם דערמאָנט אונדז נאָכאַמאָל די אויסשטעלונג פֿון די „טערעזיענ־שטאָטער קינדער” אין „יד ושם” אין ירושלים.

אין זאַל — אַ בית־הקברות־שטילקייט. בילדלעך מיט צוגע־האַנגענע אויפֿשריפֿטן, אויף פּשוטן פּאַפּיר, אויף הילעס פֿון העפֿטן — חלומות פֿון פֿאַרציקטע קינדערישע לעבנס.

נעמען, וואָס קלינגען טשעכיש, פּויליש; יידישע נעמען — אַלץ נעמען פֿון יידישע קינדערלעך, געזאַמלטע אין טראַנזיט־לאַגער פֿאַרן אָפּמאַרש אין די טויט־לאַגערן. קינדער פֿון טערעזיענשטאָט... יעדעס בילדל גליט, ברענט, בריט...

אויף וואָס פֿריער קוקן? — אויף ביימער, בלומען און וואַזעס, טשעכישע לאַנדשאַפֿטן, זאַפֿטיקע פּרוכטן, אויסגעחלומטע דורך הונגעריקע קינדער — צי גאָר אויפֿן בילדל פֿון אַ סדר: טאַטע־מאַמע און קינדער־

לעך זיצן אַרום מצות, וויין, ליכט און מרור... די קליינע עווא מיינטער האָט אין איר דמיון געזען דאָס שטראַלנדיקע פּנים פון דער מאַמען. דעם טאַטן מיט דער הגדה אין האַנט, שוועסטערלעך, מיט שלייפן פאַר־פלאָכטענע אין די האָר... אויפן ראַנד פון אומקום האָט עווא געשטראַלט צום יום־טוב פון באַפרייונג, פון יציאת מצרים.

מיר זענען דאַנקבאַר דעם לאַנד פון מאַסאַריק, וואָס האָט אונדז צוגעשיקט די בילדער. אָבער עס טראַכט זיך דערביי: שיקט אונדז אויך לעבעדיקע יידישע קינדער. פאַרוואָס גיט איר אונדז — פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג — בלויז מצבות?

...מיר ווערן פאַרגליווערט פאַר אַ בילד; אַ קלויסטער רייסט זיך צו די הימלען מיט אַ פאַרשפּיצטן צלם. ריטאַ פּאָלאַק האָט אים געזען, ווי אַ תליה. און אָט איז טאַקע אַ תליה: אַ געהאַנגענער מיט אַן אַרויסגע־שטרעקטער צונג שפּייט אויף דער פאַסקודנער וועלט.

...נאַציס מיט פאַלקעס אין די הענט... און באַלד — אַ רעגן־בויגן, וואָס שפּילט אויפן פּאַפּיר מיט זיינע פאַרשידענע קאָלירן... חלומות אויפן פּאַפּיר — „טרוימער פון געטאָ". אין דער לעצטער היטלער־אויפלאַגע...

און אָט זענען לידער. לידער פון יידישע קינדערלעך, וואָס וואָלטן באַדאַרפט אַ הילך־טאָן איבער דער וועלט:

אומגליקלעך, עלנט, שטייסטו דאָ אומזיסט —
אומזיסט שטרענגסטו אָן דיין קול, שרייסט —
און אפשר וועסטו גאָר שטאַרבן —
ווי גרויס איז די שיינקייט פון דער וועלט.

ס'איז שוין פינצטער, ווען איך פאַרלאָז די אויסשטעלונג. די הייזער לייכטן אויף די בערג פון ירושלים, פון עין־כרם הערן זיך קירכן־גלאָקן, וואָס וועקן די קריסטלעכע וועלט צו רחמים.

אין אויטאָבוס שטייגן איין יידן — פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע — אפשר איז על פּי צופאַל אויך דאָ צווישן זיי אַ לעבעדיקער עקספּאָנאַט פון טערעזיענשטאָט? אַ פרוי האַלט אַ קינד אויף דער האַנט, אַ באַנד פאַרשלייפט אין קינדס האָר — ווי דאָרט, אויפן בילד פון סדר, וואָס איז געמאָלן אין טערעזיענשטאָטער לאַגער...

צעצונדענע לאָמפּן וואַרפן ליכט אויפן הר הרצל. אַ שלוותדיקע רואיקייט ליגט אויסגעשפּרייט איבער ירושלים. און איך וויל שרייען אין דער רואיקייט: וויפל פון אייך האָבן שוין באַזוכט די אויסשטעלונג?

פון ירושלים, פון גאַנצן לאַנד, פון דער וועלט?

מען דאַרף זי אומבאַדינגט באַזוכן. ווייל זי דערמאָנט און — מאָנט מיט די קלאַנגען און פאַרבן פון אומשולדיקע פאַרשניטענע יידישע קינדערלעך.

1959

חסד של אמת

ביידע האָבן זיי געאַרבעט אין איין פאַבריק און שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן.

די דייטשן האָבן זיך געשניטן טיפער און טיפער אין דער סאָוויעטישער ערד, געזייט חורבן.

מענטשן זענען געפאַלן, ווי פייגעלעך אויפן פראָסט. און זיי צוויי — דער ייד און דער רוס — האָבן צוזאַמען געטראָגן די צרות, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט.

ביי דער אַלטער מאַמען פון וואַסילין איז נאָך געווען אַ וואַרעם ווינקעלע. אַ גרעזל, אַ בלעטל קרויט, אַ בוראַק, אַ גרויפּ, דאָס שטיקל ברויט — אַלץ האָט זי ערלעך געטיילט צווישן איר זון, וואַסילי און שמעונען. איז טאַקע אין שמעונס האַרצן אָנגעוואַקסן אַ דאַנקבאַרקייט צו דער אַלטער פרוי, וואָס האָט אים צוגעטוליעט.

די צייטן זענען געוואָרן אַלץ שווערער און דער אַלטער גוף פון דער מאַמען האָט זיי מער נישט געקאָנט איבערהאַלטן. די ערד האָט דעם גוף געצויגן צו זיך.

אין אַ פראָסטיקן טאָג איז זי אויסגעגאַנגען.

די ערד איז געווען שטייניק — שווער געווען צו גראָבן אַ קבר. האָט וואַסיל געבעטן אַ חסד של אמת ביי שמעונען: דער בית־הקברות איז וויט און דער פראָנט איז נאָענט...

שפּעט ביינאַכט איז שוין געווען, ווען זיי האָבן באַוויזן דורכצוגראָבן די קאָרע פון דער פאַרפרוירענער ערד. אַלץ אַרום האָט דער שניי איינגעוויקלט, ווי אין תכריכים.

אין די מלבושים, אין שוואַרצן שאַל, האָבן זיי זי אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַריין. אַ פּאַסמע גרויע האָר אויף איר שטערן איז געווען צעבלאָזן דורכן ווינט...

שמעון האָט זיך איינגעקוקט אין קבר. אַ בענקעניש האָט אים פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט: צו היים, צו דער אייגענער מאַמען. צי וועט ער זי נאָך זען? לעבט זי נאָך? דאָרט, אויף דער פּוילישער ערד, אונטער היטלערן?

מיט אַמאָל האָט ער זיך דערפילט פאַראייינזאַמט. די נאַקעטעביימער האָבן זיך געוויגט. מיט די געפרוירענע הענט האָט ער געווישט די אויגן און אַן אַ קול אָנגעהויבן צו ברומען: יתגדל ויתקדש...

1961

דער משפט אין „בית העם"

יאָרן שוין ווי מען בויט דאָס הויז אין אַ ירושלימער זייט גאָס צווישן די געדיכטעניש פונעם פאָלק. ביי די געצעלטן פון די האַרעפּאַשנע מאַסן הויבט זיך אויף אַ ריזיקער בנין. אַ צייט לאַנג איז ער געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, אַ נישט אויסגעפּאַרטיקטער און געקוקט פאַר זיך מיט אויפגעריסענע פינצטערע לעכער.

אַ ריי יאָרן ווי די נאַקעטע ווענט טריקענען אויף דער זון, קאַלטע נאַכטיקע ירושלימער ווינטן האָבן זיך געיאָגט צווישן די ווענט און געטריבן זיך צווישן פענצטער און טיר. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן פאַרטראַכטן זיך וואָס פאַר אַ חנוכת הבית מען וועט פּראַווען אין דעם בנין.

און גראָד איצט נאָך אַזויפיל יאָרן פון פוסטעווען, האַמערן די האַמערס, ציטערן די קאָמפּרעסאָרס און ס׳ווערט געאַרבעט מיט אַ טעמפּאָ. מען איילט זיך אויסצופּאַרטיקן דעם בנין, ווייל נאָך אַ ביסל און אַלע אויגן

פון דער גאַנצער וועלט וועלן זיין געריכטעט צום „בית העם" אין ירושלים.

דאָס הויז וועט דערמאָנען און אָנזאָגן דעם אויפּציטער פון אַ בראַנדיקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס יעדער ייד טראָגט אין זיך ביזן ענדע פון זיין לעבן.

ס'וועט אויפדונערן די שטימע פון משפט קעגן אדאָלף אייכמאַן דעם אומוווערדיקסטן טאָטאַלן מאַסן־מערדער, דער בלוטיקער שטן אין מענטשלעכן געשטאַלט, דער קינדער־מערדער פון היטלערס מאָרד־קעניגרייך.

גערעדט וועט ווערן אין ירושלימער „בית העם" דאָס, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט. מ'וועט דאָרטן הערן וועגן אַן אויסגעמאָרדעוועט פאָלק און וועגן העכער אַ מיליאָן פאַרשניטענע קינדער. יונגע בליענדע בוימעלעך, וועלכע זענען געווען דאָס שוואַרץ־אַפּל פון ציטערדיקע טאַטע־מאַמע. מען וועט דאָרט דערהערן וועגן מאַסן־שענדונג און וועגן פאַרשרפטע „עשרת הדברות" אויף צעפלאַקערטע שייטערהויפנס.

ירושלים, ווו הימלען הענגען איבער איר ווי אַ בלויער פרוכת. ירושלים, די אייביק צאַרטע, די הייליקע, וועט אויסהערן דעם אויפּמאַרש פון נשמות, וואָס וועלן אויפגיין כדי עדות זאָגן און וועלן אונדז צוריקפירן אין יענער תקופה.

דער „בית העם" וועט ווערן דער טויער פון דער וועלט. גויים וועלן קומען צו די טויערן פון ירושלים הערן די מעכטיקע שטימען און אפשר וועלן זיי זיך אויך דערמאָנען ווי אַזוי ס'איז געטריבן געוואָרן פאַר דער ליכטיקער זון אַ גאַנץ פאָלק צום פינצטערן אונטערגאַנג.

„בית העם" וועט דערמאָנען אין די פאַרשטאָפּטע אויערן, פאַר־שטיינערטע הערצער און איינגעשלעפערט געוויסן, וואָס די וועלט וואָלט גערן געוואָלט פאַרגעסן — און רשעים האָבן חשק אָנצוהויבן אַזאַ בלוטיקן שניט פונדאַסניי.

מיט רעכט וועט אויפּציטערן אין „בית העם" דער צאָרן פון משפט, ס'וועט אויפשרייען מיט יאָמער, ווייטיק און צער אַ קול פונעם יידישן פאָלק און דערמאָנען די וועלט דעם בראָך וואָס ס'איז אונדז געשען.

ירושלים וועט דערמאָנען פונדאַסניי וועגן קינדער, וואָס זענען פון דער מאַמעס שויס פאַרטריבן געוואָרן און מער נישט צוריקגעקומען. ס׳זענען פאַרשניטן געוואָרן דריי מאָל אַזויפיל וויפיל ס׳איז די צאָל וואָס געפינען זיך ביים היינטיקן טאָג אין מדינת ישראל. מיט אַמאָל וועלן זיך אַ לאָז טאָן די פאַרשניטענע לעבנס, הייליקע נשמות, זיי וועלן זיך אויסשטעלן אויף די וועגן וואָס פירן קיין ירושלים, איינהערן זיך צום משפט און צום גערעכטן אורטייל, וואָס ירושלים די אייביקע שטאָט וועט דאַרפן אַרויסטראָגן.

ווען דאָס הויז וועט שוין שטיין פאַרטיק און ווען ס׳וועט קומען דער טאָג ווען מ׳וועט אָנקלאַפּן ביים איינגאַנג מזוזות, וועלן זיי פון זיך זעלבסט אויסשרייען: „שמע ישראל״!

אַ הילכיקער אָפּקלאַנג פון אַלע עקידות, און מיט אַמאָל וועלן זיך צעצינדן זעקס צעפלאַקערטע פאַקלען אין אַ זעקס רערנדיקער מנורה „זכר לחורבן הגלות״. אַ מנורה וואָס וועט דערמאָנען אין אַ טרויער־פלאַם וואָס קיין שום פאָלק האָט נאָכנישט אָנגעצונדן. אָט דער טרויעריקער צעפלאַמטער פלאַם וועט אויסשרייען זייער פאַרלאָשן נישט דערשריגן געשריי.

ניין! נישט בלויז אייכמאַנען וועט מען דאָ משפטן. נאָר דעם גאַנצן אייכמאַניזם פון אַלע צייטן און פון אַלע דורות ביזן היינטיקן טאָג.

מענטשן פון דער גאָרער וועלט וועלן פאַרבייגיין פאַרן דאָזיקן הויז, וועלן זיי זיך אָפּשטעלן און בלייבן שטיין אין אַ מינוט שטיל שווייגן און אַדורכריידן זיך מיטן אייגענעם געוויסן.

און אונדז, קינדער פונעם אויסגעשאָכטענעם פאָלק, וועט דאָס דערמאָנען, אַז מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אויף קיין מינוט און ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנען און אויסשרייען: אַזעלכעס טאָר מער קיינמאָל נישט געשען!

מיט ציטערדיקע הערצער דערוואַרטן מיר דעם אָנקומענדיקן משפט. מיר פילן שוין אין אונדזער בלוט דעם ווידער אויפגעטויכטן ווייטיק.

וואָלט די מענטשהייט ערלעך געווען און ס׳וואָלט נישט געווען קיין לעסטערונג און קיין אָפּנאַרעריי, וואָלטן אַלע גלאָקן איבער דער וועלט

געדאַרפט קלינגען: פון מאָסקווע ביז רוים, פון וואַשינגטאָן ביז לאָנדאָן, פון בערלין ביז טאָקיאָ, אויסקלינגען אין דער דאָזיקער שעה פון אויפ־ציטער און געוויין און וויינען אַזוי לאַנג ביז ס'וועלן אויסטריקענען אַלע קוואַלן פון טרערן און באַנעמען אונדזער צער און בראָך, וואָס וועט זיך אָפּשפּיגלען אין אָפּשיין פון דעם טרויעריקן משפּט, וועלכער וועט פאָר־קומען אין ירושלימער „בית העם".

1961

די ניאַניע...

ווי מיט אַ ציטעריק קינד באַגייט זיך מיט אים דער ד"ר סער־וואַציוס, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַרטיידיקער פון נאַצי־מערדער. און ער זיצט זיך אין דער גלעזערנער קאַבינע, קרומט דאָס מויל, מעלה־גרהט די זעלבע תשובות.

ד"ר סערוואַציוס דערמאָנט אים כסדר, אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען אין נאָמען פון אַן „אידעע", אויסגעפירט באַפעלן. די זאַמלונג סקעלעטן איז געמאַכט געוואָרן, כדי פעסטצושטעלן די ראַסן־נישטיקייט פון די יידן... אויף דער קאָנפערענץ אין וואַנזעע איז ער נעבעך געווען ווי פּאָנטיוס פּילאַטוס — הגם יענער האָט פרום אָפּגעוואַשן די הענט נאָך איין דערהרגעטן יידן און ער... נו, ער האָט דאָך געטראָגן הענטשקעס!

פלוצלינג ציטערט זיין פּרצוף נערוועז אויף. ער שרייבט, לייענט, שמייכלט אפילו צו די סעקרעטאַרן פון ד"ר סערוואַציוס. די איינציקע שמייכלען, וואָס איך האָב באַמערקט אויף זיין פּרצוף. דאָס שמייכלט ער מן הסתם צו יענע צייטן, ווען ער האָט צו דער זעט געגאָסן פון וויינ, וויין און — יידיש בלוט.

וואָס האָט זיין פּרצוף אויפגעציטערט? — מן־הסתם נישט גלייך אויפגעכאַפּט די ווערטער פון ד"ר סערוואַציוס, וועלכער צעקייט די ווערטער און לייגט זיי אים אַריין אין מויל אַריין, דעליקאַט, ווי אַ קליין קינד.

אַ נעבעכדיק וועזן. אַ פליגעלע וואָס האָט זיך נעבעך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון שפּינוועבס, לאָזט ד״ר סערוואַציוס נישט אַראָפּ קיין אויג פון אים, ער זאָל זיך חלילה נישט פאַרפּלאָנטערן — מיט אַ וואָרט פון אמת.

לייגט אים דער פאַרטיידיקער די ווערטער אין מויל אַריין. און ער רעדט — רעדט פאַר פייער און וואַסער. ער — דער „שטאָלצער דייטש", דער „אויבער־מענטש".

ווי ער האָט פאַרקויפט אַלטע לייט קיין טערעזיענשטאַט, פאַרקויפט טראַנספּאָרטן קינדער, טראַנספּאָרטן...

טראַנספּאָרטן דאָס איז זיין ספּעציאַליטעט. ווייל אייגנטלעך איז ער בלויז געווען אַ טראַנספּאָרט־באַאַמטער. ער טראַנספּאָרטירט פּרויען, וואָס האָבן אויסטאַטואירט אויף די ברוסטן „נור פיר אָפיצירע"; טראַנס־פּאָרטירט די קינדער פון לידיצע; טויזנטער יידישע קינדער פון פראַנק־רייך... רואיק, קאַלט, ווי אַ טראַנספּאָרט־מאַשין.

נישט בחינם האָט אים דער נאָבעלער דייטש, ד״ר גריבער, אָנגערופן „אַ שטיק אייז".

און איצט וויל צו אים וועקן רחמנות ביי די בני רחמנים אין ירושלים — דער ד״ר סערוואַציוס.

זיצט דער „קליינער אַדאָלף", ווישט די ברילן, מישט דאָקומענטן — ווי דאָס וואָלט אים עפּעס געקאָנט העלפן — און קוקט איבער די קעפּ פון ריכטער צום עמבלעם פון יידישער מלכות איבער זייערע קעפּ, ווי ער וואָלט ביי דעם עמבלעם געזוכט שוץ. ער, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פון זיין לעבן אויסצוראָטן דאָס יידישע פאָלק. דער „שטאָל־צער" דייטש שעמט זיך גאָרנישט, ווי עס מאַכט אים זיין פאַרטיידיקער אַזוי קליין, ממש אַ גאָרנישט.

דער „קליינער אַדאָלף" פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף זיין ביאָגיע. אויף דעם פּעטלייביקן, פיל־ווערטערדיקן און כיטרען פאַרטיידיקער פון באַזישע מערדער. אפשר וועט ער געפינען אַ וועג צום האַרץ פון יידישן מלוכה־עמבלעם, צום האַרץ פון די ירושלימער ריכטער.

ער זוכט אַ וועג איבער די בערג פאַרברענטע גופים פון אַשוויענט־שים, איבער די טייכן יידיש בלוט, וואָס זענען אונטער זיין אויפזיכט

פאַרגאַסן געוואָרן.

און די ניאַניע קריכט איבער די בערג, שווימט איבער די טייכן, ווי דאָס וואָלט געווען ביי איר אַ פּשוטע „לאַנדקענטניש"-עקסקורסיע...

1961

אין די טויערן פון משפּט

דורך פאַרשידענע טויערן גייט מען אַריין אין ירושלימער „בית העם". אַ גאַנג פון אבלים — וואָס זענען דאָרט געווען און נישט געווען.

שעהן זיצן מענטשן און הערן — אָפּטמאָל וועגן זאַכן, וואָס דאָס מענטשלעכע אויער האָט ביז איצט נישט געהערט. וועגן משונהדיקע מילן, וואָס האָבן צעמאָלן מענטשלעכע לעבנס.

פון צייט צו צייט הייבט „ער" אויף זיינע אויגן. די אויגן פון רעזשיסער, וועלכער האָט צוגעגרייט פאַר דער וועלט דאָס שרעקלעכסטע גיהינום-בילד פון אונדזער פאַרהפקרטער וועלט.

אַ סך עדות רעדן דייטש. די שפּראַך פון געטע, שילער און היינע. און „ער" שרייבט — אויך אין דער דאָזיקער שפּראַך. מיט דייטשער פּינקטלעכקייט זיצט ער אין זיין טונקעלן אַנצוג, מיטן קראַוואַט אויסגעבונדן אונטערן ווייסן קאָלנער פון העמד — אַן אויסגעפּוצטער תלין. שיקט קוויטלעך צום פאַרטיידיקער; דער שווערער, אַנגעגאָסענער ד"ר סערוואַציוס לייענט זיי און אַ נערוועזיטעט צעגיסט זיך אָפּטמאָל אויף זיין פעט פּנים.

עס דויערט שוין חדשים. אַ ים פון דאָקומענטן שווימט אַרויף אויפן ריכטער-טיש — רעגיסטרירט, נומערירט. איבער טויזנט דאָקומענטן. און יעדער איז אַ ריס אין אונדזער לעבעדיק פליש, אַ וווּנד אין דער נשמה. יעדער דאָקומענט איז אַ טשוואָק, מיט וועלכן מען האָט געקרייציקט מיליאָנען פון אונדזער פאָלק.

פון דעם נייעם, שיינעם הויז — ווען דער משפּט וועט שוין לאַנג זיין פאַרביי — וועט זיך נאָך טראָגן דאָס געשריי פון מיליאָנען עדות, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו באַטרעטן די שוועל פון דעם הויז.

און „ער" — דער טויט־פאַבריקאַנט — שרייבט. פאַרשרייבט די אויפטועץ פון די נאַבעלע גערמאַנער, באַווייזט כסדר מן־הסתם, אַז ס׳זענען געווען נאָך ערגערע פון אים...

און ווען די טויערן פון בית־העם מאַכן זיך אויף און דער עולם שפּאַרט אַרויס — מיט קלאַפּנדיקע הערצער און געשוואָלענע אויגן — אויף דער פרישער ירושלימער לופט, ווילט זיך גאַרנישט גלויבן, אַז דאָס אַלץ האָט דאָך פּאַסירט מיט אונדז, מיט אונדזערע נאָענטסטע; אַז אונדזער טרויער־טראַט קלאַפּט אויף ירושלימער יידישער ערד — צו להכעיס די טיזולאַנישע פּלענער און מעשים פון די אייכמאַנס.

אין די פּראָטאָקאָלן ווערט אַלץ פאַרצייכנט — וואָרט ביי וואָרט. פון די פּראָטאָקאָלן וועלן אויסוואַקסן אונדזערע ריזיקע מאָדערנע קינות. די ווערטער, וואָס זענען אין דעם הויז געהערט געוואָרן, וועלן בלייבן ווי עדות אויף דור דורות.

אין דעמזעלבן הויז וועלן קומען מן־הסתם מענטשן אויף פריילעכע צוזאַמענטרעפן, אויף פאַרוויילונגען. דאָס הויז וועט רוישן מיט לעבן און שאַפן. דאָך וועט דאָ שטענדיק בלייבן הענגען ווי אַ שאָטן די תקופה פון משפּט; ס׳וועלן זיך שטענדיק הערן די גרויל־דערציילונגען ווי אַ יזכור נאָך אונדזער אויסגעקוילעטע פאָלק — אין די טויערן פון ירושלימער בית־עם.

1961

דער פּסק־דין

אַ גאַנצן טאָג הערן זיך שטימען אין „בית העם", וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ געריכט־זאַל. עס קאַפּעט אַ דראַבנער רעגן. פון די ירושלימער בערג בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, ס׳ציטערן די ביימלעך און אַ פראָסטיקע קאַלטקייט נעמט אַרום דעם מענטשן.

ירושלים האָט זיך נאָכנישט אויסגעטאָן פון דער חנוכה־פרייד און אין האַרצן טויכט אויף אַן אומעט. ווידער ווערט דער קאָפּ פאַרוועבט מיט דערינערונגען. מען שפּיצט אָן די אויערן בכדי אויפצונעמען דאָס

וואָגיקע וואָרט פונעם שופט. ווידער רעדן אַרויס מיליאָנען פון זיין מויל, ווידער ווערן די נערוון אָנגעצויגן ביזן העכסטן גראַד. פאַר די אויגן שוועבט פונסניי דער וויסטער קאָשמאַר, פון וועלכן דו קאָנסט זיך נישט באַפרייען.

די ווייזערס פון זייגער באַוועגן זיך, קוקסט זיך אַרום אין זאַל, דיינע בליקן פאַלן אויפן עמבלעם פון מדינת ישראל, ווי די מנורה וואָלט זיך פּלוצים צעצונדן. נישט ווילנדיק הויבן דיינע ליפּן אָן צו ציטערן, בעת דו כאַפּסט אַ בליק אויף דער שטייג, ווו עס געפינט זיך דער פינצ־טערער כח, וואָס קיין שום מגיפה אין דער וועלט האָט נישט באַוויזן אויסצורייסן אַזויפיל מענטשלעכע לעבנס ווי ער, די צוגעגלעטע חיה אין מענטשלעכער געשטאַלט.

דיינע אויערן נעמען ווידער אויף די גרויליקייטן, וועגן וועלכע מיר הערן נישט אויף טראַכטן אין שלאָפלאָזע נעכט.

זיצט אַ ריכטער אין דער פרייער מדינת ישראל און וועבט צונויף אַ פאָדעם צו אַ פאָדעם, זאַמלט אַ טרער נאָך אַ טרער. מיר קאָנען פון די אויפגעלעבטע געשטאַלטן נישט אַנטרינען. זיי קומען צו אונדז מיט דער לעצטער פאַרגליווערטער טרער אין זייערע אויגן מיט אַן עקשנות־דיקן „שמע־ישראל״ אויף זייערע פאַרברענטע ליפּן פון דאַרשט און פייער. גליווערט אונדזער בלוט אין די אָדערן, ווען מיר פילן אַזוי באַוונט די ליבע געשטאַלטן אונדזערע.

מיט שפּאַנונג וואַרטן מיר אויפן גזר־דין, וועלכער וועט אויך זיין אַ גזר־דין איבער די, וואָס פאַרבאַהאַלטן זיך; איבער די, וואָס טרוימען בייע היטלער־חלומות.

1961

דער לייכטער

אויף אלנבי אין תל־אביב — אַן אויסשטעלונג פון פאָטאָגראַפיעס, וואָס ברענגען דיר אַ גרוס פון נייעם פּוילן.
זוכסטו עפּעס צווישן די בילדער דיינס, באַוונטס. זעסט: ס׳בויען

זיך ריזיקע הייזער, ס׳שניידן זיך אַרויס גאַסן און אַלעען. וואַרשע זעט אויס ניי און שיין. טראָגסט זיך ווידער אַריבער צו די לאַזשיענקעס, דערמאָנסט זיך די דענקמעלער פון קאָפּערניק און שאָפּען.

און אָט איז זאַקאָפּאַנע. דער מאַיעסטעטישער „געוואָנט". מיר דוכט זיך, אַז איך הער נאָך דעם אָפּהילך פון מיין קול, פון דער פרייד, וואָס האָט פון מיר אַרויסגעשריגן, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געקלעטערט אויפן באַרג. דער באַרג איז איינגעהילט אין ווייסן; יוגנט גליטשט זיך אויף נאַרטן. אַמאָל האָט זיך דאָ אַזוי געגליטשט יידישע יוגנט. מאַסן יוגנטלעכע, ביז זיי האָבן זיך אויסגעגליטשט.

פלוצים גיט מיר אַ שיין פאַר די אויגן אַ בילד: אַ זאַמלער שענקט אַוועק עקספּאָנאַטן פאַרן פוילישן נאַציאָנאַלן מוזיי. צווישן די עקספּאָנאַטן — אַ לייכטער, אַ זילבערנער שבת־לייכטער.

אַמאָל האָט ער באַצירט אַ שבתדיקן טיש פון אַן איינגעוואָרצלטער יידישער משפחה. ער פלעגט אויפגיין מיט אַ לעבעדיק פלעמל, מן־הסתם — צווישן אַנדערע לייכטערס, לכל־הפחות — נאָך איינעם.

איצט שטייט דער איינזאַמער אויסגעלאָשענער לייכטער, ווי אַ יתום. אַן אויסגעגאַנגענער נר־תמיד.

איך רייס זיך אָפּ פון די בילדער און לאָז זיך גיין איבער דער העל־באַלויכטענער אלנבי גאַס. ס׳איז ערב פורים. פון אומעטום שיינען אַראָפּ פלאַקאַטן, וואָס זאָגן אָן פורים־פאַרוויילונגען.

און מיר גייט נאָך דער לייכטער. דער יידישער לייכטער, וואָס האָט דורות באַלויכטן, ביי אונדז לייכט ער אָן אויפהער. באַלייכט שמחות, פריידיקע שבתים און יום־טובים. דאָרט איז ער געוואָרן בלויז אַ מוזיי־עקספּאָנאַט. מיר דוכט זיך, אַז איך הער אַ ביטער געוויין פון מוזיי אַרויס — דאָס געוויין פון אויסגעלאָשענעם יידישן לייכטער.

1963

יאָסל חריף

שניי אין די בערג

שטענדיק ציט מיך צו דער בילדער־אויסשטעלונג ביי דער פוילישער אַמבאַסאַדע אויף אלנבי גאַס אין תל־אביב. דאָס דערפרייט מען אייך דאָס האַרץ מיט דער אויסשטעלונג ווי אַלץ אַנטוויקלט זיך אינעם נייעם פוילן, וווּ ס׳איז געשטאַנען אייער וויגל...

די הערלעכע פוילישע לאַנדשאַפטן לעבן נאָך אין אונדז. מיר האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די שיינקייטן. דאָס איז אַ טיף נשמה געפיל, וואָס מ׳קאָן נישט פאַרגעסן.

די בילדער טראָגן אונדז נאָכאַמאָל אונטער די טאָלן און טייכן, און ס׳דוכט, אַז עס הערט זיך נאָך דאָרט אַן עכאָ פון דיינס אַ ליד, וואָס דו האָסט דאָרט אַמאָל אויסגעזונגען.

און אָט שטייט אַ פּאָרל אַנגעטאָן אין זאַקאָפּאַנער פּעלצלעך, וואָס ווערן דאָרט איצט פּראָדוצירט אויף עקספּאָרט. דאָס מיידל האָט אַ טיפּיש יידישן בליק, טיפע טונקעלע אויגן און אפשר? מיינס אַ קרובה האָט דאָך אויך אָוועקגעגעבן אירס אַ מיידעלע צו אַ באַקאַנטער קריסטין. די מאַמע זוכט ביז אויף היינטיקן טאָג איר קינד... אפשר איז עס גאָר דאָס מיידל? מיר דוכט זיך עפּעס אויס, אַז אַ סוד איז פאַרבאָהאַלטן אין אירע אויגן, און דער סוד איז צוגעפּרושעט מיט ווייסינקן פוכיקן שניי...

אונדזערע שונאים זאָגן, אַז דאָ ווו מיר געפינען זיך היינט, זענען מיר פרעמדע — פשוט זיך אַריינגעריסן... מאָדנע — און פון דאָרט זענען מיר אויסגעריסן געוואָרן...

אָט זעט זיך אַ פּרוכטן־קלייטל אין זאַקאָפּאַנע, אין אַ הילצערנער געביידע פון זאַקאָפּאַנער סטיל! איך זוך אויף דעם בילד דעם שוחט׳ס שיינע טעכטער, וואָס דאָס קלייטל האָט צו זיי געהערט.

דער שוחט, מיט זיינע שיינער בלאָנדער באָרד אין פלושענעם הוט, פלעגט זיי קומען העלפן פון צייט צו צייט אין הויך־סעזאָן ווינטער־צייט, ער האָט גערעדט אַזאַ פיינעם פויליש ווי זיינע גראַטענע טעכטער, און איצט ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער שוחט ליגט אַ געשאָכטענער אונטער דעם ווייסן שניי. — אַ שאָטן וואָס זעט זיך אויפן שניי זעט אויס ווי אַן

אויסגעשטרעקטע האַנט, אפשר זיין האַנט וואָס בעט זיך: ברענג מיך כאָטש צו קבר ישראל...

אין זאַקאָפּאַנע איז אַ שניי אַראָפּגעפאַלן — אַ טיפער שניי, וואָס האָט אַלץ צוגעדעקט און מיך וואַרעמט דאָ אַ פעברואַר־זון. און דאָך איז אַ ציטער אַריבער מיין גוף, ס׳איז מיר פּלוצים קאַלט געוואָרן.

אין פּיל דעם פּוילישן שניי, וואָס גלאַנצט ווי מיין פאַרהאַלטענע טרער אויף מיינע וויעס...

יאָ, אַ שניי איז אַראָפּגעפאַלן, אין די זאַקאָפּאַנער בערג, און אַלץ — אַלץ צוגעדעקט. וואָס איז ער נעבעך שולדיק דער שניי?

גיי און האַלט אַ דין־תורה מיטן שניי...

1965

אָט איז אַ מענטש!

זי הייסט מאַריאַ סאַוויצקאַ, איינע פון די „חסידי אומות העולם״. אַ פּוילישע טאָכטער, אַ פּשוטער מענטש מיט מענטשן־גלייך. אָבער אַ מענטש, וואָס האָט באַוויזן אָפּצוהיטן איר מענטשלעכקייט אין די שרעקלעכסטע חיהשע צייטן.

שווער, גאָר שווער איז געווען אין יענער תקופה צו פאַרבלייבן אַ מענטש...

שטייט זי איצט, מאַריאַ סאַוויצקאַ, אין איר פּשוטער מענטשלעכער פּראַכט, אויפן הר הזכרון, אין יד־ושם אין ירושלים. דער ריכטער פון העכסטן געריכט, וואָס האָט געמשפּט אייכמאַנען, ד״ר לאַנדוי, באַגריסט די פרוי. ער רעדט וועגן דער באַדייטונג פון הילף אין אַ מענטשלעכער בויט, וועגן דער גרויסמוטיקייט פון די חסידי אומות העולם. זי באַקומט מעדאַלן — פאַר זיך, פאַר איר קראַנקער שוועסטער און פאַר דער שוועסטערס זון, וועלכער איז געפאַלן טראַגנדיק הילף פאַר די יידן אין געטאָ.

אין דער גאַנצער פייערלעכקייט, וואָס רינגלט זי אַרום, ווייזט מאַריאַ סאַוויצקאַ ווידער אַרויס איר פּשטות. זי פילט זיך גוט מיט דער חברה, מיט וועלכער זי האָט צוזאַמען מיטגעמאַכט די קאַמפן.

אין דערציילונג אירע האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון: זי גייט מיט „סטעפּאַנען" אין שליחות אין אַ דאָרף און זיי דערזעען פּלוצלינג דייטשן. „סטעפּאַן" איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ דאַך און זי איז אַריינגעקראָכן אין אַ דערנעבנדיקער ליידיקער הינטישער בודע. כדי צו באַרואיקן איר אויפרעגונג, האָט זי גענאָגט אַ צוקערל. צו דער בודע איז צוגעקומען אַ דייטש און אַריינגעשטעקט פון אויבן זיין רעוואָל־ווער, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרדעכטיקט. זי האַלט איין דעם אָטעם, ווייל איר אייגענער אָטעם קאָן זי אויך פאַראַטן. עס אַרט זי נישט אין דעם אויגנבליק, אַז דער דייטש וועט באַפעלן „הערויס" און וועט זי דערשיסן. ס'פאַרדריסט זי בלויז, וואָס אין דעם פאַל וועט זי מוזן קריכן אויף אַלע פיר און עס באַליידיקט זי דער געדאַנק, אַז זי וועט מוזן פויזען אויף אַלע פיר פאַרן מגוולדיקן דייטש. דווקא דאַן, אינעם אנבליק פון טויט, האָט זיך אין איר נאָך שטאַרקער דערוועקט דאָס געפיל פון מענטשלעכן שטאָלץ.

ווען זי איז ניצול געוואָרן האָט זי שוין ווייטער רואיק געשפּאַנט צו נייע העלדישע מעשים. ווייל אַז מען איז אַ מענטש, פילט מען די נויטווענדיקייט אויך צו העלפן מענטשן.

אַזאַ איז מאַריאַ סאַוויצקאַ.

1965

דייטשע אַרכעאָלאָגן

דייטשע אַרכעאָלאָגן פירן דורך אויסגראָבונגען אין עבר־הירדן. די באַשעפער פונעם בלוטיקסטן מבול פאָרשן אפשר די געשיכטע פון ביבלישן מבול. די בויער פון גאַז־קאַמערן — זוכן עפּעס אין די אור־אַלטע קאַלך־אויוונס...

דרייען זיך איצט אַרום טעוטאָנישע געלערנטע, ווי פרומע קעץ אַרום סמעטענע, אַרום אונדזערע גרענעצן — און פאָרשן. מיט אַ מינע פון לעמעלעך, פאָרשן זיי די תנ"ך־מקורות. מאַכן אויסגראָבונגען, פאָר־שונגען. צי זוכן זיי אפשר די שפּורן פון עמלק?

אַוודאי לעבן מיר היינט אין אַ תקופה, ווען מ׳קאָן — אַדאַנק טעכניק — דערגראָבן זיך צו די סודות פון עבר. אָבער איך האָב מורא, אַז נישט געקוקט אויף דעם פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט, וועלן מיר נאָך מוזן אַ סך יאָרן — אפשר טויזנטער יאָרן — גראָבן זיך אין דער נייסטער געשיכטע, כדי זיך צו דערגראָבן צום סוד, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען, אַז די דייטשן זאָלן אין אַזאַ קורצער תקופה פון געציילטע יאָרן — אַזאַ וועלט מיט לעבנס באַגראָבן, פאַרברענען, פאַרטיליקן.

און אַוודאי וועט מען אין ערגעץ נישט קאָנען געפינען קיין געלערנטן, וואָס זאָל אָפּזוכן ווו עס געפינט זיך דאָס באַגראָבענע דייטשע געוויסן.

מיין פריינד זאָגט, אַז דייטשן זענען פּינקטלעכע געלערנטע, אַנטדעקער, וועלן זיי אַ סך נייעס אַנטדעקן צו דער תנ״ך־געשיכטע.

אָבער די זינד, די פאַרברעכנס, וואָס זייער פאָלק האָט געטאָן קעגן דעם פאָלק פון תנ״ך — צו דעם, ווייזט אויס, וועלן זיי זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט דערגראָבן!

1965

אַ טעריטאָריע אָך און וויי

אין דאַכאו.

כ׳האָב זיך פאַרקליבן אַהין אין אַ טריבן פרימאָרגן. די שטילקייט האָט געדריקט אויפן האַרצן מיט די טריט פון אַן אבל. די שיך האָבן אָפּגעהילכט אויף זויבער־געפּלעגטע שטעגן.

אומעטום שטויסטו זיך אויף עפּעס אָן.

אַ מאָדנע דיסאָנאַנס צווישן מינכען און דאַכאַו!

...אַ שיין שטעטעלע, געמיטלעכע איינוווינער, און דאָ האָבן זיך געפונען די פאַבריקן פון טויט, מאָרד, פאַרניכטונג.

אימיצער האָט דאָ אויסגעצאַצקעט אַ מצבה. נאָך אַ פאָלק, וואָס

היטלער האָט עס פאַרפּייניקט, ווי די יידן. אויף דער מצבה זענען אויס־געקריצט די ווערטער:

„דאָ רוט דאָס אש פון ציגיינער".

כאָטש נאָכן טויט פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַ טעריטאָריע אין דעם מאָרד־קעניגרייך דאַכאַו.

1966

אַ מאַמעס בליק

כמעט מיט אַ יובל צוריק האָב איך זי געזען צום לעצטן מאָל. מיין מאַמעס אויגן. אויף דער שוועל פון אונדזער שטוב איז די מאַמע געשטאַנען, נישט געוויינט. „וואָס דאַרף מען וויינען, אַז מען פאָרט אַהיים?" — האָט זי געזאָגט. זי האָט מיך בלויז געגלעט מיט איר בליק.

דער בליק האָט מיך דאַן באַגלייט אין די שווערקייטן פון דער בסיעה אַהער, אין לאַנד אַריין. ער גייט מיר נאָך אַ לעבעדיקער ביז היינט.

צו ראש השנה פלעג איך איר שיקן לשנה טובה־קאַרטן. אַ נאָענטער מענטש האָט מיר דערלאַנגט ערב ראש השנה אַ פאָטאָגראַפיע: מיין מאַמעס בילד. דער זעלבער סאַמעטענער בליק, פול צער און האָפענונג. אַלץ לייען איך אַרויס פון איר בליק: אַלע מיינע צרות און אַלע גרוילן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. און דער בליק מאָנט: שיק מיר אַ לשנה טובה...

וווהין זאָל איך שיקן, אַז איר הייליק אַש האָט נישט קיין אַדרעס, קיין מצבה איז נישטאָ נאָך איר?

זאָג איך איצט צו דער אָפּגעפונענער פאָטאָגראַפיע, צו די צאַרטע מאַמישע בליקן: לשנה טובה...

1965

מצות און מרור

פסח אין ברענענדיקן געטאָ

באַגעגנט האָב איך ר׳ משה׳ן ביי אַ בוי־אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעפירט. זיין הדרת־פּנים האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, גאָר גאָר אַ יונגער מאַן. זיין ברוינלעכע ברייטע באָרד מאַכט אים פיל עלטער, ווי ער איז. אַ גרויער הוט דעקט צו זיין קאָפּ, וואָס אַמאָל איז ער געווען פאַרדעקט מיט אַ שוואַרץ טוכן קאַשקעטל, נוסח וואַרשע.

איך האָב אים געפרעגט, ווי קומט דאָס אַזאַ חסידישער יונגערמאַן צום מויערער־פאַך, ווו ער האָט שוין באַוויזן צו ווערן לייטער אין דער אָפּטיילונג פאַר עפנטלעכע אַרבעטן אין אַרבעטס־מיניסטעריום.

אַ לייכט פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע גרויע אויגן, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט. אַרבעטן האָב איך אָנגעהויבן — האָט ער מיר געזאָגט — אין וואַרשעווער געטאָ, זייענדיק צוועלף יאָר אַלט, ווען די נאַציס זענען אַריין קיין וואַרשע. געאַרבעט ביי זיי כל מיני אַרבעטן און אויך ביים בוי. און אַזוי פון וואָרט צו וואָרט האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זיינע איבערלעבונגען.

אַגב דערציילט ער מיר אַ פּאָר עפּיזאָדן פון די קינדער־יאָרן, ווען ער פלעגט מיטפאָרן מיט זיין טאַטן צום קאָזשעניצער רבין, וואָס האָט געוווינט אין אָטוואָצק. באַזונדערס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון — איז ער ממשיך — די חתונה און די שבע ברכות פון מיין עלטסטער שוועסטער, אויף וועלכער עס איז אויך געווען דער רבי.

אין דער וואָך פון מיין שוועסטערס חתונה איז דער רבי איינגע־שטאַנען אין וואַרשע אויף נאַלעווקעס 45 און איך האָב זיך געשפּילט אויפן הויף מיט אַ כאַפּטע יינגלעך, קינדער, וואָס זענען געקומען אויס נייגע־ריקייט זען דעם רבין פון דער נאָענט. אַ סך חסידים און סתם נייגעריקע האָבן זיך געשטופּט. פּלוצים האָט דער רבי זיך געפרעגט אויף מיין טאַטן. מען האָט דעם רבין געזאָגט, אַז מיין טאַטע איז שטאַרק פאַרנומען, מחמת ער מאַכט חתונה אַ טאָכטער, נאָר איך, זיין זון משה׳לע, געפינט זיך דאָ

אויפֿן הויף. דער רבי האָט געהייסן גלייך מיך רופֿן. די חסידים האָבן מיך אונטערגעהויבן און דער רבי האָט מיך געפֿרעגט, צי איך בין טאַקע אפֿרים אַביגדור׳ס זון. איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. דאַן גיט ער מיר אַ זאָג: „הער זיך איין משהלע, זאָג דעם טאַטן, אַז דער רבי האָט געהייסן נעמען צו דער חתונה פּיוועלע בדחן, יידן זאָלן פֿריילעך זיין, הערסט משהלע, פֿריילעך זאָלן יידן זיין״.

פּיוועלע בדחן איז געווען אַ ייד אַן אביון, ווי מען זאָגט, אַ פּריי־לעכער קבצן. דער עולם האָט זיך געקייקלט פֿון געלעכטער פֿון זיין בדחנות, פֿון זיינע געטאָקטע גראַמען און גלייכווערטלעך. פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז ער האָט בגנבה אַ וויש געגעבן מיטן אַרבל אַ טרער פֿון אויג וואָס איז געפֿאַלן איבער זיין באַק. מיט איין וואָרט, אַ ייד אַ געדריקטער, מיט קינדערלעך עלף. און וווּנדער האָט מען איבערגעגעבן וועגן זיין הומאָר און חסידישער אויפֿגערוימטקייט. אָט, למשל, פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער אייבערשטער האָט צוגעשיקט אַ גוטן טאָג און ער האָט פֿאַרדינט אַ פּאָר קערבלעך, האָט ער אַן אויפֿגעהייטערטער אַהיימגעבראַכט אַ ביסל שפּייז, אַ פּאָר פֿונט קאַרטאָפֿל, אַ פֿריש ברייטל און „זיין עזר שכנגד״ האָט באַלד צוגעשטעלט קאָכן די שפּייז און דער אויוון האָט אַזש געקרעכצט פֿון הנאה. די קינדערלעך האָבן געגלאָצט מיט גיריקע אייגעלעך און ער, ר׳ פּיווקע, פֿלעגט זיי רופֿן צום עסן, פֿאַטשנדיק מיט די הענט טשיפּ... טשיפּ... טשיפּ... אַזוי ווי מען רופֿט צונויף הינדעלעך. און אַזוי האָבן זיי זיך טאַקע אַ לאָז געטאָן צו די שיסעלעך עסן ווי אויסגעהונגערטע עופֿהלעך...

אָט דעם דאָזיקן פֿריילעכן בדחן, וואָס האָט אויפֿגעהייטערט יידישע שמחות און אין זיינע לצנות איז זיכער געווען אַ ניצוץ פֿון קדושה, דער פּיוועלע, וואָס האָט געטראָגן זיין אביונישקייט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אָפּטמאָל אָפּגעווישט אַ פֿאַרבאָרגענע טרער, דעם זעלבן פּיוועלע האָבן נאַציס אָוועקגעשאָכטן אין פּאָוויאַק. דערשטיקט דאָס יידישע געלעכטער, דעם פֿריילעך־חסידישן ניגון, איבערגעריסן דעם פֿאָדעם פֿון זמר, וואָס איך געדענק פֿון מיינע קינדער־יאָרן. ווער עס האָט נישט געזען טאַנצן פּיוועלע בדחן אויף דעם רבינס טיש, דער האָט אין זיין לעבן קיין שמחה נישט געזען. אַזוי איז ער פֿאַרבליבן פֿאַר מיינע

אויגן ביז צום היינטיקן טאָג, אַ זינגענדיקער, אַ טאַנצנדיקער, אַן אויס־געהונגערטער ייד...

פון די ערשטע באָמבעס, וואָס די נאַציס האָבן געוואָרפן אויף וואַרשע, איז מיין מוטער אומגעקומען. דער טאַטע איז דערנאָך אַ שווער־גנדיקער און אַ קראַנקער אַ גאַנצן ווינטער געלעגן אין שטוב. איך און מיין ברודער זענען מיר געוואָרן מעטאַל־גיסער, געאַרבעט ביי די דייטשן, אָפטמאָל ביז טיף אין דער נאַכט.

אַ שטיק צייט נאָך די „אַקציעס" האָבן מיר נאָך געאַרבעט. און צו שמעלצן איז געווען געצייג: מנורות, שבת־לייכטערס, זשיראַנדאָלן. אַט די דאָזיקע שבתדיקע לייכטערס, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט טרערן און ברכות פון דורות, טרערן פון אונדזערע מאַמעס זענען איצטער אין פייער צעטריפט געוואָרן.

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז אַן אויפזעער האָט זיך פאַרקוקט אין אַ זייט, האָבן מיר אויסגענוצט די רגע און געפינענדיק בעסערע חפצים האָבן מיר זיי צעפּיצלט, באַהאַלטן, אַז זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין זייערע טרפהנע לאַפּעס.

ביי דער יאַנואַר־סעלעקציע 1943, דריי חדשים פאַרן געטאָ־אויפ־שטאַנד, זענען מיר געווען זיכער, אַז אונדז, די אַרבעטנדיקע, וועט מען נישט טשעפּן. און דאָך, אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט מען אונדז אַוועק־געשלעפּט אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ. פון דער פאַבריק, ווו מיר האָבן געאַרבעט, זענען געקומען אונדז „באַפרייען" די, וועלכע האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייערע אומזיסטע קנעכט. עס איז אַוועק אַ גע־ראַנגל צווישן די עס־עס און דער ווערמאַכט, אָבער ליידער האָט עס גאָרנישט געהאָלפן. דער טאַטע האָט גענומען לויפן, מען האָט אים אָבער געכאַפּט. מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן. מיין עלטערער ברודער האָט געהאַט אַ מעטאַל־זעגעלע, האָט ער אויפגעזעגט אַ קראַטע פון וואַגאָן־פענצטערל און איז אַרויסגעשפּרונגען. ער איז אַזוי אַרום אָנגעקומען קיין ראַדזימין און פון דאָרט צוריק אין וואַרשעווער געטאָ.

עס איז פאַר פסח און זיצנדיק אין בונקער האָב איך געהערט, אַז אויף מוראַנאָווסקע גאַס קען מען באַקומען מצות. בין איך אַוועק אויף

מוראַנאָווסקע זיך פאַרזאָרגן מיט אַ פּאָר מצות. אַן אַלטיטשקער ייד האָט זיך געבעטן ביי מיר, איך זאָל אים פאַר די לעצטע גראָשנס קויפן אַ האַלבן קילאָ מצות און מיר איז עס געלונגען צו ברענגען דעם טייערן אוצר פאַר מיר און פאַר אים. אונדזער בונקער האָט זיך געפונען אונטער אַ פערד־שטאַל און די פערד האָבן ממש פאַרוואַנדלט דעם בונקער אין אַ שטאַל.

פּונקט ערב פּסח האָבן די דייטשן באַזייטיקט די פערד און אַריינגעלאָזט גאַז אין בונקער. צווישן עולם איז אַנטשטאַנען אַ מהומה, איינער האָט זיך אַרויסגעריסן און איז מער נישט צוריקגעקומען. אויך איך האָב זיך געלאָזט לויפן און די מצות געלאָזט אין בונקער...

אַ וואַרעמער פרילינגס־טאָג אין דרויסן. אַ העלע זון האָט ערב־פּסחדיק געוואַרעמט. איך בין געלאָפן און געטראַכט וועגן די מצות, וואָס זענען פאַריתומטע און פאַרגאַזטע געבליבן אין בונקער. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ קעלט און אין דער נאַכט, אַ צעבראָכענער, אַ מידער, אַ הונגעריקער, אַן איינזאַמער ווי אַ געיאָגטער דורך ווילדע חיות, בין איך אָנגעקומען אויף שמאָלע מילע. איך בין געלאָפן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, ווו די פיס האָבן נאָר געטראָגן. איך בין אַריין אין אַ הויז, געלאָזט זיך איבער די טרעפּ און האָב דערפילט, אַז עמעצער לויפט מיר נאָך. כ׳האָב דערפילט אַז דער סוף דערנעענטערט זיך. און אָט כאַפּט מיך אָן אַ האַנט. פאַר מיינע צעשראָקענע אויגן האָט זיך באַוויזן מיין חבר פון בונקער.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ דירה אויף אַ הויכן שטאָק און געזאָגט צו מיר: זיי וויסן, דאָ איז פאַראַן אַ בונקער. אָט שטייען מיר פאַר אַ באַק־אויוון, ווו ער האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל און מיר האָבן זיך אַדורכגעגליטשט אין אַ צימער און כ׳האָב דערזען פאַר מיינע אויגן אַ שטוב אַ פולע מיט פרויען און קינדער און אויך עטלעכע מענער. אַזוי האָב איך מיך דערשלעפּט צום בונקער אין סאַמע ערב־פּסח. אַ פרוי האָט דאָ, מעשה באַלעבאָסטע איבער דער שפּייז, פאַרטיילט די יום־טובדיקע מאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ סוכאַרקע. טיילנדיק האָט זי אויך מיר דערלאַנגט, דעם נייעם שכן, אַזוי צו זאָגן. איך האָב איר

געדאַנקט און געזאָגט, אין דער פסח־נאַכט וועל איך קיין חמץ נישט עסן. אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט שטוינונג און איך האָב אין דעם מאָמענט דערפילט, אין אַט־אָ דער שטילקייט, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אַרום מיר, ווי אַלע ווייגעשרייען שרייען אַרויס פון מיר און פון אַלע, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט.

צומאָרגנס פאַרנאַכט האָט זיך אַריינגעריסן אַ חשד, אַז דער בונקער איז אין געפאַר. איך האָב פאָרגעשלאָגן, מען זאָל זיך איבערטראָגן אין דעם בונקער, פונוואַנען איך בין געקומען.

אַ מבול מיט פייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן געטאָ. דאָס געטאָ האָט געברענט. אַ טייל מענטשן האָבן אָנגענומען מיין פאָרשלאָג, אַזוי זענען מיר אין באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע שומרים צוריקגעלאָפן צום פריערדיקן בונקער. מיר האָבן זיך דערנענטערט און צוזאַמען מיט נאָך צוויי אַנדערע געפּרוווט אַריינגיין אין בונקער. פלוצים האָב איך דערפילט דעם שרעקלעכן דרוק פון גאַז און כ׳האָב געשריגן, אַז מען זאָל אונדז צוריקציען, ווייל מיר ווערן דערשטיקט.

איך האָב געפּרוווט אַריינגיין דורכן צווייטן געהיימען אַריינגאַנג, אויך דאָרט איז געווען דאָס זעלבע. איך האָב בלויז באַוויזן צו כאַפּן אַ בליק אויף מיינע געוועזענע שכנים, זיי זענען אַלע געשלאָפן אין אַן אייביקן שלאָף. פאַרשפּאָרט די נאַציס הוצאות אויף איבערצופירן די קרבנות אין די גאַזקאַמערן, זיי זענען פאַרגאַזט געוואָרן אין וואַרשע, אין דער היים...

אין אָנבליק פון דעם שוידערלעכן פסח האָב איך זיך געפרעגט, איך האָב געפרעגט מיינע זעכצן יאָר, ווי אַלט איך בין: מה נשתנה? ווי קומען מיר אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צוריק אין געטאָ? מיט שרעק אין האַרצן האָב איך זיך געלאָזט לויפן אָן תכלית. די זעלבע גאַסן און די וועגן זענען מיר אַזוי אומבאַקאַנט געווען. אָט זענען די ברענענדיקע באַלעווקעס, וווּ איך פלעג זיך אַלס קינד שפּילן. דאַכט זיך, אַז מיינע קינדערישע יאָרן ברענען צוזאַמען מיט די יידישע גאַסן און יידישע היימען. די לבנה האָט בראַנדיק, צונטער רויט, געגאַפט פון הימל און זי איז געלאָפן איבער די חורבות.

פּלוצים האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ברענענדיקער חורבה, ווו אַ פרוי האָט מיט אירע לעצטע כוחות אונטערגעהאַלטן איר זון, וואָס איז פאַרווונדעט געוואָרן אין קאַמף פּנים־אל־פּנים מיט די נאַצישע בעסטיעס. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מיר און מיט טרערן געבעטן הילף, איר העלפן טראָגן איר גוססדיקן זון, ראַטעווען אים פון אַ זיכערן טויט. אָט איז אונטערגעקומען נאָך אַ בחור און מיר האָבןביידע, מיט אונדזערע לעצטע כוחות, געטראָגן דעם פאַרווונדעטן, פעסט־געבויטן בחור און ממש דורך ברענענדיקע פייערצונגען דערשלעפּט צו אַ בונקער אויף זאַמענהאָף־גאַס, וועלכן די פרוי האָט אונדז אָנגעוויזן.

דאָרט האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף פינף בחורים אין מיין עלטער און מיר האָבן צוזאַמען אָפּגעמאַכט, אַז יעדע נאַכט וועלן אַרויס־גיין צוויי אַנדערע זוכן שפּייז פאַר אַלעמען. די מאַמע פון פאַרווונדעטן בחור האָט מיר יעדן טאָג געגעבן צוויי שטיקלעך צוקער און דאָס איז געווען מיין איינציקע שפּייז אין די פסח־טעג, ווייל כ׳האָב זיך נישט געוואָלט צורירן צו חמץ.

מוצאי יום־טוב איז מיר אויסגעקומען גיין זוכן שפּייז. אַ טונקעלע נאַכט האָט איינגעהילט דאָס געטאָ. דאָ און דאָרט האָבן געוויכערט נישט דערברענטע יידישע הייזער, געלאָשן זיך און ווידער אויפגעפלאַמט ווי צאַנקנדיקע לעבנס.

גייענדיק אָן אַ ציל און אַ צוועק, מיט פאַרגליווערטער שרעק אין האַרצן, נאָך אויסגעפּאַסטע פּסח־טעג, בין איך געקומען צו קופּיעצקע גאַס און צופעליק זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ליידיקן בונקער. צווישן אַלע צעוואָרפענע חפצים, צעשמעטערטע כלים, האָב איך געפונען, פאַרלאָזטע פון די פריערדיקע איינוווינער, אויך עטלעכע מצות.

איך האָב זיך אָװעקגעזעצט, געמאַכט אַזוי שטיל ווי נאָר מעגלעך, כאָטש עס איז שוין געווען מוצאי־פּסח, אַ ברכה איבער דער מצה, זיך איינגעביסן אין איר און דער ווידערקלאַנג פון מיינע ציטערנדיקע ציינער האָט אָפּגעהילכט אין אַרום, וואָס איז געווען פּוסט און טויט.

אָפּגעפונען און פאַרזוכט דעם טעם פון מצה. מרור האָט נישט געפעלט...

נישט קיין פרעמדע!

שלאַנק איז זי. אירע בלאָנדע האָר — פאַרנומען אין אַ קראַנץ איבער איר קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי אַ גאָלדענע קרוין. פון פראַנקרייך איז זי. זי האָט אַרויסגעריסן יידישע קינדער פון נאַצישע רויבנעגל.

זי רעדט וועגן וואָרט „שלום" — וואָס דאָס באַדייט פאַר דער וועלט; דערציילט אירע איינדרוקן פון דער מדינה און פון יענע טעג...

די רעדנער רעדן, דער חזן זאָגט תפילות. קאַפּיטלעך תהילים. אוודאי פאַרשטייט זי נישט קיין וואָרט: דאָך — זאָגט זי מיט, אירע ליפּן באַוועגן זיך.

זי, די פרעמדע, איז אונדז אַזוי אייגן!

אָט רעדט מיניסטער אבא אבן: ווערטער נישט פון געוויין — פון וואָרנונג, פאָדערונג און מאָנונג; אָט גייט אַרויף אַ גרופּע יוגנטלעכע... איבער די מויערן פון „יד ושם" אין ירושלים ציִען זיך אָן זעקס פּאַק־לען: פון דער זייט באַווייזן זיך זעקס רעפלעקטאָרן — זעקס זילבער־גרויע שטרייפן, וואָס הייבן זיך איבער די קעפּ. זי קוקט זיך איין אין זיי. און אפשר טראַכט זי — ווי אַ סך פון אונדז — אַז זעקס מיליאָן גייען אונדז נאָך, זענען מיט אונדז אין די מאָמענטן?

איינס איז קלאָר — דאָ אין דער אויפריכטיקער שטימונג פון צער, טרויער און אָנדענק — האָט זי זיך אַליין אָפּגעפונען. און זי לייכט אַרויס פון צווישן אַ פינצטערער וועלט, ווי אַ העלער רעפלעקטאָר אין ירושלים.

זי איז נישט קיין פרעמדע — ביי אונדז און צווישן אונדז.

1966

טליתים פאַר אוישוויץ

אַ גרופּע סאָסנאָווצער יידן — אין יענע גיהנום־טעג — אין אוישוויץ.

זיי זענען אַלע געווען אין אַ שניידער־וואַרשטאַט. דאָס האָבן זיי

באַדאַרפט אויסריכטן די מלבושים, וואָס זייערע צום טויט־אַוועקגע־פירטע ברידער און שוועסטער, קינדער און עלטערן, האָבן איבערגעלאָזט.

צווישן די מלבושים, וועלכע מ׳האָט געגרייט פאַר די יורשים אין דייטשן רייך, זענען געווען אַזעלכע, וואָס די דייטשן וואָלטן זיכער נישט געניצט: טליתים, וואָס יידן האָבן מיט זיך מיטגענומען; אַפילו ערגעץ־ווו פאַרשטעקט שופרות (ס׳איז גראָד געווען פאַר ימים־נוראים...).

פלוצלינג באַווייזט זיך דער ס.ס.־אָפיציר, וואָס איז געווען דער אויפזעער איבער דעם אַרבעט־שאָפּ. מיט אַ זיס שמייכעלע האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די יידן:

— הערט מאָל, דאָ האָט איר פרומען וואָלוענעם שטאָף. צעשניידט עס תיכף פאַר מיינע אויגן און מאַכט זיך פון דעם אונטערהויזן, ס׳זאָל אייך זיין וואַרעם...

דער באַפעל האָט גלייך געמוזט אויסגעפירט ווערן.

און אין אַ קורצער צייט אַרום: אַ מנין יידן האָט זיך צונויפ־געזאַמלט אין אַ ווינקל פון באַראַק. דאַסמאָל זענען נישט זייערע אַקסלען געווען געהילט אין טליתים, נייערט די היפטן, די אונטערשטע טייל קערפּערס. אימיצער פון זיי האָט פון בוזעם אַרויסגעשלעפּט אַ שו־פר... אַזוי האָט אַ מנין יידן — אויף דער גרענעץ פון טויט — געפּרוווט צו שפּאַלטן מיט תפילות די הימלען. פאַרשטיקטע תקיעות האָבן זיך צעבראָכן געקייקלט איבערן באַראַק.

זיי האָבן געפּרוווט זיך אויפהייבן צו די הימלען, די תפילות, אָבער די הימלען זענען פאַרזשאַווערטע, דורכגעזאַפּטע מיט קרעמאַ־טאָריע־רויך, געהאָנגען שטום איבער אוישוויץ...

1966

אַ סדר־נאַכט אין אוישוויץ

אין אַ בלאָק אין אוישוויץ, ווו דער רויך האָט גיהנומדיק געטשאַדעט טאָג און נאַכט, האָבן די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט

ביים סאָרטירן די מלבושים פון די טראַנספּאָרטן, געפונען אַ פּאָר פּעקלעך מצות. געווען איז גראָד ערב פּסח, און די מיידלעך האָבן באַשלאָסן אין אַ פרייען בלאָק צו פּראַווען דעם סדר. איינע האָט געבראַכט אַ בוראַק, אַ צווייטע — אַ ציבעלע, אַ בלעטל קרויט; אויסגעשפּרייט אויף אַ פּריטשע אַ שטיקל ווייס לייוונט; אַ וואַך אַוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג, און ס׳איז געוואָרן פּסח אין אוישוויץ!

די פּרוי, וואָס האָט עס מיר דערציילט, איז געווען די עלטסטע פון זיי. זי האָט געדענקט אַביסל פון דער הגדה, האָט זי אָנגעהויבן עס צו זאָגן מיטן טאַטנס ניגון. די ייִנגסטע האָט ווידער געפרעגט „מה נשתנה״ און דאַן איז אויפגעגאַנגען אַ שטיל געזאַנג, מיט געוויין דורכגעזאַפּט: „עבדים היינו״...

מ׳האָט גענומען — יעדע איינע — אַ כזית מצה, געהאַלטן עס אין מויל און גענאַגט, גענאָגט, וואָס לענגער ס׳זאָל דויערן די דערמאָנונג פון היימישע סדר־נעכט...

די פרוי איז שטיל געבליבן. מער האָט זי מיר נישט געקאָנט דערציילן — און אפשר: נישט געהאַט צו דערציילן. איך בין געזעסן מיט איר אין איר פיין־אויפגערוימטער דירה, וווּ ס׳איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט צו דער סדר־נאַכט, וועלכע זי פּראַוועט איצט מיט איר פאַמיליע אין דער אייגענער היים. אויף יידישער ערד.

האָב איך געשוויגן, בלויז איינגעקוקט זיך אין די צווײ טרערן, וואָס האָבן זיך ווי יזכור־ליכטלעך צעלויכטן אין אירע אויגן. יזכור־ליכטלעך נאָך יענער גרויליקער אוישוויצער סדר־נאַכט.

1967

נישטאָ מער קיין חולים

אין מיין שטאָט פון אַמאָל, סאָסנאָוויץ, אין פּוילן־לאַנד, זענען מער קיין קראַנקע נישטאָ?... יאָ, פאַראַן דאָרט קראַנקע — נאָר ייִדן קראַנקען מער נישט אין סאָסנאָוויץ. ווי אַזוי זאָלן זיי דאָרט קראַנקען, ווען זיי זענען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן?

דאָס האָט מיר באַשטעטיקט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע וואָס אַ לאַנדסמאַן אונדזערער האָט דאָרט געמאַכט, זייענדיק אין דער דעלעגאַציע צו דער אַנטהילונג פֿון דענקמאָל אין אוישוויץ, ווו די סאָסנאָווצער יידן זענען אַוועק מיטן רויך פֿון די קרעמאַטאָריעס.

דאָס איז אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿונעם הויז פֿון „לינת החולים", אַן אַלטע יידישע אינסטיטוציע. די טיר, זעט מען, איז אויפֿגעפּראַלט, די שויבן אויסגעהאַקט, די ווענט אָפּגעשיילט. די שילד מיט לשון־קודשדיקע אותיות איז אויך צעבראָכן — עס איז געבליבן אַ שטיקל, ווי פֿון אַן אַלטער מצבה אויף אַ יידישן בית־עולם.

פֿון „לינת החולים" איז געבליבן בלויז — „חולים"...

דערמאָנט עס נישט בלויז די אַמאָליקע קראַנקע, נאָר אויך די אַלע, וועלכע האָבן זיך מיט זיי מטפּל געווען, „שלא על מנת לקבל פּרס".

נישטאָ מער קיין חולים אין סאָסנאָוויץ. דאָס אַלטע הויז קוקט מיט אויפֿגעריסענע פֿענצטער־לעכער, ווי מיט בלינדע, אויסגעריסענע אויגן.

נישטאָ קיין „לינת החולים", נישטאָ קיין „לינת הצדק", נישטאָ קיין „מושב זקנים", נישטאָ קיין שפּיטאָל — פֿאַר יידן דאַרף מען גאָר־נישט מער אין סאָסנאָוויץ — זיי זענען מער דאָרט נישטאָ.

1967

דער בעכער און די לייכטערס

אין שכנות מיט אַ פּאָר לייכטערס איז ער געשטאַנען, דער בעכער; געשטאַנען אויף אַ פֿיין־געטאָקט פּיסל היינטער אַ שויב פֿון אַ פֿאַרגלאָזטער שאַנק.

דער בעכער און לייכטער האָבן דערמאָנט דעם יידיש־פּוילישן עבר. כ'האָב זיך פֿאַרקוקט אין זיי. האָט מיר מיין פֿריינד געזאָגט:

— נישט קיין וווּנדער וואָס דו האָסט זיך פֿאַרקוקט. ווען איך קוק אויף דעם, שווימט מיר פֿאַרביי די היים פֿאַר מיינע אויגן. די לייכטער זענען פֿון מיין פּרויס צד; זי אַליין איז נישט דערגאַנגען אַהער... און דער בעכער איז דער „כוס אליהו", וואָס פֿלעגט באַשיינען

אונדזער סדר־טיש. איידער איך בין אַוועק פון אונדזער שטעטל, האָב איך די חפצים באַגראָבן. נאָך דער מלחמה האָב איך זיי אויפגעגראָבן און זיי זענען עולה געווען צוזאַמען מיט מיר...

שטייט ער איצט, דער בעכער, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עפּעס. יאָרנלאַנג האָט ער אין גלות פּוילן געוואַרט אויף אליהו הנביא. דער וואַרט זיך — היטלערן.

וואַרט ער איצט די לייכטערס זאָלן זיך צעלייכטן מיט פלעמלעך פון פולער גאולה. וועט ער קאָנען מכבד זיין אליהוס דורשטיקע ליפּן מיט ישראל־וויין.

וויין, וואָס איז אויסגערייפט געוואָרן אין דורותדיקער בענקשאַפט.
1967

דער לעצטער מוסף

זיין איידל פּנים איז געווען איינגעראַמט אין אַ שיינער, ברוינ־לעכער באָרד. דער סאַמעט־ווייכער בליק פון זיינע ברוינע אויגן האָט צוגעבונדן צו אים, דערנעענטערט.

געוווינט האָט ער ביי דער ווייסל, וואָס האָט געשאַפן די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און עסטרייך, נישט ווייט פון קראָקע. ס'איז געווען מיין מאַמעס ייִנגסטער ברודער, פעטער וועלוועלע, ווי די מאַמע האָט אים גערופן פאַרצויגן.

געווען איז ער דער בעל תפילה און בעל קורא פונעם מנין אין זיין דאָרף. אָבער מפרנס געווען האָט ער זיך פונעם קלייטל און פון צוהאַנדלען מיט די פּויערים. געוווינט אין דעם ירושה־הייזל, וואָס איז נאָך געבליבן פונעם זיידן ז״ל.

זיין דאַווענען איז געווען אַ שם־דבר. דאָס גרייטן זיך צום דאַווענען: דאָס טובל זיין זיך אין דער קאַלטער ווייסל ראש־השנה פאַרן שופר בלאָזן און יום־כיפור פאַר מוסף.

אַ יאָר פאַר חורבן פּוילן, יום־כיפור. פעטער וואָלף האָט זיך געפילט שוואַך אין געזונט. אָבער נישט זיין דער בעל־תפילה — דאָס

איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן. האָט ער זיך פאַר מוסף געלאָזט צו דער ווייסל — דאָס וואַסער האָט געשניטן מיט זיין קעלט — און זיך געטובלט. און ווען דער גוף האָט זיך נאָך געטרייסלט פון קעלט, האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם קיטל, איינגעהילט אין טלית און געשטעלט זיך דאַווענען מוסף. זיין דאַווענען האָט הימלען געריסן. האָבן אים טאַקע אַלע דערנאָך אָנטקעגנגעטראָגן דעם „יישר כוח", אָבער ער האָט טרויעריק געענטפערט:

— טייערע מיינע, ווער ווייס צי כ'וועל דאַווענען איבער אַ יאָר יום־כיפור.

אַ פּאָר טעג פאַר יום־כיפור, ווען היטלערס שטיוול האָבן שוין צעטרעטן די פּוילישע פעלדער, האָט דער פעטער וואָלף טאַקע אויסגעהויכט זיין כשרע נשמה. מ'האָט אים נאָך באַוויזן קובר צו זיין אויפן בית הקברות נישט ווייט פון דער ווייסל.

דער מנין איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אויף אייביק.

1967

דייטשישע העפלעכקייט

אין סאַן־פּאַולאָ (בראַזיל) איז אַרעסטירט געוואָרן דער הויפּט־רוצח פון טרעבלינקע און סאָביבור, פראַנץ שטענגעל. ער האָט דערקלערט: „כל זמן מען פירט מיך נישט אַריבער קיין ישראל, בין איך נישט באַזאָרגט, האָב איך נישט קיין מורא, אַז ס'וועט מיך טרעפן אייכמאַנס גורל".

און ער איז גערעכט. עס האָט מיר דערציילט מיין פריינד ליכטמאַן, אַנטיילנעמער פון באַקאַנטן אויפשטאַנד אין סאָביבור, אַז ער האָט עדות געזאָגט פאַר דייטשע שופטים, וואָס זענען ספּעציעל געקומען קיין תל־אביב פאָרשן דעם ענין, האָט ער זיי דערציילט פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

איינמאָל האָט מען קיין סאָביבור געבראַכט אַ גאַנצן צוג מיט יידן, וועלכע מ'האָט גלייך באַדאַרפט פאַרגאַזן. געווען אַ סך קינדערלעך

אין טראַנספּאָרט און אײן קינד — פון אַ יאָר דרײַ — האָט מען געהאַט פאַרגעסן אין וואַגאָן.

אײנער פון די רוצחים, די העלפערס פון שטענגעלן — האַלענדער האָט ער געהייסן — האָט דעליקאַט דאָס קינד אַנגענומען בײַ דער האַנט און עס צוגעפירט צום גאַזאַויון, ווו עס האָט זיך שוין געפונען די מוטער פון קינד, ווײַל שטענגעל האָט זײַ געלערנט: זײַן העפלעך! העפלעך פירן צום טויט די קרבנות.

וועט זיך איצט שטענגעל קאָנען פאַרטיידיקן פאַרן געריכט: ער האָט בלויז דערפילט זײַן פליכט. און געטאָן האָט ער עס העפלעך, מיט דער גרעסטער העפלעכקייט...

1967

אונדזער פּסחדיק געשיר

צווישן אַלע שײנקייטן וואָס מײַן היים דערמאָנט מיך, טויכט אויף אין מײַן זכרון דאָס פּסחדיקע געשיר. טוט אַזוי באַנג וואָס פון דעם אַלעמען איז גאָרנישט געבליבן. קופּערנע פאַנען, טעלער פאָרצעלײַענע מיט גאָלד און בלויע ראַנדן, שטיינערנע קרוגן, קאַראַפקעס מיט כוסות און אויף יעדער כוסה אַן אַנדערע אויפשריפט. און פאַר מיר, דעם ייִנגסטן אין שטוב — אַ קלײנע, בלויע כוסה. אַ טייל פון פּסח איז געווען דער אַלטער סידור פון די ערשטע געדרוקטע סידורים. ווו עס איז מיט באַזונדערער שײנקייט געוועזן אויסגעצירט די הגדה של פּסח. ווי אַזוי דער סידור האָט אַנגעשפּאַרט בײַ אונדז, געדענק איך נישט. בכל אופן איז ער שוין דעמאָלט אַלט געווען עטלעכע הונדערט יאָרן.

פרעגט זיך איצטער אין די פּסח־טעג: ווער האָט דאָס אַלץ גע׳ירשנט און וואָס קאָכט מען איצטער אין די אויסגעהיטע יום־טובדיקע טעפּ און פאַנען?... גייט פאַר מײַנע אויגן אויף די ריינקייט פון דער מאַמעס שטוב ערב פּסח אין דער לויטערקייט פון פרילינג, שעמערירן זכרונות אין קאָפּ.

ווו געפינט זיך דאָס פּסח׳דיקע געשיר פון מײַן מאַמען?

יאָסל חריף

לך־לך

אויף דער שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך זי באַגעגנט, איך בין נאָך אַ ייִנגל געווען. מיר האָבן געאַרבעט אויף איין אַרבעט־פּלאַץ, זייער אַ שיינע איז זי געווען. ס׳פלעגן צו איר אַריינקומען אירע פריינד כאַפּן אַ שמועס. אייַנהערנדיק זיך אַמאָל אין אַ שמועס מיט אירע חברטעס און חברים, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פּאַרטייאישן ענין. דינה האָט זיך אַנגעשלאָסן אין „בונד״, און פּונקט אַזוי ווי פייערדיק־הייס עס זענען געווען אירע קאַרשן־אויגן, אַזוי פייערדיק האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אָרגאַניזאַציע.

שווערע מלחמה־יאָרן האָבן זיך אָנגערוקט. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, פּאַרטייען זענען אויסגעוואַקסן, באַלד נאָך דער מלחמה האָט דינה חתונה געהאַט, און באַזעצט זיך אין אַן אויבערשלעזיש שטעטל זשאָרי. איך בין אַוועק מיטן וועג פון פּועלי־ציון, וואָס האָט מיך אין יאָרן אַרום געפירט קיין ארץ־ישראל.

פאַר מיין אָפּפאָרן האָט זיך מיר געוואָלט געזעגענען מיט פריינד וואָס כ׳האָב געקענט אַ סך יאָרן. אַזוי בין איך אויך אַוועק קיין זשאָרי צו דינה׳ען. דריי ייִנגלעך האָט זי געהאַט. דינה מיט איר מאַן און קינדערלעך זענען געווען די איינציקע יידישע משפּחה אין שטאָט. אין שטעטל האָט זיך געפונען אַ פאַרמאַכטע שול, אַ פאַרלאָזטער בית־הקברות, און כאָטש פּרנסה פאַר אַ יידישער משפּחה איז געווען בשפע, האָט ביי זיי אין האַרצן גענאָגט אַן אומעט, אַ בענקשאַפט צו אַ יידישער סביבה.

ס׳איז געווען אַ דאָנערשטיק ווען איך בין אָנגעקומען צו דינה׳ען, איך האָב זי געטראָפן זיצן ביי אַן אָפענעם חומש. גראָד איז דאָס געווען פּרשת לך־לך. זי האָט זיך שוין דערוווּסט פון באַקאַנטע, אַז איך פאָר אַוועק. האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן: זעסט, יאָסל, צווישן גויים האָט זיך פאַרבענקט, כ׳האָב זיך דערמאָנט ווי דער טאַטע מיינער, דער לאָדזשער מלמד, האָט געקנעלט אין חדר מיט די קינדערלעך אַ פּרשה חומש, ווער ווייס וואָס עס קומט איצטער אויף דער וועלט. דאַרפן די

קינדער וויסן וועגן זיי זענען. אפשר קומט אַ טאָג און מען וועט אונדז הייסן גיין, פאַרלאָזן אַלץ, דאַרף מען לערנען לך־לך...

צוזאַמען מיט מיליאָנען איז אויך דינה, איר מאַן, און אירע קינדערלעך נישט דערגאַנגען. איך זע נאָך פאַר מיר דעם אָפענעם חומש. די געזעגענונג־טרערן לייכטן נאָך פאַר מיינע אויגן, און איר טרויעריקע שטים קלינגט אין מיינע אויערן, די שטים פון אַ יידישער פאַרשניטענער מאַמען, וואָס איז נישט דערגאַנגען.

לך־לך...

1955

רייזע
איינדרוקן

אַ גליקלעכע מינוט

אויף דער שיף פון חיפה קיין מאַרסיי. ער — אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק; זי — אַ לערערין פון פרעמדע שפּראַכן. מ׳האָט נאָך אויף איר אָנגעזען די שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט.

דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פונעם אַרום. און אפשר האָט זיך גאָר דער אַרום אָפּגעזונדערט פון זיי?

ער האָט קיינמאָל זיין הוט נישט אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ. אַ גרויער הוט, וואָס איז שוין פון אַלטקייט אַריינגעפאַלן אין אַ גריני־לעכקייט. אַ פלאַכער הוט, מיט אַ ברייטן ראַנד, אנגעטאָן אין אַ רעגנ־מאַנטל, אַ וואָלענער שאַליק אַרום דעם האַלדז — הגם ס׳איז אין דרויסן אַ הייסער יוני.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שיף און מיט זיינע קליינע אויגן געקוקט דורך ברילן, וואָס זענען נאַכלעסיק געריטן אויף זיין דינער נאָז, אַביסל בייזלעך און — ווי מיט באַהאַלטענער שרעק.

זי האָט שוין דווקא מער זיך אָפּגעגעבן מיט איר קליידונג און אַ סך מאָל האָט אויך אַ העלער שמייכל אויפגעלויכטן אין אירע פייכטע אויגן. בדרך כלל אָבער האָט אין זיי געהויערט עפּעס אַ פאַר־קלערטקייט, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן פונעם עבר.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי ביידע זיך נישט אויפגעהערט צו קריגן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי האָבן זיך אויף אַן אמת פיינט. באַזונדערס פלעגט אויסברעכן ביי זיי אַ שטורעם, ווען זיי האָבן זיך צום טיש געזעצט — אפשר דערפאַר טאַקע האָבן אַלע געוויכט פון זיי.

אַמאָל האָט מן־הסתם געגעסטיקט אין איר האַרצן אַ ליבע צום

פּראָפעסאָר פון מוזיק. אָבער אַלע טענער פון ליבשאַפט זענען שוין פון לאַנג אויסגעקלונגען, פאַרהילכט געוואָרן. און איצט, ערב זיקנה, פילט זיך די חרטה אויף איר שריט פון דער יוגנט.

געזידלט האָבן זיי זיך אין זייער אַמאָליקער ליבעס־שפּראַך — אין רוסיש. אָבער פאַרשטאַנען האָבן כמעט אַלע. איז ער אַרומגעגאַנגען אַליין איבער דער שיף, ווי אַ חיה אין אַ שטייג; פאַרצויגן שטאַרקער דעם שאַליק אַרום זיין האַלדז און שעהנלאַנג גערעדט צו זיך אַליין. זי איז דאַן געלעגן אויף אַ וויגשטול, געלייענט אַ רוסיש בוך און אַריינגע־שמייכלט אינעם בוך אַ ביטערן שמייכל.

קורץ פאַר מאַרסיי איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג ביי זיי: ס׳האָט זי געכאַפּט די ים־קראַנקייט. אויסגעזען האָט, ווי זי גיט איצט צוריק אַרויס פון זיך אַלע קאָשמאַרן פון די איבערגעלעבטע יאָרן, דאָס גאַנצע אַנטוישטע לעבן אירס.

און ער — ער איז צו צו איר, גענומען איר קאָפּ אין זיינע הענט און באַמיט זיך איר לייכטער צו מאַכן. דאַן האָט זיך אַ קוים־באַמערק־לעך שמייכעלע באַוויזן אויף זיינע ליפּן.

דאָס איז, דוכט זיך, געווען די איינציקע גליקלעכע מינוט זיינע אין דער גאַנצער רייזע.

1963

אַ ב ל ו ם

אַוודאי איז אַ בלום אַ שיינקייט אין דער נאַטור און פאַרשענערט דעם מענטשנס לעבן. אָבער, אַז מען טרעפט אַ בלום אויף אַן אָרט, וואָס מ׳האָט זיך גאָרנישט געריכט...

אויפן בית הקברות אין מאָנמאַרטר. אַ מצבה אויף אַ משפּחה־קבר — פון פּראָפעסיאָנעלע תלינים. אַ דינאַסטי׳ע פון תלינים. זיי האָבן אָנגעהויבן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיי האָבן עס משלח געווען אויף יענער וועלט סיי דאַנטאָנען סיי ראָבעספּיערן...

און פאַר די אויגן גייט פאַרביי דער בלוטיקער וועג, וואָס איז

געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. וויפל אומרו האָבן די געשעענישן פון יענע צייטן געוועקט אין דיר. ווי דו האָסט פאַרהערלעכט די העלדן פון יענער צייט! און דאָ רוען די, וועלכע האָבן זייערע קעפּ אַראָפּגעהאַקט. און אויף זייער קבר, אויפן קבר פון תּלינים, בליט אַ בלום.

ביידע רעוואָלוציעס זענען דורך דער צייט פאַרגעקומען. פּראָפעס־יאָנעלע און פרייוויליקע תּלינים האָבן ווידער געהאַקט אַ סך ט[illegible]שנדיקע קעפּ און הייסע הערצער שטיל געמאַכט. די געטער זענען דאָך נאָך אַלץ בלוטדורשטיק...

מן־הסתם געפינט זיך נאָך עמעצער, וואָס ציט זיין יחוס פון יענער דינאַסטיע — אַ דינאַסטיע פון אומשולדיקע תּלינים. און ער גרויסט זיך מן־הסתם מיט זיין אָפּשטאַם, ווייל ער האָט דאָך פאַרפלאַנצט אַ בלום אויף זייער קבר...

1964

יזכור!...

אַ טריבער רעגנדיקער פרימאָרגן האָט געהילט אין נעפּל ווי אין אַ טרויער־שלייער די מצבות אויפן קאָפּענהאַגענער „בית־עולם". די טראָפּנס האָבן געגלידערט ווי אַן אלול־געוויין פון הימל. די מצבות, אויסגעשטעלטע אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג, טובלען זיך אין בלומען. די גרינע שטעגן האָבן עפּעס אַזאַ לעבעדיקע קאָליר. ס'דאַכט זיך אויס אַז די גרעזער און בלומען אָטעמען מיטן איבערגעריסענעם לעבן פון יענע, וואָס רוען הינטער זיי...

דאָ האָבן די נאַציס ווייזט אויס געהאַט אַן אַנדערע טאַקטיק אין זייער פאַרניכטונגס־גיריקייט... זיי האָבן קיין מצבות נישט צעשטערט. אפשר דערפאַר ווייל די בית־עולמ'ס פון אַלע רעליגיעס ליגן אַזוי בשכנות איינער ביים צווייטן און אפשר וואָלטן די דענער מיט דער זעלבער גאַבלקייט גענומען אין שוץ די טויטע ווי זיי האָבן געשיצט די לעבעדיקע יידן...

פּלוצים האָב איך באַמערקט אַ קליין בידנע מצבהלע צווישן די רייכע גלאַנצנדיקע מאַרמאָרנע מצבות, מייסטנס מיט דענישע אויפֿשריפֿטן, באַקרוינט מיט אַ לשון־קודשדיקן פּ. נ. אַ קליין בידנע פּראָלעטאַריש מצבהלע אונטערגעשפּאַרט מיט ציגעלעך אפֿילו נישט באַפּעסטיקט אין דער ערד. עפּעס אַזוי נישט טעריטאָריאַל...

איך האָב מיין קאָפּ געבויגן פֿאַר דער אויפֿשריפֿט.

פֿאַר מיינע אויגן האָבן וויברירט נישט בלויז יידישע אותיות נאָר אַ גאַנצע תקופה. און אָט איז דער נוסח:

דאָ רוט

דוד וואַגמאַן

געבוירן 1885

געשטאָרבן 23.8.1906.

דאָס אינגאַנצן און דאָך אַזויפֿיל. אַ רוסישער אַרבעטער וואָס זיין נאָמען איז וואַגמאַן און גיי ווייס ווער ער איז, און וואָס ס'האָט אים פֿאַרוואָרפֿן אַהער אַן איינאונצוואַנציק יאָריקן בחור, וואָס האָט זיינע ביינער געבראַכט פֿון רוסלאַנד קיין קאָפּענהאַגען צו „קבר ישראל". און איך אַ ירושלימער ייד בין אים מזכיר אין חודש אלול. אַ מאָדנער קבר אָבות.

טראַכט איך פֿון יענע שטורם־יאָרן און גרויסע טעג... און פֿון דעם קליינעם מיזערנעם מצבה'לע, מיט דער יידישער אויפֿשריפֿט. וואָס האָט גערוט אויף איר... און ס'האָט פֿון איר אַראָפּגעיאָמערט אַזאַ יאָמערלעכער יזכור...

1963

די מוטער

אין מעטראָ איז געווען אַ געשטופּעריי. נאָכמיטאָג שעה'ן, אַלץ לויפֿט אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט. צווישן די אַהיימלויפֿנדיקע האָב איך באַמערקט אַ קליין מאַמעלע מיט 3 פּיצלעך קינדער. און זי האָט זיך ממש אַריינגעגליטשט אין מעטראָ. איך האָב איר געהאָלפֿן מאַכן פּלאַץ פֿאַר דער חברה. זי האָט זיך צעשמייכלט, מיט דאַנקבאַרקייט, געפֿרייט

זיך איבער די קינדער, וואָס זי פירט אַהיים און וועט בלייבן מיט זיי ביז מאָרגן פרי. דאָס פנים האָט געפלאַמט פאַר נחת, די הענט אירע, וואָס האָבן געגלעט זייערע קעפלעך, הענט פון אַרבעט, וואָס דערנערן זיי, האָבן אויסגעזונגען „אם הבנים שמחה״, די פרייד פון אַ מאַמען...

אַ מאָדנער טראַף. צומאָרגנס פרי האָב איך זי ווידער געטראָפן אין מעטראָ. דאָס מאָל אַליין. דאָס פנים אָנגעכמורעט, הגם ערשט נעכטן האָט זי זיך מיט מיר אַדאַנק אירע קינדער איבערגעשמייכלט, האָט זי מיך נישט דערקענט. דאָס מאָל ווייזט אויס האָט זי זיי אין קינדערהיים געפירט און איבערגעלאָזט אויף אַ גאַנצן טאָג, און איר פנים מיט זאָרג פאַרצויגן. וועט ווידער וואַרטן אויף אַ נחתדיקן שמייכל אַ גאַנצן טאָג, וועט פירן די קינדער אַהיים. דווקא ווען זון פאַרגייט, גייט אויף איר מאַמעשע זון. פאַרנאַכט צו וועט זי ווערן אַ זון, אַ צעשטראַלטע, אויס־שליסלעך פאַר זיי. אויפגיין מיט וואַרעמער היימישקייט ווי אַ מוטער...

1963

דער יום הזכרון

מיין קרוב האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו גיין אין אַ ספרדישער שול.

אויף די בריסעלער גאַסן איז געווען אויסגעגאָסן אַ פרימאָרגן־שטילקייט. אַרום דער שול האָט זיך געפילט די יום־טובדיקייט פון טאָג. פאַר דער שול זענען געשטאַנען אַ סך אויטאָס — אַ לאַנגע קייט, וואָס האָט אַהערגעבראַכט די תשובה־געסט.

מיט טונקל־באָרדאָ פליושענע פאָרטיערן איז געווען פאַרהאַנגען דער אַריינגאַנג. אָבער אַז מען איז אַריין אין שול, האָט אַ ליכטיקייט אַ שלאָג־געטאָן.

דער ארון־קודש, אויף אַ בינע, איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ בלוי־ווייסן זיידענעם פרוכת. פון דער בינע האָט אַראָפּגעשטראַלט דאָס פנים פון גרייז־גרויען זקן, דעם ראַבינער. אין אַ ווייסן קיטל, ווייסע זאָקן — אַ גאָלדענע עטרה פון טלית האָט געהילט זיין האַלדז — האָט ער אויס־

געזען כולו רוחניות, ווי ר׳וואָלט געפּאַסט פאַר „תיקון עולם״ נישט בלויז דעם יום־כיפּורדיקן טאָג, נייערט אַ סך טעג פון זיין לעבן.

די פרויען זענען געזעסן אויף די הינטערשטע בענק, געקוקט ערנסט אין די מחזורים מיטן פראַנצויזישן „עברי־טייטש״. די אַלטע תפילות און די מאָדערנסטע טואַלעטן...

און אין אַ גלאַנציקן צילינדער, מיט אַ זיידן טליתל פאַרוואָרפן איבער די פעסטע אַקסלען, איז געשטאַנען אַן עלעגאַנטער הער, ווייזט אויס דער גבאי, פאַרקויפט עליות, ליציטירט אַנדערע מצוות און כיבודים. די פרייזן זענען געשפּרונגען אין דער הויך. דאָס האָט פאַרשטאַרקט די פייערלעכע שטימונג. איבער מפטיר יונה איז ממש אָנגעגאַנגען אַ מלחמה. די לעגענדע וועגן יונה מיט דער פיש, וואָס האָט אים איינגעשלונגען, איז דערגאַנגען צו לעגענדאַרע פרייזן...

און אין אַ ווינקל פון שול, נישט ווייט פון אַריינגאַנג — די סאַמע וואָכנדיקסטע אַרבעט. ס׳איז דאָרט געזעסן אַ מאַן פון מיטעלן עלטער און פאַרשריבן אין אַ בוך די קויפער און די פרייזן. נאָך אים — אַ שמש, אַן אונטער־גבאי, וואָס האָט מיט כוונה אים אונטערגעזאָגט די נעמען און אַדרעסן פון די קויפער.

דער פאַרשרייבער איז נישט געווען פון די בני־ברית. ס׳איז געווען אַ גוי, וואָס האָט געהאַט דערויף די חזקה, די אַרבעט איז אים נישט אָנגעקומען שווער, ווייל די גאַנצע פּראָצעדור האָט זיך געפירט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך.

זיין פּנים איז געווען טויט־ערנסט. די באַברילטע אויגן האָבן זיך פון פּאַפּיר נישט אויפגעהויבן. די הענט האָבן מיט התמדה זייער אַרבעט געטאָן, ווי זיי וואָלטן וועלן אונטערשטרייכן די גרויסקייט פון טאָג. האָט טאַקע דאָס שטילע סקריפּען פון דער פעדער אויפן פּאַפּיר זיך שטאַרק צונויפגעשפּילט מיט דער הייליקייט פון מאָמענט, פון דעם יום הזכרון...

1964

גאָלד־קאַסטן

אייגנטלעך איז עס נישט קיין קאַסטן. ס׳איז אַ וויללע, אַ מיניאַטור־שלאָס, אַרומגערינגלט מיט בלומען און גרינס. אין די שטילע פאַרנאַכטן שפּינען זון־שטראַלן אַ נעץ איבערן רויטן דאַך, וואָס שפּאַרט זיך ווי אַ טורעם אַרויף.

די באַגלייטערין פון אַמסטערדאַם, וואָס האָט געפירט דעם אויספלוג, האָט אין דייטש אָנגערופן דאָס פּאַלאַצל „דער גאָלד־קאַסטן".

די מעשה־נורא האָט זיך פאַרלאָפן מיט אַ סך יאָרן צוריק. אַ רייכער מאַן האָט פלאַמיק ליב געהאַט אַ פרוי. קיין זאַך איז אים נישט געווען צו טייער פאַר איר. און כדי זי זאָל כסדר געדענקען וועגן זיין ליבשאַפט צו איר, האָט ער איר אויסגעבויט דאָס פּאַלאַצל, צונויפגעזאַמלט די שענסטע זאַכן, אוצרות פון קונסט. פערסישע טעפּיכער, טייערסטע געוואַנטן. און אין דער אָזערע דערנעבן — די זעלטנסטע פישלעך — אַלץ כדי זי זאָל זעטיקן אירע אויגן מיט שיינקייט, געניס, פרייד.

צוויי יאָר האָט מען געבויט און געפּוצט דאָס פּאַלאַצל. אוצרות האָט עס פאַרשלונגען. דאָס ליבנדיקע האַרץ האָט גאָרנישט געקאַרגט.

און אין דעם טאָג, ווען דער מאַן האָט געוואָלט דערלאַנגען די זעלטענע מתנה זיין הייסגעליבטער פרוי — איז זי אַוועק מיט אַן אַנדערן מאַן.

איז געבליבן די שיינקייט אַ פּוסטע און טויטע. ס׳הענגט איבער איר דער טרויער פון אַ מת.

עס ליגט טאַקע אין דעם גאָלדענעם קאַסטן באַגראָבן אַ מת — ס׳איז דאָרט צו קבורה געקומען אַ פלאַמיקע ליבע.

1964

גראַציע

עפּעס אַ גראַציעזקייט שוועבט איבער אַלץ אין פּאַריז. דער גאַנג אַפילו. דאָס רעדן, דאָס פאַרברענגען אין קאַפע. אַ טראַדיציע פון דורות גראַציעזקייט.

אויך די שטוב־חיות שטעקן זיך אָן מיט מענטשלעכע מאַניערן. ווו נאָך קאָנט איר טרעפן אַזאַ בילד: אַ קעצעלע, מיט אַ שליף, עסט אַ פיינעם בעפשטיק פון זיין מאַדאַמס האַנט? — קיינער שענקט אַפילו נישט די אויפמערקזאַמקייט אַזאַ בילדל. ס׳איז פאַר יעדן נאַטירלעך.

נאָר איין בילדל, איין באַגעגעניש אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָט אפילו אַ סך פּאַריזער איבערראַשט. אויך זיי האָבן נאָכגעקוקט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

אַ הינטל האָט זיך געשפּאַנט מיט זיכערקייט און זעלבסטווירדע. וויזט אויס פון אַ יחוסדיקער ראַסע. דאָס הינטל האָט כסדר אַכטונג־געגעבן אויף זיינע — — — פריש־מאַניקירטע נעגל, וואָס דער רויטער לאַק האָט אַראָפּגעגלאַנצט פון זיי — אַ פּנים, אַז עס האָט שוין געוווסט צו שוינען די עלעגאַנץ און אָפּצושאַצן די ברייטהאַרציקייט פון זיין נאָבעלער באַלעבאָסטע, וואָס פאַרמענטשלעכט אַזוי זיין הינטיש לעבן.

דער רויטער לאַק האָט באמת האַרמאָנירט מיטן שוואַרצן, גע־קרויזלטן פעלעכל פון הונט, וואָס האָט זיך געהנדלט מיט עכטער פּאַריזער גראַציעזקייט.

1964

אויף די פעלדער פון ווערדען

מיט גרויס פּאַראַד האָט מען איצט אין פראַנקרייך געפייערט 50 יאָר נאָך דער ווערדון־ (אָדער ריכטיקער: ווערדען) שלאַכט. ס׳זענען דאָרט געפאַלן מער ווי אַ מיליאָן מענטשן אין דעם געראַנגל צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך (און קיין אַטאָם־באָמבע איז דאָך דאַן נאָך נישט געווען!) און ס׳איז נאָך געווען אַ „הומאַניטאַרע״ מלחמה דאַן —

מענטשן האָבן זיך געקוילעט „מענטשלעך“, מיט פּרימיטיווע מיטלען, פּאַמעלעך, שכלדיק, מיט אַ סך גדולה. ווייל אייגנטלעך: וואָס איז זיך דאָ צו איילן מיטן הרגענען, ווי מ׳איילט זיך היינט?

בין איך מיט מיינע לאַנדסלייט פון פּאַריז געפאָרן קיין מעץ איבער ווערדען. אויף ריזיקע שטחים זענען צעשפּרייט מצבות — פון דייטשן, פון פראַנצויזן. האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי צווישן די מצבות וואָלטן זיך אַרומגעדרייט די געפאַלענע שלאַכט־לייט, די סאָלדאַטן פון מיט 50 יאָר צוריק...

איך דערמאָנט זיך אפשר ווי ווונדערלעך באַרביס האָט געשילדערט די שלאַכט מיט אַלע דעטאַלן? — פופציק יאָר פריער האָבן די זעל־נערישע ברידער־קברים נאָך אַרויסגערופן רחמנות, געפילן פון באַוווי־נען, פאַנטאַזיע צו שאַפן — קעגן דער מלחמה. אין אונדזערע צייטן זענען דאָך אַפילו די באַוויינער כמעט פאַרשוווּנדן.

און אין דער אמתן זעט דאָך אויס די בראָך פון ווערדען פיטשע־מאַנטשיק, אַ שפּילעכל, אין פאַרגלייך מיט אונדזער בראָך אין דער לעצטער מלחמה. ווייל די דייטשע רוצחים האָבן אין משך פון די צוויי צענדליק יאָר צווישןביידע מלחמות — שטאַרק פּראָגרעסירט. דאַן האָבן צוויי גרויסע פעלקער געגעבן אַ מיליאָן קרבנות און זיי סאָליד באַגראָבן — אונטער מצבות. און אונדזער קליין פעלקל האָט געגעבן 6 מיליאָן קרבנות — פאַר די קרעמאַטאָריעס, גאַז־אויוונס און אַלע ווילדסטע טויטן.

איך בין געפאָרן מיט דער מאַשין פון פּאַריז קיין מעץ: אַ קאַלטער אָסיען־ווינט האָט אונדז געבלאָזן אין פּנים... מיטיק־שעה האָבן זיך קלויסטער־גלאָקן צעקלונגען מיט דעם זעלבן קלאַנג, ווי מיט פופציק יאָר צוריק. האָט ביי מיר אין האַרצן אָפּגעקלונגען דער ווייגעשריי פון אונדזערע פאַרטיליקטע: ווי ווייניק די מענטשהייט האָט זיך געלערנט זייט ווערדען!

און היינט — צי האָט זי שוין מער געלערנט — זייט אוישוויץ, מאַידאַנעק, טרעבלינקע, פּאָנאַר, באַבי־יאַר? זייט דעם דאָזיקן שרעקלעך מאַקאַברישן ווערדען (מיט פאַרשידענע נעמען) פונעם יידישן פאָלק אין אונדזער דור?

דער גאָטספּאַרכטיקער

אברהם איז אַ תימנער. אויסגעדינט דאָס מיליטער, האָט ער זיך אַ לאָז־געטאָן איבער דער גרויסער וועלט.

מיט פופציק יאָר צוריק זענען זיינע אבות געקומען קיין ארץ־ישראל, געשלאָגן דאָ וואָרצלען. קינדער און קינדס־קינדער האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. נאָר אברהמען האָט עפּעס געצויגן צו דער פרעמדער וועלט. זינדיקע געדאַנקען האָבן זיך פאַרגנבעט אין זיין כשרער תימנישער נשמה.

אַ יאָר צייט איז ער געווען אין דעם ריזיקן לאָנדאָן. געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. איצט איז ער אין קאָפּענהאַגן, דאָ האָב איך אים געטראָפן אַ זונטיק זיצן אין אַ קאַפע. קיין עוגות עסט ער נישט („טאָמער נישט כשר?"). שבת באַזוכט ער די סינאַגאָגע. טראָגט מיט זיך דעם גאַנצן באַגאַזש פון פרומקייט. אָבער ער איז גוט איינגעאָרדנט. שוין געווען אַ גאָלדשמיד, איצט אַרבעט ער ביי בייטלען. בכלל — גאָלדענע הענט. געראָטן צו אַלץ, און אַלע האָבן אים ליב. אַפילו די בלוי־אויגיקע דענישע מיידלעך. זיי וואָלטן אים גערן מקרב געווען, אָבער זייער בלאָנדקייט איז אים פרעמד. און אויסער דעם — עס פּייניקט אים אַ געפיל, אַז פאַרלאָזן דאָס לאַנד איז געווען אַ זינד. אַ טרויער און בענקשאַפט נאָכן לאַנד פון די אבות קוקט אַרויס פון זיינע שוואַרצע אויגן.

פלוצלינג האָט ער זיך אָנגעבויגן צו מיר:

— אני נוסע הביתה (איך פאָר אַהיים)!

און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ טרער גליטשט זיך אַראָפּ איבער זיין טונקעלער באַק.

אפשר וועט אים די דורותלאַנגע גאָטספּאַרכטיקייט אָפּראַטעווען פון דעם זינדיקן געיעג נאָך געלט און צוריקברענגען אַהיים?

1964

משיח אין קנאַקע...

אַ וווּנדערשיינע פּליאַזשע, אויסגעשפּרייט ווי אַ ריזיקער טעפּיך און אַרום — סימעטריש אויסגעשטעלטע הייזער־צאַצקעס, פאַרפּוצטע מיט אָרנאַמענטן, מיט פענצטער אַרויסקוקנדיקע אויפן ים.

די קאַפעען זענען איבערפולט. פילפאַרביקע שווים־קאָסטיומען באַוועגן זיך אַהין און אַהער. מען כאַפּט אַ קערטל, מען טרינקט, מען פאַרבייסט און מען זוכט אַפילו עפּעס צו פאַרהאַנדלען. עס טומלט זיך. כמעט בלויז אחינו בני ישראל. עס גייט טאַקע אַרום אַ וויץ, אַז דער אויסערן־מיניסטער פון בעלגיע, הענרי ספּאַק, איז אונדז גרייט צוריק־צוגעבן די אַלט־שטאָט פון ירושלים, אַבי מען זאָל צוריקגעבן בעלגיע דאָס שטעטל קנאַקע, וואָס איז כמעט אינגאַנצן באַזעצט פון יידן.

כאַפּ איך זיך אַריין אין אַ יידישן רעסטאָראַן. צוויי מגן דודס פינקלען מיט בלויקייט אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. באַלד ביים אַריינגאַנג איז דיך מקבל־פּנים דער ריח פון היימישע מאכלים, מיט וועלכע מיר גרייטן זיך אויסצוכשרן אונדזערע מיילער און מאָגנס.

ווייזט מען מיר אָן אויף אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זעכצן: „זי איז פון ירושלים". בין איך צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט, וואָס האָט זי אַהערגעבראַכט קיין קנאַקע? זי האָט אויפגעהויבן אויף מיר אַ פּאָר פרומע אויגן און אַביסל פאַרשעמט געענטפערט אַז די גאַנצע משפחה איז דאָ אין בעלגיע; די מאַמע אַרבעט טאַקע דאָ, אין רעס־טאָראַן. זי איז משגיח אויף כשרות... זי אַליין וואָלט שוין וועלן אַוועק פון דעם גאַנצן פרעמדן יריד, אָבער...

ווי אַ וויכער איז פאַרבייגעלאָפן אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען, מיט צעפלאָשעטע פּאַהלעך. ער האָט עס, ווייזט אויס, פאַרמסרט דער מאַמען, אַז די שוועסטער רעדט מיט עפּעס אַ פרעמדן מאַנספּערשוין. איז טאַקע באַלד די מאַמע געקומען אַ צעשראָקענע אַ פּאַרסאָפּעטע: אַ צעגאָסענע מיטלוווקסיקע פרוי, מיט אַ געלאָקטן בלאָנדן פּאַריק אויפן קאָפּ. זי האָט אונדז דערלאַנגט די האַנט אויף שלום. אַביסל זיך באַרואיקט, געוויר־ווערנדיק ווער מיר זענען און דערציילט: אַליין איז זי פון טראַנסיל־

וואַניע. אין ירושלים געוווינט אין אַן ענגער דירה, זיך געמאַטערט. איז דער מאַן אַוועק אין שליחות פון אַ ישיבה קיין אַנטווערפּן, דאָרט געפונען אַן אייגענע חברה — פּונקט ווי אין מאה שערים. האָט ער אָנגעשריבן צו איר אַ פּאָר ווערטער: „זוגתי היקרה, כ׳בין געוואָרן אַ משגיח און נאָמען אין אַנטווערפּן. די ירושלימער דירה איז סיי ווי צו ענג"... האָט זי איינגעפּאַקט דאָס ביסל בעטגעוואַנט, גענומען די קינדער און — אָט אַרבעט זי אין קנאַקע, טאַקע אין דעם רעסטאָראַן. אַ גאָלדן פּלאַץ, קייזערלעכע עסנס... וועט זי שוין דאָ צוואַרטן ביז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען און ברענגען דעם אויסלייזער...

ביי דער מאַמעס ווערטער האָט זיך די טאָכטער געריסלט. פון אירע בלויע אויגן האָט אַרויסגעשריגן אַ הייסע תפילה: „איך וויל צוריק קיין ירושלים" — האָט זי שטיל אַרויסגעמורמלט.

די מאַמע האָט געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט:

— ווייס איך וואָס... (אויס העפלעכקייט האָט זי אַ פּנים נישט געוואָלט אייַנרייסן מיט ישראל־טוריסטן) משיח וועט דאָך סיי־ווי קומען. די דירה אין מאה שערים איז געווען צו ענג.

די שומרקע פון כשרות אין קנאַקע פאַרגעסט גאָר, אַז אין איר משיח־דערוואַרטונג האָט זיך אַריינגעריסן — יידישע מדינה, ד. ה. — זי האַלט גאָר, אַז זי, די מדינה, איז געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט. און זיי האָבן דאָך געהאַט אַן ענגע דירה אין מאה שערים... איז אַז מען דאַרף סיי־ווי וואַרטן אויף משיחן — וואָס איז די נפקא־מינה, צי מען וואַרט אין מאה שערים, צי אין קנאַקע? משיח וועט דאָך אויך דאָרט געפינען זייער אַדרעס.

און עס אַרט זי גאָרנישט... אַז משיח בן דוד וועט זיך דאַרפן מטריח זיין און אויפזוכן זיי אַזש אויף דער פּליאַזשע אין קנאַקע...

1964

ביי אַן אַלטן שלאָס

שלמהלע איז נישט פון פוילן, נישט פון רומעניע, נישט פון ראַטן־פאַרבאַנד. פון גאָר אַן אַנדער מזרח־לאַנד איז ער, פון אַפריקע.

ער פאָרט מיט מיר אויף איין שיפעלע. נאָך אַ תימניש פאַרפאַלק פאָרט מיט אונדז. אַ מאָדנער צונויפטרעף פון אַ קיבוץ גלויות אין דעם אַלטן פאָרט פון מאַרסיי.

מיר שיפן זיך צום שלאָס, צו דער פעסטונג „שאַטאָ ד׳עף". דער טאַטע האָט אים געוואָלט אָנטאָן אַ פרייד אויף זיין וועג קיין ישראל.

און אָט זענען מיר דערשוווּמען צום שלאָס, וווּ ס׳איז געזעסן אַ צייט פאַרשפאַרט דער יידישער אָפיציר אַלפרעד דרייפוס.

פאַרגרעסערט זיך אונדזער קיבוץ גלויות מיט דעם פראַנצויזישן ייד דרייפוס. און איך טראַכט: דאָס קליינע ייִנגעלע שלמה׳לע, געוואַקסן אין אַן אַפריקאַניש לאַנד, וועט אפשר אַמאָל פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג פון די אַלע יידן דאָ, אין דעם שלאָס — און זיין וואַנדערן צוריק אין דעם לאַנד פון די אבות; פון דעם פייניקן דעם יידן דרייפוס דאָ און דעם זוניקן טאָג, וואָס גייט אויף פאַר שלמהלען.

אַז שלמהלע וועט דערפילן דעם טעם פון אַן אייגן פאַטערלאַנד, פאַרשטיין דעם באַדייט דערפון, וועט ער זיך אפשר דערמאָנען דעם „שאַטאָ ד׳עף" און זיין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואַנדערונג פון שלמהלעך, אַברהמלעך, יאַנקעלעך.

1964

געדולד!...

כ׳בין אַריין אין אויטאָבוס, פאַרנומען אַ פלאַץ, געבעטן ביי דער קאָנדוקטאָרין אַ בילעט. און גלייכצייטיק געבעטן ביי איר, זי זאָל מיך דערמאָנען די סטאַציע, וואָס איך דאַרף, מחמת איך בין אַ נייער אין לאַנדאָן. זי האָט שמייכלענדיק מיר געענטפערט, אַוודאי וועט זי דערמאָנען, איך קאָן רואיק זיצן...

בשעת דעם פּאַרן האָט זיך עפּעס געמאַכט אַן אינצידענט מיט אַ פּאַרשוינטע, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען נישט אַזוי נאָכן ענגלישן שטייגער. זי האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט מיט דער קאָנדוקטאָרין.

ווען איך האָב זי נאָכאַמאָל געפרעגט אויב איך בין שוין ביים ציל, האָט זי מיט אַ ציטער באַמערקט, אַז כ׳בין שוין צוויי סטאַציעס ווייטער. „איי עם סאָרי” און נאָכאַמאָל „איי עם סאָרי”, „סאָרי אַהין, סאָרי אַהער,” איך דאַרף צוריקגיין... זי האָט זיך געפילט שולדיק. אויך די בליקן פון די מיטפאָרער זענען געווען מיטפילנדיק און זי האַלט זיך אין איין סאָרי׳ן...

וואָס אַן אמת האָב איך איר אין האַרצן מוחל געווען. כ׳בין דאָך שוין עפּעס דריי טאָג אין לאָנדאָן, עפּעס געלערנט... געדולד...

דערוואַרטונג

אין אַ לאָנדאָנער סקווער. אַ קליינער גאָרטן אַריינגעפּרעסט צווישן הויכע הייזער. זענען זיי געזעסן אויף אַ פּאָר בענק, אַלטע ווייבער און מענער, אָפּשטאַמיקע פון פּראָסטן אַרבעטס־פאָלק. זייערע הענט ליגן אָפּגענוצטע אויף זייערע ציטערדיקע קניען, זיי וואַרטן אויף אַביסל צופעליקער לאָנדאָנער זון, בכדי אויפצוואַרעמען די קאַלטע ביינער...

דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל. ווען נעכטיקע טעג. ווען נישט ווען צעפינקלט זיך אַן אַלט טריב אויג, לייכט אויף מיט דערינערונגען, און באַלד פאַרדעקט זיך עס ווידער מיט אַ גרוילעכן שלייער, וואָס פאַרציט זיך אויף די אַמאָליקע קאַרגע יוגנט־פריידן...

הינטער זייער רוקן האָבן זיך געווייסלט מצבות, — מצבות פון אַן אַלטן בית־עולם, וואָס זענען געווען צוגעטוליעט צו אַן אַלטער קירך — פאַרוואַקסענע אין מאָכיקער גרינקייט. זיי האָבן אויסגעזען ווי אָפּגענוצטע אַלטע מלבושים, און די אותיות אויף זיי ווי מאַטע אָפּגעריבענע קנעפּ...

אַ מאָדנע דערוואַרטונג האָט אַלעמען איבערגעפילט, סיי די

מענטשן, סיי די מצבות, איין שפּאַן, איינס פון אַנדערן... די מצבות האָבן עפּעס אויסגעזען, ווי אַ פּלאַנדעק פאַר זייער אַלטע רוקנס...

זיי האָבן ווייטער געפּלוידערט אַ בישט דערעדט געשפּרעך, וואָס ס'דאַכט זיך, אַז ס'וועט זיך אין זיין איבערחזרונג קיינמאָל בישט ענדיקן בישט באַמערקנדיק ווער עס שטייט הינטער זיי אין טיפער דערוואַרטונג...

אַ חסד!...

זיצנדיק אויף אַ באַנק אין אַ גאָרטן אויף אַן עק פון אַ שטילער גאַס, האָט ער מיט טרויעריקע בליקן געקוקט אויף דעם הילצערנעם שטאָק, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון זיין לינקן הויז. אַ מידקייט האָט זיך געפילט אין זיין פּנים. ס'האָט זיך פאַרדראָסן, וואָס אויף דער שוועל פון זיין לעבן האָט ער געדאַרפט אויפּברענגען פאַר אַ קרבן זיין פוס, פונקט ווי אויף זיין פוס דווקא, וואָס ער האָט צושטייער געגעבן דער מלחמה, וואָלט זיך געהאַלטן די צעלויכטענע שטאָט...

אַ טריבער געווען דער טאָג. אין גאַס האָבן זיך אַנגעזען זייער ווייניק מענטשן. ער האָט די קוליעס צעשטעלט ביי ביידע זייטן. און פאַרנומען זיך זיצן לענגער דרויסן, אין אַ ווינקעלע פון רוישיקן פּאַריז.

פּלוצלינג האָט זיך ביי זיין זייט אָוועקגעזעצט אַ פרוי. איר אויסזען האָט פעסט אונטערגעשטראָכן די מיטעלע יאָרן. איר אַמאָליקע צעטרענצלטע שיינקייט האָט זיך בישט געוואָלט שיידן פון איר אָפּגעלעבטן פּנים. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ גלעטנדיקן בליק ווי צו אַ סך אומבאַקאַנטע אויף איר לעבנס־וועג...

זיי האָבן זיך האַרציק צעשמועסט און דאָס איבעריקע איז שוין געקומען פון זיך אַליין. אַ לייכטער האַנט־באַריר, צוטוליענדיק איר קאָפּ צו זיינעם, אַ גלעט אין דער אומעטיקער גאַמבע.

סוף, סוף האָט זי אויפגעלאַכט, אין דעם אויגנבליק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך דער דרויסן איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער... אויך די קוליעס, דער הילצערנער שטאָק אין לינקן הויז, האָבן אויפ־

געלויכטן. ער האָט זיך באַמיט פאַרהאַלטן דעם שמייכל אויף זיין פּנים. נישט שיידן זיך מיט דעם חסד, וואָס די צופעליקע טוט מיט אים, אַזוי מיטפילנד און מענטשלעך... און אפשר איז דאָס אויך געווען, איר מינוט פון חסד...

1964

הייזער שטאַרבן

די טריבקייט פאַרלאָזט נישט לאָנדאָן. די לופט איז אַ פייכטע. דער זומער — אַן אָסיענדיקער. און אין ווייטשעפּל זעט אַלץ אויס נאָך טריבער, פייכטער, האַרבסטיקער.

אין ווייטשעפּל זעט מען יידן, וואָס האָבן אַ לאַנג לעבן אָפּגעלעבט און פון דאָרט נישט אַרויס. אַ דורות־זשאַווער ליגט אויף זיי. די הייזער, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, אויך דאָס יידיש־לשון זייערס זענען באַוואַקסן מיט אַ קאָרע פון אַלטקייט. די הייזער זענען ווי מיד. די מענטשן זענען מידע. די ענערגישע זענען שוין לאַנג אַנטלאָפן, אין די מאָדערנע צענטערן — גאָלדעסגרין, הענדן, סטעמפאָרד היל א.א. זענען פאַרבליבן די, וועלכע האָבן קיין כוח נישט צו גיין, קיין חשק נישט אָנצוהייבן פון דאָס ניי.

הייב־קראַנען רייסן מיטן וואָרצל דאָס אַלטע ווייטשעפּל. בול־דאָזערס צעשמעטערן אָן רחמים אַלטע הייזער. פון די הייזערס געלעכערטע ווענט קוקט נאָך אַרויס דער מלחמה־שוידער, די שרעק פאַרן סוף. די הייזער שטאַרבן אַזוי מיט דער דאָזיקער שרעק.

און די בטלנים פון ווייטשעפּל, וואָס האָבן זיך קיין וויליעס נישט געבויט, שטאַרבן צוזאַמען מיט די אַלטע הייזער. איר זעט זיי נאָך אַפילו אַרומשפּאַנען איבער די גאַסן, קוים־קוים שטעלן די טריט. דוכט זיך, אַז זייערע ליפּן פּרעפּלען אַ תפילה בלחש, אפשר גאָר אַ קדיש? — נאָך דעם לעבן פון זייערע אַמאָליקע היימען, די צעשטערטע נעסטן, די געשטאָרבענע הייזער.

1964

בונט

זי שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ אויף די געדרייטע טרעפּ פון אַ צוויי־שטאָקיקן אויטאָבוס. אַ העלער שמייכל אויף איר טונקל פּנים איז געוואָנדן צו די העלע לאָנדאָנער פּנימער. דאָס אויטאָמאַטל אויף איר ברוסט ציטערט אויף יעדע מינוט ווען זי גיט אַ דריי דאָס קאָרבעלע, כדי אַרויסצוציען פון דאָרט אַ בילעט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט דער ענגלישער העפלעכקייט — העלפט אַ קינד, אָדער אַן עלטערן מענטשן. די פינגער און די ליפּן באַוועגן זיך שוין אויטאָמאַטיש, אָבער רואיק, באַהערשט.

פלוצלינג גיט זי מיט כעס אַ גיי אַראָפּ פון די טרעפּ. אירע אויגן פינקלען. עמעצער האָט זי באַליידיקט, אָבער זי זעצט פאָר איר אַרבעט, שמייכלט טאָקע, נאָר אַן ענדערונג איז אין איר פאָרגעקומען.

פון די טרעפּ גייט אַראָפּ אַ פּאַסאַזשיר — אין די מיטעלע יאָרן. נאָך אים — אַן עלטערע פרוי, פיין געקליידט, טונקלהויטיקע, אָבער גוט סיטואירטע, וואָס מאַכן, זעט אויס, אַ גוט לעבן אין לאָנדאָן, אַ זאַט־קייט שיינט אַראָפּ פון זיי, נאָר די שוואַרצקייט פון זייער פּנים גלאַנצט ממש. ער רעדט עס מיט געבייזער צו דער קאָנדוקטאָרין.

זי ענטפערט נישט. הייבט ער אָן צו פּאָכן מיטן פינגער פאַר איר פּנים: זי האָט נישט גערעדט גענוג העפלעך צו אים און צו זיין מוטער. נישט גענוג אונטערטעניק, ווי עס קומט אַ מאַן פון זיין שטאַם. ער האָט איר געדראָט דערפאַר.

די שוואַרצע קאָליר פון איר פּנים איז, דוכט זיך, בלאַסער געוואָרן, די אויגן האָבן זיך צעצונדן. און ווען ער האָט זיך פאַרקערעוועט צום אַרויסגאַנג, האָט זי אַראָפּגעלאָזט איר האַנט אויפן קאַרק פונעם לאָנדאָנער דזשענטלמען פון איר אייגענעם שטאַם און געזאָגט:

— איצט קאָנסטו מיך פאַרקלאָגן, אָט האָסטו מיין נומער.

און זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די רואיקע ענגלישע פּאַ־סאַזשירן פון אויטאָבוס. זיך פאַרטיידיקט: דורות דערדריקטקייט און פאַרשקלאַפונג אַלס מענטש און פרוי פון דער טונקעלער ראַסע האָבן זיך צעבונטעוועט אין איר...

בנות ירושלים...

באַגעגנט האָב איך זיי אין „הייד־פּאַרק״.

אַ קאַרגע זון האָט באַלויכטן אַ לאָנדאָנער זומער־טאָג. אויף דעם „ספּיקער־קאָרנער״ האָבן מענטשן אויסגעלאַדעוועט זייער „גייסטיקע סחורה״. ס׳איז שווער צו שילדערן די קאָנטראַסטן. מען שטעלט אויס די שטענדערס — ווי קרעמער שטעלן אַרויס זייערע סטראַגאַנעס אויף אַ יריד: גאָטספאַרכטיקע זינגערס, אַלע סאָרטן מיסיאָנערן, דערוואַכטע בעגערס, וועלכע רעדן מיט היץ; סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, קאָמוניסטן.

אָט שטייט אַ געעלטערטע פרוי — פולע ליפּן מיט זיסקייט האָט זי — און וויל באַווייזן, אַז צו גאולת העולם פעלט נישט מער, ווי די אַבסאָלוטע הערשאַפט פונעם נצרתער ייִד, אַ בילד פון וועלכן ס׳באָמבלט זיך מאַכטלאָז פאַרהאָנגגען אויף איר ברוסט. אין אַ ווינקל דיספּוטירן פּראָטעסטאַנטן מיט קאַטאָליקן. אפילו אַ קונצנמאַכער האָט זיך דאָ באַוויזן מיט אַ טאַטואירטן פּרצוף, וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק. ער הייסט זיך דווקא פאַר זיינע קונצן באַצאָלן אויפן אָרט, אויף דער וועלט. פליסן מטבעות קלינגענדיק אין זיין לעדערן היטל. ער וויל נישט וואַרטן מיטן זופּ וויסקי ביז עולם הבא.

די איינציקע, וואָס זענען מסכים מיט אַלע צדדים — זענען די טויבן, וועלכע שאָקלען צושטימענדיק מיט זייערע קעפּלעך. זיי האָבן טאַקע הנאה פון די קערנער און טשיפּס, וואָס מען קויפט פאַר זייערטוועגן אין די דערבייאיקע קיאָסקן, וואַרקען זיי צופרידענע און פלאַנטערן זיך צווישן די צעהיצטע מענטשן, ווי זיי וואָלטן וועלן שלום מאַכן צווישן זיי. דער פּאָליציסט, אָבער, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן עולם, איז גלייכגילטיק צו אַלץ, אַזוי ווי די ווערטער וואָלטן זיך אָפּגעשלאָגן אָן זיינע צוויי אַראָפּגעלאָזטע דאַשקעס — דעם פאָדערשטן און הינטערשטן.

אין דעם גאַנצן טאַראַראַם האָבן זיך אויסגעשיילט פאַר מיר דריי קעפּלעך פון יונגע מיידלעך — צוויי בלאָנדע און איינע מיט פעך־שוואַרצע האָר און אויגן. צו זיי האָט זיך דערנעענטערט די מיסיאָנערין מיט די זיסע ליפּעלעך. זיי באַלד געגעבן אַ פאָר אויסגעצאַצקעטע בילד־

לעד. די מיידעלעך האָבן זיך געראָיטלט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. די מיסיאָנערין האָט זיי דערציילט די וווּנדער פון גאָטס זון. די דריי מיידעלעך דאַרפן עס ספּעציעל וויסן — זיי זענען דאָך פון ירושלים, פון וואַנען ס׳שטאַמט די געטלעכע משפחה...

איך האָב זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך. די פרוי האָט אויף מיר בייזלעך אַ קוק־געטאָן, די קינדער אָבער האָבן זיך צעשמייכלט.

און אָט בין איך געוווּיר־געוואָרן: זיי זענען געקומען אַהער, קיין לאָנדאָן, לערנען תורה. איינע — איז אַ געבוירענע אין ירושלים, די צווייטע — אין איראַק און די דריטע איז גאָר אַ לאָנדאָנער מיידל, וואָס וווינט זיי די שטאָט. זיי זענען פון די נטורי קרתא־קרייזן. די מיסיאָנערין האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט און זיי קאָנען זיך נישט אָפּטשעפּען פון איר...

האָב איך זיי געפרעגט, צי איז אין ירושלים דאָ קאַרג תורה צו לערנען פאַר יידישע טעכטער? האָבן זיי מיר געענטפערט אין עברית, אין איין קול: „אין ירושלים לערנט מען שמד״...

די מיידלעך וועלן עס דאַרפן זיין לערערינס אין די שנאת־ציון־חדרים פון נטורי־קרתא. די איראַקישע קען שוין אויסגעצייכנט זידלען „די ציוניסטן״.

אָרעמע בנות ירושלים, וועלכע מען שלעפּט אַזש קיין לאָנדאָן, כדי צו פאַרסמען זייערע הערצלעך און מוחות.

1964

די טאַנטע מעיטע פון האָלאַנד

אין דער פּרעכטיקער אוניווערסיטעט־שטאָט לײדן, וואָס זעט אויס ווי אַן אינדזל, וווינט אַ נאָבעלע האָלענדישע פרוי. זי איז נאָרוואָס געהאַט צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין ישראל, ווו זי איז פאַרבעטן געוואָרן דורך אַ משפחה, וועלכע זי האָט מציל געווען פון די נאַציס.

זי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „אַרבעט״ דורך אַ ברודער אירן, אַ חבר פון דער האָלענדישער אונטערגרונט־באַוועגונג.

אַליין איז זי געווען אַן אייגנטימערין פון מעבלירטע צימערן, אַן איינזאַמע פרוי. האָט ביי איר געוווינט אַ פרוי, אַ פראָפעסאָר און די דאָזיקע פראָפעסאָרין האָט איר אין אַ געוויסן טאָג מיטגעבראַכט עפּעס אַ דאַמע, וואָס וועט זיך „דאָ דאַרפן פאַרהאַלטן אַביסל לענגער", ווייל איר מאַן איז קראַנק און מוז דאָרט זיין אַ לענגערע צייט אונטער מעדיצי־נישער אויפזיכט...

דאָס איז געווען אַ פרוי פון ראָטערדאַם און דאָרט האָט דער באָדן אָנגעהויבן צו ברענען אונטער די פיס פון די יידן. פון אַ גרויסער פאַמיליע, זינט דור־דורות איינגעוואָרצלט אין האָלאַנד, זענען שוין פאַרבליבן בלויז געציילטע.

דערציילט מיר „די טאַנטע":

„איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער שטייגער לעבן, צו זייערע שבתדיקע טעג. אין האָלאַנד האָט מען אָנגעהויבן צוצוהונגערן, שווער געוואָרן מיט פּראָדוקטן. האָבן זיי כמעט אַלץ איבערגעלאָזט אויף שבת, כדי צו באַצירן זייער יום־טובדיקן טאָג. דאַן האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, וואָס דאָס הייסט ,שבת מאַכן', ,מ'דאַרף אויף שבת'. איך, די קריסטין, בין געוואָרן אַ שותפטע צו דער יידישער שבתדיקייט, פלעג אַפילו לויפן זוכן אַ שטיקל ליכט אויף פרייטיק צונאַכט... אין אַ געוויסן טאָג האָט די פרוי, מיט טרערן אין די אויגן, מיך געבעטן כ'זאָל איר אַהערברענגען איר יינגעלע, וועלכן זי האָט איבערגעלאָזט ביי אַ יידישער פאַמיליע אין ראָטערדאַם. האָב איך איר דען געקאָנט אָפּזאָגן? דאָס יינגל האָט געוואַרט אויף מיר ביי דער שטאָט־בריק און איך האָב געזאָלט אים מיטנעמען, ווי זיינע אַ טאַנטע... אויף דעם אָפּגע־רעדטן פלאַץ האָט געוואַרט אויף מיר אַ שיין, בלאָנד יינגל פון אַ יאָר צען, מיט הימל־בלויע אויגן. איך האָב אים צוגעדריקט צום האַרצן און געקושט. ער האָט מיך גלייך גערופן ,טאַנטע'... דאַן האָב איך ערשט דערפילט דעם טעם פון פאַמיליע, פון משפחה־קרובהשאַפט... אַזוי האָב איך זיך אויף אייביק פאַרמשפחהט מיט די יידן. איך בין געוואָרן זייער טאַנטע מעיטע... און אַזאַ בין איך פאַרבליבן פאַר זיי ביז איצט"...

צום צווייטן מאָל האָט זי שוין באַזוכט אירע פלימעניקעס. „זיי

האָבן דאָך אויך קיינעם נישט פון זייער פאַרצווייגטער משפּחה, אַ חוץ מיך"... אַ טרער האָט זיך אָראָפּגעקייקלט פון אירע אויגן.

האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די טרער איז אַריינגעפאַלן אין ים אַריין — אין דעם ים פון יידישע טרערן.

1966

שמע ישראל!

אין אַ שיינער שוועדישער שול וואָס בערג הילן זי פון אַלע זייטן, דער פּאָרט גיט איר צו אַ באַזונדערע חשיבות, די מענטשן, צפּונדיקע, צעהעלטע, גייען מיט געהויבענע קעפּ. הויבסט דיינע אויגן צו זיי ווי צו די הויב־קראַנען אויפן פּאָרט, די שטיינער און די ערד דערמאָנען דיך ירושלים, און אַ בענקשאַפט נעמט דיך אַרום צו אייגענע...

אַ שבתדיקער פרימאָרגן, אין דרויסן קאַפּעט אַן עקשנותדיקער רעגן. אַסיענדיקע קילקייט גליטשט זיך דורך דיינע אין ירושלים אָנגעוואָרעמטע ביינער!

אין דער סינאַגאָגע זענען זיך צונויפגעקומען אויסדאַווענען אַ שבת־דיקן דאַווענען אַ מנין יידן. צווישן זיי „איינגעלאַדענע צו עליות". אַלע אינסטרומענטן זענען גרייט, אַ שיינע געטאָקטע שול, אַפילו אַ בנין, אַ ניי־אויפגעבויטער, צו בר־מצוות און שמחות. אַן אונטערגעעלטערטער עולם, די יוגנט, זאָגט מען, איז איצטער אין וואַקאַנס. מיין פריינד, וואָס האָט זעלטן ווען געדאַוונט אין זיינע יוגנט־יאָרן, שטייט פאַרן אַלטן יידישן גאָט...

דער אָרגל האָט זיך מיט אַ גלאָקיקן טאָן צעוויינט. דער חזן, אַ פּאָר צילינדערס, וויגן זיך מיט. קוים די ליפּן באַוועגן זיך, ווי זיי וואָלטן וועלן איינוויגן דעם דרימלענדיקן שבת.

פּלוצים האָט דער רעגן אָנגעהויבן שמייסן האַסטיקער אין די באַמאָלטע שויבן, און די קלאַנגען האָבן פאַרגנבעט זיך צווישן די פּסוקים, ווי די טראָפּנס וואָלטן אַקאָמפּאַנירט דעם אָרגל, וואָס האָט זיך אינצווישן צעקלונגען מיט אַ האַסטיקן שמע ישראל.

און מיידלשע קולות האָבן הילכיק אָפּגעשאָלט אין שול.

כ׳האָב מיינע אויגן אויפגעהויבן און דערזען אינדערהויך אַ גרופּע העל־האָריקע משוררות, וואָס האָבן באַגלייט צוזאַמען מיטן אָרגל דעם שמע ישראל, מיין פריינד האָט מיר דערקלערט:

„יידישע איז שווער באַוועגן, זיי זאָלן מסכים זיין זינגען אין שול. דאָס זענען ריינע שוועדינס״.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער הויפּט־זינגערין אין שפּיץ פון כאָר, ווי זי האָט מיט געשמאַק אויסגעזונגען דעם שמע ישראל פון אַ נאָטן־בוך.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי ווייסט יאָ פּרוש המילים... און דערפאַר ציטערט איר הויכע סאָפּראַן־שטים, שלאָגט זיך אָן אין די געוועלבן פון דער שול. אַ קול פון אַ שוועדיש בלאָנד־מיידל:

יידן... יידן... דאָס זאָג איך שמע ישראל.

1964

יהודית איז אַוועק...

זי איז געווען די מיטלסטע און רירעוודיקסטע פון צווישן אַלע דריי. אויף דער שיף זענען זיי אַרויף מיט דער מאַמען און דער טאַטע איז פאַרבליבן אין חיפהער פּאָרט.

יורדים. די שיף האָט זיי געזאָלט פירן קיין גענוא און פון דאָרט — איבער ווין — האָבן זיי געזאָלט פליען קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ סך שטעכווערטלעך האָט מען געשפּיזט קעגן זיי. פאַרוואָס זיי פאָרן אַוועק? — די מאַמע איז נישט געווען קיין יידישע, פאָרן די טעכטער אַוועק מיט דער מאַמען, איבערלאָזנדיק דעם טאַטן אינעם לאַנד פון די יידן.

אויף דער שיף האָב איך אָבסערווירט די מיידלעך: זיי האָבן געשיקט אויסגעטאַנצט ישראלדיקע טענץ, געזונגען ציונס לידער. דער עברית האָט אַזוי נאַטירלעך געקלונגען אין זייערע מיילער. איצט דאַרף זי די מאַמע צוריק איינפלאַנצן אין איר פאָטערלאַנד...

אויסגעטיילט זיך פון זיי האָט די מיטלסטע, יהודית. אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, דערצויגן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט („בנקי"). אין דער לעצטער נאַכט אויף דער שיף האָב איך מיט איר געכאַפּט אַ שמועס. די מאַמע האָט נישט געשטערט. איך האָב זיך באַמיט צו זיין רואיק. אגב — האָט זי מיך וויניקער אויפגעבראַכט ווי דער שוסטער מיט זיין ווייב, וועלכע זענען אויך געפאָרן אַהין — הגם דער שוסטער האָט אַליין דערציילט, אַז ער האָט פאַרדינט 30 פונט אַ טאָג... אָבער: ער איז אַן אַלטער „רעוואָלוציאָנער", קאָן קיין „עוולות נישט צוזען"... טאָ גיי, טו מיט אים עפּעס...

איז מיר אים נישט געווען קיין שאָד. נייערט יהודית מיט די שוועס־טערן איז מיר אַ גרויסער שאָד געווען.

נאָך אַ לאַנגן שמועס האָט מיר יהודית געזאָגט: — אויך דאָרט **וועל איך בלייבן אַ יידישע.**

איך האָב געשמייכלט: ווי אַזוי און צו וואָס?

פון דעסטוועגן האָב איך יהודיתן געגעבן מיין אַדרעס און זי געבעטן זי זאָל מיר אַמאָל אָנשרייבן קיין ירושלים. זי האָט צוגעזאָגט: זי וועט שרייבן ווי גליקלעך עס לעבט זיך איר דאָרט, אין דער וועלט.

זינט דאַן זענען אַוועק אייניקע יאָר. איך האָב נאָך פון איר קיין וואָרט נישט באַקומען. קיין באַשטעטיקונג, אַז ס'זענען מקויים געוואָרן די באַגייסטערטע ווערטער פון יהודיתן וועגן אַ נייער וועלט.

טראַכט איך: צי איז נאָך עפּעס אין דער רויטער יהודית פאַר־בליבן פון איר, פון יהודיתן?...

1966

דאָס טיטוס-טויער

צום בעסטן האָט זיך אָפּגעהיט דאָס טויער פון טיטוסן אין רוים, נעבן קאָלאָסעום.

די אימפּעריע האָט פאַרשלונגען לענדער און די לענדער־פאָר־

שלינגער האָבן זיך געוויילט אין קאָלאָסעום, צוקוקנדיק ווי חיות פאַר־שלינגען די ווידערשפעניקע פון די לענדער.

שטיי איך דאָ, אַ ישראל־ייִד, מיט אויסגעטרוקנטע אויגן און קוק — קוק צוריק אין דעם מרחק פון דער געשיכטע. איך קוק זיך איין אין די שניצערייען, אין די קונסט־גרימאַסן, אין דעם, ווי מען האָט געוואָלט באַווייזן די שיינקייט פון שלעכטס.

שטייט אַ ייִד פון ירושלים ביים טיטוס־טויער אין רוים. קוקט אויף די חורבות פון קאָלאָסעאום, אויף די צעוואָרפענע זיילן, עס דוכט זיך מיר, אַז דורות לאַנג שטיי איך אַזוי און גאַף. שפּעטער האָב איך אַראָפּגע־בידערט אין די געסלעך פון געטאָ, איינגעהערט זיך אינעם שמועס פון האַנדלענדיקע ייִדן. זיי רעדן צו מיר מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן; די ווערטער קומען שווער אַרויס פון זייער פאַררוימישט מויל, זיי פרעגן און פרייען זיך:

— שלום, שלום, ישראל, ירושלים...

און זיי שמייכלען, אַ פרייד שײַנט אַרויס פון זייערע אויגן.

מעג ער ווי פעסט נאָך שטיין, דער טויער פון טיטוסן — זיי האָבן אים איבערגעלעבט.

הייליקע פרייד

אַ פרייטיק נאָכמיטיק בין איך אָנגעקומען אין ריינסבורג אויפן וועג קיין אַמסטערדאַם, דאָ געפינט זיך די הייזקע פון שפּינאָזאַ.

אַ קליין, אַלט האָלענדיש הייזקעלע, אַ העפלעכע וועכטערין לאָזט מיך אַריין אַהין. איך באַקוק דאָס קליינע שטיבעלע, וווּ שפּינאָזאַ האָט געשליפט די גלעזלעך — און זיינע מחשבות.

ווי שמאָל און האַרט איז די באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן! ווי אַ בית מדרש־באַנק.

אַלץ שטייט נאָך דאָ ווי אַמאָל — דער גאַנצער פּרימיטיוור וואַר־שטאַט. און אַרום איז אַלץ אַזוי געטלעך־שיין: דער זאַמד־זייגער, וואָס שטייט פאַרן פענצטער; פליִענדיקע מיט בלומען שפּרייטן זיך אויס אויף

אַלע זייטן. אַ וועלט פון בלומען, און איבער דעם אַלעם שוועבן אַרום די מחשבות פון דעם בלאַסן, קראַנקן יונגנמאַן ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער האָט זיך פאַרפאַנצערט אין דעם שטיבעלע מיטן משופּע־באַלקן.

אַ געטלעכע דערהויבונג טראָגט זיך אין דעם שטיבעלע און אַ גרויסע פרייד: די פרייד פון דער נאַטור און פון שעפערישן געדאַנק.

1964

פון דא און
פון דארט

אַפּן און זשיראַפן

שוין איינמאָל געווען אַ שמחה , ווען מען האָט זיי געבראַכט אין דער יידישער שטאָט. פּלאַקאַטן האָבן אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון די חשובע אַפריקאַנער געסט, און ס׳איז געווען ששון ושמחה.

קינדער האָבן נישט געקאָנט איינשלאָפן פאַר נייגעריקייט. די בשורה האָט זיך געטראָגן פון דן ביז באר־שבע, און יונגוואַרג, וואָס איז געקומען קיין תל־אביב, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, ווו די געסט האָבן געהאַלטן די קעפּ פאַרריסן ווי מלחמה־נגידים.

ווען כ׳בין צו זיי צוגעקומען נאָענט דאָס ערשטע מאָל, האָב איך אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין: ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו אונזערע היימישע מענטשן־זשיראַפן, וואָס איר באַגעגנט זיי אויף יעדן שריט און טריט, אין אַלע גזועלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און — זייט מיר מוחל פאַר דער בייזער צונג — אַפילו פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס: דעם קאָפּ פאַרריסן הויך־הויך איבער אַלץ און אַלעמען.

נאָר אַ קליינער אונטערשיד איז פאָרט דאָ: די מענטשלעכע זשיראַפן, כביכול, האָבן אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, אַן אָפּנאַרעריש שמייכעלע, און אויגן אַביסל בייזלעכע, מ׳מעג זאָגן חיהשע. די חיות־זשיראַפן אָבער, אַז דו קוקסט זיי אָן, בייגן זיי אָן צו דיר דעם מאַיעסטעטישן קאָפּ, ציען־אויס חבריש דאָס מאָרדעלע. זיי גלייבן דיר. אַזוי צאַרט זענען זיי. און אויגן — אויגן האָבן זיי אַזעלכע מילדע, מענטשלעכע. זיי נאַרן נישט. זיי פאָדערן נישט קיין חניפה.

די חיות־זשיראַפן זענען באמת סימפּאַטיש.

ווי אַנדערש זענען די אַלע, וואָס אין זייערע אָמטן פאַררייסן זיי הויך די קעפּ. עס זענען שלעכטע קאָפּיעס פון אַן אמתן זשיראַף. מער אַפּן ווי זשיראַפן.

1947

קירכן־גלאָקן פאַר יידן

דער הייליקער פאָטער האָט זיך געשטאַרקט און אַראָפּ פונעם קראַנקן־בעט כדי אויפצונעמען דעם גאַסט פון דער קאַטוילישער מדינה — דאָס מאָל דעם יידן פּראַנקאָ מענדעס, דעם רעפּרעזענטאַנט פון דעם אַמאָל קאַטוילישסטן פון אַלע פעלקער, פון דעם פראַנצויזישן פאָלק.

באַגלייט פון אַ לאַנגער פּראָצעסיע, גלחים און קאַטוילישע נכבדים גייט דער ייד פּראַנקאָ מענדעס. מיט לאַנגע אַרבל און אַ טיול אויפן קאָפּ גייט לעבן אים מאַדאַם פּראַנקאָ מענדעס מיטן גאַנצן יידישן חן.

און צום טאַקט פון די פוסטריט קלינגען די קירכן־גלאָקן פון הייליקן הויז:

אַלטע בילדער פון דער רענעסאַנס־תקופה קוקן פון די ווענט: לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי, ראַפאַעל, מיקעל אַנדזשעלאָ. דאָס זעבאַרע פון דער קונסט מיטן אומזעבאַרן פון דער געטלעכקייט. צווישן די ווענט שוועבט געוויטער פון וועלט־פאַרניכטונג. אין די ווינקעלעך פּילט זיך דער אומעט פון קראַנקן הייליקן פאָטער און פון וועלט, וואָס דאַרף רחמים...

אַ ייד איז געקומען אויף דער שוועל פון הייליקן וואַטיקאַן אין רוים. דער פויפסט, וואָס איז דאָ אויף דער ערד דער פאַרטרעטער פון דעם גאָט־געוואָרענעם ייד פון נצרת, וויל וועקן דעם גלויבן דורך דעם יידן פון פראַנקרייך.

און די גלאָקן האָבן צום ערשטן מאָל געקלונגען לכבוד אַ לעבעדיקן ייד...

1947

ג אַ נ ד י

דיינע טעג האָבן געטריפט ווי מילך־טראָפּנס ווייסע. האָסט דיינע טעג געלעבט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. דיין שונא האָסטו נישט פאַרשאָלטן, נישט פאַרמאַכט פאַר אים די טיר, כאָטש ווי אַ צרעת האָט

ער זיך געקלעפּט צו דיינע טרוקענע ביינער, געגאָגט די לעצטע זאַפטן פון דיין פאָלק.

מיט איינגעהאַלטענעם ציטער האָסטו געוואַרט, ביז דער שונא וועט פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך, אויף מער נישט צוריקצוקומען, אַפילו צווישן געטער האָסטו געוואָלט בויען אַ בריק, אָבער דעם שונאס געדולד האָט געפּלאַצט. דאָס בלוט הינטער זיינע אָנגעשוואָלענע אָדערן האָט הינטיש געוואָיעט און מלאך־המותדיק געלויערט אויף דיינע שטילע טריט.

דיין וואָרט, ווי סודות פון אַן אַלט פאָלק, האָט צעביסן דאָס אייזערנע הערשער־האַרץ.

דיינע יאָרן אין די תפיסות, דיינע געפּאַסטע טעג, קייקלען זיך איצט ווי פּערל ביי די ברעגעס פון הייליקן גאַנגעס, שטילע וואַסערן וועלן טראָגן דיין אַש און דו אַליין וועסט, ווי בודא, אַרויסשמייכלען אַן אייביקן שמייכל פון אַ לאָטאָס־בלום אַרויס.

ווען שלעכטס וועט פון וועלט פאַרשווינדן.

1948

פּלאַקאַטן

פּילפּאַרביקע פּלאַקאַטן גלאָצן צו דער גאַס. יעדער פּלאַקאַט אַנדערש אָנגעקליידט. ווערטער־טאַנץ און וועט־געלויף. אַ מעטש פון געוואָרפענע ווערטער, וואָס זוכן קעפּ צו שפּאַלטן. אמת און שקר צאַפּלען אין אַ פּלאַנטער פון וועלכן זיי קאָנען זיך נישט באַפרייען.

די גאַס איז שכור פון קאָלירטן וואָרט. הענגען פּלאַקאַטן אויף מויערן און פּאַרקענעס, ווער מיט גדלות און פּראַכט, און ווער אין אַ ווינקעלע פּאַררוקט. פּלאַקאַטן מיט עולם־הזה׳דיקן רייץ, פּלאַקאַטן מיט עולם הבא׳דיקן זיפּץ.

און אין דעם וואַלד פון פּלאַקאַטן וואָס זאָגן אָן דעם גורל פון אַ תקופה, אין בלענדיקן רעגנבויגנדיקן געווירבל פון פאַרב און וואָרט־קלאַנג, קאַריקאַטור און וויץ, אין סאַמע מיט, הענגט אַ גרינער פּלאַקאַט

מיט שוואַרצע אותיות, אַ פּלאַקאַט וואָס האָט גאַרנישט בשותפות מיט זיינע חברים פּלאַקאַטן פונעם וואַל־יריד.

אַ בכבודיקער פּראָפעסאָר בעט עפּעס אין פּשוטע ווערטער. רחמים בעט ער זיך. אַ הינטל איז אים, דעם פּראָפעסאָר, פאַרשוווּנדן. און אַ פונק פון האָפענונג גלאַנצט אויפן גרינעם פּלאַקאַט.

אפשר האָט איר, רבותי, באַמערקט אַ שוואַרץ יונג הינטל, מיט אַ ברוין ברייט מאָרדעלע, אַ הונט וואָס האָט נאָך קיין הינטישן טעם אויף דער וועלט נישט פאַרזוכט?... שטייט אַ מינוט אין מיטן וואַל־האַרמידער. פינפאונצוואַנציק לירות ביי דער זייט.

אַ מינוט צייט, רבותי! נישט וועגן מענטשן, וועגן אַ טייער יונג הינטעלע האַנדלט זיך, וואָס האָט נאָך נישט געזינדיקט אויף דער הינטישער וועלט... האָט רחמנות אויף אַ פּראָפעסאָר אין ירושלים, וואָס מישט זיך אַוודאי נישט אין פּאָליטיק. אין מיטן די וואַלן צווישן צעפלאַמטע, צעהיצטע, געמיטער, בעט ער מיט אַ צעבראָכן האַרץ... אַכטונג! ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ הינטל.

אַ שפּיץ פונעם גרינעם פּלאַקאַט הוידעט זיך נאָך אויפן מויער. נאָך די וואַלן. די ווענט ווערן פאַרדעקט מיט אַנדערע פּלאַקאַטן. וואַל־פּלאַקאַטן שלאָפן צוגעדעקט, ווער מיט אַ גוטן, און ווער מיט אַ בייזן חלום. און צווישן זיי הוידעט זיך דאָס הינטישע פּלאַקאַטל: שטיל שטיל סקאַמליעט עס: רחמנות, אַ ביסל רחמנות!

1955

אַ סליחות-נאַכט

ווען ער גייט פאַרביי מיט זיין קינדער־וועגעלע, באַפאַלט אים אַ כאַפּטע קינדערלעך. זיי זינגען אַ לידעלע „דוד מלך ישראל חי־חי וקיים״.

ר׳ עקיבא האָט געקרייזלטע פּאות און אַ קליין, גרוי בערדעלע. דאָס פּנים — פון אַ שמח בחלקו און צוויי פריילעכע, שוואַרצע אויגן טאַנצן פון צעאַקערטן שטערן אַרויס.

די פריילעכע קינדער־קאַפּעליע באַגלייט אים מיטן זמר אַרויס פון דער שכונה. ער זינגט מיט זיי און טופּעט צו מיט זיינע דריבנע טריטלעך און אין דער צווייטער שכונה חזרט זיך איבער דאָס בילד מיט אַ נייער כאַפּטע קינדער. אַזוי שפּרייזט ער אַ זינגענדיקער און טאַנצנדיקער איבער גאַנץ ירושלים.

אַמאָל, נאָך חצות האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אים מיט זיין וועגעלע, גייענדיק אין גאַס. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער ברומט דעם ניגון „דוד מלך ישראל"...

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, זיידעשי?

— שפּעט, זאָגסטו, האַ? ביי מיר איז שוין פרי, איך גיי צו סליחות. דאָס וועגעלע פיר איך פון געוווינהייט...

— אַפילו אַ וועגעלע דאַרף מזל! אָדער עס פירט אַ ליכטיק קינד און אַ צעשמייכלטע מאַמע קוקט דערויף מיט נחת, אָדער עס פירט אַלטע שמאַטעס, אַלטע שיך...

אויף אַ מינוט האָט ער אָפּגעלאָזט זיין וועגעלע, צעשמייכלט זיך איבער זיין אָרעם מלכות. פון זיין דאַרן האַלדז האָט אַרויסגעזונגען דער „אל תשליכנו לעת זקנה"... און אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיין צערינצלטער באַק.

און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די נאַכט האָט נישט געקאָנט איינשלינגען די טריט. זי האָט אָפּגעהילכט אין זיינע דריבנע טריטלעך אין אַ ירושלימער נאַכט פון סליחות...

1955

ווי אַ רויך...

והרשע כעשן תכלה.

(פון די תפילות)

דאָס שלעכטס זאָל ווי אַ רויך פאַרשווינדן, האָבן אונדזערע אבות הייס געבעטן — און זיי זענען מיטן רויך פאַרשווינדן.

דער רויך אַליין איז שלעכט געוואָרן. ער פאַרשווינדט נישט. ער שטייט אין דער לופט, פאַרפּעסט די לופט.

שלום־קאָנפערענצן וועגן אָפּשאַפן אַטאָם־עקספּערימענטן. און אַנ־שטאָט לעבן — גיט מען דער וועלט אַטאָמישן סם.

היטלער איז טויט — דער וואָס האָט געוואָלט מאַכן די וועלט „יודן־ריין", מוזעאומס זענען אויפגעבויט געוואָרן אויף די חורבות פון די גאַז־קאַמערן. מוזעאומס, וואָס דאַרפן אויף אייביק באַווייזן, צו וואָס עס האָט געקאָנט דערפירן די געפערלעכסטע שנאה און רשעות, און די וועלט איז שמוציק.

נעכטן האָט מען דאָרט פאַרגאַזט יידן. מאָרגן וועט מען אפשר פאַרגאַזן די גאַנצע וועלט.

דער רויך טשאַדעט, שרעקט, שטיקט. מען שפּאַלט די הימלען. די טויערן פון רחמים ווערן מיט אַטאָם באָמבאַרדירט.

דאָס רשעות הענגט איבער אונדז, און דער מענטש שפּרייט הילפ־לאָז אויס זיינע הענט אין תפילות: „כעשן תכלה"... און דער רויך ווערט אַלץ געדיכטער, פינצטערער.

דאָס רשעות, וואָס איז אין נעפּל איינגעהילט, שמייכלט צביעותדיק, ווי ס'וואָלט מצוות געטראָגן.

אַ פייער רייניקט. דער רויך פאַרעיפּושט.
און אין חלל קרייזן די תפילות...

1955

גאולה־געזאַנג

יעדעס יאָר קומט איבעראַנייס דער פאַר־פּסח. יעדעס יאָר איבעראַניי לעבט מען איבער דעם ערשטן ציטער פון פרילינג, פון פרייד, פון אָנזאָג און פונאַנדערבלי. גאולה־געזאַנג אין די אָדערן פון גוף, און ריטם אין די איינגעווייידן פון דער ערד. אַ נייגער שטופּט דיך צו אַ ניי יאָר אויף דער שוועל פון פרילינג, און פריידיק שעפּסטו פון דיינע יוגנט־ברונעמער.

זוי הײנט וואָלסטו פון מצרים אַרויס. „זאָלסט דיך זען אין אַלע דורות, איבעראַניי ווי דו וואָלסט אַליין אויסגעלייזט געוואָרן".

דער פייגנבוים, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געשטאַנען נאַקעט, הויבט אָן צודעקן זיין נאַקעטקייט מיט קליינינקע בלעטלעך. די פייגל ווערן פריי־לעכער, די פרימאָרגנס שניידן זיך אַרויס פרישע, געטובלטע אין מאָרגנטוי.

יעדן פרילינג פון דיין אייגן לעבן זעסטו דאָס וואָס דו האָסט דעם פאַרגאַנגענעם פרילינג נישט באַוויזן צו זען. מיט דער גאַנצער נאַאיווער בייגעריקייט פון די קינדער־יאָרן שטייסטו ווידער פול מיט גלויבן, אָנזאָג און פרייד. פאַר פסח...

1955

אויגן

ער און זי און צווישן זיי אַ זעעוודיק קינד. אַ קינד מיט בלויע שיינע אויגן פון אַ יאָר־צוויי. זיי זענען אַריינגעוואַקסן אין דער לאַנדשאַפט פון ירושלים, ווי אַ סך זייער גלייכן. טאַפּן דעם וועג מיט אַ מאַנאָטאָנעם שטעקן־קלאַפּ און שניידן זיך אַריין ווי אַ טונקעלער פּאַס צווישן פאַר־איינצלטע מענטשן.

אַ געחתמ'טער גורל פון בלינדקייט אין דעם פון ליכט פאַרלאָשענעם לעבן.

נאָר אין אויטאָבוס קוקן אַלע אויפ'ן קינד. אין הענטעלע האַלט די מאַמע און דאָס צווייטע דעם טאַטן. גיט עמיצער עפּעס אַ זאָג צום קינד, צעגיסט זיך אַ שמייכל אויפ'ן טריבן פּנים פון דער מאַמען. דער טאַטע דריקט דעמאָלט שטאַרקער דאָס הענטל פון קינד.

אַלע אויגן פון די אויטאָבוס־פּאַסאַזשירן זענען געווענדעט צו די צוויי פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן, און פּאָר בלויאינקע אויגעלעך פונעם קינד. פּלוצים מאַכט דאָס קינד אַ פריידיקן אויסרוף, ווענדנדיק זיך צום פענצטער:

„אַבאַ, אמא, תראו!..."

די בלינדע אויגן פון טאַטע־מאַמע, ווי געטראָפן פון עפּעס, הויבן אָן נערוועז צו ציטערן.

די פּאַסאַזשירן אין אויטאָבוס. ווי פאַרשעמטע, ווענדן זיי אָפּ די בליקן ערגעץ־ווו.

1956

„רוף מיך יצחק״...

אַ שטוב פון נייע עולים — ערשט נישט לאַנג געקומען פון פּוילן. טאַטע־מאַמע, און אַ ייִנגעלע, יורעק. פילט זיך יורעק אויסגעצייכנט. שטיפט אַרום אַ גאַנצן טאָג, און פּורים, ווערט ער מיטגעריסן פון די פּורים־שפּילערייען, פון דעם געזאַנג, וואָס שפּאַרט פון די פענצטער.

גאָר שטאָלץ איז ער מיט זיין אָפּיצירישן אוניפאָרם. מאַרשירט לעבעדיק מיט אַ כאַפּטע ייִנגלעך און מיידלעך — זיינס גלייכן — און גיט זיי באַפעלן אין קלינגענדיקן עברית.

פּלוצלינג דערהערט זיך דער צערטלעכער רוף פון זיין מאַמען:

— יורעק! יורעטשקו!

ער ווערט רויט און ענטפערט:

— אמא, רוף מיך יצחק... כ׳בין אַ יידישער אָפיציר...

די פאַרשטעלטקייט האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי נאַטירלעך, ווי נאַטירלעך עס האָט איצט געקלונגען דער נאָמען „יצחק״ אין זיין מויל...

1959

א י נ פ אָ ר מ אַ צ י ע

אַ גאַנצן טאָג, פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט, זיצט ער ביים פענצטערל מיט דער זעלבער מינע פון גלייכגילטיקייט. פון צייט צו צייט רייסט אימיצער איבער די שטילקייט פונעם פענצטערל. דאָס איז דאָן בעת ער ענטפערט אויטאָמאַטיש און גיט אָן די נומערן פון די צימערן, און די נעמען אויף וועלכע מען פרעגט זיך ביי אים, וועגן דעם אָדער יענעם פקיד.

ס׳טרעפט אויך אָבער אַז ער הערט אויס געדולדיק אַ פּאַרוויקלטע טענה פון זיין אינטערעסאַנט, אָדער אימיצער באַקלאָגט זיך פאַר אים, שרייט וועגן אַן עוולה.

און ווידער פאַלט ער אַריין נאָך יעדן באַזוך אין דער זעלבער אַפּאַ־טישקייט, און קוקט אַרויס פון פענצטערל ווי אַן אומבאַוועגלעך בילד.

ס׳טרעפט אַז ער פאַרלאָזט אויף אַ מינוט זיין פּלאַץ, זעט זיך אַ ליי־דיקע ראַם, און אָט די פוסטקייט שרעקט טאַקע. און ווען ער קומט ווידער צוריק גייט ער פונדאַסניי אַריין אין זעלבן טראַנס, ווי אַן איבערגעריסענער פאָדעם אין אַ וועב־מאַשין וואָס ווערט ווידער פאַרקניפּט.

פלוצלונג גייט צו צום פענצטער מיט אַ טאַנצנדיקן טראָט אַ יינג שיין מיידל, די אויגן בליצן מיט אַ שמייכל און פרעגט זיך אויף אימיצן. דאָס מאָל ענטפערט ער געדולדיק, געלאַסן, נישט געאיילט. ער קוקט אויף איר מיט נייגעריקייט ווי ער וואָלט געדאַרפט קריגן די אינפאָרמאַציע ביי איר. אַ צייט לאַנג נאָך איר פאַרשווינדן, פילט זיך נאָך דער ליכטיקער שטראַל ביים פענצטערל, און די ווערטער פון זיין מויל פאַלן וואַרעמער, האַרציקער און מענטשלעכער.

1956

ליכט און שאָטן

אַ פרייד איז אויסגעגאָסן איבער אַלע געזיכטער. אָט רעדן בן־גוריון, טאַבענקין און יערי. יעדער אויף זיין אופן. יעדער מיט זיין אינטערפּרעטאַציע. יעדער באַגלייט פון אַפּלאָדיסמענטן. יעדער איבערצייגנד, איינגעהאַלטן, טאַקטיש. מען פילט, אַז עפּעס איז געטאָן געוואָרן. עפּעס דאַרף געטאָן ווערן. מען פאָדערט פון זיך. מען רעדט פון אַמאָל און פון היינט. מען האַלדזט וועלטן. מען פלאַנצט גלויבן. יעדער אַ געשיכטע פאַר זיך. און אונטער די קעמערלעך פון מוח שפּאַרט זיך אַ מחשבה. שפּאַרט זיך און גיט נישט קיין רו. די ליכט, וואָס איז דאָ אויפגעשטאַנען איז ליכטיקער ווי מיר באַנעמען. דער גלויבן, וואָס דאָ שפּראָצט איז גלוי־

ביקער ווי מיר גלויבן. דער אמת, וואָס צעמענטירט זיך דאָ, איז אמת׳דיקער ווי אַ סך מיינען.

אָט איז אַ חלום. אַ חלום וואָס ווערט מקוים. אויף גרינעם פּלוש, גראָזיקע דיוואַנען. יידן יום־טוב׳דיקע, מיט אַ זמר אויף די ליפּן. ביים גאַנצן קאַמף, ביי דעם גאַנצן אינערלעכן געראַנגל, וועלנדיק שפּינען אויך ווייטער די פעדעם פון בראשית. קעפּ, וואָס האָבן אַמאָל פאַרבן געהאַט, זענען איצט אין גרוי־זילבער געהילט, צער־גלי בלויז אין די אויגן, דער־זעלבער, יידן־גלויביקע און שאָטנס פון קנאה־שנאה פון דרויסן. וועלט זעט נישט אונדזער יום־טוב. וועלט איז נאָך טויב און בלינד; פאַרהוילן די אויגן פון אונדזער צער און פּיין; קערן אָפּ זייער בליק פון אונדזער פריי־דיקן אויפגאַנג. ליכט אין דעם וואָס איז געשאַפן. און שאָטן אין דעם וואָס איז געשאַפן.

ניין! וועלט וועט אויפשטיין. וועלט וועט נישט זיין אַזוי געפאַלן, ווי שווער דער באַרג אַרויף זאָל נישט זיין, די ליכטער, וואָס מיר האָבן אָנגעצונדן, וועלן די פינצטערע שאָטנס פאַרטרייבן.

1956

מאָדנע ספּאָרט־מאַרקעס

אַ באַקאַנטער ישראל־ספּאָרטלער איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר פאַר־שפּרייטן פאַלשע פּאָסט־מאַרקעס און וועקסלען.

אין די אַלטע צייטן, ביי די ספּאָרט־פאַרמעסטן, איז קיין מאַרקעס נאָך נישט געווען. דאַן האָט געגאָלטן אַ לאָזונג: אין אַ געזונטן גוף — אַ געזונטע נשמה. דאָס פאָלק האָט דאַן ליב געהאַט זיינע ספּאָרט־העלדן.

אויך היינט האָבן מיר זיי ליב. אָבער — זאָל אין זייער געזונטן גוף זיין אַ געזונטע נשמה. און דאָ הערן מיר כסדר: דער ספּאָרטלער איז אַנטלאָפן... יענער איז שוין דאָרט...

יידן שאַצן הויך גוטע קעפּ. דער גוי באַצאָלט גוט פאַר געזונטע פיס אויך. הייבן יידישע קעפּ אָן צו טראַכטן מיט פיס־קאַטעגאָריעס.

מ׳הייבט זיך אָן צוצוקלעפּן פאַלשע מאַרקעס — פון אַנטלויפן שטילערהייט פון לאַנד; פאַרקויפן דעם נאַציאָנאַלן ספּאָרט־כבוד און לסוף...

גאָר פעלשן פּאָסט־מאַרקעס, פעלשן וועקסלען.

צי איז עס נישט קיין שריט ווייטער פונעם פעלשן ווערטן, פון ברעכן די ספּאָרט־שבועה, פון פאַרקויפן דעם נאַציאָנאַלן כבוד?

1956

עם הספר...

זיין פּויליש חסידיש אויסזען האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. זיין שיינע גרויע באָרד, מעסיקע פאות און גאַנצע הדרת פנים אין אַ זייטיק געסל פון גאולה, אין ירושלים — האָט נישט געפּאַסט צום וואַליזקעלע מיט׳ן ביסל שוכבענדלעך, פּאַדעם, דרעטלעך און נאָך אַזעלכע קליינינקייטן.

איך האָב פון צייט צו צייט עפּעס געקויפט ביי אים און אויף אַזאַ אופן זענען מיר ביידע ממש גוטע פריינד געוואָרן. אַמאָל פריייטיק פאַרנאַכט, טרעפנדיק אים ביי זיין מיזערנעם גאַסן־קרעמל, האָב איך אים געפרעגט, וואָס עפּעס איז אַזאַ עצבות אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

דאגה בלב איש ישוחנה — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן — הער מיין פריינד! איך פאַרליר די אויגן ביסלעכווייז. איך ווער בלינד! נישטאָ פאַראַן מער קיין ברילן פאַר מיר! געווען ביי אַלע דאָקטוירים... נישט גוט, נישט גוט — מיין פריינד... צו וואָס טויג אַזאַ לעבן אָן ראייה, מ׳שטיינס געזאָגט! אַזאַ ייד ווי איך, אין טיפן עלטער, וואָס קאָן נישט אַריינקוקן אין אַ ספר — האָט נישט מער קיין תיקון...

כפר חב״ד

בילדער לויפן דורך, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ: זמר, טאַנץ, דבקות, אָן אַ ציל, אָן אַ תכלית — הונדערט און זעכציק יאָר אַ טאַנץ אָן אויפהער. ביז זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אין ישראל.

נישט בלויז מיט דער נשמה — אויך מיטן גוף. זינגענדיקע און טאַנצנדיקע יידן.

אַ מאָדנער געמיש: מיניסטאָרן, פּראָפעסאָרן, פּאַרשידנסטע געסט. אָט שטייט אַ גרופּע שול־מיידלעך מיט צעפּלעך און שלייפן. לבנה אין אויפגאַנג באַשיינט זיי.

וואָס לערנען זיי? וואָס לייענען זיי? ווער איז שלום־עליכם?

איינע מיט אַ בלאָנד קעפּעלע, ענטפערט:

— הוא נורא מצחיק...

100 יאָר נאָך שלום־עליכמס געבורט, 160 יאָר חג הגאולה — אַן אויפמאַרש פון חסידות. און אמתע פאָלקסטימלעכקייט. בייטן פאַנאַנדער־געאַקערטע פון חב״דער חסידים.

אַ פריילעכער טאַנץ פון יידן!

וואַנדערט דער זמר איבער די פעלדער פון כפר חב״ד. דער זמר אַליין — ווי ער וואָלט זיך געפרייט, וואָס ער איז אויסגעלייזט געוואָרן. ער קלינגט טריומפירנדיק איבער די דעכער פון די הייזער, איבער די פעלדער פון כפר חב״ד.

1959

די קראַנקן־שוועסטער

זי גייט דורך דאָס טויער פון שפּיטאָל מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. אויפן קאָפּ טראָגט זי, ווי אַ קרוין, איר ווייסע הויב מיטן בלויען ראַנד. פרישקייט, געזונט, לוסט, שפּרודלט אין איר יונגן גוף. דער פרימאָרגן מאַכט אירע ליפּן זאַפטיקער, דער שמייכל שטראַלט אַראָפּ פון זיי און איז ווי אַ דערקוויקנדיקע מתנה פאַר די ליידנדיקע, וואָס ווערן דורך איר באַדינט.

איר עצם אַריינקומען אין דער שווערער כירורגישער אָפּטיילונג איז שוין אַן אויפהייטערונג פאַר די קראַנקע.

אָבער היינט האָב איך באַמערקט אַז אויסער איר שטענדיקן שמייכל, טראָגט זי אויך אַ בינטל בלומען אין דער האַנט. רויטע בלומען אָטעמען

מיט דער היץ פון לעבן. זי שטעלט זיי אַוועק אויפן טיש ביים בעט פון אַ שווער קראַנקן, וואָס איז איר עפּעס זייער נאָענט געוואָרן. זי וויל, אַז די בלומען זאָלן אים צוריק וועקן צום לעבן, בינדן מיטן לעבן, צוזאָגן פרייד.

היינט וועט דער קראַנקער נישט טראַכטן וועגן פּראָפעסאָר, נישט זיפצן צוליב זיינע יסורים. ער וועט אפילו נישט זאָגן: „ווען וועל איך שוין אַרויס פון דאַנען".

היינט וועט ער נאָר טראַכטן וועגן איר שמייכל און — וועגן די בלומען.

1959

אַריינגעכאַפּט אַ מנחה

שבת פאַרנאַכט אַרום די גאַסן פון ירקות־מאַרק ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון פאַרשידענע אויטאָס. אַראַבער פון גליל, פון משולש און אַנדערע ישובים, פאַרלאָדן די שבע מינים, וואָס ישראל איז געבענטשט מיט זיי.

די רויטנדיקע, שוויצנדיקע, וואַכעדיקע שטאָט האָט זיך נאָכנישט אויסגעטאָן פון שבת. זיצן אויף די אָפּלענען פון די פּאַרקנס יונגע אַראַבער און באַטראַכטן מיט ברענענדיקע אויגן די פאַרבייגייענדיקע שיינע יידישע טעכטער. מען וואַרט אויף הבדלה.

די זון האָט זיך שוין אַ פלאַמיקע אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין. אַ בלאַסע לבנה שמייכלט אַראָפּ אַ „גוט־וואָך".

איינער פון די אַראַבישע נהגים האָט אויסגעטאָן די שיך, אונטער־געלייגט אַ פאַטשיילע אונטער די קני, און מיט דעם גאַנצן גוף צוגעפאַלן און געבוקט זיך, מתפלל געווען די פאַרנאַכט־תפילה מיט דבקות.

די לעצטע זון־פאַסמעס זענען פאַרשוווּנדן, לאָמפּן צעלויכטן זיך. די טויערן פון מאַרק צעעפענען זיך. דער אָפּגעדאַוונטער אַראַבער פירט אַריין אַ צעשטראַלטער זיין אויטאָ. ער שמייכלט אַ צעפרידענער צו אַללאַ, אַ דאַנק צו — דער יידישער שטאָט. אַ דאַנק דעם אַלמעכטיקן, אַריינ־געכאַפּט אַ מנחה...

יאָסל חריף

דבר אל בני ישראל

נ. גאָלדמאַן, ד. בן־גוריון, גאָלדע מאיר, זרובבל, חזן און אַ סך אַנדערע האָבן גערעדט אויפן קאָנגרעס. פאַרשידענע רעדעס — און כמעט אַלע דיזעלבע: וועגן די גלותן, וואָס דאַרפן אַהערקומען, הגם קיינער טרייבט זיי נישט; וועגן ברידער און שוועסטער, וועלכע דאַרפן קומען אַהיים און צולייגן אַ האַנט צום בויען; וועגן אַמעריקאַנער יידן און סאָוויעטישע יידן...

אין זאַל געפינען זיך פאָרשטייער פון „זאַטע" לענדער. זיי האָבן וואַרעמע היימען, קינדער און אייניקלעך. אָבער אַ סך פון זיי האָבן נאָך אַ וואַרעם יידיש האַרץ, יידיש לשון אין זייערע מיילער. ווילן זיי קומען צו זיך אַהיים און דערציילן די וווּנדער פונעם לאַנד ישראל: וועגן אומפאַרגעסלעכע לאַנדשאַפטן, וועגן מעכטיקן פאַנאַנדערבוי, וועגן גלויבן אין מאָרגן — אפשר וועט עפּעס דערפון אַריינדרינגען אין די מוחות און הערצער פון זייערע קינדער און אייניקלעך.

שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַ פרייד עס וואָלט געווען, ווען כאָטש צען פראָצענט פון דער יידישער יוגנט אין דער וועלט וואָלט געקומען קיין ישראל! וואָס פאַר אַן אויפגייענדיקע פרייד. דאָס וואָלט דאָך געווען די אמתע משיחישע בריק צווישן „דאָ" און „דאָרט".

דבר אל בני ישראל... אַזוי רעדט צום פאָלק ישראל — איר אַלע דעלעגאַטן, געסט, טוריסטן: מיר ווילן איר זאָלט קומען צו אונדז — מיט אייערע הערצער און אייערע הענט. קומט, כל־זמן איר קענט נאָך. מיר דאַרפן אייך און איר דאַרפט אונדז.

1961

פינף יאָר

פינף יאָר. פינף מאָל דריי־הונדערט פינף און זעכציק טעג, פינף מאָל דרייהונדערט פינף און זעכציק נעכט — אין תפיסה־מויערן. און נישט פאַרלירן די האָפענונג, נישט פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטשן.

איך האָב אים געטראָפן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. איינער פון די „אסירי ציון", וואָס האָט זוכה געווען באַפרייט צו ווערן און אָנקומען אין לאַנד אַריין.

נישט געגלעט האָט אים די „וועלט פון דערלייזונג". מען האָט אים באַליידיקט, געשענדט, פאַרשפאַרט אין תפיסה, אַ וועלט, וואָס האָט באַדאַרפט היילן זיינע ווונדן, האָט זיי נאָך מער אויפגעריסן.

און עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז מען האָט דאָס געוויסן פון דער וועלט פאַרשפאַרט הינטער תפיסה־קראַטעס. די רויטע פענער, וואָס האָבן באַדאַרפט אָנזאָגן דעם נייעם סדר עולם, זענען נאַס...

קוקנדיק אויף דעם ייד — דעם סאָציאַליסט און קעמפער — קאָן דער מוח נישט באַנעמען: פאַרוואָס איז דער דאָזיקער צאַרטער, תמימות־דיקער מענטש, וואָס האָט געגלויבט און געוואָלט פאַרווירקלעכן דעם נביאישן אָנזאָג — פאַרוואָס איז ער געפייניקט געוואָרן מיט ראַפינירטער, טעמפּער גראָבהויטיקייט; פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַ קרבן פון שנאה צום מענטשן? אין נאָמען פון סאָציאַליזם...

און איצט וועט אונדזער פאָטערלאַנד דאַרפן אַראָפּווישן פון זיין גוף און נשמה דעם פאַרסמטן שטויב פון זיינע פינף פאַרקראַטעוועטע יאָר. היילן זיינע ווונדן — די נשמה־ווונדן פון ייד און סאָציאַליסט.

1961

ירושה־שטייער

שיין איז זי און פול מיט לעבן. אַ סאָמעט שמייכעלע שפּילט זיך אויף אירע ליפּן, וואָס שמעקן מיט אירע צוואָנציק פרילינגס.

זיצט זי גראַציעז אויפֿן בענקל ביים שרייב־טיש און מישט אין די תיקים. יעדער תיק איז מיט אַ נאָמען און מיט אַ ז״ל.

יעדער בייער תיק, וואָס זי עפֿנט, דערמאָנט אַ געענדיקט לעבן. און זי הייבט ערשט אָן. אַ קליין קנייטשעלע באַוויזט זיך אויף איר העלן שטערן בעת זי לייענט דעם אינהאַלט פֿון תיק. ווי זי וואָלט שפּאַצירט צווישן מצבות און קיינעם נישט באַוויינט.

„מענטשן האָבן אָנגעזאַמלט זיך פֿאַרמעגנס און נישט פֿאַרגינען זיך בהנה צו זיין פֿונעם לעבן. געזאַמלט, געזאַמלט און איצטער צאָלן זיי דעם שטייער... דאָס איבעריקע וועלן צונעמען יורשים — אַזעלכע, וואָס לאָזן פֿאַלן אַ טרער און אַזעלכע, וועמענס אויגן גלוסט צו גאָלד״...

זי צעלאַכט זיך און גיט אַ פּאַטש אין תיק: „כ'וועל גאָרנישט זאַמלען אויף שפּעטער. אַלץ פֿאַרברויכן ביים לעבן. נישט קיין ירושה. אַליין געניסן״...

עס ברויזן אין איר די צוואַנציק פֿרילינגס...

1961

עולים אויף די ראַנדן

אַט גיי איך ווידער אויף די שטעגן פֿון די נייע שכונות אויף די ראַנדן פֿון ירושלים. ערשט נעכטן ממש איז דאָך דאָ געווען אַ וויסטער באַרג, קיין ביימל, קיין גרעזל, קיין שפּראָצונג. באַקעטע שטיינער האָבן געגלאָצט מיט קעלט. שאַקאַלן האָבן אין די נעכט געיאָמערט.

עס דערמאָנט זיך איצט, אין די טעג פֿון תשעה־באָב, די מעשה ווי ר' עקיבא איז אויפֿגעציטערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען פֿוקסן לויפֿן אויף די חורבות פֿון בית המקדש. אַזוי מאַכן אויפֿציטערן שאַקאַלן אויף די בערג פֿון ירושלים.

...און אַט זענען געקומען אָפּגעריסענע אברים פֿון אונדזער שטאַם, אַרויפֿגעשפּאַנט אויף אַ וויסטן באַרג — און ער איז באַלעבט געוואָרן. מען געפֿינט שוין דאָרט היימישע יידן.

...וואַל־פּלאַקאַטן שרייען אַראָפּ פון די פרישע מויערן. רעדנער רעדן, געקומען פּונקט צום יאַריד...

אַ פאַרזאַמלונג. עס רעדט אַ מענטש אַ היימישער פון די היגע איינוווינער, אַליין נישט לאַנג אַ געקומענער, דער ח׳ ש. ס׳איז נישט די סטערעאָטיפּישע וואַל־רעדע. ער רעדט וועגן קלאָמערן זיך אין די פעלדזן, אַריינוואַקסן אין זיי. און פון די בערג שמייכלען אַראָפּ נייע הייזקעס מיט רויטע דעכער. אַ יידישער זמר הערט זיך פון די שטובן; קינדער לויפן אַרום און שפּילן זיך, אין די אויגן שפּיגלט זיך ביי זיי די זיכערקייט. און אַז זיי העלפן זיך אַרויס מיט אַ יידיש וואָרט אין עברית — איז עס טאַקע נאָך באַטעמטער.

און פאַר דיינע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ דאָפּלט וווּנדער — פון זייער צוריקקומען און פון דעם זיך ווידער־בויענדיקן ירושלים.

...רעדט דער ח׳ ש. מיט האַרץ. ברידערלעך, ווי אַזוי זיך העלפן קעגנזייטיק; העלפן דערציען דעם יונגן דור צו פּראָוואָרצלטקייט; אַ מענטש זאָל אַ מענטשן פאַרשטיין, און די הענט אַפּלאָדירן מיט האַרץ; עס טראָגט זיך ליבשאַפט.

הענט מיט מאַזאָליעס פון אַרבעט. זיי ווילן זיך וויטער אַריינרייסן אין די אינגעווייד פון שטיינער, רייניקן דעם באָדן פאַר בליונג. זיי ווערן דערמיט שותפים צום גרויסן יש פון דער מדינה און צו דער פּראַכט פון ירושלים.

ס׳זענען תשעה־באב טעג. אָבער דאָ פילט זיך די שמחה פון עליה און בוי. דאָ — אויף די ראַנדן פון ירושלים.

ס׳איז נישט קיין וואַל־מיטינג געווען, נאָר אַ צונויפקום פון ברי־דער, וואָס האָבן זיך ווידער אָפּגעפונען.

1961

קאַנדידאַטן

ווי די שוואַלבן זענען זיי אָנגעפלויגן, צעשפּרייט זיך איבער אַלע ווינקעלעך פונעם קיבוץ, אָנגעפילט דעם אַרום מיט געזאַנג. ביז שפּעט

אין דער נאַכט האָבן זיך זייערע קלינגענדיקע שטימען צונויפגעמישט מיט דער שירה פון די פייגל.

אַ זעלנערישער אויפמאַרש. אַ מחנה יונגוואַרג, וואָס האָט ווייניק געוווּסט פון דאָרפישן לעבן און נאָך ווייניקער — פון קיבוצישן קאָלעקטיוו. זיי זענען אַהערגעקומען צו דערקענען — אפשר וועלן זיי זיך דאָ אַקלימאַטיזירן, איינוואָרצלען, פאַרוועבן זיך מיט דעם גאַנצן אַרום.

די וותיקים, וואָס האָבן אין דעם נישט ווייטן עבר דורכגעמאַכט דעם הערצישן פלמ״ח־אויפגאַנג אין די הרי יהודה און דאָ פאַראַנקערט, געשלאָסן אַ בונד מיט דער דאָזיקער ערד, וואָס איז אַזוי האַרט און ווילד געווען בעת זייער אָנקום — קוקן מיט פרייד אויף די דאָזיקע יונגע. אפשר וועלן זיי טאָקע ווערן אַ טייל פון דער איצט בליענדיקער לאַנדשאַפט.

אַרום זייער ישוב גייען איצט אויף שטעט און נייע ישובים. זיי אַליין שפּאַנען שוין פעסט אַריין אין צווייטן יאָרצענדליק. דיביימער וויגן זיכער זייערע באַגרינטע קרוינען און שאַפן אַ שאָטן איבער די קעפ פון די איינוווינער. דאָס גראָז אַרום די הייזער — אַ גוט געוועבטער טעפּיך. ס׳שפּראָצן שוין די בליטן פון טרויבן און פלוימען. עפּל און באַרן, אַ קוואַקעריי פון הינער און מעקען פון שאָף פּילט אָן דעם אַרום. און איבער אַלץ — די קינדערלעך, די שוין דאָ געבוירענע. פון צווישן זיי שיינען אַרויס די בר־מצווה חברה.

חלומות האָבן בלוט און פלייש באַקומען. שיקן איצט מיליטערישע איינהייטן זייערע קאַנדידאַטן: יונגע זעלנער און זעלנערקעס. זאָלן זיי זיך באַקענען מיטן וווּנדער פונעם קאָלעקטיוו. און אויב עס וועט ווילגעפעלן אין זייערע אויגן, געפינען אַן אָפּקלאַנג אין זייערע הערצער, וועלן זיי אַ טייל פון זייער דינסט דורכמאַכן דאָ, אין דער קיבוץ־ווירטשאַפט און דערנאָך... זאָלן זיי שוין אַליין באַשטימען.

קוקן אויף זיי די קיבוצניקעס מיט נייגעריקייט. וויפל פון זיי וועט האָבן אויסדויער און געפינען חשק איינצושפּאַנען זיך אין דעם נייעם, אין דער אַנדערשקייט — אין דער ווייטקייט פון שטאָט־גערויש און דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון זייערע עלטערן?

וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן עס וועלן ברענגען די טעג פון נסיון — דאָס איז אָפּהענגיק פון אויסגאַנג פונעם געראַנגל, וואָס קומט פאָר אין זייערע יונגע הערצער. צי וועלן זיי זוכן זייער אָרט אין דעם אויפגאַנג פון אַלט־נייעם פאָלק, וואָס ענדערט זיך לגמרי אויף אייגענער ערד — און ווערן קאַנדידאַטן אויף קיבוצניקעס? צי וועלן זיי האָבן גענוג כוח זיך איינגאַנצן איבערצובויען — אַט דאָס וועלן באַווייזן די טעג פון נסיון.

און דערווייל קלינגט מונטער און דערפרישנדיק זייער געזאַנג אין די בערג פון יהודה, וואָס לעבן איבער זייער באַנייאונג, זייער נייעם אויפגאַנג אין אונדזער מאָרגן.

1962

אַביסל יידיש בפרהסיא

אין אַ הערלעכן ווינקל פון צפון תל־אביב האָבן געפלאַטערט די פענער לכבוד כתריאלעווקע, לכבוד איר באַזינגער — דעם, וועלכער האָט פון כתריאלעווקער בלאָטעס אַרויסגעפישט פערל. כתריאלעווקע האָט זוכה געווען צו אַ מלכותדיקן כבוד.

ס׳וויטיקט דאָס האַרץ ווייל: נישטאָ מער כתריאלעווקע, מיט רבי יוסיפל, מיט די גרויע העלדן, מיט זקנים און די קינדער — אַפילו אירע בלאָטעס. אָבער אַ פרייד נעמט אַרום ווען מען זעט, ווי ס׳זיצן אונטערן בלויען הימל: דער נשיא פון דער מדינה, בילדונגס־מיניסטער, דעפּוטאַטן, שרייבער, קינסטלער, מענטשן פון אַלע שיכטן פונעם פאָלק — און מ׳טיילט כבוד דעם שאַפער פון יידישן וואָרט.

די שיינקייט פון יידישן וואָרט ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט מיטן מויל פונעם אַלטיטשקן י. ד. בערקאָוויטש, — מיט קלינגעוודיקער פרישקייט. ער הייבט קודם אָן מיט אַ טראַדיציאָנעלן שהחיינו און דער־לאַנגט אונדז — כתריאלעווקע.

מיט וואָס פאַר אַ יונגער קראַפט האָבן זיך די אַלטע יידישע ווערטער אַריינגעשניטן אין דער אָנגעהייצטער לופט פונעם אַרום!

דער עולם לאַכט האַרציק, מען איז ווידער אויף די כוואַליעס פון שלום־עליכמס הומאָר: עס לעבט ווידער אויף דער אַלטער יידישער שמייכל — דאָס ביטערע אינעם זיסן, ביטערע צו פאַרזיסן.

ס׳לייכט אונדזער מנורה מיט אַ יידיש פלעמל, וואָס חנדלט אַרויס, מיט אַ ליבער אייגנקייט. אַזוי אייגן האָט אויך געקלונגען דער יידיש אינעם מויל פון שלום־עליכמס פיינעם איבערזעצער אויף העברעיש, דעם אַפּהיטער פון זיין ליטעראַרישער ירושה.

פון איצט אָן וועט טוביה הויזן אין אַ פּאַלאַץ אינעם צפון פון תל־אביב.

זיצט דער אַלטיטשקער בערקאָוויטש און שמייכלט פאַר נחת; שטייט נעבן מיר מאיר מרגלית און שלום־עליכמס יידישע ווערטער שפּילן זיך קונדייסיש אויף זיינע ליפּן.

שלום־עליכם — אַ האַנט פון פאַרשטיין זיך און פון שלום, פון וואַרצלנדיקער זיכערקייט פונעם יידיש אויף אייגענער ערד; די פליענדיקע יידישע אַלוועלטלעכקייט — אין אַן אייגענער, היימישער וועלט.

האָט זיך עפּעס באַקומען אַן איינדרוק, אַז נאָך אַלע פריייהייטן, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין דער מדינה, האָט אויך יידיש אָנגעהויבן פריי צו אָטעמען.

1962

ווי ווערט מען אַ מענטש

ווי האָבן אונדזערע אבות געזאָגט, מ׳דאַרף זיי מאַכן פאַר מענטשן, פאַר מענטשן דאַרף מען זיי מאַכן...

מיט דער צייט זעט מען, אַז זיי, די טאַטעס און מאַמעס זענען גערעכט געווען. ווייל אַפּט טרעפט, מ׳ווערט אַלט, און מען בלייבט נאַאיווע קינדער.

די וועלט איז פּראַקטיש, זי ליידט נישט קיין נאַאיווע. די נאַאיווע זענען אַ סך מאָל אַן אָביעקט פאַר דעקאַראַציע. דעקונג פאַר ראַפינירטע און נישט מער.

ליידט זי נישט, די וועלט, קיין טרערן אין אויגן פון דערוואַק־סענע, דער זיפץ שטעכט זיי.

זיי האָבן ליב אָרדנען די וועלט לויט זייער געשמאַק. צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע זיי זאָלן נישט געהערן — גייסטיקע אָדער נישט קיין גייסטיקע.

פאַמעלעך הויבט מען אָן צו פאַרשטיין וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געמיינט, דאָס קומט אָבער שוין לרוב נאָך אַלעמען. אַ סך מאָל אין די שפּעטע יאָרן.

זיין אַ מענטש, הייסט — זיין אַ צוגעפּאַסטער, צוגעשליפענער — נישט קיין יוצא־דופן.

די וועלט דאַרף מענטשן — מענטשן אין אַלע תקופות — לויט איין מאָס.

קוקט זיך איין, די שענסטע אידעאַלן, בלענדנדיקע תקופות ווערן באַהערשט פון ליידאַקעס, חניפה׳ניקעס, אינטריגאַנטן, הפקר־יונגען און האַרטע הערצער.

זיי זענען דאָס די באַנקירן פון אויפגעלעבטע תקופות, זיי קאָנען דיסקאָנטירן טרערן, חלומות, בלוט, קידוש השם... פון די שענסטע אידע־אַלן מאַכן געלט... זיי זענען שטענדיק אינדערהיים, דערגרייכן דעם ציל — זיי זענען „פּראַקטישע״ מענטשן...

ובכן, זאָגט מיר, ליבע מענטשן, ווי אַזוי ווערט מען פאָרט אַ מענטש? אַז מ׳וויל לעבן, דאַרף מען דאָך זיין „אַ מענטש״...

1963

מבינים אויף גיפט

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אַ יונגער עסטרייכישער געלערנ־טער, אַ זאָאָלאָג, וואָס איז געקומען קיין עבר־הירדן שטודירן שלאַנגען, צעביסן געוואָרן פון אַ גיפטיקער שלאַנג. שעהבלאַנג האָט ער אומזיסט געוואַרט אויף הילף. אין צווישנצייט האָט זיך דער סם צעשפּרייט איבער זיין גוף. דער מענטש, וואָס האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן, כדי

צו העלפן די ירדנער אין קאַמף קעגן שלאַנגען, האָט שיעור נישט באַצאָלט מיט זיין לעבן, ווייל די מאַכט פון די ירדנער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אָנצוקומען צו דער הילף פון יידישע דאָקטוירים, פון ישראלדיקע דאָקטוירים. סוף כל סוף איז ער אָבער — מיט דער הילף פון די אונאָ־כוחות — געבראַכט געוואָרן קיין ישראל. אונדזערע דאָקטוירים האָבן אָפּגעראַטעוועט זיין לעבן.

ווייל גאָט צו דאַנקען — ביי אונדז איז שוין פאַראַן אַ סערום צו קעמפן קעגן שלאַנגען־גיפט.

ליידער איז נאָך אָבער נישט דערפינדן געוואָרן — נאָך אַזויפיל אויפטרייסלונגען און ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף דער וועלט — קיין מיטל אויף צו מאַכן נישט־שעדלעך דעם גיפט, וואָס שטעקט נאָך אינעם מענטשן.

1963

די פּרעזידענטן

אָט גליטשן זיך שוין די אויטאָס אויפן גלאַנציקן ברוק. ער, דער פּרעזידענט פון דער ווייטער אַפריקאַנער מדינה, דערשיינט אין די טויערן פון ירושלים.

עס הערט זיך שוין זיין שטים: „מיר און איר זענען געווען קנעכט. אויסגעלאַכט, דערניידעריקט. איצט וועלן מיר אויסשמידן פרייהייט און ברידערלעכקייט אויף אייביק".

אַ פרוי פון אַלטן ירושלימער ישוב, וואָס שטייט נעבן מיר, נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון די פּרעזידענטן: „איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס שלמה המלך — האָט אַזוי שיין אויפגענומען די מלכה שבא".

ווען איך גיב אַ קוק אויף איר, פאַררויטלט זי זיך. זי פאַרענטפערט זיך: „עס איז אַזוי וויכטיק אויסצוואָרעמען די פריינדשאַפט פון פעלקער צו אונדז און פאַרקערט... אַז מענטש מיט מענטש זאָלן ווערן ברידער. נישט בלויז פּרעזידענטן — פּשוטע, פּראָסטע מענטשן".

פּ אָ ר ו י ס

מיר גייען פּאָרויס.

מיליאָנען אַפּאַראַטן כאַפּן אויף אין דער לופטן קלאַנגען פון אַלע עקן וועלט. אַרום דעם ערד־קיילעך דרייען זיך סאַטעליטן, הימל און ערד ווערן דערנעענטערט.

נישט בלויז מיר גייען פּאָרויס — מיר פליען פּאָרויס.

און וואָס שנעלער מיר פליען — אַלץ ווייטער ווערן מיר איינער פון צווייטן.

נעסטיקט עפּעס אַן אומעט אין האַרצן. פּאַרוואָס, אַז מען דער־גרייכט וואָס העכער, ווערט מען אַלץ ווייטער?

— ווייל אויב מען וויל הערן דעם צווייטן, מוז מען זיך אַמאָל אַראָפּבויגן, צולייגן אַן אויער צום האַרצן.

מיט זיין גרעסטער חכמה באַשאַפט דער מענטש נישט מער ווי אַ גולם. און אַ גולם קאָן באַקומען חוצפּה און פאַרגעסן זיין באַשעפער.

מיר גייען פּאָרויס! — אָבער צי גייען מיר באמת נעענטער צו אים, צו דעם אַנדערן מענטשן?

יוספ׳ס חלומות

שוין אין וויטן עבר, ווען די קינדער פון יעקב האָבן זייערע שאָף געפּיטערט אויף די מדבר־וועגן, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען יוספס חלומות און אים פאַרקויפט אַלס קנעכט קיין מצרים.

האָט זיך פּרעה מלך מצרים געחלומט וועגן בהמות און יוסף האָט אים פּותר חלום געווען: ברויט זאָלסטו גרייטן! אין דעם קליינעם קערנדל פון ווייץ איז דיין מאָרגן אָנגעצייכנט.

דער טרוימער פון לאַנד כנען האָט שוין דאַן געחלומט וועגן ברויט פאַרן פאָלק און געעצהט דעם מלך דאָס ברויט צו פאָרגרייטן.

און אַזוי אויך היינט דער חלום פון יידן — ברויט, ברויט פאַרן פאָלק.

אַן אייביקער יידישער חלום.

יאָסל חריף

אַ גלעט

ביידע געהערן צו דער זעלבער ראַסע — דער הונט און דער פוקס.

דער ערשטער קאָן זיך צופּאַסן צו יעדער סיטואַציע, האָט ליב יעדן באַלעבאָס, אַבי וואַרף אים צו אַ ביין איז ער גרייט מיט אַ לעק פאַר יעדער האַנט.

און ווער שמועסט, אַ הינטל וואָס איז סאַלאָן־פּעיק, לאָזט מען עס אפילו שלאָפן אין אַ מענטשלעך בעט, גאַנץ לייכט איז עס זוכה צו אַ גוטן ביסן.

דאַקעגן זיין שטאַם־ברודער, דער פוקס, דער חכם פון די חיות, ער קאָן זיך אין ערגעץ נישט איינאָרדנען. מ׳האָט מורא פאַר זיין לעק, מ׳גלעט אים נישט, מען שרעקט זיך פאַר זיין שאַרף פּיסקל.

פּשוט — „ולא לחכמים לחם" פאַרן חכם פעלט שטענדיק ברויט.

און דאָך ווי פאַרשידן איז זייער מזל נאָכן טויט: ענדיקט זיך אויס אַ הונט, וואַרפט מען אים אַרויס; אין בעסטן פאַל, ווען ער איז זוכה צו אַן איבערגעגעבענעם פאַרזאָרגער, באַגראָבט ער אים און פאַרטיק — מיט דעם האָט זיך זיין הינטישע קאַריערע געענדיקט.

אַנדערש דער פוקס, ווען מען פאַנגט אים, הרגעט מען אים און מען שינדט אים אָפּ די פעל, מען צירט מיט זיין פעל אויס אַן עלעגאַנטע דאַמע, אָדער הער; מען הילט זיך אין אים, מען שאַצט זיין ווערט, מען דערציילט די ווונדער פון זיין שיינקייט. ביים לעבן וואַרעמט ער די מחשבות, נאָכן טויט באַפּוצט ער און וואַרעמט דעם גוף.

אַ מזל פון אַ חכם — ערשט נאָכן טויט באַקומט ער אַ גלעט...

1963

תפילת הגשם

דאָס מאָל בעטן מיר דיך, אַ גאָט, נישט ווי מיטעסער פון פעלדער פרעמדע, וואָס נישט מיר האָבן פאַראַקערט און נישט פאַרזייט, ביין;

היינט בעטן מיר דיך פאַר בייטן אייגענע אויף ערד אונדזערער, פאַר פליינען היימישע, וואָס באַהויכט און באַפייכט פון אונדזער מי און שוויס, פאַר אויפגייענדיקע זאָמען מיט שעפערישן געזאַנג באַגלייט.

גיב אַ טרינק פאַר בייטן דאָרשטיקע צו דיין גענאָד, וואָס שפּאַרן פון טיפענישן מיט באַנייטן לעבן אויף, ווי דער הייסער, באַגער פון צוריק היים...

שיק, אַ גאָט, רעגן און טל אין צייט, זאַנגען קוויקנדיקע זאָלן קערנדיק אויפגיין. זעטיק אַ פאָלק, וואָס אַליין צו אַ פלאַנץ געגליכן, אויפגייענדיק, ווי זאמען איבער אַ ניי...

מיט אַרבעטס־תפילה קומען מיר צו דיר, אַ גאָט, זייענדיק ביז נישט לאַנג, אַרבעטס־הונגעריק און שטום... נישט אויף נסים וואַרטן מיר, ווייל דאָ ווערט דער נס אַליין געבוירן אין נייעם באַשאַף...

און די ערד צום מענטשן געגעבן פאַר פראַצע און פרייד, ווי ס׳האָט אויף ערד שוין דאָ אַמאָל אַ לייטער צום הימל דערגרייכט, ווען יעקב אָבינו האָט געבעטן, פשוט און פראָסט.

מנוחה, אַ מלבוש, און ברויט.

עפן די פענצטער פון רעגן איבער בייטן פאַראַקערטע, וואָס האָבן צו אונדזער באַהעפטונג דורות לאַנגע געוואַרט. פאַרמייד נישט טוי, פאַר ערד וואָס נאָך אַזוי האַרט...

דאָס איז אונדזער תפילה צו גשם און אייגן אויסגעפראַצעוועט ברויט...

1963

געפונען אַ פריינד

קיינמאָל האָב איך אים נישט באַמערקט שמועסן מיט אימיצן, זיצן אין גאָרטן, אָדער שפּאַצירן.

נאָר אין די חצות־שעהן קומט ער — אין קאַפע — אין אַ קאָנ־טאַקט מיט מענטשן. ער טראָגט זיך מיט זיין קליין וואַליזקעלע סחורה

און דעם רעזערוו־לאַגער האָט ער אין די טאַשן פון מאַנטל; ריזיקע טאַשן, ווי טונעלן. און דער מאַנטל איז אַ ריזיקער, קאָן ער מיט אים איינהילן זיין הויכן, שלאַנקן גוף, וואָס בייגט זיך אַביסל צוליב זיין הויכקייט.

ראַזיר־מעסערלעך, זייף, קעמלעך, צאָן־פּאַסטע, אָדעקאָלאָן — און וואָס נישט?

ער איז אַ דייטשער ייד. רעדט געלאַסן, העפלעך. דערשיינט פּינקטלעך אין דערזעלבער צייט אויף די זעלבע ערטער. עס זעט אויס, אַז צו דער יעקישער באַהערשטקייט, האָט ער נאָך איינגעזאַפּט עפּעס פון דער ירושלימער געלאַסנקייט.

אַ נו — פּרוווט צוצוגיין צו אים ווען ער זיצט אין ווינקל פון קאַפּע און עסט, אָדער טרינקט זיין קאַווע; פּרוווט אים דאַן עפּעס בעטן!

— ער וועט אייך ברוגזלעך ענטפערן „דאָס געשעפט איז געשלאָסן"...

זיין איינזאַמקייט רופט אַרויס מיטגעפיל, אַן עלטערער מענטש, עסט, שלאָפט, שפּאַצירט — אַליין. לעבט אין די נעכט, פון זיינע פאַר־שלאָפענע אויגן קוקט אַרויס אַ טרויער. דער טרויער גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן.

ווען מען קויפט עפּעס ביי אים — ציט ער אַרויף אויף זיינע ליפּן אַן אויטאָמאַטישן סוחרישן שמייכל. ביי אַ פריילעכן שמייכל קאָן מען זיך אַמאָל אָנוואַרעמען, אַ קאַלטן ווילט זיך אויסמיידן.

ביז איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, האָב איך אים באַגעגנט — צופעליק, אויף דער שטראַוס־גאַס אין ירושלים. די רעשטלעך שטראַלן פון דער זון האָבן זיך נאָך געפלאָנטערט אויף די שויבן, איז שווער געווען אין בין־השמשות צו דערבליקן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. אָבער איך האָב אים געהערט פריינדלעך שעפּטשען: ממש צאַרט, צו אימיצן. ער האָט זיך טיף־טיף איינגעבויגן, נאָך טיפער, ווי פאַר די קונדן אין קאַפּע.

איך האָב זיך איינגעקוקט: פאַר אים איז געשטאַנען אַ שיינער פאָקסטעריער, אַ גוט געפלעגט הינטל, געווען אויף אַ לאַנגן רויטן, לעדערנעם רימען, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין האַנט. דער הונט האָט פריילעך געדרייט מיטן עק, ווייל זיין באַלעבאָס האָט אים יעדע מינוט

עפּעס צוגעוואָרפן אין פּיסקל אַריין. כ׳האָב זיך גוט איינגעקוקט: שטיקלעך שאָקאָלאַד.

איצט האָב איך שוין אָנגעשטרענגט מיין בליק, כדי צו כאַפּן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. פון זיינע אויגן. ער האָט געשמייכלט. נישט סוחריש־אויטאָמאַטיש. ער האָט וואַרעם געשמייכלט. אַ פרייד האָט געשלאָגן פון זיין פּנים.

אין דער אמתן: ער איז דאָך נישט געווען איינזאַם. ער האָט געהאַט אַ נאָענטן, גוטן פריינד.

1963.

רוים און ירושלים

איך האָב אים געזען דאָרט, אין וואַטיקאַן, אין דער פּעטער־קירך. געזען, ווי מ׳האָט אים אַריינגעטראָגן אין אַ לעקטיק, איבערן ים פון מענטשן־קעפּ. מענטשן צונויפגעקומענע פון אַלע וועלט־עקן. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין די פאַרדבקותטע פּנימער פון די נזירות און נזירים, פאַרשטיינערטע בעת זיין דערשיינען.

זיין קול האָט אָפּגעהילכט פון די ווענט, וואָס זענען באַפּוצט מיט שאַפונגען פון די גרעסטע קינסטלער פון דעם רענעסאַנס. און איך, דער ייד פון ירושלים, בין געשטאַנען צווישן די גלויביקע קאַטאָליקן און געטראַכט וועגן מיין היימשטאָט, וועגן דעם ירדן־גאַנג, וועגן דער גליל־שטאָט נצרת, וועגן ברעג פון בלויען כנרת, ווו ס׳האָט אַרומגעשפּאַנט דער נצרתער יונגערמאַן אַריינגעטאָן אין חלומות וועגן יושר, בענקשאַפט צו גוטס, מענטשלעכער נאָענטקייט.

ווייט, זייער ווייט, איז דורות לאַנג געווען רוים פון ירושלים. און איך האָב געטראַכט: איר וועט מוזן קומען צוריק, צוריק צו די טריט פון נביאים, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין די יהודה־בערג. רוים טאָר מער נישט וואַרפן קיין שרעק אויף ירושלים. צו ירושלים זענען אַלע בעלי־חובות — און רוים אוודאי.

און אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אים ווידער געזען — ביי־

די טויערן פון ירושלים גאָר. און אָרום — מיר, יידן; יידן, וואָס זענען מיט יידישע אויגן געקומען אָנקוקן דעם וועלכער הערשט און באַווירקט הונדערטער מיליאָנען קאַטאָליקן — אין נאָמען פון נאַזאַרענער ייד. כ׳מוז מודה זיין — דאָ האָט ער אויסגעזען אַ סך פשוטער, מענטש־לעכער, אָפּנעמענדיק די ברכות פון דער שטאָט ירושלים.

ער האָט אויך דאָס מאָל געהויבן די הענט צום בענטשן — אָבער דאָסמאָל האָט ער געשיקט אַ ברכה דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך ווידער צוריקגעקערט קיין ירושלים.

אַ בריק האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ וועג פון צוויי טויזנט יאָר: עס האָט זיך געענדיקט דער גלות פון די ברידער פון יענעם יונגערמאַן, וועלכער האָט אויף דער דאָזיקער ערד געחלומט פון יושר און צדק. דאָ האָבן אָבער קיין קינסטלערישע אָרנאַמענטן נישט פאַר־פּוצט דעם געקרייציקטן ייד. אַנדערש אינגאַנצן אַנדערש זעט אויס ירושלים פון רוים...

צי האָט דער פּויפּסט, שטייענדיק אויף דער ירושלימער ערד, געטראַכט וועגן דעם, אַז ער געפינט זיך צווישן באַנייטע יידן אויף דער אייביק־יידישער ערד? — דאָס ווייס מען נישט. אָבער מן־הסתם האָט אַזאַ געדאַנק געמוזט אויפטויכן אין זיין מוח: אַז ער געפינט זיך נישט בלויז ביים פאָלק פון ברית, נאָר אויך ביי אַ פאָלק, וואָס באַנייט אַן אַלטן ברית.

דאָס פאָלק האָט דעם כוח מוחל צו זיין רוים, ווייל עס זיצט צוריק אין ירושלים.

1964

די הייליקע האָר

אין דער שטאָט קאַשמיר, וואָס אין אינדיע, איז געווען אַן איבער־בלייב פון נביא מחמד: זיינע אַ האָר. אַ האָר פון זיין באָרד האָט זיך געפונען אין אַ גלעזערן רעמל, אין אַ זילבערן קעסטל, אין אַן אייזערנער קאַסע.

דורך דורי־דורות איז זיך די האָר רואיק געלעגן — גאָרנישט פאַרלאַנגט, גאָרנישט באַדאַרפט.

און פּלוצלינג — זעט, וואָס פאַר אַ כוח ס׳האָט די האָר! ווי אַ וויכער האָבן זיך אויפגעשטורעמט די הערצער פון די גלויביקע, אַ העליש פייער אין זיי צעצונדן...

עפּעס אַ לעסטערנדיקע האַנט האָט צוגעגנבעט די האָר, דאָס האָט אַרויסגערופן די שריפה.

איצט קאָן מען ערשט פאַרשטיין, ווי אַלץ הענגט אויף אַ האָר. מעג עס זיין אַפילו אַ הייליקע האָר — וויפל שנאה זי קאָן אַרויסרופן, וויפל צער און צאָרן און — ווילדקייט.

אוממענטשלעך האָט מען זיך אָנגעהויבן צו קריגן און צו קוילן — צוליב דער הייליקער האָר.

אַלץ הענגט אויף אַ האָר...

1964

דער וואָלקנקראַצער

פון ווי ווייט זעט מען אים. פון וואַנען איר זאָלט נישט אַרויס־קומען, דערלאַנגט ער אייך עפּעס אַזאַ קילן, גבירישן שלום־עליכם.

ס׳איז אַפילו צו באַוווּנדערן, ווי זיינע טיפע יסודות האָבן זיך באַפעסטיקט אין דעם זאַמדיקן באָדן פון תל־אביב, ווי דער באָדן טראָגט אים אויס: אַ שמאָלער גיגאַנט, וואָס רייסט זיך צו די הימלען. שטייט ער חוצפהדיק, ווי אַן אויפגעקומענער גביר, בראש פון דער הרצל־גאַס — דער יורש פון דער אַמאָליקער גימנאַזיע. דער געביידע מיט די געפוצטע בלויע גזימסן.

די ערשטע גימנאַזיע אין דער יידישער שטאָט תל־אביב... מאָדנע. דער אַמאָליקער בנין וויל גאָר נישט פאַרשווינדן פון דמיון. אָט לייכטן נאָך אַרויס די פשוטע לאַמטערנס איבערן אייזערנעם טויער. אָט פילט זיך נאָך דער בליק פון דער קליינער אחד־העם־הייזקע, וואָס האָט זיך געשפּיגלט איבעם בנין פון דער גימנאַזיע. אין דער גאַנצער

וואָכעדיקייט פון דער הרצל־גאַס, אַרום וועלכער ס׳האָבן זיך געקלאָ־מערט די געסלעך, וואָס האָבן געפּירט אינעם רוישיקן יפו, האָט עפּעס אַ יום־טובדיקייט געשטראַלט פון דער געביידע. עס דוכט זיך טיילמאָל, אַז פון ערגעץ לאָכט נאָך אָהער דאָס געפּילדער פון לוסטיקע קינדער (וואָס זענען טאַקע אין צווישנצייט גרוי געוואָרן) אין די הפסקה־שעהן. זיי, וואָס האָבן אין די אַלטע גימנאַזיע־ווענט זייערע יונגע יאָרן אויסגעלעבט.

זאָל ער מיר מוחל זיין, דער וואָלקנקראַצער. ער האָט מיט זיין גיגאַנטישער גרויסקייט דעם יוגנט־חן פון די אַלטע ציַיטן צוגעדעקט. און מיר דוכט זיך, אַז ער אַליין פאַרטראַכט זיך אַמאָל וועגן דעם און קוקט אַראָפּ מיט בענקשאַפט פון זיין וואָלקנקראַצערישער הויך — צו דעם אַמאָל, וועלכן ער האָט אָפּגעווישט.

1964

חרם

אויך אין די נישט־פרומע קרייזן איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח: צי דאַרף מען טעלעוויזיע, אָדער נישט. דער מאָטיוו איז געווען: די מאָראַליש־דערציערישע באַדייטונג פון דער זאַך. אָבער טעכניש־וויסנ־שאַפטלעכע דערגרייכונגען רייסן זיך דורך טראָץ אַלעמען, נישט געקוקט אויף די נעגאַטיוווע באַגלייט־דערשיינונגען זייערע. דאָס זעלבע מוז אויך געשען מיט דער טעלעוויזיע. די מכשירים זענען שוין גרייט. אַפילו פון „תוצרת הארץ״ — „מייד אין איזראעל״.

האָט זיך צווישן אַלע רעקלאַמעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון ירושלים, אויך אַריינגעריסן אַ פּלאַקאַט מיט קללות און חרמות — פון די געצעלטן פון „נטורי קרתא״, פון די טויערן פון מאה שערים. „פאַרשאָלטן זאָל ווערן יעדע שטוב, וואָס וועט אַזאַ אומ־ווערדיקייט נעמען צו זיך. פאַרשאָלטן זאָל זיין דאָס נייע טומאה־געצייג״... אַזוי ווי דער „זנות־באַסיין״, אַזוי ווי דער ראַדיאָ.

כ׳האָב געוואָלט איבערשרייבן דעם גאַנצן פּלאַקאַט, אָבער צו וואָס? — ס׳זענען טענער פון חרם, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק,

און סוף כל סוף וואַרפן זיי דאָך אין חרם אַלץ, וואָס „שמעקט מיט ציוניזם".

אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער, רופן נישט זייערע רבנים אויס אַ חרם אויף דער טעלעוויזיע, דאָרט האָט מען מן־הסתם מורא פאַרן גוי. אָבער אין דער מדינה פון די ציוניסטישע כופרים — מעג מען אַלץ. מען איז דאָך פאָרט צווישן יידן...

1964

דער טויט פון לאַשיקל

(אַ ישראל־בילדל)

מיט ליבשאַפט געווידמעט די בויער פון כפר סבא,
מיינע טייערע פריינד אידאַ און ברוך פריווער.

אַ ציכטיקער זוניקער פרימאָרגן איז געהאָנגען איבער די פּרדסים און פעלדער פון דער שטאָט „כפר סבא", זי האָט זיך געוועקט אין איר פרימאָרגן גאָלד אָנגעגאָסענעם שימער. די הייזער שטייען דאָ אַזעלכע גערוימע. צווישן די גרינע פליינען און די ביימער פאַכן זיי ווי מיט פעכער, ס'זאָל זיי נישט זיין צו הייס, זיי שטופן זיך נישט איינס אויפן צווייטן. דאָ אָרט פאַר אַלע. פאַרן מענטש, פאַר דער בהמה, פאַרן עוף. און די פייגל זינגען שירה אויף די קרוינען פון די ביימער.

גייט דער מענטש דאָ אויף געפלאַסטערטע טראָטואַרן, מיט עפּעס אַזאַ ווייכקייט, ווי עס וואָלט זיך אַפּויער געפילט די זאַפטיקע ערד פון דער שטאָט. איז טאַקע דער מענטש אַ געלאַסענער, אָן אָנגעצאָטעמטער מיט פאַמעלעכקייט פון אַמאָל. איז טאַקע קאָנטיק ביז היינט צו טאָג דאָס דאָרפישע פון אַמאָל און די שטאָטישקייט קאָן עס נישט אָפּמעקן. פילט זיך אויף די גאַסן די אָנוועזנהייט פון אַ זאַט פערד. אַ באַלעגאָלע מיט אַ בייטש אין האַנט, פעטע בהמות, תמעוואַטע גוטמוטיקע אייזלען־„האָרעפּאַשניקעס", ציגן, שאָף און רינדער. פאַראַן אַ שותפות מיטן מענטשן און מיטן אָרום, מיט דער מענטשלעכער נאַטור. פאַרוועבט אין

דער נאַטור אַרום לעבן מענטשן אין שלווה און פאַראַן אַ מענטשלעכע באַציאונג צו אַ יעדן יציר, וואָס לעבט אויף גאָטס ערד.

גיי איך מיר אַזוי אין גאַס. אַן אינערלעכער ניגון זינגט אין מיר. דערשמעק דעם דופט פון די וואָרצלנדיקעביימער און בלומען־בייטן. פּלוצים שטויס איך זיך אָן אויף אַ געזעמל מענטשן, וואָס שטייען ביי אַ וועגעלע מיט אַ פאַרשפּאַנטער שקאַפּע, אין סאַמע צענטער פון דער הרצל־גאַס, און דערנעבן איז געלעגן אַ לאָשיקל, מיט אַן אײדל מאַר־דעלע, דינינקע פיסעלעך און געקאָרטשעט זיך אין קאָנוווּלסיע־צאַפּלען. די מעשה איז געווען אַזאַ: אַ „מושבניק" האָט איבערגעלאָזט זיין פערד און וואָגן און ביים דישל צוגעבונדן אַ לאָשיקל, האַרט ביי דער מאַמען. האָט זיך דאָס לאָשיקל געהאַלטן ביי די לייצן, ווי להבדיל ס'האַלט זיך אַ קינד ביי דער מאַמעס פאַרטוך. די מאַמע האָט עס געלעקט, ווי זי וואָלט אים אויסגעלעקט די שיינע בלישטשנדיקע אייגעלעך, פאַר אַן „עין הרע" וועגן. ווייל אַזוי פיל מענטשן האָבן דערויף געקוקט און באַוווּנדערט זיין שיינקייט.

היות דאָס לאָשיקל איז אָפּנים געווען פאַרבונדן מיט אַ דין שטריקל צום דישל, האָט עס זיך געדרייט און געפּרייט, געטאַנצט, אַזוי צו זאָגן, אַרום דער מאַמען, ביז עס האָט זיך פאַרדרייט און געבליבן הענגען אין דער לופט. די מאַמע־פערד האָט, ווייזט אויס, מיט איר מוטערשקייט דערפילט די סכנה, ווייל זי האָט עס אָנגעהויבן לעקן האַסטיקער איבערן קעפּל און געקוקט אין זיינע שטאַרע אייגעלעך, וואָס זענען שוין געווען האַלב טויט. און דעם באַלעגאָלע זעט מען נישט און הערט נישט. מענטשן גייען פאַרביי, באַמערקן נישט די טויט שרעק פון דער מאַמען.

פאַרקערט, זיי האָבן הנאה ווי די מאַמע לעקט מיט האַרץ דאָס קעפּל פון לאָשיקל, ביז מ'האָט סוף כל סוף דערזען, אויפגעבונדן דאָס שטריקל פון זיין העלדזל און דאָס לאָשיקל איז מיט שווערקייט אַוועק־געפאַלן און שווער געאָטעמט.

פון אַ זייטיק געסל איז אָנגעלאָפן אַן אַלט־אייגגעזעסענער מושב־ניק, אַ ייד, אַ יודע צדיק נפש בהמתו, ווייזט אויס, קאָן זיך אויף די

זאַכן, האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום פאַרחלשטן לאָשיקל, גענומען זיין קעפּל מיט רחמים צווישן זיינע הענט.

די מאַמע־פערד האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט שטומע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: אָנו, העלף, טייערער מענטש, העלף אַ מאַמען אין אַן עת צרה. איר אַרויסגעשטעקטע צונג, וואָס האָט נאָר וואָס געלעקט דאָס לאָשיקל, האָט געוואָלט אַ לעק טאָן.

און דער מושבניק האָט געגענט דאָס פּיסקל צו זיין מענטשלעך מויל, אָנגעהויבן אַריינאָטעמען קינסטלעכע אָטעמונג, פון מויל צו מויל, ווי אין פּסוק שטייט „ומותר אדם מן הבהמה אין", געוואָרן איינס — דער מענטש און די בהמה, די לופט איז געשטאַנען אָן אָנגעפּילטע מיט חסד ורחמים.

אַ גרופּע שול־קינדער האָט זיך פאַרהאַלטן. אַ מיידעלע מיט אַ געקרויזלט קעפּל, בלאָנדע האָר, האָט געשטיקט דאָס העשען אין איר האַלדז און האָט געשלונגען די טרערן. דער גאַנצער אַרום האָט געוואַרט אויף אַ נס. דאָס לאָשיקל האָט צום לעצטן מאָל אָפּגעאָטעמט, איינזאַפּנדיק צום לעצטן מאָל די דופטיקייט פון דופטיקן אַרום... און אויסגעצויגן די איידל־געשניצטע פיסעלעך, מיט יונגע נישט באַקאָוועטע נאַקעטע קאָפּי־טעס און — אויס, נישטאָ מער קיין לאָשיקל.

מאַמע־פערד האָט געשטרעקט דעם קאָפּ אין עצבות נאָך נידעריקער, געוואָלט אָפּנים אַ לעצטן לעק געבן זיין טויט קעפּל. די צונג איז איר נעבעכדיק געבליבן הענגען אין דרויסן.

אַרום האָבן מענטשן געזיפצט מיט באַדויערונג: ווייַ, ווייַ, ביז מ'האָדעוועט אויס אַזאַ שיין לאָשיקל, אַזאַ שיינקייט.

רחמנות צום לאָשיקל, וואָס האָט נאָך נישט פאַרזוכט טעם בייטש און טעם לעבן. און דער מענטש האָט דאָס מאָל אין דער שטאָטיש־געוואָרענער מושבה, וואָס חזרט כסדר איבער איר דאָרפישן יחוס, געווענדעט זיך צום פערדל מיטן מענטשלעכן רחמים...

1964

יאָסל חריף

צווישן היימישע און פרעמדע

אין אַן אַלטן קיבוץ, וואָס טוליעט זיך צום כרמל־באַרג, האָב איך זיי געטראָפן ביי אַ שבתדיק מאָלצייט. ווער איז דאָרט נישט געווען אַלץ? — שוועדן און נאָרוועגן, דענער און האָלענדער, פראַנצויזן — וועלכע האָבן אַ סך געפּלוידערט און לוסטיק פאַרבראַכט. זיי אַלע זענען געקומען אַרבעטן, לעבן אַ קיבוץ־לעבן און הנאה־האָבן. און ווען זיי וועלן צוריקקומען אַהיים, וועלן זיי קאָנען דערציילן דאָס וווּנדער פון ווידערבאַלעבטן לאַנד פון דער ביבל.

סטודענטן און סטודענטקעס זענען אַהערגעקומען. ס'איז פאַר זיי אַ טיפע איבערלעבעניש. קומענדיק צוריק אין די פאַרוואָרצלטע היימען, וועלן זיי דערציילן, איבערגעבן, באַוווּנדערן, דערמאָנען מיט הנאה די קורצע צייט פון זייער קיבוץ־לעבן און אַרבעט. זיי וועלן שוין זייערע דערציילונגען דורכמישן מיט העברעישע ווערטער, וואָס האָבן זיך ערגעץ ווו איינגעקריצט אין זייער געמיט.

דאָ, אַרום דעם כרמל, הערט זיך דאָס אָטעמען פון הייגטצייטיקן אַרבעטס־מענטש און — די באַרוועסע טריט פון אליהו הנביא. וועלן זיי, די געסט, דערמאָנען שפּעטער דאָס גרויסע וווּנדער פון קיבוץ גלויות און זייער אַרבעט צוזאַמען מיט יידן פון אַזויפיל לענדער, זייער מיט־זינגען אין די שבת־אָוונטן דאָס געזאַנג פון נייעם ישראל. די מערהייט פון זיי, קינדער פון צפון, וואַרעמט אויס זייערע בלאָנדע קעפּ און דורכגעפרוירענע ביינער ביי די זוניקע כרמל־צופוסנס. אָבער גאָר אַנדערש איז זשאַק, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט צו מיין טיש:

אַ טונקלהאַריקער סימפּאַטישער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט גוטע, ברוינע אויגן, אויך אַ סטודענט — אָבער ער איז נישט געקומען דאָ זען און פאַרברענגען, ער איז אַהערגעקומען לעבן. צענדליקער מאָל האָט ער זיך באַמיט וועגן אַ דערלויבעניש און נישט באַקומען, ביז, ענדלעך — און ער איז דאָ. די שפּראַך איז אים נאָענט, די מענטשן אויך. ערשט צוויי וואָכן, ווי ער איז דאָ, אָבער ער וועט שוין מער נישט צוריק. כאָטש ער האָט דאָרט עלטערן, ברידער, שוועסטער. געהאַט

אַ גוט לעבן. קיין שום כוח אין דער וועלט האָט אים נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון זיין באַשלוס.

זשאַק איז נישט פון אייראָפּע. ער איז אַוועק פון אַן אַלטן יידישן שטאַם, וואָס — כאָטש מען האָט שטאַרק געהאַקט זיינע צווייגן, איז ער נאָך אַלץ פעסט איינגעוואָרצלט אין יענעם באָדן...

כ׳האָב אים געפרעגט: — און ווי איז מיט די טאַטעס? ווילן זיי אויך קומען?

— טאַטעס האָבן מורא, דאָרט איז זיי גוט, זיי לעבן זיך אויס אין עושר, אין דער אייגענער סביבה. אָבער מיר, יונגע, מיר קאָנען שוין נישט שלום מאַכן דערמיט, דורך אַלע וועגן, איבער אַלע שטע־רונגען, רייסן מיר זיך אַהער...

אין זיין פיבערדיק רעדן האָב איך דערפילט די קראַפט פונעם באַגער ביי מיין יונגן ברודער, זשאַק. דאָס איז דאָך יעקב, וואָס באַהעפט זיך פונדאַסניי מיט זיין חלום. און דער חלום איז דערווייל געוואָרן אַ וואָר — אַך וויל איז צו אים. און צו אונדז.

סטודענטן פון פרעמדע לענדער זענען צוגעקומען צו אים. זיי זענען צוזאַמען ווידער אַרויס צו דער אַרבעט. זיין געשטאַלט האָט זיך בולט אויסגעטיילט פון אַלע. אָבער נישט בלויז אויסערלעך: זיי וועלן צוריקפאָרן אין זייערע היימען און ער וועט בלייבן אין זיין היימלאַנד.

וואָס מער עס וועלן קומען צו אונדז אַזעלכע היימישע — פון אומעטום — אַלץ מער וועלן די פרעמדע אונדז קאָנען היימיש באַ־וואונדערן...

1964

בלומען אויפן זאַמד

ערשט נעכטן האָט זיך דאָ אַ ווינט אין זאַמד געשפּילט. דער זאַמד האָט געהערשט אומעטום. ס׳איז אים גוט געווען אין זיינע גיטער — אין די הייסע זומערס און רעגנדיקע ווינטערס. קיינער האָט

נישט געוואָגט אַרויפצוקריכן אויף די גדלותדיקע בערגלעך און שטערן זייער דורותדיקן זאַמדיקן גאַנג.

ווי לאַנג איז עס דען, ווי מ׳האָט אָנגעהויבן די ערשטע טראָטואַרן צו בויען, הייזער האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן? — היינט האָבן מיר שוין דאָרט וואָלקנקראַצערס. עולים זענען געקומען — אומעטום איז גראָז אָנגעוואַקסן, ביימלעך.

נייע מענטשן האָבן זיך דאָ זייערע היימען געבויט, ליב באַקומען דאָס אָרט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זוכן מער יום־טוב, אַביסל פּאַר דער נשמה. האָט מען אַ בלימל פּאַרפּלאַנצט דאָס האַרץ צו דערפרייען. בלומען זענען דאָך ווי זמירות, וואָס מען זינגט צו דער סעודה... האָט דער זאַמד געמוזט אָפּטרעטן — ווי אַמאָל דער ים — פּאַר די בני־ישראל. אויף זיין אָרט זענען ביימער, גראָז און בלומען געקומען.

און אָט האָבן מיר געהאַט אַן אויסשטעלונג פון בלומען. בלומען — פּאַרטרעטער פון פאַרשידענע לענדער. בלומען געשיקטע, איבערגעפּלאַנ־צטע — פון האָלאַנד, בעלגיע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, קעניאַ, טאַנגאַניקאַ, אוגאַנדאַ (ווען מיר וואָלטן דאָרט געווען, ווי מען האָט אַמאָל געפּלאַנט, וואָלטן זיי אונדז אפשר קיין בלומען נישט געשיקט...). אַ גאַנצער אינ־טערנאַציאָנאַל פון בלומען.

...ביי אַ סטענד שטייט אַ פּאָרפאָלק, וויל קויפן אַ בלומענטאָפּ — אַ ביימל, אויסגעוואַקסן אין חולון. זי שמייכלט און זאָגט אין פּוילישן „אַוטאָכטאָן" (אַן אָרטיק געבוירנס). זייער קינד גלעט די גרינע בלעטער און פרייט זיך מיטן ביימל. ס׳איז אים אייגן. אויך ער איז שוין אַן „אַוטאָכטאָן". אויסגעוואַקסן אין חולון. צוזאַמען מיט די ביימלעך, מיט די בלומען, אויף די געוועזענע חולונער זאַמדן.

1964

דער געקרייציקטער און געקרייציקטע

אין דער שטאָט רוים, ביים פּאַרטרעטער פונעם נאָזאַרעטער אויף דער ערד, זיצן קאַרדינאַלן און בישאָפן — פּאַרטרעטער פון הונדערטער

מיליאָנען גלויביקע פון אַלע וועלט־טיילן — און טראַכטן וועגן יענעמס טויט אויפן קרייץ מיט טויזנט ניין הונדערט און עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק.

דורות און דורות גאָטספאַרכטיקע זייערע האָבן אָן רחמנות, אכזריותדיק — אָן אַ גאָט אין האַרצן — גערודפט די אָפּשטאַמיקע פון יענעם שטאַם, וואָס האָט זיי אַ רחמנותדיקן גאָט געגעבן.

זייער צאָרן גיסן זיי אויס נישט אויף פּאָנטיוס פּילאַטוס און די רוימער, וועלכע האָבן אים דורך וויאַ־דאָלאָראָזאַ צו דער גאָלגאָטאַ געפירט. די בלוטיקע הענט פון יענע האָט מען שוין לאַנג ריין־געוואַשן; נייערט די יידן — אויף זיי גיסט מען אויס דעם צאָרן. ביזן קרייציקן און פאַרברענען זעקס מיליאָן פון זיי, וואָס זענען פון הייסע קאַטאָליקן פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ פונט זאַלץ, אָדער אַ האַלבן פונט צוקער...

קריסטוס, דער פאַרגעטערטער פון יידישן אָפּשטאַם, האָט אויך — ווייזט אויס — אַ יידישן מזל. ער מוז פאַרגעבן פאַרויס די זינד פון קרייציקן זיינע ברידער, סליחה און מחילה געבן די קרייציקער...

שטורמען די בישאָפן פון שפּאַניע — די יורשים פון טאָרקוועמאַדאָ: דאָס איז נייטיק פאַרן גלויבן. ס׳מוז דאָך זיין אַ זינדיקער, איז פאַרוואָס נישט דער ייד? ס׳איז דאָך טראַדיציאָנעל, די פרומע גלויבן אין דעם...

שטורמען די שליחים פון נאַצער, חוסיין און אַנדערע — די הערשער פון איסלאַם. זיי האָבן טאַקע פיינט דעם קרייץ, ער איז ביי זיי טריפער, ווי טריף, אָבער אַ קרייץ־צוג קעגן יידן — איז כשר. זיי וואָלטן וועלן אויפשטעלן אַ נייעם קרייץ, פאַרן פאָלק פון געקרייציקטע...

1964

אמא׳לע, אמא׳לע...

אינעם טומל פון דער תל־אביבער תחנה המרכזית שטייט אַ פּאָליציי־אויטאָ און אַרום אים — אַ גרופּע נייגעריקע. פון אויטאָ הערט זיך אַ וויי־געשריי פון אַ ייִנגעלע: „אמא׳לע, אימא׳לע“...

אַ ציכטיק ייִנגעלע אינעם אויטאָ וויינט און שרייט: אין טומל האָט ער פאַרלוירן זיין מאַמע. דאָס קינד רייסט זיך צום פענצטער פון אויטאָ, צום אַרויסגאַנג — עס זוכט די מאַמע.

דער פּאָליציסט — ווייזט אויס אַליין אַ פאָטער פון קינדער — נעמט אים אויף די קני, גלעט אים, וויל אים איינשטילן. אָבער צי קאָן מען ביי אַ קינד איינשטילן דעם רוף נאָך אַ מאַמען? צי איז דאָ אַזאַ כוח, אַזאַ רעזשים — סיידן: היטלער, וואָס האָט דערשטיקט דאָס געשריי פון מיליאָנען יידישע קינדער...

אונדזער פּאָליציסט פירט אויס מיט האָרץ זיין שליחות. דער דראָט־לאָזער טעלעפאָן וועט זיך באַלד פאַרבינדן מיט אַלע פּאָליציי־סטאַציעס. זיכער וועט זיך די מאַמע אָפּגעפונען און אָפּווישן איר קינדס טרערן.

אָבער ביי מיר האָט דאָס געשריי פון קינד אַלץ געקלונגען ווי אַן אָפּהילך פון מיליאָנען קינדער־קולות, וואָס זענען דערשטיקט געוואָרן.

די שפּראַך פון מעשים

ווידער אַ טומל וועגן דער דייטשער שפּראַך. דאָס מאָל — אויפן צוזאַמענפאָר פון דענטיסטן, אייניקע זענען דאָרט בייז געוואָרן, וואָס מ׳רעדט „בסדר די זעלבע זאַך". דער עיקר ווערן זיי בייז, ווען זיי הערן זאָגן, אַז מיר וועלן נישט פאַרגעסן... פאַראַן טאַקע ביי אונדז אַזעלכע, וואָס ווילן פאַרגעסן. אָבער דאָ אַ סך, וואָס פאַרגעסן נישט.

דענטיסטן, למשל, קאָנען זיך דערמאָנען וועגן די, וואָס האָבן אין די טויטן־לאַגערס געריסן גאָלדענע ציין פון לעבעדיקע און טויטע מיילער. דערציילט הדסה פריוועס אין איר בוך „אין רויך פון בירקענאַו", ווי אַ פרוי האָט זיך באַקלאָגט, אַז די ציין טוען איר וויי און דער ד״ר מענגעלע האָט איר געהייסן אַרויסרייסן אַלע ציין. ווען זי איז פאַרחלשט געוואָרן, האָט ער זיך געפרעגט מיט אַ רוצחישן שמייכל: „נו, ס׳טוט דיר נאָך וויי?"

די שפּראַך פון מעשים.

דערווייל — אָן מענטשן

(„דזשעמיני 5")

מן הסתם איז דאָרט קיין מענטשן נישט פאַראַן — אַ הייליקער גייסט שוועבט איבער אַלץ...

אָבער דער מענטשלעכער זשעני וועט באַלד קאָנען ברענגען דער ערד אַ גרוס פון דער לבנה. דערווייל — זעט אויס — איז נאָך דאָרט דאָס רואיקסטע און שענסטע אָרט, זויבערקייט נעסטיקט דאָרט. קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט באַטראָטן דעם פּלאַנעט. נישטאָ נאָך קיין קנאה, שנאה, רציחה און בלוט־פאַרגיסונג.

די לויטערע ווייטקייטן, וואָס פילן אָן די וועלט מיט אַ חלומות־גוטסקייט, ווערן דערנעענטערט מיט דער בשורה פון אַטאָם־סוד.

...די באָבע האָט אונדז שבת בין השמשות דערציילט — איידער די שטערן זענען אַרויס פאַר הבדלה — אַז פון איין הימל צום צווייטן איז פינפהונדערט יאָר גאַנג. און דאָ האָט דער מענטש איינגעשלונגען די טויזנטער יאָרן הימל־ווייטקייטן און פאַרוואַנדלט זיי אין שעהן. ער קלעטערט אין די הימלען...

...זאָל ער נאָר אָבער, דער מענטש, גוט אויסווישן זיינע טריט, ער זאָל דאָרט נישט פאַרשלעפּן אַהין אונדזער בלאָטע. דוכט זיך אַז אברהם רייזען האָט געזונגען:

„מען זאָגט, אַז שטערן זענען וועלטן, ס'איז אַ ליגן, ווען שטערן וואָלטן וועלטן זיין, וואָלט זיך בלוט פון הימל גיסן, נישט קיין רעגן".

...דערווייל איז עס בלויז אַ וויסנשאַפטלעך געיעג. חלומות פון דורות ווערן פאַרווירקלעכט.

דערווייל זענען נאָך דאָרט קיין מענטשן נישטאָ.

איז אַזוי זויבער — אָן מענטשן...

1964

התחנה המרכזית

ממש ווי אויפן שוק הכרמל — בלויז אַ סך שמוציקער. סוחרים שרייען מיט קולי־קולות, רימען זייערע סחורות: טרויבן, עפּל, באַרן, טאָמאַטן — פּרוכטן און פאַלאַפעל... און אַנדערע — „אויסלענדישע מציאות״. און דערנעבן בעטלערס — אַ מחנה בעטלערס.

ס׳איז הייס, פּאַרנע, ענג — אָבער די בעטלערס פילן זיך דאָ אויסגעצייכנט.

דער זיידע מענדעלע האָט זיי געשילדערט אין „פישקע דעם קרומען״; לייוויק — אין פינפער טורעם פון „גולם״ און „אָרעמע מלוכה״.

זיי זענען אַנדערש, ווי די געשילדערטע, טאַקע מזרחדיק, עכט מזרחדיק — מיט זייערע געשרייען, יללות, אָדער — שווייגן. אַ טייל פון זיי באַווייזט זייערע פעיקייטן צו פאַרשטעלן זיך; אַנדערע — זייערע ווונדן, פון אונדזער לאַנד, פון דער שטאָט.

זיי זענען די מזרח־וואַנט פון דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע אין תל־אביב...

1964

גייען געסט, קומען געסט

ווען זיי זענען אָנגעקומען איז שוין געווען שפּעטלעך פרייטיק פאַרנאַכט, אַ גרופּע בחורים און מיידלעך. פריילעך האָבן זיי אָריינגעשפּאַנט אין קיבוץ וואָס אין די יהודה־בערג.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די טראַקטאָרן האָבן זיך שוין צוריק אומגעקערט פון זייער אַרבעט. עס טראָגט זיך נאָך אין דער לופטן דער שטויב, וואָס זיי האָבן צעשפּרייט אַרום זיך.

ווו נישט ווו האָבן זיך באַוויזן אויסגעצוואָגענע קינדער, מיט פנימלעך צעשמייכלטע אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן שבת.

די געסט האָבן זיך געלאָזט אין אַלע ווינקעלעך פון קיבוץ —

אומעטום אַריינגעבליקט נייגעריק. דערנאָך זיך געוואַשן, אַריינגעשפּרונ־גען אין שווים־באַסיין און אויך זיך געגרייט צום שבת.

און דער שבת האָט מיט זיין גאַנצער בכבודיקייט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די רוקנס פון די בערג. די וואָך האָט נאָך איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צעפלאַמטן, רויטן הימל, אָבער דער שבת האָט שוין געלאָשן זיין רויטקייט.

דאַן האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט ביי די געדעקטע טישן; די ליכט האָבן געפלעמלט און זייער רויך האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אינעם אַרומיקן געזאַנג.

די געסט זענען פרעמדע. הונדערטער יאָרן האָבן מיר געלעבט צווישן זיי און נישט געוואָרן נאָענט מיט זיי. און דאָ — מיטאַמאָל — האָט זיך דערפילט אַזאַ היימישע נאָענטקייט. ווייזט אויס, אַז דער גלות האָט אין זיך תמיד געטראָגן פרעמדקייט ביי אונדז — צו אַלץ און אַלעמען; אין דער אייגענער היים איז אונדזער בליק געוואָרן קלאָרער, פאַרטרויליכער, פריינדלעכער — אויך צו פרעמדע, צו געסט.

און די פריינדלעכקייט ווערט אַ קעגנזייטיקע.

1964

דאָס רויטע פּאָסטקעסטל

אין מיין שכונה אין ירושלים האָט אַמאָל פּאַסירט אַ שרעקלעכע זאַך: אַ גרופּע לאָבוסלעך האָט אַריינגעוואָרפן פייער אין אַ פּאָסט־קעסטל!

מען האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן: ווי קאָנען קינדער דערגיין צו אַזאַ הפקרות?

מענטשן האָבן באַוויינט דאָס פּאָסטקעסטל, ווי מען באַוויינט אַ לע־בעדיק וועזן. אַ בריוו איז דאָך סוף־כל־סוף אַ מין באַרירונג מיט נאָענטע. אין אַ בריוו ווייִנט מען אַריין, אָדער מען לייגט אַריין די זוניקייט פון האַרציקע שמייכלען. פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל: „שריי אַריין אין בריוו־קעסטל, וווהין דער בריוו דאַרף גיין, וועט ער שנעלער אָנקומען״.

ווי געדעכט זיי זאָלן נישט זיין, די פּאָסט־באַאַמטע, מוזן זיי גע־דענקען, אַז נישט דערגאַנגענע בריוו זענען — ווי פייגל, אונטערגעשאָסענע אין מיטן פלי.

עס ווייזט אויס, אַז ביי אונדז האָט מען שוין פאַרגעסן וואָס מען טאָר און וואָס נישט. די שכנים אונדזערע שאַרפן די ציין אויף אונדז. יעדע מינוט ברענגט עפּעס אַן אַנדערע נייעס און דער הירש פון דער ישראל־פּאָסט קריכט, ווי אַ טשערעפּאַכע.

נישט ווילנדיק קאָן מען אָנהייבן צו פאַרלירן דעם צוטרוי צו אונדזער רויט פּאָסטקעסטל. און דאָס קאָן שוין זיין אַן אומבאַשרייבלעכער שאָדן.

1964

צ נ י ע ו ת

דווקא אין תל־אביב האָב איך באַמערקט דעם פרומען פּלאַקאַט: מען אַפּעלירט — מיט תחנונים — צו דעם שיינעם מין, צום רחמנות־געפיל פון דער צניעותדיקער יידישער טאָכטער, זי זאָל נישט אַנטבלויזן איר לייב, נישט ברענגען צו זינד אָרנטלעכע בירגער. דער פּלאַקאַט אַפּעלירט אַפילו צו דער רעגירונג און צו דער כנסת, זיי זאָלן זיך פאַר־אינטערעסירן מיט דער דאַמען־מאָדע; אָננעמען אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרווערן די „פּרוצהדיקע" קליידער.

די אונטערשריפטן אונטערן פּלאַקאַט, האָבן מיך אָבער אַ היפּש ביסל צעטומלט: צווישן די רבנים, מיניסטאָרן, כנסת־דעפּוטאַטן, איני־זשינירן, דאָקטוירים, זענען אויך געחתמעט אַ צאָל באַנק־דירעקטאָרן.

אויך זיי אַפּעלירן קעגן „נאַקעטקייט"! און וויפל מאָל טוען זיי אַליין אויס ביז נאַקעטקייט אַ סך פון זייערע קליענטן, צוליב די הויכע פּראָצענטער, וואָס זיי נעמען?

— לויט די תורה־געזעצן איז דאָך דאָס אויך נישט קיין קליינע עבירה. איז זייער אונטערשריפט אויפן צניעותדיקן פּלאַקאַט גאָר נישט צניעותדיק...

יום-טוב

אַן אויסגעפוצטער אין דער זיידענער קאַפּאָטע מיטן שטריימל, האָט ער געשפּאַנט איבער די גאַסן פון ירושלים. געגאַנגען פון אַ יום־טובדיקן מנין אין אַ וואָכנדיקן ישראל־טאָג.

ער איז, ווייזט אויס, געקומען פון אויסלאַנד צו נעמען אַ ברכה פון זיין רבין פאַר זיין ווייטערדיק גלות־לעבן.

גייט ער אַזוי פייערלעך, צופרידן — מיט געמאָסטענע טריט. ער טראָגט חשיבותדיק זיין יום־טוב אין דער וואָכן. ביי אים איז דאָך שבועות נאָך אַלץ אַ צוויי־טאָגיקער יום־טוב.

און ער וויל נישט באַמערקן, אַז דאָ שטויסט ער זיך צונויף אויף טריט און שריט מיט דער וואָכעדיקייט, וואָס פאַרשלינגט צוביס־לעך, אָבער גרינגטלעך, זיין גלותדיקן יום־טוב.

1964

דער מזרח-יריד 1964

ליכט־טורעמס און פלאַטערנדיקע פענער — אַ קאָמפּאָזיציע פון פאַרבן און ליכט. קלאַנגען פון פריילעכע מאַרשן, יום־טובדיקער עולם: באַלד וועט אָנקומען דער פּרעזידענט.

און אָט הערט זיך דער טראָמפּייטן־שאַל. ס׳באַווייזן זיך אויס־לענדישע דיפּלאָמאַטן, פאַרשטייער פון מלוכות. מען שפּילט התקוה, דאַן דערהערט זיך די מעכטיקע שטים פון פּרעזידענט — דער יריד איז דערעפנט. פון אַלע זייטן שטראָמט אַ יום־טובדיקער עולם.

דאָס אויג ווערט פאַרכאַפּט. אין צענטער ציט די אויפמערקזאַמ־קייט אַ סאַטעליט — גרייט צום פלי אין די הימלען. דאָס דערמאָנט,

אַז די וועלט האָט זיך אַ רוק־געטון פאָרויס... הינטער דעם — דער ריזיקער אַמעריקאַנער פּאַוויליאָן. קאָמפּליצירטע מאַשינען, וואָס דאַרפן דעם מענטשן לייכטער מאַכן דאָס לעבן.

און אָט איז ענגלאַנד: סאָלידע רואיקייט. פראַנקרייך שיינט אַרויס מיט אַן עשירות — אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. בעלגיע, איטאַליע — און אָט איז יאַפּאַן, מיט די מיניאַטוראַרטיקע, געשמאַקע מוסטערן. אין סאַמע צענטער — שפּילצייג פאַר קינדער. אַלץ איז אַזוי איידל געטאַקט, דוכט זיך, אַז די דיאַגראַמעס באַוועגן זיך...

מיר קומען צום טערקישן פּאַוויליאָן און צום איטאַליענישן, וואָס דערמאָנט מיר רוים. מחשבות וועגן ווייטן און נאָענטן עבר...

ס׳באַווייזן זיך די אַפריקאַנער לענדער. פון דער פינצטערניש האָט אָנגעהויבן צו לייכטן.

איך דערזע דעם פּוילישן אָדלער. ער איז ביי אונדז אַ פריינדלעכער גאַסט. פאַר אונדז ברענגט ער אָבער אויך גרוסן פון טויטן־שטעט. מען מוז די געדאַנקען פאַרטרייבן, ווייל אַרום איז אַזאַ רחבות, אַזאַ שטראַלנ־דיקע ליכטיקייט. טאַקע פון אונדזערע אייגענע דערגרייכונגען: מאַשינען, אויטאָס, שטאָל־פּראָדוקציע. די קופער־גרובן פון תמנע, דיאַמאַנטן, טעקסטיל, גלאָז, זילבערוואַרג, פּלאַסטיק. און איבער אַלץ — די אַלטע זיבן מינים, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז געבענטשט. די רייפע פרוכטן זענען אויסגעשטעלט אַפּעטיטלעך. מען זעט אויך — אויסער די זיבן — עפּל, באַרן, פלוימען, אַפּריקאָזן און מעלאָנען. נישט לאַנג געקומענע צו אונדז — פון אַ לאַנגן וועג. און אַ מענגע גרינוואַרג, בלומען.

דאָס אויג פאַלט אויף דער מלכה פון אונדזערע פרוכטן — דעם פּאַמעראַנץ. 13 מיליאָן קעסטלעך זענען עקספּאָרטירט געוואָרן דאָס יאָר. און צום שטאַרקסטן האָבן הנאה — די גרעסטע אָפּנעמער פון אונדזערע זאַפטיקע פרוכטן — דייטשן. די פון מערב און די פון מזרח. דייטשן.

ערגעץ־ווו שטייט אַ טישל. דערנעבן — אַ לעבעדיקער יונגער מענטש. ער האַלט הילצערנע רעדעלעך אין דער האַנט. רויטע קלעצלעך זענען אויסגעשטעלט. ער וועקט ביים עולם חשק צו שפּילן: 4 שטיק איין פונט. פליען טאַקע פונטן. דער עיקר פון יוגנט. זי שטייט ווי

צוגעקלעפּט, און פֿאַרשפּילט געשמאַק. די רעדלעך פֿאַלן דערנעבן, און די פּונטן פֿליִען אין טאַש פֿון באַלעבאָס. ער האַלט אין איין שרייען: „אַלע געווינען״. — געווינט ער. וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט אונדזערע דערגרייכונגען — ווייס איך נישט. אַזאַ ביליקייט, וואָס קאָסט טייער — צו וואָס?

אָבער דאָס איז בלויז אַ קליינער טונקעלער פֿלעק אויפֿן העלן בילד. די פּאָר שעה פֿאַרברענגען אויף דער אויסשטעלונג — דאָס איז ווייניק. מען דאַרף גיין נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. אין די ווייטערדיקע טעג וועט דער יריד מן־הסתם וואָכעדיקער ווערן. איז טאַקע גוט וואָס עס וועט זיין נאָך דער יום־טובדיקער געקאָכעריי. ס׳וועט אפשר ווערן אַ טאָג־טעגלעכע יום־טובדיקייט. דער צונויפטרעף פֿון מזרח און מערב, צפֿון און דרום. אַ פֿריינדלעכער צונויפטרעף פֿון פֿעלקער מיטן פֿאָלק פֿון ישׂראל.

— ווי גלייכע מיט גלייכע.

ער איז אַלוועלטלעך, דער מזרח־יריד, און דערביי היימיש אייגן.

1964

הכל שוחטין

וואָכנלאַנג גייט ער שוין אָן דער ווילדער אָקסן־קאַמף מיט חרמות, איסורים, קול־קורא־פּלאַקאַטן, פּרעסע־אָנגריפֿן — וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳שעכט און ווער ס׳מעג טרייבערן.

די פּרומסטע רבנים זענען דווקא אין תּל־אָביבֿ, זיי ווילן נישט דערלאָזן די כּשרע תּל־אָביבֿער מיילער זאָלן ח״ו טועם זיין בשׂר חוץ.

מיין טאַטע האָט מיר דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין זיין שטאָט, אין פּוילן: כּשר פֿלייש איז פֿאַרט געווען זייער טייער, אָרעמעלייט האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאַרגינען אַפֿילו אויף שבת. פֿלעגט טרעפֿן אַז עמעצער האָט אַריינגעבראַכט אַ פּיצל פֿלייש פֿון אַ דערנעבנדיק שטעטל, וווּ דאָס פֿלייש איז געשאָכטן און געכשרט געוואָרן כּדין. איז ווי געווען צו דעם, וואָס האָט אַזאַ שטיקל פֿלייש אַריינגעטאָן אויף שבת אין

טשאָלנט־טאָפּ! דער שטאַט־מסור איז געקומען אין דער פרי צום בעקער מיט אַ פּאָליציאַנט, מען האָט קאָנפיסקירט דעם טשאָלענט און דער אָרע־מאַן האָט באַדאַרפט דעם שבת עסן מכות.

דער כשרער אָקסן־קאַמף אין תל־אביב דערמאָנט מיך איצט מיין טאַטנס דערציילונג. אוי, וויפל שלעכטס מען האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך פון גלות!

די תורה זאָגט דאָך: הכל שוחטין — אַלע מעגן שעכטן און זייער שחיטה איז כשר.

ווייזט אויס, אַז די שחיטה איז טאַקע כשר, אָבער צי איז דער ריווח פון דער שחיטה אויך אַזוי כשר — ווער ווייס?

1964

ספּאָרט

אַז עס קומען צו אונדז ספּאָרט־געסט, איז דערפרייענדיק, אויב זיי ווייזן אונדז אַ חוץ גוטער שפּיל, אויך גוטע ספּאָרט־מאַניערן, וואָס פעלן אַזוי אָפט אונדזערע אייגענע שפּילער.

אָט האָבן איצט אַזעלכע מאַניערן אונדז געוויזן די ספּאָרטלער פון פאַרשידענע אַזיאַטישע לענדער. אַ באַזונדערן רושם האָבן געמאַכט די אינדיער. זיי האָבן זיך טאַקע געהאַט פון וועמען צו לערנען מאַניערן, גאַנדי, טאַגאָרע, נערו.

אמת, נישט ווייניק האָט אונדז ווײ־געטאָן די באַציונג פונעם נאַרוואָס פאַרשטאַרבענעם פּרעמיער נערו צו ישראל. אָבער, ווען אויפן ספּאָרט־פּלאַץ אין רמת־גן האָבן זיך די פּענער געבויגן אין טרויער אויף דער ידיעה וועגן זיין טויט, האָט זיך אויך אונדזער פאָן אויפריכטיק פאַרבויגן אין טרויער.

ס'איז געווען ספּאָרטיוו און ערלעך.

וועט עס אפשר משפיע זיין אַביסל אויף די אָפיציעלע אינדישע פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן — זיי זאָלן אויך לגבי אונדז האַנדלען ספּאָרטיוו און ערלעך?

די תורה און די סחורה

האַרציק קלינגט דאָס וויגלידל, וואָס יידישע מאַמעס האָבן אַמאָל געזונגען, איינוויגנדיק די קינדערלעך צום שלאָף, דאָס גאָלדפּאַדענישע לידל:

אונטער יידעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע.
יידעלע איז געפאָרן האַנדלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

אָדער גאָר:

ווען דו וועסט גרויס ווערן,
וועסטו לערנען תורה,
ווייל תורה איז
די בעסטע סחורה...

אָבער היינט, ביי אונדז — שטרייקן די פּרדס־אייגנטימער און ס׳שטרייקן די סטודענטן. די ראָזשינקעס און מאַנדלען וואַקסן טאַקע אין לאַנד, מען לערנט אויך תורה, אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז אונדזער לידעלע האָט זיך עפּעס פאַרפּלאָנטערט: תורה און סחורה שטרייקן...

דוכט זיך, אַז מיר וועלן נאָך לאַנג, גאָר לאַנג, דאַרפן רייניקן סיי אונדזערע בעלי־סחורה, סיי די בעלי־תורה, די אַלטע לידלעך זאָלן באַקומען זייער אַמאָליקן חן און גלאַנץ.

1964

ה י ד י ם י ד י...

דער מענטשלעכער גייסט, די וויסנשאַפט, האָבן טאַקע געמאַכט ריזיקע פאָרשריט פאָרן וווּל פון מענטשן, אָבער דער אומצוטרוי און מיספאַרשטייענישן זענען נאָך ווייט נישט פאַרשוווּנדן. אפשר דערפאַר

איז נאָך אַזוי שוואַך־ווירקנדיק דער קול פון יעקב און ס׳זענען נאָך אַלץ שטאַרק די ידים, מיט וועלכע עשיו קאָן זיך גרויסן.

און פּלוצלינג: אויך יעקב, דער פרומער חבד״ער יעקב, האָט זיך געמוזט נעמען צו די ידים. חבד״ער האָבן געשאַפן אַ זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, אין ברוקלין.

זיי האָבן די לעצטע יאָרן מיט עקשנות און פלייס געשאַפן ישיבות איבער גאָר דער וועלט. זיי זענען אַוועק, אַזוי ווייט, אַז זיי שרעקן זיך אַפילו נישט צו לערנען אין ענגלאַנד די גמרא — אויף ענגליש. טאַקע מיטן אמתן חסידישן ברען. זיי פאַרטיידיקן זיך אין ענגלאַנד פאַר די דאָרטיקע נטורי קרתא, אַז זיי זענען נישט, חלילה, קיין ציוניסטן ר״ל, זיי זינגען נישט, חלילה, התקוה אין זייערע שולן.

און מאָדנע, דווקא דאָרט, ווו דער גלות פילט זיך צום ווייניקסטן, אַ סך האַלטן, אַז מען טאָר עס אַפילו נישט רופן גלות, נאָר תפוצות — דווקא דאָרט, אין אַמעריקע, געניגט נישט דער קול קול יעקב און זיי מוזן זיך באַנוצן מיט די ידי עשיו: זיי האָבן געמוזט אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ.

בדרך כלל איז אַמאָל זעלבסטשוץ געווען פאַרבונדן מיטן חלום פון שיבת ציון, מיטן חלום צו לעבן פון אייגענער פראַצע, אויף אייגענעם באָדן.

איז אפשר וועלן אויך איצט יענע טיילן פון פאָלק פאַרשטיין, אַז וואָס מער אַרבעטס־הענט אין ישראל, אַלץ ווייניקער פויסטן וועלן זיך נייטיקן אין דרויסן, אַפּצושטויסן די רוצחישע, רשעותדיקע ידים פון עשיו?

„בני־ישראל״

מאָדנע שווערקייטן ברענגט מיט זיך די עלייה. ס׳קומען עולים פון אַלע עקן וועלט, מען דאַרף זיי אויפנעמען ווי געהעריק, אַרויסהייבן דאָס, וואָס בינדט אונדז צוזאַמען — די בענקשאַפט אַהיים, צו אייגענע ברידער, צום אייגענעם פאָלק, צו באַנייונג און אויפלעבונג.

אין פאַרשידענע לענדער האָבן יידן פאַרשידן געלעבט. יעדער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין אַרום אויף אַן אַנדער אופן. דאָס איז פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך. דאָס צונויפבינדנדיקע ביי די יידישע מענטשן פון אומעטום איז געווען די ציון־בענקשאַפט.

געפינען זיך אָבער אַזעלכע, וואָס פאַר זיי איז עס ווייניק. ס׳זענען אויפגעקומען דורות פון יחסנים, וואָס ווילן בודק זיין ביי אַנדערע יידן דעם יחוס פון דורות, וואָס איז פאַרמעט און וואָס פאַפיר... „העכערע" און „נידעריקע". ראַסן־צעטיילונג.

טויזנטער יאָרן האָבן די בני ישראל אין אינדיע אָפּגעהיט זייער צוגעבונדנקייט און געטריישאַפט צום פאָלק. נישט בלויז פאַרמעל, פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט, אויף וועלכן זיי האָבן תמיד שטאַרק מדקדק געווען, נאָר מיט אַ טיפער בענקשאַפט צו ירושלים. ווילן זיי דאָ איצט נישט ווערן קיין „נידעריקערע קאַסטע", אין וואָס עס ווילן זיי פאַר־וואַנדלען די „יחסנים".

מאָדנע קלינגט איצט אין ירושלים דער פסוק פון דער תורה „משפט אחד יהיה לכל בני־ישראל ולגר הגר בתוככם" — איין געזעץ זאָל זיין פאַר די בני ישראל און פאַר דעם פרעמדן וואָס וווינט צווישן אייך. אונטער אַזאַ לאָזונג האָבן דעמאָנסטרירט די „בני־ישראל" איבער די ירושלימער גאַסן — פאַר דער סוכנות, פאַר דער כנסת, פאַרן היכל שלמה, ווו מען מאַכט באַזונדערע געזעצן פאַר זיי.

איי, ווען מען וואָלט אַזוי געוואָלט קאָנטראָלירן הונדערטער טויזנטער יידן לויט די מצוות, וואָס זיי היטן — ווער ווייס ווי ס׳וואָלטן דאַן אויסגעזען אַ סך מענטשן פון „היכל שלמה"... האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף אַ גאַנצן שבט, באשר — ער האָט „געלעבט ווייט"; און מען פּלאָנטערט זיך און פּלאָנטערט, מ׳קאָן פון פּלאָנטער נישט אַרויס. בנוגע זיי מאַכט זיך יעדער רב שבת פאַר זיך.

זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין ירושלים געצעלטן פאַר שטרייקנדיקע, זיי מאַכן הונגערשטרייקן, דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן. ס׳פינקלען מיט צער און צאָרן זייערע טיף־יידישע אויגן און רופן: גיט אונדז צוריק אונדזערע יידישע רעכט!

אוודאי זעען די יידן פון מאה שערים אַנדערש אויס פון זיי, ובכן — זענען זיי שוין די כשרע יידן און מיט זייער מאָס דאַרפן מיר מעסטן אַלע?

...כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין די דעמאָנסטראַנטן: געקומען פון אַלע עקן לאַנד. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אַ שוטר; אַ פּאָלי־ציאַנט. כ׳האָב אים געפרעגט: „דו ביסט אויך פון די בני ישראל?" ער האָט אַ שמייכל געטאָן: „יאָ, איך בין פון די בני ישראל און איך היט ישראל". ער היט טאַקע באמת. צי טוען עס אויך אַלע די, וואָס קוועס־טיאָנירן זיין יידישקייט?

אָט גייט אַ הערלעכע געשטאַלט פון אַ פרוי אין אינדישער קליידונג. איר פּיאָלעט־קליידונג גיסט זיך צונויף מיטן גאָלד־פּיאָלעטענעם ירוש־לימער פאַרנאַכט. נישט ווייט פון איר זעט מען דעם געוועזענעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, דעם רב־אלוף און פּראָפעסאָר, דעם אַרכעאָלאָג בן אַרכע־אָלאָג יגאל ידין. ער, וואָס וויל דערנענטערן דעם עבר צו דער קעגנוואַרט און צום עתיד, קאָן נישט שלום מאַכן מיטן אָפּשטויסן לעבעדיקע שטיקער פון אונדזער עבר, וועלכע וואַקסן אַריין אין אונדזער קעגנוואַרט. ער ווייס — פון דער ווייטער געשיכטע און פון אונדזער נאָענטער פאַר־גאַנגענהייט — אַז מדינה און שיבת ציון זענען איינס.

אַזוי איז דער דין פון דער געשיכטע. און אַזוי איז דער דין פון לעבן.

איז: נישט אָפּשטויסן קיינעם פון ישראל, נאָר מקרב זיין.

1964

דער אַלכסנדר־בוים

צופעליק האָב איך אים באַמערקט, אַ טיף־פאַרוואָרצלטן אויף אַן אַלטן תל־אביבער הויף, מיט גרויסע גרינע בלעטער און אַ צעבליטן מיט וויאָלעט־העלע קווייטן.

דאָס ווינטל פון ים האָט געהוידעט די צווייגן, ווי עס וואָלט געשעפּטשעט זיי אַ גרוס. דער בוים אויפן פוסטן הויף איז מיר עפּעס

נאָענט געוואָרן. ער שטייט זיך האַרט ביים פענצטער פון אַן אַלט הויז, די קרוין זיינע — אַביסל אויסגעבויגן, ווי ער וואָלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ זיך עפּעס צו דערמאָנען...

אַוודאי וועט מען בקרוב צעוואָרפן דאָס אַלטע הייזעלע און אויפ־שטעלן אַ ריזיקע געביידע. איז וואָס פאַר אַ ראָל וועט דאַן שפּילן דער בוים?

קוקט זיך איבער דער בוים מיט דער הייזקע, וואָס ווערט עלטער, איינגעשרומפּענער ממש פון טאָג צו טאָג. די וועגט גאַרבן זיך שוין פון אַלטקייט און דער בוים שטרעקט אויס זיינע צווייגן, ווי הענט, וואָס ווילן האַלדזן די הייזקע, אונטערצוהאַלטן זי, אַזוי ווי ער האָט ביז־איצט געשיצט זי מיט זיין שאָטן.

עס האָט מיך אָן אומרו באַהערשט וועגן דעם גורל פון בוים. בין איך אַריין צו אַ שכן, — אין וועמענס פענצטער דער בוים האָט אַריינגעקוקט — און געפרעגט אים: אפשר ווייס ער פאַרוואָס דער בוים גיט אַרויס פון זיך אַזאַ איידעלן ריח, וואָס האָט נישט זיינסגלייכן אין גאַנצן אַרום?

דער שכן — אַ באַיאָרטער ייד — האָט מיט הייטערקייט אַ קוק־געטאָן אויף מיר און אַ לייכטן זיפץ־געטאָן.

— מיין פריינד, דעם בוים האָט מיין פרוי פאַרפלאַנצט צום אָנדענק פון אונדזער איינציקן זון, וואָס איז אין תש״ח געפאַלן פאַר דער באַפרייונג פון אשדוד... אָט דאָסזעלבע אשדוד, ווו עס בויט זיך איצט אַזאַ ריזיקער פּאָרט, ווו ס׳צעבליט זיך אַזאַ גרויסע שיינע שטאָט, וואָס נעמט אויף נייע עולים און ווו קינדער־פרייד פילט אָן די גאַסן...

איך האָב זיך באַמיט צו פאַרבאַהאַלטן מיין אויפּציטער. יענע טעג האָבן בליץ־שנעל פאַרבייגעשוועבט פאַר מיינע אויגן. און דער פאָטער האָט צוגעגעבן:

— כ״ז אייר איז זיין יאָרצייט.

פּלוצלינג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער בוים באַקומט אַ לעבעדיק פּנים, זיינע קאָלירן הייבן אָן צו פּולסירן מיט בלוט. איך בין אַרויס פון דער שטוב...

און אפשר — אפשר זאָל מען, ווען די שעה פון בויען וועט קומען — אַריבערטראָגן דעם בוים מיט די וואָרצלען, איבערפלאַנצן אים (אין אַשדוד, צי ערגעץ אַנדערש־ווו) און ס׳זאָל אַן אויפשריפט אָראָפּשיינען פון אים, אַז דאָס איז דער בוים פון אלכסנדר, וואָס איז אויסגעוואַקסן — באַפּייכט מיט די טרערן פון דער מאַמען — אויף אַן אַלטן הויף אין תל־אביב?

1965

קריסטלעכער יושר...

אין דער אַלטער היים זענען געווען גאַנצע געגנטן ביי יידן, ווו — אַז מ׳פלעגט קויפן אַ מאַראַנץ, האָט מען באַלד געפרעגט דעם קויפער: ווער איז עס ר״ל קראַנק ביי אייך אין שטוב?

היינט, ביי אונדז אין דער נייער היים, ווען מיר מאַכן טיילווייז געזונט אונדזער ווירטשאַפט מיט זאַפטיקע מאַראַנצן, שיקן מיר — אַ פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל געקרענקט צווישן אַנדערע פעלקער — געזונטע מאַראַנצן און גרייפּפרוכטן פאַר זייערע וויטאַמינען־דורשטיקע מאַסן. נישט קיין רעצעפּטן פאַר קראַנקע, נייערט שפּייז פאַר געזונטע; די זאַפטן פון אונדזער ערד און אונדזער זון פאַר די מאַסן אין אייראָפּע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר טוען זיך נישט קיין רעה דערמיט, אָבער אויך זיי נישט.

ווייל עס נישט ליידן דאָס לאַנד, וואָס איז געוואָרן די מעטראָפּאָליע פון קריסטלעכן חסד ורחמים. זיי טוען אַלץ, כדי אונדז אונטערצושטעלן אַ פּיסל.

און דערפאַר וועלן אָרעמע קריסטן אין אייראָפּע, צו זייערע נייַ־יאָר יום־טובים, מוזן צאָלן טייערער פאַר מאַראַנצן, אָדער באַגיין זיך אָן זיי.

איז דאָס דער קריסטלעכער יושר?

אילוזיעס

די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט.

קינדער שלאָגן זיך אויף דער גאַס — קומען זייטיקע מענטשן און צעשיידן זיי.

ווען דערוואַקסענע שלאָגן זיך, שרייבט מען פּראָטאָקאָלן, מען מאַכט משפּטים.

ווען פעלקער שלאָגן זיך — איז גאָרנישט. ס'איז אַ נאָרמאַלע זאַך: אַ מלחמה, אָדער אַ מלחמה'לע...

שלאָגט מען זיך אפשר מיטן אייגענעם געוויסן און — מען שווייגט.

מענטשן האָבן ליב צו לעבן מיט אילוזיעס. דאָס נעכטיקע ווערט צעשמעטערט, ווייל מענטשן האָבן אילוזיעס, אַז דאָס היינטיקע וועט בעסער זיין.

דער ווינטער שטויסט אַרויס דעם זומער, וואַרט מען דאַן ווידער אויף דער זומערדיקער היץ. און מען מאַכט זיך אילוזיעס: איי, ווי גוט ס'איז די וואַרעמקייט, אין פאַרגלייך מיט די קעלטן.

מאַמעס לערנען קינדער גיין. ווען זיי וואַקסן אויס — האַלט מען זיי אָפּטמאָל צוריק אין זייער לויף: זיי יאָגן זיך נאָך אילוזיעס.

לסוף ווערט דער מענטש רעאַל, באַזאַכט. ער באַטראַכט זאַכן רואיק, שכלדיק און — וואַרט אויף נייע אילוזיעס, וויגט זיך ווייטער אין מיט אילוזיעס.

אַזוי — זייט יאָרטויזנטער. זייט דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און דערזען, אַז — נישט אַלץ איז גוט...

1965

כינעזער און דאָס פּינטעלע ייד

וויפל זענען מיר עס בכלל אויף דער וועלט אין אונדזער גאָרער צעשפּרייטקייט? וויפל אָרט פאַרנעמט בסך־הכל אונדזער הײמלאַנד?

אַ מאָדנע גורל פון אונדזער פאָלק: ביי אַלעמען זענען מיר גרויס אין די אויגן. עפּעס מער ווי צוויי מיליאָן זענען מיר דאָ אין לאַנד. מ׳דאַרף נאָך גוט האָרעווען צו פאַרגאַנצן דעם דריטן מיליאָן און זיי, די כינעזער, זענען איבער 700 מיליאָן. האָבן זיי דערזען אין אונדז... אימפּעריאַליסטן און צוגעזאָגט אויסצושטודירן אויף זייער חשבון ביי זיך פאַרשידענע רוצחים־באַנדעס — כדי אונדז „אָפּצורוימען״.

דאָס פאָלק פון קאָנפוציוסן האָבן מיר דאָך קיינמאָל נישט פיינט געהאַט, פאַרקערט — הויך געשאַצט דאָס פאָלק, וואָס האָט געטראָגן די ערשטע שפּראָצן פון ציוויליזאַציע פאַר דער וועלט. מיר האָבן שטענדיק מיטגעליטן מיט זיי, ווען מ׳האָט זיי אונטערדריקט, צוביסלעך פאַרסמט מיט אָפּיום און זייערע קינדער פאַרקויפט אין די זייד־וועבערייען, וואָס האָבן דעם פיינסטן זייד געגעבן דער וועלט, דורכגעווייקט מיט שווייס און טרערן פון כינעזישע קינדער.

און מיר האָבן מיט פרייד באַגליט די נצחונות פון זייער דער־וואַכונג, ווען די אוראַלטע תפיסה־מויערן פון זייער לאַנד זענען צע־שטערט געוואָרן.

„שריי, כינע!״ האָבן מיטגעשריגן יידן פון גאַר דער וועלט און מיטגעזונגען דאָס ליד פון נצחון פון דער כינעזישער רעוואָלוציע.

פּלוצלינג — ווי אויסטערליש דאָס מוז קלינגען, ווען זיי האָבן דווקא אין אונדז דערזען די אימפּעריאַליסטן! מיר, דאָס קליינע פּינטעלע ייד, אין דעם קליינעם לענדעלע ישראל, זענען פּלוצלינג געוואָרן גרויס אין די אַנדערהאַלבן מיליאַרד כינעזישע אויגן.

1965

מ ה ה ש ע ה?

איך גיי אַרום אַ פאַרטראַכטער אין גאַס. נאָך ימים־נוראים. מילי־אָנען ווּנטשן פון יידן ווערן פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער וועלט: פאַר באַעקאַנטע, פאַר פריינד, פאַר דער גאַרער וועלט!

פאַרהאַלט מיך אַ מיידעלע — פון אַ יאָר זעקס מן־הסתם — און פרעגט מיך צאַרט־זינגענדיק: מה השעה?

ווי שפּעט ס׳איז, ווילסטו וויסן מיין קינד? — זייער שפּעט, אָדער זייער פרי... אויף די גאַסן פון באָמביי גייען נאָך כשרע בהמות שפּאַצירן און קיינער טשעפּעט זיי נישט. זייער בלוט איז הייליק. אָבער מענטשלעך בלוט גיסט זיך דאָרט געגוג: אַ שטורעם אויף די פיליפּינען דערמאָנט אונדז, אַז די נאַטור איז נאָך אַלץ שטאַרקער פון מענטשן; דער וועלט־שלום איז נאָך אַלץ אין אַטאָם געפּאַנצערט...

שפּעט, צי פרי? אויפן זייגער איז נאָך נישט שפּעט. און בכלל — ס׳איז דער אָנהייב תשכ״ו. ווי מיינסטו — ס׳איז פרי, צי שפּעט?

קום, מיין קינד, איבעראַיאָר נאָכאַמאָל מיך פרעגן „מה השעה״ — אפשר וועל איך דיר דאַן קאָנען עפּעס בעסערס זאָגן.

1965

די באַראָנעסע

דריי מאָל אין טאָג דערשיינט זי עלעגאַנט מיט עפּעס אַ ווינער געמיטלעכקייט — ווינטער און זומער. זי קומט, ווי דער גאַנצער אַרום וואָלט זי נישט אינטערעסירט, זיצט געמיטלעך אינעם רעסטאָראַן אין בית ברענער, עסט איר עסן, ווישט די ליפּעלעך מיט אַן אייגן סערוועטל. זי רעדט אַ ווינער דייטש, אָבער רעדט ווייניק.

אָפּטמאָל קומט זי אין דער באַגלייטונג פון אַ קאַוואַליר. ביידע היטן אָפּ די מאַניערן פון אַן אַמאָליקער פיינער שטוב. זי האָט זיך אויסגעלערנט די קונסט פון צופּאַרדעקן די נויט און גיט זיך נישט אונטער דעם גורל.

ס׳איז שווער פעסטצושטעלן אירע יאָרן. ס׳קאָן גאָר זיין, אַז זי אַליין גייט אויף פאַרביי אירע יאָרן... זומער טראָגט זי אַ טיף־דעקאָלטירט קלייד און לייכטע פאַנטאָפל. ווען זי ענטפערט עפּעס איר דייטש־רעדנדיקן פריינד — צעגיסט זיך אַ דיסקרעטער שמייכל אויף אירע לייכט צוגע־פאַרבטע ליפּן.

אויף אלנבי, כמעט ביים ים־ברעג, טריבקט זי אין די נאָכמיטיק־שעהן איר קאַפע און קוקט זיך איין אין די כוואַליעס פון ים, וואָס האָבן זי דאָ אַהער פאַרטראָגן מיט אַ סך יאָרן צוריק. זי האַלט הויך דעם קאָפּ, באַוועגט אים לייכט און חלומט מן־הסתם וועגן איר אַמאָליק וויך, ווו זי איז געווען אַן אמתע באַראָנעסע...

1965

צוויי באַגעגענישן

פאַראַן באַגעגענישן, וואָס מען פאַרגעסט נישט ס׳גאַנצע לעבן.

ס׳איז געווען אַ שבתדיקער פרימאָרגן. אין אַן אַלטער ירושלימער שכונה האָב איך באַמערקט אַ מיידל פון אַ יאָר זיבן, מיט אַ העל־געלאָקט קעפּל, חנעוודיק געמרוזשעטע אייגעלעך. זי האָט געטאַפּט מיט אירע פינגערלעך די ווענט. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס שפּילט זי זיך אין בלינדע־ניש, האָב איך זי לייכט אַ שנעל־געטאָן שטיפעריש אין נעזעלע... זי האָט פּלוצים אויפגעמאַכט אירע אייגעלעך, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט זייער אויסגעלאָשן ליכט. אַ פּיין האָט מיך אַרומגעכאַפּט. כ׳בין געבליבן אין שטאַרקער פאַרלעגנהייט. נאָר זי האָט זיך גאָר צעשמייכלט — טריב, טרויעריק, אָבער צעשמייכלט. דעם שמייכל, געטובלט אין צער, קאָן איך ביז היינט נישט פאַרגעסן.

יאָרן, אַ סך יאָרן זענען אַוועק, כ׳בין געווען אויף אַ באַזוך אין רוים. אַריינגייענדיק אין האָטעל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין אַ וווּנדער־שיין קינד. זי האָט מיט ליכטיקע אויגן געקוקט אויף מיר, דעם פרעמדן, געשפּילט זיך מיט אַ באַלעם און אונטערגעזונגען. דער באַלעם האָט זיך אָנגעשלאָגן אין מיר. האָב איך אים אויפגעהויבן, דערלאַנגט איר און באַגריסט זי, דערלאַנגענדיק די האַנט. האָט זי אַוועקגעלאָזט דעם באַלעם, און דערלאַנגט מיר אין פאַרלעגנהייט דאָס לינקע הענטל, זי האָט געשמייכלט מיט צער און פאַרשעמט. דאַן האָב איך ערשט באַמערקט, אַז דאָס רעכטע הענטל איז געווען — אַ פּיין־פאַרשניצטע פּראָטעזע.

איז מיר אין זכרון מיטאַמאָל אַרויסגעשווומען די באַגעגעניש

מיטן ירושלימער בלינדן מיידל — מיט אַ סך יאָרן צוריק: אומעטום דערזעלבער מענטשלעכער צער פון פּיין, פון אומגליק. אומעטום איז ער דער זעלבער, אויב ער איז אמתדיק־מענטשלעך. מעג עס זיין רוים, אָדער ירושלים.

1965

„מאַך אַ ברכה..."

נאַכט נידערט אַראָפּ. אין צענטער פון דער יונגער שטאָט בת־ים שטייט אַ הויז איינגעהילט אין גרינס. חרובע לעבנס דרייען זיך דאָרט אַרום און קאָנען פון זייער קרייז נישט אַרויס. זיי רעדן צו זיך, האָבן מיט זיך חשבונות, זענען אויפגעבראַכט אויף די משוגעתן פון דער וועלט...

כ׳האָב דאָרט באַזוכט מיינעם אַ פריינד פון די יונגע יאָרן. אַ שריד פון אַ גרויסער פאַרצווייגטער משפּחה. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די אַליינקייט. צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן .

אויף אַ דערנעבנדיקער באַנק זיצן צוויי פרויען — אַן עלטערע און אַ יונגע. די עלטערע איז נישט פון דאַנען — דאָ האָט זי אַ זון.

כ׳האָב די פרויען מכבד געווען מיט פּרוכטן: די יונגערע האָט זיך שמייכלענדיק איינגעביסן אינעם פלייש פון פּרוכט, מיט הנאה זיך אַרומגעקוקט אויף די פאַרשידענע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געזען. די עלטערע האָט די פּרוכט געהאַלטן אין האַנט און געשעפּטשעט:

— שלמה, שלמה׳לע...

פיר יאָר געפינט זיך שוין דאָ איר זון — האָט זי דערציילט. איר איינציקע טרייסט און שפּייזער געווען...

שלמה האָט זיך באַוויזן אין דערנעבנדיקן הויז. דער מאַמעס פּנים האָט אויפגעלויכטן. ס׳איז געווען אַ בחור אין די דרייסיקער, איינגעהילט אין אַן אויסגעבליאַקעוועטן רעגן־מאַנטל. אין דרויסן איז געווען גוט הייס, אָבער ער האָט זיך נישט געשיידט מיטן מאַנטל...

— שלמה׳לע, כ׳האָב פאַר דיר עפּעס גוטס — האָט זי אים דערלאַנגט די פּרוכט.

איידער ער האָט באַוויזן צו נעמען די פּרוכט צום מויל, האָט זי אויסגערופן:

— מאַך אַ ברכה, שלמה׳לע...

אין דרויסן איז שוין גוט טונקל געוואָרן. פון שלמה׳לעס מויל האָט זיך אַ ברכה געהויבן צום הימל, אַ לויב צו גאָט פאַר זיין גאָב...

און אַ שטילער „אָמן" פון דער מאַמען האָט באַגלייט זיין ברכה מיט אַ טרער, וואָס איז געפאַלן אין דער פינצטערניש.

1965

אַלט און ניי אין שפּיטאָל

זי איז פון די פּיאָנערן־שוועסטערס, נאָך גאָר יונג געווען, ווען זי האָט זיך גענומען צו דעם באַרוף, וואָס פאָדערט אַ סך האַרץ און איידעלע געפילן; אַ סך כוח און — געזונטע פיס.

דאָס שפּיטאָל איז נאָך דאַן געווען אַזוי אָרעם און טונקל; זי איז פול מיט בענקשאַפטן געווען צו דער אַלטער היים. און זי האָט געמוזט ווערן אַ שוועסטער — צומאָל אַ מאַמע — פאַר זיי, די ניי־געקומענע, וואָס האָבן מיט ברויט, מאַראַנצן און כינין געלעבט. ביי שווערע פאַלן האָט מען זיי געשיקט „קומען צו זיך" אין די טריבע קאָרידאָרן פון שפּיטאָל אין ירושלים, ווו דער קלימאַט האָט געהאָלפן אויסצובערענען די חולאת. זי האָט זיי, די קראַנקע, אָנגעשטעקט מיט איר יוגנט; די קראַנקע ווידער האָבן זיך געשפּיגלט אין איר שיינקייט און פרישקייט, געשמייכלט צו איר, ווי באַרואיקטע קינדער פאַרן שלאָף.

איצט איז דער בליאַסק פאַרשוווּנדן פון אירע אויגן, דער שמייכל פאַרשווינדט אין די טיפע קאַרבן פון איר פּנים. זי לויפט נאָך מיט פלינקע טריטעלעך — אָבער די פיס זענען שוין באַנדאַזשירטע; די הענט באַוועגן זיך שנעל, די אַרבעט יאָגט, נישטאָ קיין צייט זיך אָוועק־צוזעצן ביי אַ קראַנקן. אַמאָל האָט עס אַזוי גוט געווירקט, זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ טייל פון דעם קראַנקנס צער.

היינט לויפט זי אַרום איבער אַ פּרעכטיקן בנין, מיט די מאָדערנסטע

מכשירים — פאַרדריסט איר, וואָס זי מוז אַמאָל אויך באַווייזן אַ בייזלעכע מינע.

און אַרום דרייען זיך איצט יונגע שילערינס, מיט ראָזעווע פּנימער — דער שמייכל טאַנצט זיי אין די שוואַרצאַפּלען און קוקן מיט נייגיר אויף דעם אַרום.

דאָקטוירים — יונגע, פריש אויסגעפּיקטע, פון ירושלימער אוני־ווערסיטעט — זיי קענען זי אַפילו נישט. פאַרט מען אַרויף און אַראָפּ אויף ווינדעס, זיי מיינען אַוודאי, אַז אַ סך חולאתן זענען שוין בכלל פאַרשוווּנדן. אַמאָל האָט געפיבערט דער מענטש, היינט פיבערט די צייט...

גיט זי אַ קוק אַרויס אין דרויסן, ווו אַלץ גרינט אַרום דער נייער, ריזיקער געביידע, וועלכע האָט זיך צעלייגט אויף די פּליכעוואַטע קעפּ. ווו אַלץ איז יונג און זי איז... אַלט... אַלט.

פּלוצלינג דערהערט זי ס׳קול פון אַ שווער קראַנקן; ער בעט אַן איינשפּריצונג. איילט זי ווייטער אויף אירע באַנדאַזשירטע פיס; די ווייסע שיך קלאַפּן אויס דעם זעלבן טרייסט־ניגון, וואָס אַמאָל. זי ווערט ווידער אַ העל שפּרענקעלע — מיט דער שפּריץ־נאָדל אין האַנט — פאַרשלונגען אין מענטשנס פּיין, צווישן אַלט און ניי.

1965

דאָס גרויסע געווינס

היינט האָט אים געטראָפן דאָס גרויסע גליק. איבער זיין אינוואַלידן־וועגעלע איז אַרויסגעהאָנגען אַ שילדל: דאָ איז אין דער לעצטער ציונג געוווּנען געוואָרן 50 טויזנט ל״י!

גראָד ביי אים! דאָס קרענקלעך־דיקע פּנים זיינס שטראַלט מיט פרייד. ער זאָגט אַלעמען אָן די בשורה: רבותי, ביי מיר! דאָס גרויסע געווינס!

ער איז אַ בעל־פּרנסה. פון די לאָטעריע־צעטלעך וואָלט ער געקאָנט באַשפּייזן אַ גאַנץ הויזגעזינט. נאָר אַליין קאָן ער די שפּייז נישט

נעמען אין מויל אַריין: זיינע הענט זענען פאַרקריפּלט, גראַד ווי זיינע פיס.

נעבן אים שטייט אַן אַלטע מאַמע, אַ גרייז־גרויע. זי קאָרמעט אים אין די הפסקות צווישן איין קונה און אַ צווייטן: אַ סענדוויטש, אַ טרונק. זי בייגט זיך אַריבער איבער אים מיט רחמים און קאָרמעט.

פאַר איר וועט ער קיינמאָל נישט אויפהערן צו זיין אַ קינד. זי זאָרגט פאַר אים מיט דער זעלבער טריישאַפט און געדולדיקייט. ווי זי האָט עס געטאָן, ווען ער איז נאָך ביי איר ברוסט געלעגן.

באַמיט זי זיך מיטצושמייכלען מיטן גליק פון פרעמדן געווינער. זי וואַרט אָבער אויך אויף אַ גרויס געווינס — אויף לאַנגע יאָרן, כדי צו וואַרעמען מיט מוטערשאַפט איר קינדס טריבע טעג.

זיצט ער אַזוי מיט זיין אומגליק ביים ראַנד פון גליק: דאָס גרויסע געווינס!

וואָלט ער כאָטש געקאָנט מיט זיינע הענט צום מויל דערלאַנגען דאָס עסן!

ווי, אַזוי נאָענט צום גרויסן געווינס און אַזוי ווייט פון אייגענעם גליק...

גליק פון אַן אומגליקלעכער

זי איז געבוירן געוואָרן מיט אַ פעלער. טראָגט זי אים, איר ביטערן גורל, אויפן רוקן. איר הויקער איז געוואָקסן צוזאַמען מיט איר. נאָך דאָרט, אין דער אַלטער היים, ווו זי איז די איינציקע אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ גאַנצן שטאָם. ווי אַן איינזאַמער, פאַרוויאַנעטער בוים, וואָס גיט נישט קיין שאָטן, טראָגט נישט קיין פרוכט.

זי האָט נישט איינמאָל מקנא געווען די טעכטער פון לוט, וואָס האָבן אין זייער שרעק פאַרן פרוכטלאָזן פאַרוועלקן, דעם אייגענעם פאָטער פאַרשיכורט, כדי זייער שטאָם זאָל נישט פאַרשווינדן.

איינמאָל איז איר געשען דאָס גליק: מ׳האָט זי באַמאַנט.

פון דאַן אָן פלעגט זי זיך באַווייזן פאַר אַלע מיט אַן אויסגעליי־

טערטן שמייכל. איר פּנים האָט געשיינט מיט ליבשאַפט צו אַרום. דאָס איז געווען צוליבן סוד, וואָס זי האָט אויסגעטראָגן אונטער איר האַרץ, ווי דער מום אירער וואָלט אַראָפּ פון איר רוקן.

דאָס גליק פון דער אומגליקלעכער האָט אויפריכטיקע פרייד אַרויסגערופן ביי איר אַרום. אָן רכילות, אָן צווײדײטיקע רייד, האָט זיך יעדער געפרייט מיטן המשך פון דעם אונטערגייענדיקן שטאַם.

1965

דער מחזור

יאָרן האָבן אונדז צעשיידט. מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, יעדער זיין וועג. מיין וועג האָט מיך געפירט קיין ירושלים. זיי, האָט דאָס יאָר 1939 געטראָפן אין וואַרשע. צוזאַמען מיט אַ קליין מיידעלע זענען זיי אַוועק אַהין אויף מזרח, ווו זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז זייער גייסטיקע היים.

מאָדנע, אַ טאָג נאָכן גרויסן עליה־שטראָם פון פּוילן האָב איך פון זיי אַ בריוו באַקומען. אַ בריוו, נאָך קאַרגע דריי צענדליק יאָר צעשיי־דונג. אין בריוו איז געווען געשריבן צוו. אַנד.: „מיר זענען דאָ אין לאַנד און ווילן דיך זען".

דאָס איז געווען ראש השנה, ווען איך האָב זיי באַזוכט. מיר האָבן אויסגעיזכורט ווען מיר האָבן נאָר געדענקט. קרובים, פריינד, חברים.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט געשמועסט מיט פאַרשידענע באַ־מערקונגען וועגן דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין פּוילן, וועגן דעם איבערדערצויגענעם מענטש א.א.וו. און אין איר טאָן האָט זיך געפילט אַ בענקשאַפט צום לעבן, וואָס איז אויסגעפּעדעמט געוואָרן פון יעדן פונק יידישקייט. זי איז שוין איצט אַן עלטערע פרוי.

פּלוצים האָט זי איבערגעריסן דעם שמועס און געגעבן אַ זאָג: זעסט! ביי יעדן מענטש ליגט עפּעס באַהאַלטן אין זיין שאַץ־קאַמער, אין וואָרעם ווינקל פון זיין האַרצן אַ געפיל וואָס לאָזט אים נישט פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם. און זאָגנדיק דאָס האָט זי מיר געוויזן אַ מחזור. אָט דאָס

איז אַ מחזור פון דער אַלטער היים — האָט זי געזאָגט. איך האָב דאָס מיטגעטראָגן מיט זיך אין מיינע וואַנדער־יאָרן און דערטראָגן אים ביז דאָ אַהער, קיין ישראל.

דאָס געשפּרעך איז געוואָרן איבערגעריסן. דאָס מחזור איז געלעגן פאַר אונדז ווי אַ לעבעדיקער עדות פון דער פאָלקס־טראַגעדיע.

ווי אַ ביטערער „ונתנה תוקף״ איז דער מחזור פון דאָרט געווען אַ לעבעדיקער עדות, וואָס האָט אויף אַזאַ מאָדנע אופן עולה געווען קיין ישראל.

דער ראש־השנה׳דיקער מחזור.

1965

די שטים פון אָפּשטאַם

ער איז זיך געזעסן נעבן אַ באַיאָרטער פרוי — עלעגאַנט, מיושבדיק — אויף אַ באַנק אין די שדרות ראָטשילד, פיינע מאַניערן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך אַביסל פאַרטראַכט, ווי אַ מענטש — ער דער הונט, וואָס איז זיך געזעסן אויף די הינטערשטע פיסלעך. אַ הונט? אַ פּיצינקע הינטעלע, מיט אַן אויסטערליש ברייט פּיסקעלע מיט טיפע אויגן פאַרדעקטע מיט שוואַרצע, געקרויזלטע, גלאַנציקע האָר.

עפּעס פון אַ גאָר זעלטענער ראַסע איז דאָס הינטל געווען, אַ טייער באַשעפעניש. די באַלעבאָסטע האָט עס ליב, ווי דאָס לעבן. זי האַלט עס נעבן זיך, היט עס אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

ס׳זעט אויס, ווי דאָס הינטל האָט בכלל פאַרגעסן דאָס בילן — סוף כל סוף נישט צוליבן בילן האַלט מען עס און מען צערטלט עס, נאָר צוליב זיין סאַלאָן־פעיקייט, זיינע גוטע מאַניערן; צוליב זיין שטילן, סאַמעטענעם גאַנג, דעם מילדן בליק און דעם צאַרטן לעק, וואָס ער האָט שטענדיק גרייט פאַר אַ מענטשלעכער האַנט.

זיצט ער צוגעטוליעט צו דער באַלעבאָסטע, האָט הנאה פון דער

וואַרעמקייט, וואָס פאַלט אויף אים פון איר און פון די מענטשן אַרום. מען זעט, אַז ער איז גליקלעך מיט זיין הינטישן ייחוס.

גייט פאַרביי אַ יונגער מענטש מיט אַ ווייסן, גרויסן הונט, ער פירט אים אַפילו נישט אויף קיין רימען — דער מעכטיקער הונט גייט געלאַסן אין די פוסטריט פון זיין באַלעבאָס. ער לייגט אַפילו נישט קיין אַכט אויף דעם קליינעם הינטל, קוקט זיך נישט אום אויף אים.

און פלוצלינג: דאָס קליינע הינטעלע האָט זיך צעבילט, אַזש די גלעקלעך אויף זיין רויטן האַלדז־רימען האָבן זיך צעקלונגען. עס האָט זיך צעבילט ווי — אַ הונט. עס רייסט זיך מיט כעס אויף זיין גרויסן שטאָם־ברודער, וואָס וואָלט אים געקאָנט מיט איין לאַפּע צודעקן...

דאָס הינטל האָט אָנגעהויבן צו בילן אַלץ העכער און העכער און העכער, ווי עס וואָלט זיך וועלן באַרימען מיטן ווילטאַג, וואָס רינגלט אים אַרום. דער גרויסער, ווייסער הונט האָט אים צוגעוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג און בייז אַ ברום־געטאָן. און ווער ווייס, מיט וואָס די באַגעגעניש וואָלט זיך געענדיקט, ווען דער באַלעבאָס פון גרויסן הונט פירט אים נישט גיך אַוועק פון יענעם אָרט.

די אַרומיקע האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט צו דער הינטישער באַגעגעניש און איינער האָט געזאָגט:

— קוקט, דוכט זיך ער איז אינגאַנצן פריי פון הינטישן לעבן, ווערט געפלעגט, געצערטלט און דאָך... קיין שום איבערדערציונג האָט נישט געהאָלפן. ס'בילט פון אים אַרויס די שטים פון זיין אָפּשטאַם...

1965

דריי און זעקס

האַרט פאַר אונדזער אומאָפּהענגיקייט־יום־טוב האָט דער געביטער פון לאַנד מצרים דערקלערט: „מיר וועלן זיי פאַרטיליקן, נאָך ערגער ווי אונדזערע אורזיידעס, וועלכע זענען פאַרבאַלזאַמירט געוואָרן אין די מומיעס, רוען אין די פּיראַמידן, וואָס די עברים־קנעכט האָבן אויסגעבויט".

דריי מיליאָן סאָלדאַטן, האָט ער געזאָגט, וועלן זיי מאָביליזירן, כדי צו פאַרטיליקן די צוויי מיליאָן יידן.

די וועלט גייט פּאַרויס און — ער קריגט ברכות און געווער פון לינקס און רעכטס; קריגט אַפילו ספּעציאַליסטן פון גאַז־קאַמערן און פון בויען אַנדערע מכשירי חבלה. ער איז נישט אַזוי, ווי זיינע אורזיידעס, וואָס האָבן פאַראָרדנט אַלע ניי־געבוירענע זכרים אין נילוס צו וואַרפן; ער וויל אַלע, אַלע בני־ישראל — נוסח המן און היטלער — אין ים אַריין וואַרפן.

דער איצטיקער הערשער פון מצרים איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון די אַלטערטימלעכע דעספּאָטן. ער פּרוווט אָבער די אַלטע שנאה איבערצוגיסן אין נייע פאָרמען. ווענדט ער זיך צו די איידעלע געפילן פון פאַרשידענע הערשער פון דער וועלט, זיי זאָלן אים צוהעלפן... אויפשטעלן אַן אַרמיי פון דריי מיליאָן. דריי מיליאָן און — פיניטאָ מיט די יידעלעך!

וואָס קאָנען מיר אים ענטפערן? — אַז אין יעדן איינעם פון אונדז שטעקן זעקס מיליאָן סאָלדאַטן, פונקען פון זעקס מיליאָן פאַרטיליקטע לעבנס? די זעקס מיליאָן גייען מיט אונדז אין צער און פרייד, זיי מאַרשירן מיט אונדז צוזאַמען אין אַלע טעג פון אונדזער מדינה־בויונג און זיי וועלן גיין מיט אונדז צוזאַמען — אויב ס'וועט אויסקומען — קעגן די דריי מיליאָן פון נאַצערן.

קעגן זיינע דריי מיליאָן וועט זיין די מדינה, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און די זעקס מיליאָן, וואָס לעבן אין אונדז אַלע.

1965

זיי האָבן מאַרשירט מיט אויפגעהויבענע קעפּ

אַזוי האָבן מיר געזען: אַ צונויפגעשלאָסענע מחנה. זינגענדיק מאַרשירנדיק. נישט, חלילה, קיין שוצלאָזע יידן, אויסגעפּייניקטע פון גלות־טרייבערייען; נישט קיין שפּאַנענדיקע איבער די חורבות פון זייערע היימען, נייערט באַהאַפטענע צו זייער אייגענער נייער היים. שטאָלצע

יידישע זעלנער און זעלנערקעס, אויפגעקומענע פון די ברוכטיילן פון אַ פאָלק.

איבער די קעפּ — דער זשום פון אונדזערע פליער אין הונדערטער אַעראָפּלאַנען. ווייס־בלויע רויך־שטרייפן, ווי די קאָלירן פון אונדזער פאָן, לאָזן נאָך זיך אַ סך אַעראָפּלאַנען. אַנדערע ווידער — באַווייזן וווּנדערלעכע אַקראָבאַטישע פיגורן. מיר האָבן געענדיקט מיט די צייטן פון לאָזן הערן ווײ־געשרייען צו פאַרשלאָסענע הימלען — עס האָבן זיך דערעפנט פאַר אונדזערע יונגע חברה די ברייטקייטן פון דער לופט און מיט טריומף שניידן זיי דורך די ברייטקייטן.

אַט גייט דורך אַ געפּאַנצערטע מאַסע. זי רופט צו שלום, אָבער זי וואַרט נישט מער אויף טובות פון צווייפלהאַפטע באַשיצער. זי וועט באַשיצן. אַ מאַסע פון פאַרשידענע שבטים אונדזערע פון אַלע קאָנטי־נענטן. אַזאַ פאַרביקייט פון מענטשן־פּנימער, אַזאַ וווּנדערלעכער קאָלאָריט.

אויף ריזיקע יבשות זענען מיר געווען, קליין, אַזוי קליין. געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. און דאָ, אויף דעם פּיצעלע יבשה, אויף דעם קליינעם אָפּשניט פון הימל און פון ים — וואָס מען פאַרגינט אונדז נאָך אויך נישט — דאָ גייען מיר שטאָלצע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ!

ווייל ס׳איז אונדזערס, אונדזער פאָטערלאַנד, אונדזער זעלבס־שטענדיקייט.

1965

צוויי זענען זיי...

איינער פון אַ שטעטעלע אין דער פּוילישער היים, אַ פּראָלעטאַריער בן פּראָלעטאַריער, מיטן אויפברויז און גלויבן אין דעם אָנזאָג פון אַ נייער וועלט, וואָס וועט אויך דערוואַרעמען די אָרעמע יידישע האָרעפּאַשנע היימען. יידישקייט, פאַרוועבט מיט וועלטלעכקייט, דאָס האָט ער מיט זיך מיטגעפירט אויך דאָרט אַהין, אין די ווייטע לענדער.

דאָרט איז דער הונגער פאַרשוווּנדן, די שרעק איז אַוועק. אָבער די

בענקשאַפט נאָך אַ גרויסער ענדערונג איז פאַרבליבן, דער גלויבן אין אַ נייער וועלט האָט ווייטער געבענטשט אין האַרצן.

שטייט ער און רעדט, דערציילט וועגן זיינע בענקשאַפטן און גלויבונגען: נישט „עקידת יצחק" איז געווען, נייערט „עקידת איציק". יצחק איז ניצול געוואָרן, ווייל ער איז געווען אין דער היים. איציק האָט געליטן, ווייל ער איז געווען אין דער פרעמד... דערציילט ער איצט, אין אַ פיינעם יידיש, ווי ער האָט זיך איבערגעפלאַנצט אין אַ קיבוץ אויפן כרמל: אַרבעט ביי פּרוכטביימער — זיין שער און אייזן זענען אַריין אין אַרכיוו, ער איז געוואָרן אַ היגער, אַ דאָיקער, ער און זיינע קינדער, פיזיש און גייסטיק.

דער צווייטער איז אַ טיפּישער אינטעליגענט. פון די, וואָס האָבן זייער יידישן עבר אויסגעטראָגן אין די פּאָלעס פון פרעמדע קולטורן. אויך ער רעדט וועגן באָדן אונטער די פיס. רעדט מיט אַ פּראָפעסאָרישער לאָגיק, אַנאַליזירט און שטעלט פעסט, אַז אַנדערש קאָן נישט זיין. ער האָט שוין געמאַכט פּרוּוון אין אַ וועלט פון לאַבאָראַטאָריעס, געשטעלט דיאַגנאָזן, טעאָרעטיש קאָן מען אפשר אַנדערש אויסטייטשן אויך, אָבער אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק איז עס טאַקע אַזוי, נישט אַנדערש. אַ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אויף אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע ירידן, אומעטום פאַרזוכט און אויך — דערפילט דעם אמתן טעם. און — צוריק־געקומען אַהיים. דאָרט וואָלט ער זיך געקאָנט האָלטן פאַרן פּרייז פון זעלבסטפאַרלייקענונג, אָדער זעלבסטדערנידערונג. און דאָס האָט ער געהאַט געַנוג.

הערסטו זיי ביידן — דעם אַרבעטער־אינטעליגענט און דעם דאָק־טאָר — און געפינסט עפּעס ענלעכס צווישן זיי: ביידע זענען זיי שוין געשטאַנען מיטן רוקן צו ציון און ביידע האָבן זיך אומגעקערט צוריק. דו מוזט זיך פאַרטראַכטן איבער זיי, איבער דעם וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט און זייער וועג צוריק.

זיי צוויי זענען לעבעדיקע סימבאָלן פון דעם וועג צוריק, וואָס איז גלייכצייטיק אַזאַ שיינער וועג פאָרויס.

1965

זייער גלויבן

שטענדיק, ווען ס׳קומט דער יום־העצמאות, דערמאָנען מיר זיך יענע טעג, וואָס זענען אַזוי נאָענט און זעען אויס אַזוי ווייט.

די טעג, ווען מ׳האָט אַ גרעזעלע געזוכט, אַביסל וואַסער צו באַנעצן די ליפּן, אָבער פון די פּרימיטיווע פּאַנצער־אויטאָס האָט אַ געזאַנג אַרויסגעשאַלט!

הייזער זענען געלעכערטע געשטאַנען. זייערע שטיינער זענען געווען פּאַרוווּנדיקט. מענטשן האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט. אַ פּאָר שריט בלויז פון דיר איז דער שונא; די שטיינער פון ברוק האָבן געגליט, אַזוי ווי אונדזערע ליפּן. אָבער מ׳האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז אונדזערע וועט זיין ירושלים!

אַ סך יונגע קולות זענען אין מיטן פון זייער יוגנט־פרייד איבערגעריסן געוואָרן. אַ סך טאַטע־מאַמעס האָבן זייערע טרערן־קוואַלן ביזן דנאָ אויסגעשעפּט און געבליבן פאַרגליווערט אין שווייגן.

נישט מער, ווי זיבעצן יאָר פון דעם גלויביקן ברען, גלויבן אָן שום תנאים. פּשוט און פּראָסט — גלויבן. די, וואָס האָבן זייערע טייערסטע אַוועקגעגעבן, האָבן געגלויבט, אַז דאָס פאָלק איז זייער יורש.

רייך זענען יידן געווען אין זייער דעמלטדיקער ירושלימער אָרעמקייט!

און ווי אָרעם זענען היינט די, וואָס פאַרגעסן וועגן דעם!

מוז מען זיי דערמאָנען, לערנען זיי גלויבן.

ווייל נישט יעדן טאָג קאָן געבוירן ווערן אַזאַ גלויבן פון יוגנט, פון פרייד, אַ גלויבן, וואָס איז אַן אייביקייט!

1965

גרין און גרוי

צווישן די גרינע לאַנדשאַפטן פון שפּיים האָבן אַלע גערעדט וועגן די גרויקייטן פון גלות. עפּעס דריקט דאָרט, ס׳קוועלט, באַאומרואיקט. מיט איין וואָרט: גלות.

פון ניו־יאָרק, פּאַריז, אַרגענטינע. ס׳רעדן עלטערע און יוגנט, חברים און חברטעס. וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי זאָלן נישט רעדן — עברית, יידיש, צי גאָר שפּאַניש — פון אַלע ווערטער קלינגט אַרויס דער זעלבער פּיין. ס׳האָבן געערדט חברים, וועלכע האָבן פאַרלאָזט אַ גלות און — דערווייל זיך איינגעאָרדנט אין אַן אַנדער גלות. טאָקע אומפאַרגלייכלעך בעסער. ווי אין דער אַלטער היים, אָבער די גרויקייט שרייט אַלץ אַרויס פון זיי. און די בענקשאַפט צו דעם גרינעם אַרום דאָ.

ווער ס׳זאָל נישט רעדן, האָט אַלץ געקלונגען ווי זיי וואָלטן זיך געפונען צווישן נאַכט און טאָג...

ביי די נאַכט־פייערן זעט מען נישט דאָס גרינע פעלד. מען זעט נישט די בלויקייט פונעם ים, וואָס גאַרבט זיך מיט זיינע צעשוימטע כוואַליעס. ערשט אין דער פרי האָבן זיי דערזען דעם אַרום — דאָס אייגענע, דאָס נאָענטע אונטער די פיס און איבער דעם קאָפּ. אומעטום ווו נאָר דאָס אויג שטויסט זיך אָן.

דאָ און דאָרט פילט זיך שוין דער אינערלעכער ציטער אונטער דער אויסערלעכער רואיקייט. מעג זיי זיין ווי גוט — אַביסעלע גרויקייט איז אומעטום פאַראַנען.

אָבער מיר ווילן נישט, אַז די גרויקייט זאָל פאַרגרויען אויך אונדזערע טעג. פאַרקערט — מיר ווילן מיט אונדזער גרין און בלוי דערמונטערן זיי: זיי זאָלן זיך פילן היימישער, דאָיקער. אונדזער גרין זאָל זיי אַריינברענגען נייע לעבנס־זאַפטן.

1965

זייערע אבות

ער איז געקומען אין נאָמען פון די אבות פון דייטשישן און אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. ער, וואָס די צעפּוילטקייט פון דער סטאַלין־תקופה האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון אים.

וואָס פאַר אַ ראָל שפּילן די איבער צוויי מיליאָן יידן — רעשטלעך פון אַ פאָלק, אַן אומגעבראַכטס דורך „אַנדערע" דייטשן? דאָס אַלץ איז

ווערט אַלס קרבן פאַר נאַצערס „סאָציאַליזם". אויף דער וואָגשאָל פון צענדליקער מיליאָנען, האָבן צוויי מיליאָן נישט קיין באַדייטונג...

זיי לייקענען נישט, די דייטשן פון מזרח — מיט אולבריכטן בראש — אַז די אבות פון סאָציאַליזם זענען געווען: מאַרקס, לאַסאַל, העס. וואָס איינער פון זיי האָט נישט פאַרענדיקט, האָט דער צווייטער דערגענצט מיט זיין שאַרפן מוח. העס איז אַפילו געווען אַ ציוניסט אויך, אָבער דאָס מוז מען נישט דערמאנען...

זייערע מחשבות זענען געווען געשטיצט פון אַנדערע ריזן־גייסטער. פון דיכטער און דענקער. אמת, געווען אַ צייט ווען דאָס דייטשע פאָלק האָט פאַרגעסן וועגן דיכטער און דענקער און פאַרביטן זיי מיט הענקער. אָבער דאָס מוז מען דאָך נישט דערמאָנען... מען דאַרף נישט דערמאָנען, אַז מיר האָבן עס, אַז אונדזערע זין האָבן געשאָנקען דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק דעם דייטשן פאָלק. און דאָס דייטשע פאָלק האָט די אייניקלעך פון די אבות פונעם סאָציאַליזם געברענט און געבראָטן. אָבער צו וואָס דערמאָנען וועגן דעם?

שיקט מען טאָקע וויסנשאַפט־לייט, טעכניקער, אַטאָם־ספּעציאַליסטן און... געוועזענע הייצערס פון די היטלעריסטישע קרעמאַטאָריע־אויוונס קיין מצרים — צוצוגרייטן אַ נייע שחיטה פאַר די אייניקלעך. ווייל אולבריכט איז מסכים, מסכים מיט אַלץ און אַלעמען, וואָס נאַצער זאָגט.

נישט „רוים און ירושלים" באַגלייטן אולבריכטס טריט. ביי אים איז נישטאָ קיין אָרט אויף סענטימענטן — נישט פאַרן נילוס און נישט פאַרן ירדן, ער חלומט וועגן ריין, וועגן דערגרייכן צום ריין. אַפילו מיט נאַצערס הילף.

1965

יאָסל חריף

מיין שטעטעלע בעלז...

אַט האָט זיך ווידער פאַר אונדז באַוויזן דאָס שטעטעלע בעלז. דאָסמאָל — אויף די גאַסן פון בני־ברק. יידן פון דער גאַנצער וועלט, קליינע, שוואַרצע קאַפּעלושלעך פון אַמעריקע; יוסטע גבירים פון אַנטווערפּן...

אַט שפּאַנען זיי — אַביסל פאַרריסן — די בעלזער. זיי זענען זיכער ביי זיך, און נעבן זיי — די וויזשניצער מחותנים, מער פאָלקסטימלעך, צוגעלאָזן.

שוין מיט מזל נאָך דער חופּה. אויף אַלעמענס פּנימער איז אויסגעגאָסן אַ זאַטקייט און צופרידנקייט. ס׳איז פאָרט געשען אַ וווּנדער: בעלז איז איבערגעשפּרונגען קיין בני ברק צו פּראַווען אַ חתונה. זיי האָבן אַפילו איבערגעהיפּערט דעם ציוניסטישן שיבת ציון...

די כלה, די צוקונפטיקע רביצין, באַוויזט זיך אַ לייכטנדיקע אויפן גאַניק. זי פאָכעט מיט אירע הענט, באַגריסט דעם עולם און דאַנקט פאַר די מזל־טובס. זי שטייט, ווי אַ פּרינצעסין, וואָס וועט אויפסניי באַלעבן דאָס מלכות פון בעלזער הויף.

און אין פענצטער — דער ינוקא — דאָס אַכצניעריקע פּנים, איינגערעמט אין באָרד און פּאות. פון זיינע ליפּן גייט אַראָפּ אַ ברכה און חסידים פרייען זיך, שרייען מזל־טוב. חסידים פון דער גאָרער וועלט, געקומען צו פליען אויף שטאָלענע פליגל, ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן חורבן בעלז.

ווילט זיך פאָרט צו זיי אויסרופן: יידעלעך, גיט אַ טראַכט: בעלז איז נישטאָ מער! היט אָפּ ירושלים...

די חתונה גייט מיט אַ טראַסק. אַלטע ווייבער סודען זיך. מיידלעך פון בית יעקב־שולן רעדן לשון קודש און רויטלען זיך פאַר שמחה. כלי־זמרים שפּילן. מאָדנע זעען אַפילו אויס די שפּילערס פון גבעתיים אין זייערע גויאישע אוניפאָרמען, אָבער פאַרביק.

אַ שעה נאָך אַ שעה. אַלץ גייט מיט כוונה, מיט אַ סודותפולן רמז — אַ מין רמז פון אַמאָליקן בעלזער הויף.

צי וועט דאָס נעכטיקע ייִנגל, דער ינוקא, קאָנען צוריק צונויפ־בינדן די טראַגיש־איבערגעריסענע קייט פון זיין הויף, פון דעם פאַר־ברענטן שטעטל בעלז? אַט זיצט אַן אַלטער חסיד פאַרטראַכט. אפשר טראַכט ער אויך ווי איך, ווייל בעלז איז נישטאָ, דאָס איז בלויז בני־ברק.

אַט טאַנצט מען שוין דאָס מצווה־טענצל אין דער גרויסער שול. ייִדן שאָקלען זיך אין טאַנץ, ווי לולבים. ווייסע בערד שיינען אַרויס — אַ טאַנץ פון געקליבענע ייִדן, און אין אַ ווינקל זיצט אַן אַלטער חסיד און ברומט, ווי פון שלאָף, מיט אַ ניגון: ש—ב—ת, ש—ב—ת...

פאַרטאָג. אַ האָן האָט זיך צעקרייעט איבער בני ברק. פון פלאַקאַטן שרייען אַראָפּ פאַרשידענע אויפשריפטן. פון זיך אַליין ברומט זיך דער ניגון: מיין שטעטעלע בעלז...

1965

מנוחה ונחלה

נהריה. אין אַ וויטער שכונה האָב איך אים געטראָפן. דאָרט, ווי ס'ווערט נאָך אָפּגעהיט די אַמאָליקע געמיטלעכקייט מיט... דייטש־לשון פאַרמישט.

אַ שילד „פריזירער" איבער אַ באַשיידענעם אַזבעסט־צריף האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט: כ'בין אַריין, זיך אַוועקגעזעצט אין איינציקן פאָטעל, געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין אין עפּעס אַ פּריוואַט־שטוב: נישט קיין צו שטאַרקע ליכט, אַלץ אַרום זויבער, ציכטיק. אין קלייט איז אַלץ געפאַרבט אויף בלוי און ווייס. דער באַלעבאָס — אַ הויכער, דיקלעכער מאַן. דער אַמאָל־בלאָנדער קאָפּ איז גרויליך באַדעקט. ער נעמט געלאַסן אַרויס זיין טעקע מיט די ראַזיר־מעסערס, פאַרט פּאַמעלעך מיטן מעסער איבערן לעדער...

פופצן יאָר איז ער אין לאַנד. מיט אַלץ האָט ער זיך שוין צונויפ־געלעבט: מיטן קלימאַט, מיט דער אַרבעט — ס'איז אים אַלץ צום האַרצן. נאָר איין זאַך — די שפּראַך קריכט אים נישט אין קאָפּ אַריין.

מיט מיר האָט ער זיך געקאָנט היימיש אויסשמועסן, און אַזוי בין

איך דערגאַנגען, אַז מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געוווינט „דאָרט״ — אין איין שטאָט אין אויבערשלעזיע. אינצווישן איז ער אויסגעוווען אַ וועלט: אין שאַנכאַי און אין לענדער ביז ער איז אַהערגעקומען.

דעם צריף האָט ער זיך דאָ אַליין אויפגעשטעלט. ציט זיך דאָ זיין חיונה, האָט זיינע שטענדיקע געסט, וואָס ווען אים נישט פאַרלאָזן צוליב דעם לוקסוס פון דער קאָנקורענץ. עס פרייט אים, אויב ער קאָן מיט עמעצן רעדן אויף זיין היימיש לשון. און דער עיקר פרייט אים, וואָס ער איז ענדלעך דאָ — אין דער „היימאָט״ — טוט ער אַ שמייכל. ער איז צונויפגעוואָקסן מיט דער שטאָט — מיט איר אויסזען, געמיטלעכקייט און היימישער שפּראַך... יאָ, ער דערמאָנט די אַלטע שלעזישע שטעט, רופט זיי נאָך אויף דייטש. אָבער אַן אַלטער יידישער זיפט באַגלייט שוין די דייטשע נעמען.

מאַסקעס

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: ווען משיח וועט קומען — אויס־געלייזט וועט ווערן די וועלט, צדק און יושר וועלן זיך וואַלגערן אין די גאַסן — וועלן אַלע יום־טובים אונטערגיין, בלויז דער פּורים וועט בלייבן.

מיט וואָס האָט דאָס פּורים זוכה געווען צו ווערן דער יורש פון אַלע יום־טובים; מיט וואָס איז זיין יחוס גרעסער פון אַנדערע?

— ווייזט אויס, אַז צוליב דער מאַסקע.

פון אַ סך קאָן זיך אַ מענטש אָפּזאָגן, אָבער פון אַ מאַסקע — דאָס נישט. זי איז געוואָרן אַ טייל פון אים.

וועט מען זיי איבערלאָזן די מאַסקעס, ווי אַן אָנדענק, אַ זכר עולם. זיי וועלן פאַרבלייבן אַפילו ווען די פולע גאולה וועט קומען.

איר צוליב וועט מען פּראַווען פּורימס, דערמאָנען די צייטן פון ליידן און פאַרפאַלגונגען, אַפילו — ווייל מענטשן ווילן נישט רעזיגנירן פון זייערע מאַסקעס...

1965

ביטערע אַנטזאַלצונג

באַן זאָל צושטייער געבן צום אַנטזאַלצן ים־וואַסער פאַר ישראל.

(פון דער פרעסע)

דער פּלאַן פון אַנטזאַלצן ים־וואַסער, נעמט אָן אַלץ מער רעאַלע פאָרמען. אַוודאי מוז מען האָבן צו אַזאַ אונטערנעמונג אַ סך געלט, מוז מען אַלץ טאָן כדי צו דערגרייכן אַ זיסן טרונק פאַר מענטש, ערד און בהמה.

נישט איינמאָל האָט אונדז שוין דער דאָרשט פאַרברענט אונדזערע ליפּן. דער ים פון וויסן הייבט אָבער אָן אַריבערצווואַקסן די ביטערניש פונעם געזאַלצענעם ים־וואַסער. און אָט־אָט וועט מען שוין פאַרוואַנדלען דאָס ביטערניש אין זיסקייט.

איין ים וועט אָבער אייביק בלייבן געזאַלצן: דאָס איז דער ים פון טרערן, ביטער און געזאַלצן. קיין שום באַן, אָדער באַנע, זענען אים נישט בכוח זיס צו מאַכן. קיין שום „ווידערגוטמאַכונג" וועט דאָ נישט העלפן, קיין שום זיסע פּילן פון שיינע רייד און פעסטע „רייכס־מאַרקן".

ווייל ס'איז לייכער צו אַנטזאַלצן אַ גרויסן ים, ווי די קליינע טרער פון אַ קינד, אַ פּשיטא שוין — אַ ים מיט טרערן.

1965

טעג פון דערמאָנונג

פּורים. פרייד אין די גאַסן. אַ שיינער פרילינג בליט און בליצט מיט פאַרבן־שפּיל און ליכט. קינדער צעשמייכלטע, — אַ בוקעט פון קליידער־קאָלירן: דער יום־טוב פון גלות, וואָס מען פייערט אין פרייען ישראל, ווי זאָגט פּרץ: „קינדער ווייסן נישט, קינדער פילן נישט"... נאָר מיר, עלטערע, וואָס זענען געוווינט, אַז אויף אַ יידישער שמחה זאָל פאַלן אַ טרער פון אויג...

ליכטיקע פּורים־טעג — און וויפל פּראָבלעמען וואַלקענען זיך

אויף אונדזער הימל: נאַצערס ברוגז און דאָס איבערבעטן זיך פון באַן...

נײַן, ער לאָזט נישט פאַרגעסן. נאַצער. ער וויל כסדר אונטער־וואַרעמען די שנאה צו אונדז. געטריי דער פרעה־גזירה „נתחכמה" — זיך קליגן. כדי אומצוברענגען די יידן מיט זייערע קינדער... מיר זענען דאָס שטענדיקע שלח מנות, וואָס רשעים דערלאַנגען זיך.

נאַצער וויל דיקטירן די דייטשן, ווײַל ער האָט פשוט רחמנות אויף זיי. ער וואַרנט און דראָט זיי, אַז מען טאָר נישט האָבן קיין חרטה דערויף, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן... ער דערמאָנט אונדז: „פאַרגעסט נישט מצרים", ווי עמלקן.

און מיר ווילט זיך אויסשרייען „פאַרגעסט נישט די דייטשן" — אויף דער שוועל פון דער איבערבעטונג. מישט נישט איבער קיין בלאַט פון אונדזערע מיט בלוט־אָנגעזאַפּטע בלעטער. פאַרגעסט נישט די דייטשן. ווי מיר פאַרגעסן נישט המנען אין דעם יום־טוב פון פרייד. אין מיטן פון פורים־טאַנץ. לאָמיר זיי נישט פאַרגעסן — אין די טעג פון דער־מאָנונג, אין די טעג פון אונדזער באַנייטן פרילינג. די שנאה, וואָס איז אויסגעצייכנט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס — טאָר נישט פאַרלאָשן ווערן. געדענקנדיק דעם נעכטן, שיצן מיר דעם הײַנט און זאָרגן פאַרן מאָרגן.

1965

געכאַפּט דעם ניגון

אַפילו דער דיבינקער רעגן, וואָס מישט זיך צונויף מיטן ליכט פון די קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּלעך, העלפט דער רעגנבויגנדיקער צעלויכטנקייט אַרום קלויז צו שעמערירן מיט יום־טובדיקייט. די קלויז איז פול געפּאַקט, קעפּ אויף קעפּ. די בענק — ווי אַ פּיראַמידע. די וואָס זיצן אויף די לעצטע, אין דער הויך, רירן ממש אָן מיט זייערע קעפּ די סטעליע. ס'איז „חג הגאולה" אין כפר חב"ד.

די פּנימער, די סערווירטע טישן, אַפילו די מיט טוי צעשוויצטע שויבן, זענען געווען ווי צעזונגען. אויף דער בימה איז געשטאַנען דער כאָר און געזונגען. דער ניגון האָט אַרומגעשוועבט אין רוים — ער האָט זיך געצויגן ווי פון „יענע יאָרן״ אָן, ווי ער וואָלט געקומען פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער תּפיסה אין פּעטערבורג, וווּ דער אַלטער אדמו״ר איז געזעסן פאַרשפּאַרט.

אין דער פעסטונג־תּפיסה זענען יאָרן שפּעטער געזעסן אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט עפּענען מענטשלעכע הערצער פאַר נייע געדאַנקען, פאַרן פאַרבעסערן די וועלט: דער אדמו״ר האָט פאַר זיי נאָך, מיט אַ ניגון געוואָלט עפענען יידישע הערצער פאַרן פריידיקן אויפגאַנג פונעם בעל־שמישן גאַנג. אַ סך אַנדערע יידן, אַפילו גרויסע, האָבן דעם ניגון נישט אויפגעכאַפּט, דעם גאַנג נישט פאַרשטאַנען און געוואָרפן אויפן רבין חשד, צוליב וועלכן מ׳האָט אים אין תּפיסה פאַרשפּאַרט — ביז דער ניגון און זיין שאַפער זענען אויסגעלייזט געוואָרן. און דער ניגון האָט באַקומען זיין תּיקון אין חסידישע הערצער.

גאָר אַ באַזונדערן תּיקון האָט ער אָבער איצט געפונען אין כפר־חב״ד, ביי רמלה. אַ מאָדנע פאַרשידנפאַרביקייט פון מענטשן איז זיך דאָרט צונויפגעקומען צום „יום־טוב פון דערלייזונג״. אַן עלטערער ייד, אין אַ הויך שווארץ רוסיש טוכן היטל, טאַנצט מיט דביקות, נעבן אים — דער אייביק־צעזונגענער אברהם האַרצפעלד, אַ צעשטראַלטער, אויף זיין אויסגעלייזטער ערד קייקלט זיך איבער פאַראַקערטע פעלדער זיין ניגון.

ביי דער בימה וואַרט אַ רויטע, געבעטע שטול אויף דעם נשיא, שניאור זלמן שזר. מען וואַרט אויף זיין קומען. אינעם וואַרטן האָט מיין בליק צוגעצויגן אַ יונגערמאַן מיט שמאָלע אויגן און שפּיציקע קינבאַקן. אויף די קאָליר פון זיין פּנים איז עפּעס אַנדערש — געלבלעך. ער באַוועגט מיטן קאָפּ צום טאַקט פון געזאַנג, ציט אָבער אויס אַזוי דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט נאָכן ניגון, געוואָלט אים כאַפּן.

אָט שאַלט אויף דער נאַפּאָלעאָן־מאַרש — ס׳דערשיינט דער פּרעזידענט מיט זיין סוויטע. אַ צעשטראַלטער פון דער וואַרעמקייט.

וואָס טראָגט זיך צו אים פון עולם, באַגריסט ער אַלעמען מיט דער האַנט.

דער געלבלעכער בחור פאָטאָגראַפירט. אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פנים, אַ מין אינערלעכער שמייכל. ער הערט זיך איין אין די רעדעס — נישט אַלץ פאַרשטייט ער, ווייזט אויס. זיינע אויגן קוקן מיט חידוש: אַ מאָדנע וועלט דאָ.

אונדזערע אויגן האָבן זיך שוין אייניקע מאָל באַגעגנט — ער שמייכלט צו מיר. יאָ, ווי מאָדנע ס'זאָל נישט זיין, ווערט מיר אָבער אַלץ מער קלאָר, אַז דאָס איז אַ כינעזער. אַן אויטענטישער כינעזער! זיין שמייכל שטרייכט עס אונטער מער פון אַלץ: אַזאַ פאַרשעמטער, קינדישער שמייכל...

איך דערנעענטער זיך צו אים אַלץ מער און דערהער: ער זינגט, זינגט מיט. פון אָנהייב — נישט דרייסט; וואָס אַמאָל — דרייסטער. זיין קול פלעכט זיך איין אין די חב"דישע שטימען — אַ ניגון־צונויפטרעף, אַ פעלקער־צונויפטרעף.

טראַכט איך אַזוי וועגן כוח פון יידישן ניגון — ווי ער דערנעענטערט הערצער. ער האָט צו אונדז דערנעענטערט דעם מענטשן פון ווייטן מזרח.

די גלעזער פון דעם כינעזערס ברילן באַדעקן זיך מיט טוי. ער זינגט שוין מיט פולן ברען. דער ניגון איז אים היימיש געוואָרן. ער וועט אים פאַרגעדענקען, אַוועקפירן מיט זיך, אין זיין ווייט פאָטערלאַנד. און אפשר וועט ער אים דאָרט אויך אויפזינגען? ס'וועט אים זיכער עפּעס געבן; אַמאָל נישט ווייניקער, ווי די תורה, וואָס ער לערנט אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

1966

צוויי דעלעגאַטן

אַ רעגן פאַלט קאַלטלעך אין ירושלים. דער לעצטער טאָג פון ציוניסטישן קאָנגרעס. דעלעגאַטן צעפּאָרן זיך — ס'פילט זיך די נעילה־שטימונג.

עטלעכע דעלעגאַטן דרייען זיך אַרום פאַרטראַכט. אפשר טראַכטן זיי: „אויב נישט איצט, איז ווען?". אַרום בויט זיך ירושלים, מיט שטיין באַצירט די נייע בנינים, וואָס וואַקסן אומעטום. ווייזט אויס ס'איז לייכטער צו בויען מעכטיקע בנינים, ווי איבערצובויען מענטשן...

און אין דעם געטומל האָב איך צוויי ייִנגלעך דערזען — שטייענדיק מיט די רענצלעך אין די הענט. אַ צוועלף יאָר אפשר אַלט, אָדער דרייצן. איינער אַ העל־בלאָנדער, דער צווייטער — אַ פאַרברוינטער, מיט פייערדיקע פאַרחלומטע אויגן. פון אשדוד זענען זיי געקומען. געקומען זען דעם קאָנגרעס, באַקענען זיך מיט די תפוצות, מיט דעם גלות.

— פון וואַנען זענען אייערע עלטערן?

איינער ענטפערט: פון טשעכאָסלאָוואַקיי; דער צווייטער — פון טוניס.

שטייען אַזוי היימיש דער טוניסער מיטן טשעכאָסלאָוואַקישן ביי די בניני האומה אין ירושלים. צום ערשטן מאָל אין זייער יונג לעבן זענען זיי געקומען זען אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. געקומען פונעם פאָרט אשדוד, וואָס בויט זיך, אין אוראַלטן ירושלים. זיי דאַרף מען נישט איבערצייגן. די איבערצייגונג לעבט אין זיי, זיי האָבן זי איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך. זיי שמועסן רואיק, פרעגן אויס נייגעריק...

זיי זענען עס אייגנטלעך די ריכטיקע דעלעגאַטן. געווילט האָט זיי אַ צייט־אָפּשניט פון אונדזער געשיכטע. און זיי זענען עס די ריכטיקע דעלעגאַטן אין אונדזער צוקונפט — דער פאַרברוינטער פון טוניס און דער העל־ליכטיקער פון טשעכאָסלאָוואַקיי...

1966

די זעלבע קרעציקע הענט...

די זעלבע קרעציקע האַנט, דאָס זעלבע בייזע, רוצחישע האַרץ, דאָס זעלבע רשעות, וואָס האָט גוזר געווען גזירות אויף די בני ישראל אינעם אַלטן לאַנד מצרים: „יעדעס ייִנגל, וואָס וועט געבוירן ווערן, אין ים צו וואַרפן"... דער קרעציקער רוצח, פרעה פון מצרים, וואָס האָט לויט דער עצה פון זיינע חרטומים געבאָדן זיין פוילנדיקן גוף אינעם בלוט פון יידישע קינדערלעך.

אויך היינט פלאַמט אויף אונדז די זעלבע בראַנדיקע שנאה פון מצרים — גאָרנישט האָט זיך נישט געענדערט.

אָבער אינעם אַלטן מצרים האָט זיך נאָך געפונען אַ פּרינצעסין, וועלכע האָט דעם שווימענדיקן משה פונעם טייך אַרויסגעצויגן און פון רחמנות אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ געבראַכט. היינט קומען דאָרט אַהין אַנדערע חרטומים: דער גרויסער רויטער בעל־יובל שיקט זיי שיפן באַלאָדענע מיטן כישוף פון דער מאָדערנסטער טעכנאָלאָגיע און וויסנשאַפט. ביי זיי איז קיין אָרט אויף רחמים נישטאָ — זיי קענען און טוען די מלאכה פון דערטרינקען, נישט פון ראַטעווען.

אינעם אַלטן מצרים האָט מען געקענט די קונסט פון באַלזאַמירן טויטע, זיי זאָלן אויסזען, ווי לעבעדיק. די איצטיקע בעל־יובלדיקע וועלט־באַגליקער ווילן פאַרוואַנדלען דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם פון אונדזער פאָלק, ער זאָל ווערן טויט, אָדער לכל־הפּחות אויסזען ווי אַ טויטער.

אַן ענלעכע האַנט, וואָס האָט די בני ישראל אַמאָל געהאַלטן אין קנעכטשאַפט אינעם לאַנד פון די מצרים, ציט זיך איצט צו אונדז פונעם לאַנד פון דער פאַרקנעכטיקטער רעוואָלוציע — צוהילף דעם לאַנד פון די מצרים.

די זעלבע רשעותדיקע האַנט, וועלכע שאַפט אַ נייעם אינטער־נאַציאָנאַל אויף דער וועלט: דעם אינטערנאַציאָנאַל פון רשעות.

1966

געשענדעטע חלומות

שיין איז געווען דער חלום פון דורות — וועגן מענטשלעכער גוטסקייט, אויסלייזונג, פרייהייט, אַ זיכער לעבן; אויס — מאָרדן, מלחמות, אויסנוצעריי, שקלאַפעריי.

אומצאָליקע קרבנות זענען געפאַלן כדי דעם חלום צו דערגרייכן; שרעקלעכסטע יסורים און פּיין זענען איבערגעליטן געוואָרן; לעבנס זענען אויסגעהויכט געוואָרן אויף שייטערהויפנס און תליות; טויזנטער האָבן געשלעפּט דעם יאָך פון קאַטאָרגע אין די סיבירישע טייגעס, אַריבערגעטראָגן הונגער און שניידיקע קעלטן, געוואַרעמט זיך ביי דער האָפענונג, אַז קומען וועט די אויסגעבענקטע שעה פון פרייהייט; אַן אייביקע ליכט וועט באַשיינען די וועלט.

און ס'האָט אויסגעשלאָגן די שעה — ס'האָבן זיך צעטרייסלט די טראָנען פון דער טיראַניע, דער חלום איז געוואָרן אַ וואָר.

פופציק יאָר זענען אַוועק, פופציק יאָר — די עלטער פון עצה. אַ שיין ביסל עצות זענען דורך דער צייט געמאַכט געוואָרן...

אויך מיר, יידן, זענען מיטגעשוואומען אויף דער שיף פון חלומות. אַ סך — ווי פריינד פון דער ווייטנס; מער נאָך — ווי שותפים געטרייע און געגלויבט האָבן מיר, אַז אויך מיר וועלן אונדזער חלק באַקומען — אין דער ליכטיקייט, דער פרייהייט, דער לויטערקייט, וואָס קומט אויף.

און מיר האָבן באַקומען... אוי, באַקומען...

ווי שיין ס'איז דער חלום געווען, ווי שרעקלעך איז די שענדונג!

1966

פ ס ח

אַנטקעגן אַמאָליקער ביטערער קנעכטשאַפט — יום־טוב־שטימונג און פרייד האָט פון דאַמאָלט ביז היינט נישט איין וונדער דורכגעוואַנדערט, פון שטיינער וואַסער געזויגט, מיט פאַרטרוקנטע ליפּן פון צעגליטן מדבר־זאַמד אַ תורה אויפגענומען.

אַן אויסגעלייטערט פֿאָלק איז מיט יוגנט־פֿרייד ניי־געבוירן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד דעראָבערן געגאַנגען. במשך טויזנטער יאָרן אַ גרויזאַמען מאַרטירער־וועג אַדורכגעמאַכט. די בלעטער פֿון זיין געשיכטע מיט בלוט געצייכנט — פֿון מיליאָנען זין זיינע און טעכטער.

ביז אויפֿדאָסניי איז היימלאַנד געקומען.

שטייסט פֿאַרגאַפֿט, מיין פֿאָלק, שטייסט פֿאַר דיין ווידער געבוירענעם פּסח אויף היימלאַנד ערד...

די יורשים פֿון פּרעה האָבן זיך נאָך נישט באַרואיקט, דער גרימצאָרן ברענט אין זיי, פֿאַר נישט לאָזן באָדן זיך אין בלוט פֿון יידישע קינדער...

דער חשבון איז פֿאַר זיי נאָך נישט פֿאַרענדיקט. פּרשיות פֿון תנ״ך בלעטערן זיך פֿאַר אונדז, צעוויגטע אין אַ לאַנגן געשיכטלעכן גאַנג.

פֿאַרטריבן געוואָרן און צוריקגעקומען אויף צוגעזאָגטער ערד. און אין צווישנצייט דורכגעמאַכט אַ וועג איבער ימים פֿון בלוט און צער, נישט באַוויינדיק אויסצוזינגען די לידער פֿון בענקשאַפֿט, וואָס זענען אין סאַמע מיט איבערגעריסן געוואָרן.

אַלע פּרעה׳ס פֿון גאָר דער וועלט האָבן דעם אור־פּרעה קאָפּירט. טאָמער — טאָמער.

און דאָך גלויבן מיר. העלע הימלען וועלן העלן אונדזער אויפֿגאַנג איבער אַלע יציאת מצרים׳ס, זכר לפּסח...

1966

יידן און יידעלעך

אַ יידעלע איז אַ פּיצעלע. מ׳קאָן עס אַריינשטופּן ווו מ׳וויל. אַ ייד איז אָבער אויסגעגליכט. ער לאָזט זיך נישט שטופּן — פֿאָדערט זיין פּלאַץ.

פּוילן, דאָס פּילגעליטענע יידישע פּוילן, נאָך אַלע גזירות, פּאָגראָמען, דורותדיקער שנאה... האָבן זיך די הייניקע הערשערס פֿון פּוילן דערשראָקן פֿאַרן פּינטעלע ייד, וואָס געפֿינט זיך נאָך ביי אונדזער טראַגישן איבער־

בלייב אויף פּוילישער ערד. דער כּאַם האָט זיך דערשראָקן פאַר דער פּרייד פונעם יידן.

האָט עס מן־הסתם אויך אַ צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון יידן ביים אויפדעקן דעם דענקמאָל אין אוישוויץ, ווו מ׳האָט זיך דערשראָקן פארן קול קול יעקב. זאָל מען נישט וויינען יידיש און נישט פרייען זיך יידיש. זיי קאָנען דולדן בלויז יידעלעך, נישט קיין יידן. דערצו נאָך היינט, ווען יידן האָבן באַוויזן נישט בלויז זייער קול...

ניין, רבותי, דאָס זענען נישט די יורשים פון די גרויסע פּוילישע גייסטער, נישט די יורשים פון מיצקיעוויטשן, נייערט יורשים פון אייביקן כּאַם.

מיטזינגערס, קנעכטישע מיטזינגערס, אינעם כּאָר פון יידן־שנאה.

1966

לופט־פרנסות און לופט־זיכערקייט

אָט איז אַ מגן־דוד — סימעטריש, פעסט און שטאָלץ הייבט ער זיך אויף, שוועבט פאַרביי איבער די הימלען פון ישראל אויפן וווּנדערלעכן מיליטער־פּאַראַד, אינעם יום־העצמאות אין חיפה.

דער זעלבער מגן דוד, וואָס איז ערשט נעכטן געווען אין די אויגן פון די בלוטיקסטע שונאים פון אונדזער פאָלק — אַ שאַנד־פלעק, ער איז איצט אונדזער רום און שטאָלץ.

און אָט פליען פאַרביי אונדז די ח״י־יאָרן פון אונדזער זעלבסט־שטענדיקייט אין דער געשטאַלט פון אַעראָפּלאַנען, פאַרמירטע אין אַן 18. עס ווילט זיך שפּיגלען אין די 18 יונגע יאָרן אונדזערע, וואָס שטראַלן אַזוי אויפן פאַן פון כּאַמסינישן הימל.

ווען אַנדערע פעלקער האָבן שוין זייט יאָרן געהערשט אין דער לופטן, האָבן מיר געהאַט בלויז — לופט־פרנסות. איצט: די ממש־אַקראָבאַטישע וווּנדער־קונצן, וואָס זענען באַוויזן געוואָרן פון אונדזערע פליער אינעם יום־העצמאות זאָגן עדות, אַז אונדזער פאָלק האָט געמאַכט אַ ריזיקן שריט פאָרויס, אַ שפּאַן איבער תקופות, אַריבערגעשפּרונגען

אָפּגעשטאַנענקייטן, ווי שטאַרק־באַגאַבטע און פלייסיקע קינדער היפּערן איבער קלאַסן אין אַ שול.

מיר זענען אַריבערגעשפּרונגען, אַנגעיאָגט און — מיר פליען. נישט קיין שרעק ווילן מיר אַנוואַרפן מיט די פליענדיקע מגן־דודס און פליענדיקע 18. די פליערס ברענגען אונדז יום־טובדיקייט און זיכערקייט; אונדזערע הימלען זענען באַוואַכט, קעגן די וואָס מיינען אונדז צו שרעקן...

עס קוילערן זיך פאַרביי די טאַנקן. עס ציטערן די שאָסייען אונטער זיי — די מאָדערנע שומרי ישראל. זיי זאָגן אויך עדות, אַז מיר זענען געוואָרן אַ יש אויף דער וועלט־מאַפּע, ווי גלייכע מיט גלייכע. נישט וואָס לעבן פון דער לופט, אומזיכערע וואַנדערער. נייערט אַ פאָלק, וואָס לעבט פון זיין ערד, אויף וועלכער ס'האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט פעסטע פיס; אַ פאָלק, וואָס האָט באַשיצט הימלען איבער זיך.

אַלץ וואָרנט אונדזערע שונאים. דאָס אויסגעהרגעטע פאָלק איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים. עס לעבט — מיט זיינע אַעראָפּלאַנען, טאַנקען, זוניקע זעלנער און זעלנערקעס, וואָס מאַרשירן פאַרביי מיט זייער פרישקייט, יוגנט און שיינקייט.

נעבן מיר שטייט אַ יונג פאָרל. זיי קוקן זיך אָן מיט פאַרליבטע אויגן. רעדן אַ געמיש — רומעניש און יידיש. ווי לאַנג זיי געפינען זיך דאָ?

— אַ יאָר. ער אַרבעט אין פאָרט. די נאָענטסטע טעג האָבן זיי חתונה. דערווייל שעפּן זיי נחת פון אונדזער פלאָט, וואָס דעפילירט אויפן ים דערנעבן, פון די אַעראָפּלאַנען אין דער לופטן און פון די פאַרשידענע מאַשינען מיט זעלנער אויף דער ערד. נאָך אַלע צרות און ראַנגלענישן — האָבן זיי ענדלעך דערלעבט.

איך ווינטש זיי אויפריכטיק: מזל־טוב.

און מזל־טוב — אונדזער מדינה.

1966

טריבער שמייכל

נעבן מיר איז נאָך געזעסן אַ פּלאַץ, אין דעם אויטאָבוס קיין ירושלים. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר, אַוועקגעלייגט זיין טאַש אויף די קני. טונקעלע ברילן האָבן אַביסל בלאַסער געמאַכט דעם טריבן שמייכל, וואָס האָט געשוועבט אויף זיין יונג פּנים. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שמייכל זוכט עמעצן.

אָנשטאָט דער לינקער האַנט האָט ער געהאַט אַ פּראָטעזע. זי האָט גערוט אויף דער זויבערער, ברוינער, לעדערנער טאַש. די לעדער־הענטשקע פאַרדעקט די פּראָטעזע.

צווישן אונדז האָט זיך גלייך פאַרבונדן אַ שמועס. מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, אָבער באַזונדערס מיטן סטודענטן־שטרייק. ער איז אַ סטודענט, האָט ער היינט צייט צו פאָרן, עפּעס דערליידיקן.

אַ שכן פון דער צווייטער באַנק הערט, אַז מ׳רעדט וועגן שטרייק, מישט ער זיך באַלד אַריין מיט היץ: „די סטודענטן זענען גערעכט״, עולם אַרום קאָכט זיך, דער בחור האָט זיך צעשמייכלט.

— אונדזערע סטודענטן זעען נישט... ווי אַ סך פון אונדז, די סיטואַציע... אַביסל צופיל שטרייקן ביי אונדז.

זיינע ווערטער האָבן אַביסל באַרואיקט דעם עולם. און איך האָב זיך באַמיט ממשיך צו זיין דעם אינטימען שמועס, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן צווישן אונדז:

אין די קינדער־יאָרן איז ער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן פאַרשיקט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע — פון טראַנסילוואַניע. נאָכן חורבן אייראָפּע, האָבן זיינע עלטערן אים געבראַכט אַהער, אין די בערג פון יהודה, אין אַ מושב. שפּילנדיק זיך מיט אַנדערע קינדער, האָט ער עפּעס אויסגע־גראָבן און — עס האָט אויפגעריסן. ער האָט פאַרלוירן דאָס ליכט פון זיינע אויגן און די לינקע האַנט.

איצט לערנט ער. ער האָט הנאה פונעם לערנען זיך.

מיר זענען אָנגעקומען קיין ירושלים. כ׳האָב אים געוואָלט צובאַ־גלייטן צו אַ שטאַטישן אויטאָבוס. ער האָט מיר באַדאַנקט און אַליין אַוועק. געזעגנענדיק זיך מיט מיר, האָט ער נאָך אַמאָל געוואָרפן אויף מיר אַ טריבן בליק.

דער בליק באַגלייט מיך. ער דערמאָנט מיר וועגן אומגליקן, וואָס זענען געקומען אויף אומשולדיקע צוליב דער רשעות פון אַנדערע מענטשן. איך וועל כסדר טראָגן זיין טריבן שמייכל מיט זיך, אין זיך.

אַ ב ר י ו ו

צייטנווייז שפּרייזט זי פאַרביי מיט אַ קאָנווערט אין האַנט. אַ ווייסער, ווי אַ טויב, ווי דער קאָליר פון אירע האָר. ציטערט דער קאָנווערט אין איר האַנט. דער אַדרעס איז געשריבן מיט אַ זויבערער שריפט, אָבער וווהין — קאָן איך נישט באַמערקן.

אין אַ סך שיינע, קילע ירושלימער פרימאָרגנס האָב איך זי שוין באַגעגנט מיטן בריוו אין האַנט. זי קוקט זיך איין אין בריוו און וואַרפט אים אַריין אין אַ פּאָסט־קעסטל.

זי איז דאָ אין אַ זקנים־הויז. דערמאָנט זי זיך די צייטן ווען זי האָט געשריבן סאָלידע בריוו, פאַרן חורבן, מיט געטאָקטע, שפּיציקע, גאָטישע אותיות. אַ ראַזיקייט באַדעקט איר בלאַס געזיכט, ווען זי דערמאָנט זיך יענע בריוו: זי האָט זיי געשריבן צו אים...

אויף די ליפּן ציטערן נאָך די ווערטער פון דעמאָלט. זי געדענקט זיי ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען. די בריוו זענען בלעטלעך פון אַ בוך — דאָס בוך פון איר לעבן. כל זמן מ׳שרייבט בריוו און מ׳וואַרט אויף אַ תשובה, האַלט מען אָן דעם קאָנטאַקט מיט דער וועלט, מיטן לעבן.

טראָגט זי אירע בריוו, ווי אָפּגעריסענע קאַלענדער־בלעטלעך.

אַ בריוו — אַ בייער טאָג, וואָס זי האָט זיך גענומען פונעם לעבן.

און זי וואַרט אויף די ענטפערס, ווי אויף נאָך אַ טאָג, אַ חודש, אַ יאָר...

1966

שנאה

נישטאָ כמעט קיין יידן אין פוילן. מ'האָט זיך שוין דאָרט מיט דער דורותדיקער יידישער ירושה פאַרטיילט. אָבער שנאה איז פאַרבליבן. האָט זי געזוכט אַ וועג אַרויסצובאַקומען זיך. און האָט געפונען: אונדזער נצחון אין דער מלחמה פון זעקס טעג.

ווילט איר שיקן קיין פוילן אַ ניי־יאָר־ווונטש, אַ פּרוכטן־פּעקל, אַ בריוו — חס וחלילה נישט אַרויפקלעפּן די פּאָסט־מאַרקעס פון נצחון. פוילן וועט עס צוריקשיקן.

די פוילישע שנאה צו יידן דערלאָזט נישט מ'זאָל ערגעץ ווו זען אַ סימן פון אונדזער נצחון. ס'פאַרדריסט זיי. זיי קרענקען עס איבער.

ווי ענלעך איז די שנאה פון די „פּראָלעטאַרישע" אייניקלעך צו זייערע פּריצישע „פּאַנסקיע" פאַרגייערס!

1966

איז געקומען אַ גאַסט אין שטעטל...

נישט קיין נייע טעריטאָריעס איז ער געפאָרן זוכן אין אַפריקע, אונדזער פּרעמיער־מיניסטער; נישט איינבעטן זיך ביי פרעמדע פעלקער, — ווי אונדזערע אבות אַמאָל — זיי זאָלן אונדז לאָזן איבערנעכטיקן ביי זיך פּעדלען און פּאַכטן. נישט נייע גלותן אַנטדעקן איז ער געפאָרן, דער פּרעמיער לוי אשכול.

ער איז געפאָרן ווי אַ ברודער צו ברידער — ברענגען מיט זיך דעם אָפּשיין פונעם גרויסן נס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. ווייל די וואָס זענען נעכטן אַליין קנעכט געווען, קאָנען העלפן אויך אַנדערע צו צערייסן זייערע קייטן.

דער פּרעמיער איז נישט געפאָרן אַנוואָרפן, אָדער אויפצווינגען עמעצן אונדזער סדר און אונדזערע מחשבות; ער וויל בלויז דערציילן וועגן אונדז און זאָלן זיי זיך פאַרטראַכטן און טאָן לויט זייער אייגן געוויסן; מיר ווילן בלויז העלפן די, וואָס נייטיקן זיך אין אונדזער הילף.

פאָרט דער פּרעמיער פון ישראל־פאָלק מיט דער פאַנאַנדערגעוויקלטער פאָן פון אונדזער לאַנד און טראָגט מיט זיך די בשורה פון אונדזער ווידערגעבורט און מענטשלעכער באַפרייונג. בכלל מעג די שנאה, וואָס וויל אונדז פאַרשלינגען, בושעווען אַרום אונדז — זיין וואָרט וועט קלינגען רואיק און זיכער, ווי זיכער מיר זענען אין אונדזער אמת און גערעכטיקייט.

נישטאָ קיין אַנדער אויסטייטש פאַר „פרייהייט", נייערט — די פרייהייט אַליין.

פרייהייט — פאַר יעדן פאָלק, אָן אונטערשיד פון קאָליר. פרייהייט פאַר אונדז און פאַר זיי.

1966

אַריסטאָקראַטין

אויף דיזנגוף אין תל־אביב איז פול מיט העל־באַלויכטענע קאַפעען. בעמען — פון אַרבע כנפות העולם.

די קאַפע־זיצערס פאַרשווינדן אין די טיפע „קליינע שעהן". און פרימאָרגן — די טישן און בענקלעך צונויפגעלייגטע, זיי שלאָפן איינס אויפן צווייטן. די שוי־פענצטער — אויסגעשמירטע, קוקן טריב. דאָ און דאָרט וואַלגערט זיך מיסט — מונדשטיקן פון ציגאַרעטן, שאָלן פון באַנאַנעס, אַפילו אַ רעשטל פּיטע מיט פאַלאַפעל.

פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ פרעמד געשטאַלט: אַ קאָלירט טיכל באַדעקט איר קאָפּ שוואַרצע האָר; לאַנגע, אויסגעניייטע הויזן — ביז די קנעכלעך; איבער זיי — אַ קורץ קליידל, נוסח תימן. אַ רויטער סוועטער. אַ קערבל באַמבלט זיך אויף איר אָרעם — שפּייז טראָגט זי מיט זיך צו דער אַרבעט. אין שטוב האָט זי נישט באַוויזן איבערצוכאַפּן, שיילט זי

איצט אויף דער שנעל אַ באַנאַנע, שפּאַנט גראַציעז צום אָפּפאַל־קאָרב — וואָס הענגט נישט ווייט — און וואַרפט אַריין די שאָל.

אפשר וועט זי ביי אייניקע, וואָס זענען דאָ ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן, היינט מאַכן „ספּאָנדזשיע". זי וועט רייניקן זייערע היימען. דערווייל היט זי אָבער איר ריינקייט — אויף דער גאַס. זי היט די ריינקייט פון דער גאַס.

וואָלט אפשר כדאי געווען אַמאָל צו פאַרבעטן אין דער פרי די שפּעטע זיצער ביינאַכט ביי די קאַפע־טישלעך, זיי זאָלן זיך אויסלערנען עפּעס ביי דעם פשוטן תימנישן מיידל, ביי דער אמתער אַריסטאָקראַטין.

1966

די אונטערצינדערס צינדן ווייטער

די שנאה ברענט צו אונדז. יאָרהונדערטער, אַ סך יאָר־הונדערטער. נישט איין פאָלק האָט שוין שייטערהויפנס געצונדן, כדי אונדז צו פאַר־ברענען, אָפּצומעקן דעם זכר פון אונדזער שטאַם. אָבער מיר האָבן זיך דורך די אַלע פלאַמען אַדורכגעריסן און צוריקגעקומען — אַהיים, כדי זי אָפּצובויען, אויסצובויען.

און ס'איז געשען אַ נס; די פאַרוואָרלאָזטע, אויסגעטריקנטע ערד האָט אָנגעהויבן אונדז צו שפּייזן, צו געבן אַ טייל פון דעם ברויט, וואָס דאָס לאַנד פאַרברויכט. קאָנען עס נישט פאַרטראָגן אונדזערע שכנים אין זייער שנאה־פאַרבלענדניש. זיי, וועלכע בעטלען אַליין ברויט ביי פרעמדע טישן, קאָנען אונדז נישט פאַרגינען, וואָס מיר ציען שוין אַליין אַרויס אונדזער ברויט פון דער ערד. צינדן זיי אונטער אונדזערע באַפרוכפּערטע פעלדער, פאַרברענען אונדזער ברויט.

1966

די רויטע זון פון ווייטן מזרח

דאָס לאַנד פון לעגענדעס און וווּנדער, פון פײַנער קונסט און עלפאַנטביין־שניצערייען, אויך — פון אָפּיום־שיכרות און קנעכטשאַפט.

מאָמעס האָבן דאָרט אַמאָליקע יאָרן זייערע זויגלינגען פאַרקויפט צו אויסנוצערס אין די זייד־וועבערייען. אַבערגלויבן און אכזריותדיקע הערשאַפט האָבן געפּײַניקטערט איבער הונדערטער מיליאָנען.

צום סוף האָבן די געפּײַניקטע און פאַרשמאַכטע אַ רויטע פאָן איבער זייערע קעפּ אַרויפגעצויגן: דאָס פאָלק זאָל ווערן דער הערשער פון אייגענעם גורל. קייטן זענען צעריסן געוואָרן; רעוואָלוציע האָט דורותדיקע הערשאַפט אָוועקגעוואָרפן, ווי פאַפּירענע ווענטלעך. חכמה, ווי אין די צייטן פון קאָנפוציוס, האָט אָנגעהויבן אַרויסצושטראַלן פון די מוחות. הונדערט בלומען האָבן באַדאַרפט אויפבליען.

און מיטאַמאָל — אַזאַ לויף צוריק: אויך דאָרט גייט מען אַ מענטשן פאַרוואַנדלען אין דער זון — אַ רויטע זון.

באַפאַלט אַ שרעק פאַרן גורל פון די קאָנפוציוס־יורשים: זיי פילן נישט, ווייזט אויס, אַז אַ קינסטלעכע זון קאָן נישט וואַרעמען די ערד; אַ זון־מענטש קאָן נישט באַלויכטן די מענטשן אויף דער ערד. און רויט קאָן זי ווערן נישט פון איר אייגענעם פייער — נאָר פונעם בלוט, וואָס וועט צוליב איר פאַרגאָסן ווערן.

מ׳זאָגט, אַז די אמתע זון האָט פלעקן אויף זיך. היינט מכל־שכן אַ זון — אַ מענטש, אַ בשר ודם. ער קאָן האָבן אַזויפיל פלעקן, ער זאָל ווערן איין גרויסער פלעק — אויף דער רעוואָלוציע.

1966

בלוט און טרערן

(צו ח״י־עצמאות)

שווער צו זאָגן, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט מער פאַרגאָסן: זיין בלוט, אָדער זיינע טרערן. נאָר דוכט זיך, אַז ביידע בעכערס זענען שוין איבערפולט...

אין די ח״י־יאָר פון אונדזער זעלבשטענדיקייט וואָלטן יידן אין גאַנצער דער וועלט זיך געמעגט דערמאָנען: גאָלד איז נאָך נישט דאָס טייערסטע, אוודאי קאָן מען אַ סך זאַכן קויפן פאַר גאָלד — אַפילו אַ נחלה אין ישראל. אָבער טרערן און בלוט וועגן אַ סך מער, ווי דאָס גאָלד.

ערב אונדזער ח״י־עצמאות האָט אַ יונגער אָפיציר, וואָס איז כמעט אַזוי יונג געווען ווי אונדזער מדינה, סגן משנה יצחק נויפלד, אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר דער מדינה, ביי דער שיסעריי אויף מי־עמי. צו די פולע בעכערס פון אונדזער בלוט און טרערן, איז ערב די 18 יאָר מדינה צוגעקומען זיין יונג בלוט און די טרערן פון זיינע נאָענטסטע.

זאָל אויך אונדזער טרער פון צער און מיטגעפיל אַריינפאַלן אין דעם בעכער.

1966

יהי אור

דער פאַרטרעטער פונעם נשיא האָט אויסגערופן ביים דערעפנען דעם יריד אין תל־אביב: „יהי אור״ — און אַ שלל פון ליכט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן. אַ ים פון מענטשן האָט אַ שטראָם־געטאָן צו די פּאַוויליאָנען פון 45 מדינות.

באַוויזן די מדינות, וואָס מ׳קאָן אַלץ שאַפן אין שלום, מיט אַרבעט, מיט איינשפּאַנען דעם מענטשלעכן געניוס אין פריידיקער שעפערישקייט, — אָנשטאָט אינעם אויסגעפינען מכשירים פון פאַרניכטונג.

ס׳פלאַטערן די פענער פון צענדליקער מדינות. ס׳זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלדזט אינעם לייכטן ווינטל, נייגעריקע פייגל פליען איבער די קעפּ. און הערן זיך צו צו די רעדעס וועגן מענטשלעכער פאַרשטענדי־קונג, וועגן דער שפּראַך פון אַרבעט און מי, וואָס פירט צום שאַפן און צום באַרייכערן איינער דעם צווייטן.

כוואַליעס קאָלירטע ליכט פאַרפלייצן דעם שטח: אָט איז פראַנק־רייך, ענגלאַנד, אַמעריקע, בעלגיע, האָלאַנד, לענדער פון מזרח־אייראָפּע און אַ ריזיקער פּאַוויליאָן — דאָרט שטעלן אויס 17 אַפריקאַנער מדינות.

נעבן דעם פּאַוויליאָן — טונקל פּנימדיקע סטודענטן, וועלכע רעדן אַ געשמאַקן עברית. אויף די ווענט — פּעלן אַראָפּגעצויגענע פון פאַר־שידענע חיות און שלאַנגען, דיוואַנעס פון לעמפּערטן, האַלץ־שניצערייען, כלערליי מאַסקעס; און סימנים פון מעכאַניזירטער פּראָדוקציע — פאַר־שידענע פּרוכטן, גרינסן און קאַקאַאָ.

...קינדער הוידען זיך אויף קאַרוזעלעס. און אָט גייט פאַרביי אַן אַראַבער אין זיין נאַציאָנאַלער טראַכט און זיין ווייב — אין אַ פּילקאָלירִיק קלייד. ווייזט אויס — געקומענע ערגעץ פון גליל. גיט זיך אַ טראַכט: אפשר וועלן נאָך אַמאָל קומען די שכנים פון אַרום אויך, ווי אין ווייטן אַמאָל, אין יענע צייטן, ווען זיי פלעגן אַהערקומען פון צור און צידון פאַרקויפן זייערע אויסאַרבעטונגען.

1966

ס׳ברענט, יידעלעך, ס׳ברענט...

אַזוי האָט געזונגען דער אומפאַרגעסלעכער פאָלקס־טרובאַדור, מרדכי געבירטיג, ערב אונדזער גרעסטן אומגליק. דאָס ליד איז געוואָרן אַ וואָרענונג פאַר יידן אומעטום, אַז מ׳טאָר קיין שריפה נישט לאָזן צעפלאַ־קערן, מ׳דאַרף דערשטיקן דאָס פייער, ווי נאָר מ׳באַמערקט עס.

און אָט איז דער פּרעכטיקער בנין פון „צים" אין תל־אביב: ריזן־פענצטער מיט ברייטע טירן; די פענצטער באַהאָנגען מיט פאַרביקע פלאַ־קאַטן, באַצירט מיט מוסטערן פון שיפן; טויזנטער מענטשן פלעגן קומען אין דעם הויז כדי צו דערליידיקן זייער אָוועקשיפן זיך אין דער וועלט אַרייַן. אין דעם הויז האָט תמיד געשוועבט דער נייגיר פון רייזעס, אומ־באַקאַנטע לענדער און — די בענקשאַפט צוריק אַהיים.

די באַאַמטע האָבן תמיד געשמייכלט, מיטן העפלעכקייט־שמייכל פון אַ רייזע־ביוראָ. דאָס איז אַזאַ מין אינטערנאַציאָנאַלער שמייכל...

„צים" האָט דערמאָנט די רואיקייט פון וואַסערן און דעם גערויש פון שיפן, וואָס שניידן אַ גלאַטע פלאַך פון רואיקן ים.

און מיטאַמאָל — פייער־צונגען כאַפּן אַרום דאָס גאַנצע הויז.

עולם שטייט און קוקט זיך צו צו דער פלאַמען־שפּיל, דרייסטע רייסן זיך ראַטעווען. די טרעפּ ברענען — קריכן מענטשן איבער רערן.

דערציילט מען אונדז וועגן אַ פּקידה אין דער פייערלעשער־סטאַציע: גראָד ביי איר האָט נישט געברענט. זי האָט געפונען צייט צו אָמפּערן זיך אין טעלעפאָן — נישט געלאָזט זיך זאָגן קיין דעות. „מ׳וויים שוין אַליין וואָס מ׳האָט צו טאָן".

און איינער, אַ זיבעציק־יעריקער ייד, וואָס האָט ביז דעם לעצטן פרייטיק געאַרבעט אין דעם בנין, האָט נישט באַוויזן פון פייער צו אַנטלויפן. ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה צוזאַמען מיטן פּרעכטיקן הויז, ווו ער האָט געאַרבעט.

מ׳וואָרנט אונדז כסדר: „אַ שאָד יעדער טראָפּן וואַסער"... און פון אַ פייערלעשער־רער האָט זיך כסדר געגאָסן וואַסער אָן אַ זייט, נישט אויף די פלאַמען. וואָס האָט מען געוואָלט דערמיט לעשן? — ווער קאָן עס וויסן...

ווער קאָן אָפּשאַצן די שרעק פון אַ שוואַנגערער פרוי, וואָס ווערט מיט דער הילף פון אַ העליקאָפּטער אַרויסגעראַטעוועט פון די פלאַמען? איר פאַרצווייפלטער בליק הערשט איצט אין בנין. אַנשטאָט דעם העפלעכקייט־שמייכל פון פּקידים, ער גלאָצט פון די פאַרביקע פענצטער־לעכער, וואָרנט, מאָנט...

ווייל די טרעפּ אין דעם ריזיקן בנין זענען געווען אַרומגעבעט מיט אַ לייכט־ברענענדיקן מאַטעריאַל; די פאַרזיכערונג פון דער עלעקטרישער־אינסטאַלאַציע איז געווען אַ פּעלערהאַפטע; די טעלעפאָניסטין ביי די פייערלעשער האָט נישט געהאַט קיין געדולד — זי האָט אַלץ שוין געוווּסט פון פריער; דער שלויך פון די פייערלעשער איז געווען געלעכערט און דאָס וואַסער איז געפלאָסן אָן אַ זייט...

1966

מ׳רעדט כינעזיש

בעצם איז דאָך סאָציאַליזם אַזוי פּשוט און מענטשלעך, אַזוי פאַרשטענדלעך און נאָענט. מיר פאַרשטייען אים אַזוי, ווי זיך אַליין.

און די אַזוי גערופענע „סאָציאַליסטישע וועלט״ וויל אונדז נישט פאַרשטיין!

יאָרנלאַנג ווי מיר בעטן זיך ביי זיי: רעדט נישט צו אונדז קיין כינעזיש, ווי אַזוי קאָנען זיך פאַרן סאָציאַליסטישע לאָזונגען מיט דער פּאָליטיק פון שטאַרקן די הענט פון אונדזערע היטלעריזירטע שונאים, וועלכע טראָגן אַ סאָציאַליסטישע מאַסקע אויף זייערע פּרצופים?

אמת — איצט רעדט מען אויך כינעזיש צו זיי גופא, און טאַקע יענעם כינעזיש! קלאָרע, כינעזישע דיבורים... אַז זיי זענען גאָר די העלפערס פון אַלדאָס בייז. מען רעדט צו זיי כינעזיש ממש, גראָד ווי מ׳רעדט צו אמתע ציוניסטן, להבדיל...

1966

מאַרש פון הייליקע בהמות

אַ קריזיס אין דער רעגירונג, ס׳טרייסלען זיך די בענקלעך. אַפילו זי אַליין, די יורשטע פון נערו, אינדיראַ גאַנדי, איז נישט זיכער מיט איר פּרעמיערשאַפט. מיליאָנען בונטעווען זיך, רופן צו אַ „מלחמת מצווה״.

אַ הייליקע טראַדיציע פון דורות ווערט צעטרייסלט — טאָ ווי קאָן מען שווייגן?

אין אונדזער דמיון האָט אינדיע שטענדיק געהויזט ווי דאָס פאָלק פון איידעלע געפילן, מיט אַ זעלטענעם געדולד און אויסדויער. „פּאַסיווער ווידערשטאַנד״ קעגן אָקופּאַנט און בעסטע באַציונג, פאַרהייליקונג פון בהמה און חיה. „לא תרצח״ אין פולסטן זין פון וואָרט.

די הייליקע קי האָבן זיך דאָרט געפילט זיכער און באַשיצט. מ׳האָט זיי געשפּייזט מיט דער פולער האַנט — פאַרן פּרייז פון דער ביטערסטער נויט ביי מענטשן.

אויך אונדזערע ברידער פון די בני ישראל, האָבן עפּעס איינגע־זאַפּט פון אינדישן לעבן. זיי האָבן עס מיטגעבראַכט אין זייער היסטאָריש פּאַטערלאַנד, ווו זיי זענען עולה געווען. דורך זיי זענען מיר געוואָרן נעענטערע מחותנים מיט יענעם לאַנד. זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט עפּעס מיסטעריעזס פון דאָרטן — עפּעס, וואָס זיי היטן אָפּ נאָך פונעם ערשטן חורבן. אַ מין פאַרחלומטן בליק אין זייער ווייטן עבר, אַ מין אָטעם פון נירוואַנאַ — דעם אייביקן גאָרנישט.

אָבער מיר קאָנען אַלץ נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף די בהמה זיין הייליקער פונעם מענטשן. ביי די הינדן איז אַ מענטש פון אַ „ני־דעריקערער" קאַסטע — טמא. מ׳טאָר זיך אַפילו נישט צורירן צו אים. און בהמות גיט מען אָוועק די גרעסטע צערטלעכקייט. נאָר — גיי, פרעג קשיות אויף אמונה.

היינט איז דער באַגריף „פון הודו ביז כוש" נישט אַזאַ ווייטער, ווי אין די צייטן פון אחשורוש. איז אונדז אַביסל קשה: ווי געפינט זיך ביי פרוי גאַנדי, נישט געקוקט אויף אַלץ, אַזויפיל האַרץ פאַר די היינ־טיקע המנס? זי זיצט מיט זיי „ניטראַליסטיש" צוזאַמען, דריקט די האַנט פון נאַצערן, וועמענס חלום איז אונדז אויסצושעכטן — ערגער, ווי בהמות.

גיי, פאַרשטיי, אַזאַ אַלט, קלוג פאָלק. די בהמות זענען ביי זיי הייליק. און — דער מענטש?

1966

דער נאַכט־שומר

נישט ווייט פון דער ירקון־גאַס אין תל־אביב, ווו עס געפינען זיך די שענסטע האָטעלן, פאַרוויילונג־פּלעצער און ס׳שטייען עלעגאַנטע מאַשינען, דרייט זיך אַרום דער נאַכט־שומר, ער היט די מאַשינען.

ער דרייט זיך אַרום און שמועסט אַ סך מאָל — מיט זיך אַליין. סתם אַזוי — אַביסל זיך פריילעכער צו מאַכן. אין אַ דיקן מאַנטל, אונטערגעגאַרטלט, אַ וואַרעם היטל אַראָפּגעלאָזט אויפן שטערן, שפּאַרט

ער אונטער מיט אַ שטעקן זיינע אַלטע פיס, וואָס הערן נישט אויף צו גיין אַרום און אַרום, אַהין און צוריק.

אַ סך פון זיינע קליענטן האָבן שוין איניקע מאָל געביטן זייערע אויטאָס — אויף שענערע, פרישערע. ער טאַפּטשעט אַלץ אויפן זעלבן אָרט.

קוקט ער אויף די קילאָמעטערציילער פון די מאַשינען: צענדליקער טויזנטער קילאָמעטערס האָבן זיי דורכגעמאַכט און ער גייט אַלץ אויף אַן אָרט...

כאַפּט ער אַמאָל אַ בליק אויף אַ פאַרליבט פּאָרל, וואָס גייט פאַרביי און שמייכלט אַריין אין זיך. ער דערפילט דערביי דעם וואַרעמען בליק פון דעם וואַרעמען באַריר פון איר האַנט, ווען ער בלייבט אַליין נאַכט אויף נאַכט, אַליין...

די מחשבות דרייען זיך ביי אים, ווי די רעדער פון די מאַשינען. זיי פאַרפאָרן נאָך אַ סך ווייטער, ווי די מאַשינען. דעם לויף פון די מאַשינען קאָן מען מעסטן — זיין גאַנג און זיינע מחשבות מעסט מען נישט, נישטאָ קיין מאָס פאַר זיי.

שפּאַנט ער ווייטער, דער נאַכט־שומר און ס׳לויפן זיינע מחשבות.

1966

אַ פּאָרט איז איינגעשלאָפן

נאָכמיטיק אין אשדוד. קינדער גייען פון דער שול — זיי לערנען אין צווייטן שיכט.

אסתר און אורית האַלטן זיך ביי די הענטעלעך און שמייכלען. די משפחות פוןביידע זענען פון מאַראָקאָ, אָבער זיי זענען געקומען אויף דער וועלט מיטן חלום וועגן אַ פּאָרט, וואָס וועט אויפשטיין דאָ, אין די זאַמדן. זיי האָבן מיר געזאָגט:

— אין פּאָרט איז היינט נישטאָ וואָס צו זען. ס׳איז אַ שטרייק.

דערמאָנט זיך מיר, מיט וואָס פאַר אַ געאייל דער פּאָרט איז

געבויט געוואָרן. טעג און נעכט האָט מען געלייגט שטיינער איינצוצוימען די וואַסערן, צו ברעכן די כוואַליעס.

און אָט מאַכן מיר שוין אַ שהחיינו איבערן פּאָרט: די ערשטע קעסטלעך מאַראַנצן ווערן אַוועקגעפירט. און געגוג — עס ווערט שטיל אין פּאָרט. דער שטאָלצער, ריזיקער ים־לאַמטערן קוקט אומעטיק אויפן ים.

אורית און אסתר וואַקסן יעדן טאָג. די שטאָט זייערע וואַקסט אויך. די מאַראַנצן וואַקסן אויך. אָבער דער פּאָרט — דאָס טויער אין דער וועלט אַריין — שלאָפט.

די זון לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ, איר האַלב פּנים טונקט זיך שוין אין וואַסער — אַביסל פאַרשעמט, פאַרלאָשן, ביז זי פאַרשווינדט אינגאַנצן. און די כוואַליעס שלאָגן זיך ווייטער אָן אין די כוואַליעס־ברעכער, וואַשן שטיינער. די הייב־קראַנען שטייען ברוגזע מיט אַראָפּ־געלאָזענע נעזער.

דער גאַנצער פּאָרט זעט עפּעס אויס ווי אַ ניי־געבוירן קינד, וואָס באַקומט פיבער נאָך דער ערשטער באָד. וויזט אויס — צו ווייניק אָפּגעהיט דאָס קינד, שלאָפט עס איצט מיטן שלאָף פון אַ חולה.

אָבער דער פּאָרט דאַרף דאָך ווייטער וואַקסן — ווי אורית און אסתר; ס׳דאַרף וואַקסן די פּרעכטיקע שטאָט אשדוד, וועלכע איז דאָך ערשט אַרויס פון די קינדער־וויקעלעך.

1966

נישט פאַרענדיקטע סימפאָניע

דער קולטור־אויסטויש האָט באַדאַרפט ברענגען אַ גייסטיקע דערגרעגערונג. אונדזערע אויערן האָבן זיך שוין אָנגעשפּיצט צו הערן פיינע מוזיק, און מיר האָבן געפילט, אַז אויך דאָרט וואַרט מען דערויף מיט קלאַפּנדיקע הערצער, מ׳וואַרט אויף אונדזערע טענער.

עס שפּילט שוין נישט מער יאַנקעל צימבאַליסט פאַר דער פּוי־לישער שליאַכטע, יידן שפּילן נישט מער „מאַיופעס״. אַ סימפאָנישער

אָרקעסטער, אַ צונויפגעשפּילטער קיבוץ גלויות, שפּילט איצט אויף אייגענער, פרייער ערד אין דער שפּראַך פון אַרבעט, פון שאַפן. אין דער שפּראַך טאַקע האָט געזאָלט קומען אַן אויסטויש און פלוצלינג — „אָפּגע־לייגט".

וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן — מוזיק איז דאָך נישט קיין אַטאָם־געווער. אונדזערע שכנים בעטן אַטאָם־געווער. מיר האָבן דאָך בלויז געוואָלט מוזיק — און אויך דאָס גיט מען אונדז נישט.

און אַ שאָד. ס'ווילט זיך אַזוי הערן שאָסטאַקאָוויטשס קלאַנגען — אפשר אַפילו צו יעווטושענקאָס באַבי־יאַר, די נייסטע מוזיק פון רוסלאַנד און מיר וואָלטן זיי אפשר גאָר געגעבן דעם אוראַלטן שיר־השירים, וואָס בלייבט אייביק ניי...

דערווייל ציען זיך די אונטערהאַנדלונגען, ווי אַ נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע.

1966

שאַ, שטיל, שאַך־מאַט

שטיל זאָל זיין, ווילט זיך זאָגן — דאָ שפּילט מען שאַך. די שפּיל שטאַמט פון אינדיע, דאָס לאַנד פון נירוואַנאַ, וווּ בודהאַ זיצט אויף אַ לאָטאָס־בלום, פאַרזונקען אין אייביקן חלום.

אַ שפּיל, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט, וואָס קאָן דויערן אומענדלעך. די איינציקע קאָלירן אירע — שוואַרץ־ווייס — ציען אַריין דעם מוח אין שאַך־ברעט. דאָרט פירן זיך די מלחמות — זעלנער שיצן די מלכים, די מלכות באַוועגן זיך גראַציעז, לויפערס לויפן, פערד הייבן די קעפּ, טורעמס באַשיצן, נאָר ווי ווען אַ מלך פאַלט — איז אויס.

די פּערסיער און די אַראַבער האָבן געברענגט די שפּיל פון אינדיע און פאַרשפּרייט זי איבער דער וועלט. דאַן האָבן יידן אַריינגעלייגט אַ סך קאָפּ און האַרץ אין דער שפּיל אויפן שאַך־ברעטל — אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר די סודות וואָס זענען פאַרבאָרגן אין יעדן גאַנג.

דערווייל האָט זיך די וועלט געענדערט. סאַטעליטן דרייען זיך

אַרום אין קאָסמאָס, אַעראָפּלאַנען פליען שנעלער, ווי אַ קול; מען דער־גרייכט שוין צו דער לבֿנה, צום ווענוס, דער מוח ווערט פאַרטראָטן דורך אַן עלעקטראָנישן מכשיר...

ווען מען קוקט זיך צו צו די מייסטערס, וואָס זיצן אין „שרתון"־האָטעל און שפּילן אין שאַך בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער שאַך־אָלימ־פּיאַדע, דוכט זיך, אַז זיי זענען געגליכן צו יענע אינדיער, וואָס האָבן די שפּיל אויסגעטראַכט; דיזעלבע נירוואַנאַ־רואיקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיי און אַרום זיי.

זיצן זיך די מוח־טרעסטן פון 50 מדינות (פון 3־טן נאָוועמבער ביזן 25־טן) און באַטראַכטן די סטראַטעגיע פון יעדן גאַנג, פון יעדן ריקצוג. אַ בלוטלאָזער קאַמף פון אַמביציעס. נישט די פויסט דעצידירט — די שאַרפקייט פון מוח. זיצן זיי צוגעשמידט צו די טישלעך אין „שר־תון" און שפּילן. און ווען עמיצער פאַלט — קאָן ער האָבן טענות בלויז צו זיך אַליין. און אַן אַלט פאָלקס־ווערטל זאָגט דאָך: אַז מען שלאָגט זיך אַליין, טוט נישט וויי.

אָבער אונדזערע שכנים האָבן פאַר דער דאָזיקער שטילקייט נישט קיין דרך־ארץ, דווקא אין די טעג האָבן זיי אָנגעהויבן אַ שטיקל שפּיל פון בלוט און פייער אויף דער צפון־גרענעץ, גאָר נישט קיין שאַך־שפּיל.

גוט, וואָס אונדזער שפּיל גייט ווייטער. מען פאַרלירט נישט דאָס געדולד. ס'ווילט זיך אָבער דאָך אויסשרייען צו אונדזערע שכנים:

—העי, איר, שטיל זאָל זיין! שטערט נישט, ס'וועט אייך סיי ווי גאָרנישט העלפן. מיר זענען אויפן שאַך־ברעט אַרויף און וועלן זיך שוין נישט לאָזן אַראָפּשטויסן.

דאָ, אויף די שאַך־ברעטלעך פון האָטעל „שרתון" אין תּל־אָבֿיבֿ, ראַנגלט זיך אַ וועלט אין אַ מוחות־געפּעכט, אַ פרידלעך געפּעכט.

טאָ זאָל זיין שטיל, איר הערט?

מען שפּילט דאָ אין שאַך.

1966

יאָסל חריף

כעלמער ירושה

כעלם איז נישטאָ מער. נישטאָ מער די דאָרטיקע חכמים און נבונים. אָבער ס׳זענען פאַרבליבן זייערע יורשים — אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

די כעלמער אסיפות, זענען מגולגל געוואָרן קיין ניו־יאָרק, אינעם „גלעזערנעם הויז". דאָס, וואָס כעלם האָט פאַרמאָגט, קלעקט דאָרט פאַר די פאַרשטייערס פון אַ סך פעלקער. זיי היטן אָפּ די גייסטיקע ירושה פון די כעלמער חכמים...

זיצט מען דאָרט טעג און נעכט (אמת, צו פאָר שעה, אויפן זייגער, נישט צו פאַרשפּעטיקן אַ מיטיק, אָדער אָוונט־ברויט) אין דעם פּאַלאַץ פון יושר און צדק. דער רויטער פאָדעם פון זייערע וויכוחים איז, פאַרשטייט זיך, גערעכטיקייט. און דערווייל ווערט דאָס פּנים רויט פון בושה צוליב זייערע וויכוחים...

איר געדענקט די אַמאָליקע טענה פון אַנטיסעמיטן, אַז יידן מאַכן אַליין פּאָגראָמען איבער זיך? — אַזוי ווילן זיי איצט באַווייזן, אַז מיר די קרבנות — פּראָוואָצירן אַליין די רוצחים, מיר זענען עס די, וואָס „שאַפן פּראָבלעמען", רופן אַרויס אַן אומרו און די סיריער מיט זייערע באַנדעס — כשרע לעמעלעך. און די וועלט האָט נישט קיין צייט צו אונדזערע באַרישקייטן, זי האָט וויכטיקערע געשעפטן.

זיצן דאָרט אַרום און אַרום — שונאים. שונאים פון אונדזערע שונאים און שונאים פון אונדזערע פריינד; אונדזערע נעכטיקע פריינד צומאָל און היינטיקע פריינד פון אונדזערע שונאים. מ׳פּילפּולט זיך, מען דרייט מיט די גראָבע פינגער, מ׳גלאָצט פרום מיט די אויגן. מ׳כאַפּט שלום־טייבעלעך און פאַרשטעקט זיי אין בוזעם: האָקוס־פּאָקוס און ס׳שפּרינגט גאָר אַרויס אַ שלאַנג...

אַמאָל האָט מען געזאָגט „פּראַווילנאַ", אַז ס׳דאַרף ווערן אַ יידישע מדינה; היינט זאָגט מען „פּראַווילנאַ", ווען די סיריער ווילן אונטער־גראָבן די יידישע מדינה. ווי יענער כעלמער חכם פון דער יידישער אָפּערעטע: „איר זענט אויך גערעכט"...

1966

דער חלום און די וואָר

מענטשן גיבן אַוועק לעבנס פאַר זייערע חלומות, מערסטנס קאָנען זיי זיך נישט דערוואַרטן אויף דער פאַרווירקלעכונג, דאָך הערט מען נישט אויף צו חלומען.

ס׳טרעפט ווידער, אַז בלויז אַ טייל פון חלום ווערט פאַרווירקלעכט, האָבן זיי נישט קיין כוח צו געניסן די פרייד פון וואָר. ס׳איז זיי אַ שאָד דער חלום. ער האָט אַנדערע קאָלירן, ווי די וואָר.

פאַראַן מענטשן, וואָס פלאַקערן מיט ענטוזיאַזם פאַר דער „מענטש־הייט", אָבער פאַרן מענטש, פאַרן יחיד, פאַר דעם, וואָס נייטיקט זיך אין באַלדיקער הילף, זענען זיי נישט פעיק גאָרנישט צו טאָן.

אונדזער גרעסטער חלום אין דער געשיכטע — צו ווערן צוריק אַ פאָלק, צו האָבן אַ היים, מיט פעלקער גלייך. דערצו דאַרף מען זיין פאַראייניקט, דאַרף מען רייניקן דאָס ווילד־גראָז פון דורות פאַרוואָרלאָזטן באָדן; דאָס ווילדגראָז, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די יונגע געוויקסן, הייבט מען עס אָן — דערשרעקן זיך געוויסע מענטשן פאַר דער וואָר און ווילן ווייטער חלומען. אַפילו ווען זייערע חלומות זענען — בייזע חלומות.

אָבער טראָץ אַלע שרעקן און שטערונגען, בלאָזט פאָרט אַ פרישער ווינט פון צופרידן זיך, פון הערן זיך קעגנזייטיק, פאַרשטיין, פון באַלעבן אַלטע געדאַנקען אויף נייע וועגן.

ס׳איז אַ געשיכטלעכער ענין.

געשיכטע איז נישט בלויז צום לייענען, זי ווערט אויך געשאַפן. אָבער דאָס — שוין מער אויף דער וואָר, ווי אין חלום.

1966

יאָסל חריף

אינעם פּאָרט פון אשדוד

איבער דעם אַשדודער פּאָרט שוועבט אַ נעפּל, ס׳איז נאָך פרי. די צונגען פון די כוואַליע־ברעכערס שניידן זיך איין אין ים אַריין. דאָ און דאָרט שטייען לאַסט־שיפן. מענטשן איילן זיך צו דער אַרבעט.

אַ באַן קייקלט זיך פּאַוואָליע איבער די רעלסן. ריזיקע הייב־קראַנען שלעפּן די משאות פון די שיפן אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס.

איך גיי מיט מיינס אַ קרוב — ער אַרבעט אויך אין פּאָרט. איינער — אַן איבערגעבליבענער פון דאָרט, פון דער שטאָט אויף דער דייטשער גרענעץ, ביים שלעזישן ערד־פּאַס. פון דער ווייטנס גיט אונדז אַ פלאַטער אַ פאָן — אַ דייטשע פאָן אויף זייערס אַ פּראַכט־שיף. איך קוק אויף דער שיף, כ׳קוק אויף מיין קרוב: צו זיינע פופצן יאָר איז ער געווען ביי זיי אַ קנעכט, קאַנדידאַט אויף קרעמאַטאָריע. זיין פּנים ווערט טריב. מיר שווייגן.

פון דער ווייטנס ליגט די שטאָט, ווי אין ווייסע ווינדעלעך, אַן אויסגעבאָדענע. נישט ווייט פון עזה דעקט מען ווידער זאַמדיקע וועגן מיט אַספּאַלט. דריי בחורים — דוכט זיך, שטאַמען פון מאַראָקאָ — זעצן זיך אַריין אין אַ שיפל, צום פישפאַנג. איינער פון זיי, אַ האַלב־נאַקעטער, ציט אַרויס פון ים אַ לעבעדיקן פיש. אַ סירענע צעפייפט זיך.

מיט געציילטע טעג צוריק, דעם דרייצנטן נאָוועמבער, זענען אונדזערע מיליטער־כוחות אַריבער די ירדן־גרענעץ ביים חברונער באַרג, כדי צו צעשטערן די נעסטן פון אַריינדרינגלער.

איך, מיין קרוב און די דריי מאַראָקאַנער בחורים, קוקן זיך אַרום איבערן פּאָרט: אָט ווי דער ים ווערט דאָ געצוימט ביי די אייזן־בעטאָן ברעגעס פון נייעם פּאָרט.

די דייטשע פאָן אויף דער שיף פון דער ווייטנס, דערמאָנט אונדז, אַז מיר מוזן צוימען אַלע כוחות, וואָס זוכן אונדז צו פאַרפלייצן. דערביי זענען מיר דאָ, דערצו בויען מיר, דערצו האָבן מיר געקעמפט און קעמפן ווייטער.

1966

קאַמפּאַט...

אין אַ תל־אביבער רעסטאָראַן, ביי אַ טישל אין אַ ווינקל.

אויף אַ האַלב בענקל איז זי געזעסן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו פאַרנעמען צופיל פּלאַץ. נישט בלויז דאָ — אפשר אויף דער וועלט בכלל.

מיט שנעלע טריט איז די קעלנערין צוגעגאַנגען צו די געסט. לסוף האָט זי זיך דערמאָנט אויך וועגן איר: „וואָס באַשטעלט איר?".

האָט זי געקוקט מיט אירע טריבע אויגן אויף דער קעלנערין, געקוקט סתם אין דער וועלט אַריין. די קעלנערין איז געוואָרן אומרואיק, געוואָרפן אויף איר אַ נישט־היימלעכן בליק. לסוף האָט די עלטערע, אָפּגעלאָזענע פּרוי קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— קאָמפּאָט...

די קעלנערין האָט אַ שמייכל געטאָן, ווידער זיך גענומען צו דער אַרבעט. בלויז אַ ברום געטאָן צו זיך: „נישט מער ווי קאָמפּאָט פעלט איר"... און זי האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן וועגן דער קליענטין, נישט דערלאַנגט דעם קאָמפּאָט.

יענע איז אַ צייט לאַנג געזעסן אַ פאַרלאָזענע, פאַרלוירענע, געזוכט מיט איר נישט זיכערן, צעשראָקענעם בליק דעם קאָמפּאָט — ער האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן.

איז זי אויפגעשטאַנען, איינגעגראָבן איר בליק צו דער ערד. אין דער רגע איז אפשר אויף אַ מאָמענט קלאָר געוואָרן ביי איר אין די מחשבות, ווייל זי האָט זיך צעשמייכלט:

— אַז מ'לעבט אָפּ אַ ביטער לעבן, איז שוין צום סוף שווער צו באַקומען אַביסל זיסלעכן קאָמפּאָט...

1966.

יאָסל חריף

זעלבסטווירדע

ער איז אַ בעטלער, ווי אַ סך זיינסגלייכן, אויף דער אַלענבי־גאַס. ער האָט זיין פּאָזיציע לויט דער צייט פון טאָג.

מיט דער גאַס איז ער היימיש. אויך מיט זיין גרויסן זאַק שמאַטעס, וואָס ער שלעפּט מיט זיך. אַלץ, וואָס ער טראָגט אויף זיך, איז פון זיין אייגענער אַרבעט: שיך, דאָס היטל, דער ברייטער כאַלאַט, וואָס זעט אויס ווי זיין נאַכטהעמד.

אַ טעלער שטייט פאַר אים און פאַרבייגייער וואַרפן אַריין מטבעות. ער קוקט אַריין אין אַ ספר, ער איז רואיק. בעט נישט, פאָדערט נישט. עפּעס אַן איינגעבוירענע ווירדיקייט ביי אים.

לאַנגווייליק איז אים נישט, ווייזט אויס, אַלץ איז ביי אים איינגע־שטעלט לויט אַ סדר: דאָס בעטלען, דאָס עסן פון די סלאַיקעס — ווי אַ זייגערל איז ביי אים אַלץ רעגלמעסיק, נאָרמאַל...

אַמאָל אָבער נעמט ער די נאָדל אין האַנט אַריין — אַ קליינע נאָדל מיט אַ לאַנגן, לאַנגן פאָדעם. ער נייט אַליין זיינע לאַכעס. אַמאָל נייט ער צו אַ קאָלירט שטיקל שטאָף, אַמאָל אַ פּראָסטע ווייסע לייוונט.

דאַן, ווייזט אויס, איז גובר אין אים דער אַלטער פאַכמאַן. געווען אַ שניידער. טראָגט ער זיך איבער אין וויטן עבר: דאָס פּנים צעשמייכלט זיך, די פינגער באַוועגן זיך פלינק.

פון צייט צו צייט הייבט ער אויף זיין בליק ווען אַ מטבע טוט אַ קלונג אין טעלער. ווי ער וואָלט וועלן דערמאַנען זיין ייחוס, זיין שטאַם, זיין אַרבעט. עס שיינט אויף אין זיינע אויגן דער אַמאָל, וואָס איז — ווער ווייס ווי אַזוי — איבערגעריסן געוואָרן און אים געשליי־דערט אויף דער גאַס.

און פון די בעטלער־קליידער שיינט אַרויס די זעלבסטווירדע פון אַרבעטס־מענטש, פון אמתן פאַכמאַן.

1966

נאָר נישט קיין יורד

ואם לא תאבה האשה ללכת אחריך,
און ווען די פרוי וועט נישט װעלן גיין נאָך דיר,

בראשית כ״ד

געוויינט און געטרויערט האָט אברהם נאָך שרהן זיין ווייב. די זילבערשטיקער צו עפרונען אויסגעציילט און אָנגעוויגן און אַן אחוזת־קבר פאַרזאָרגט, שבעה טעג אָפּגעזעסן, אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַרן איינציקן זון.

האָט ער צו זיין געוועלטיקער פון הויז געזאָגט: אין מיין געבורטס־אָרט זאָלסטו גיין, און פון דאָרט אַ ווייב פאַר מיין זון ברענגען. צושווערן זאָלסטו דאָס מיר און אויב די פרוי וועט נישט וועלן גיין מיט דיר, ריין ביסטו פון דער שבועה דיינער.

איינס זאָל דיר אָבער קלאָר זיין, מיין זון, אַהין זאָלסטו נישט ווידערקערן.

האָט אליעזר זיין האַנט אונטער דעם דיך פון אברהמען געלייגט און האָט דאָס צוגעשווירן, און דערביי אַזוי געזאָגט צו זיין האַר אברהם: דאָ וווּ שרה, דיין ווייב און די מוטער פון יצחק רוט, אין דער ערד וועט אויך אויפגיין דער לעבעדיקער שפּראָץ פאַר איר שטאַם, דער המשך פון איר הויז און היים אויף צוגעזאָגטער ערד פון גאָט, און יצחק, דער זון פון שרה און אברהם, וועט קיינמאָל קיין יורד נישט ווערן, ווי דו מיין האַר באַפוילן האָסט!

1966

יאָסל חריף

דער יום־טוב־קוכן

איך בין געווען צו גאַסט אין אַן אַלטער מושבה ביי מיינע פריינד. איך האָב זיך פאַרקוקט אויפן בילד פון זייער זון, וואָס איז אין יאָר תש״ח געפאַלן.

די מוטער האָט מיין בליק באַמערקט און דערציילט אַן איבער־לעבונג פון יענע טעג:

וואָכן לאַנג האָבן מיר אים אויסגעקוקט, איבערגעלעבט שווערע טעג און נעכט פון דערוואַרטונג. פּלוצים, אין אַ פאַרנאַכט, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

קוים באַוויזן איבערטרעטן די שוועל און איילט שוין אויף צוריק. איינגאַנצן זעקס שעה צו זיין רשות געהאַט, און פינף שעה האָט געדאַרפט דויערן דער וועג. די אויגן האָבן זיך ביי אים ממש צום שלאָף געקלעפּט. „כאַפּ כאָטש אַ דרימל״ — האָט זיך ביי אים געבעטן דער פאָטער, און ער האָט געענטפערט מיט אַ סאַברישן שמייכל: „אמא, גרייט צו אַ גוטן קעזקוכן, איך וועל קומען אויף שבועות, גוט אָפּעסן און כאַפּן אַ גוטן שלאָף...״

און אָט איז דער יום־טוב. מיר וואַרטן אויף אונדזער ליבן גאַסט, ס׳הערן זיך טריט. ניין, דאָס זענען נישט זיינע טריט. עפּעס אַזעלכע אומעטיקע נישט דרייסטע, אַ טעמפּער קלאַפּ אין טיר. צוויי שליחים באַווייזן זיך אויף דער שוועל און זאָגן אָן די ביטערע בשורה...

דער קוכן האָט אַ לאַנגע צייט געוואַרט. קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגערירט, פאַרטרוקנט געוואָרן, גלייך צו דער נגב־ערד, וועלכער ער האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן.

אַ טרער האָט זיך פאַמעלעך געקייקלט פון דער מאַמעס באַק, די צווייגן פון די ביימער אין גאָרטן האָבן זיך אין אַ לייכט פאַרנאַכטיק ווינטל געוויגט ווי לערע וויגן...

1966

די בלינדע זינגערין

אַ תל־אביבער בילדל

זי זיצט אויף אַ באַנק אַנטקעגן דער הויפּט־פּאָסט, און ווען זי איז אין אַ גוטער שטימונג, זינגט זי האַרציקע פּאָלקס־לידלעך און לאַכט צו זיך אַליין, קלאַפּט צום טאַקט מיטן ווייסן טעפּעלע, אין וועלכן עס פאַלן מיט אַ קלאַנג די מטבעות.

ניין נישט קיין נדבה. האנאָראַר גיט מען איר פאַר איר שיינעם זינגען. זי מאַכט עס מיט אַזאַ פייערלעכקייט, ווי זי וואָלט געזונגען אויף אַ בינע.

אַ סך מאָל שטעלט זיך אָפּ אַ לוסטיקער פאַרבייגייער און אַפּלאָדירט, צעלייכטן זיך אירע אויגן, ווי די וועלט וואָלט איר מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן, זי איז גליקלעך ווען מען שענקט איר אויפמערקזאַמקייט.

זעצט זיך עמעץ ביי איר אויף דער באַנק, איז זי גאָר צופרידן און ווען עס איז איר גוט אויפן האַרצן, פלעכט זי אַריין אַ בלימל אָדער אַ קאָלירטן באַנד אין אירע פעך־שוואַרצע האָר. זי האַלט דעמאָלט נאכלעסיק דאָס טעפּעלע מיט די מטבעות, איז איבערצייגט, אַז זי איז נישט קיין בעטלערין. זי איז אַ זינגערין...

1966

צווישן „דאָ" און „דאָרט"

זי איז געזעסן אינעם אויטאָבוס אַן איינגעשרומפּענע נעבן מיר, ווי זי וואָלט זיך באַמיט נישט צו פאַרנעמען צופיל אָרט. אין אויטאָבוס — צי אין דער מדינה, אויף וועלכער זי האָט ס׳גאַנצע לעבן געהאָפט?

געפרעגט האָב איך זי וועגן אַ גאַס אין דער מושבה, וווּ מיר זענען געפאָרן און דרך־אגב האָט זיך פאַרבונדן דער שמועס, זי האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן „פון דאָרט" און נאָך מער — פון דאַנען.

זי האָט געבראַכט מיט זיך פון דאָרט אַ גרויס פאַרמעגן — אַ יונגע טאָכטער, וועלכע לערנט זיך אין אַן אולפּן. ביז איצט — כמעט

אַ האַלב יאָר צייט — איז איר געגאַנגען נישט שלעכט. ביז היינט האָט זי געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. היינט האָט מען זי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. זי איז דאָך אָבער אַהערגעקומען אַרבעטן, אַהערגעקומען אויף אייביק, ס׳זאָל זיין אַ סוף צו איר וואַנדערן... זי האָט שוין נישט קיין כוח צו וואַנדערן.

ווו זוכט מען איצט אַרבעט? אירע יאָרן שרעקן אָפּ — סיי די באַאַמטע, סיי די אַרבעט־געבערס.

נייך, זי וויל, חלילה, נישט זיין פּריווילעגירט ווייל זי קומט „פון דאָרט". זי האָט צו קיינעם נישט קיין טענה. זי איז אַפילו גערירט דערפון, ווי מ׳האָט זיך געזעגנט מיט איר אויפן אַרבעט־פּלאַץ — געמאַכט פאַר איר אַ שטיקל מסיבה. מ׳האָט זי דאָרט זייער גערן געהאַט, אין שפּיטאָל, אָבער אָפּגעזאָגט האָט מען זי...

נייך „אַהין" וועט זי נישט שרייבן וועגן דעם. זי וויל נישט באַשמוצן דאָס לאַנד. אָבער — זי האָט דאָך אַן איינציקע טאָכטער. און ייִנגער ווערט מען אויך נישט. איצט קאָן זי נאָך אַרבעטן. דאָס שווערע לעבן „דאָרט" האָט זי דווקא אויסגעלערנט צו אַרבעטן. אָבער זי וועט קיין אַרבעט נישט באַקומען?

זי האָט נישט קיין טענות צום גורל. אָט האָט זי זיך געראַטעוועט מיט אַ טאָכטער פונעם היטלער־מבול. ווייל זי איר שטאַם זאָל זיך איינוואָרצלען אין אייגענעם לאַנד, אויפלעבן דאָ, אויפבליִען...

...איך האָב נישט געוווּסט וואָס איר צו ענטפערן. דערציילן, אַז מיינע ערשטע שריט אין לאַנד זענען געווען אַ סך שווערער? דאָס איז דאָך אַ קנאַפּע טרייסט פאַר הונגעריקע היינט — אַז מ׳האָט אַמאָל שטאַרק געהונגערט. און היינט זענען דאָך אַנדערע צייטן. מיר זענען איצט הערשערס פון אונדזער גורל — טאָר מ׳דאָך נישט אָפּשטויסן אָנקומענדיקע וואַנדערערס, מ׳טאָר נישט אַנוואַרפן קיין שרעק אויף אַנדערע, וואָס ווילן אפשר גיין אין זייערע וועגן.

1967

דער פרילינג שפּאַנט

יום־טוב. פּסח. מאַי. די גאַסן פון ירושלים זענען אויסגעסטראַיעט. נאָר וואָס פאַרגעקומען אַן אויפמאַרש פון יוגנט און עלטערע — פון שטעטלעך, דערפער, קיבוצים. צעשטראַלטע פּנימער און אויפגעברויזטע הערצער. מ׳איז עולה רגל פון אַלע זייטן קיין ירושלים; יוגנט טאַנצט אַריין אין אונדזער הויפּט־שטאָט. עולי רגל פון אַלע קאַנטינענטן און קאָלירן, אַ סך — אין זייערע פאַרביקע נאַציאָנאַלע קליידער.

אָט איז אַ גרופּע פינלענדערינס, דאָ ווידער — בלאָנדע, ווי די פריערדיקע, האָלענדערינס. אַלע באַוווּנדערן זיי ירושלים. די זון שפּילט זיך מיט די וואָלקנס אין באַהעלטעניש, ס׳פרישעט צומאָל אַ רעגן, אָבער קיינעם שטערט עס נישט.

די „צעדה״, דער צופוס־אויפגאַנג פון טויזנטער זעלנערס און ציווילע קיין ירושלים. מוזיק — שפּילט, מ׳איז מקבל פּנים מיט פרייד דעם פרידלעכן מאַרש פון די פוסגייערס.

פון יאָר צו יאָר ווערט דער אויפגאַנג גרעסער און גרעסער — דער אויפגאַנג גופא ווערט אַ יום־טוב. די טריט זענען פרייע, זיכערע. דער אויפמאַרש קומט פאַר געציילטע טעג פאַר פּסח — דעם יום־טוב פון פרייהייט און גאולה. אַ סך פעלקער נעמען אָנטייל אינעם אויפמאַרש. זיי האָבן אונדז שטענדיק געזען איילנדיקע, לויפנדיקע. אייביקע לויפערס און אַנטלויפערס. אין אונדזער לויף האָבן זיי אַפילו נישט באַמערקט די בענקשאַפט נאָכן צוריקקערן זיך, די בענקשאַפט אַהיים.

און איצט — די פעלדער און וועלדער, דורך וועלכע די אויפגייערס קיין ירושלים זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן איינגעזאַפּט אונדזער בלוט און שווייס; איז אויפגעקומען דערפון אונדזער נייער פרילינג. אַלץ בליט איבערסניי. גייט מען זיכער, מ׳שפּאַנט פעסט.

אָט דערנעענטערט זיך דער יום־העצמאות, דער יום־טוב פון אונדזער זעלבשטענדיקייט. פאַר דעם — דער יום השואה, דאָס באַקלאָגן אונדזער דריטן חורבן. שרייט אַרויס צו אַלע געקומענע, צו אַלע

עולי רגל, אויפגייערס, מאַרשירערס און שפּאַצירערס, פונעם האַרץ פון
בייעם ירושלים: ברוכים־הבאים! און צום ווידערזען אין אַ שלומדיקן
און פריידיקן איבעראַיאָר — נאַכאַמאָל.

1967

ר ע ג ן!

אַ טרוקעניש האָט די ערד צוגעדעקט, געקלאַמערט זיך צו איר,
און ממש נישט געלאָזט אָטעמען, זי האָט געלעכצט נאָך אַ טרונק.

אויך מיר אַלע אין לאַנד ישראל האָבן מיט ציטער געוואַרט
אויף אַ טראָפּן רעגן. אַ ביסל פייכטקייט פאַר ברענענדיקע ליפּן. די
הימלען האָבן מיט טריבקייט געקוקט.

און מיט אַמאָל האָבן זיך די פענצטער פון די הימלען געעפנט
און אָפּגעשווענקט דעם שטויב פון דער ערדס פּנים. און זי, די ערד,
האָט אָנגעהויבן לעשן איר דאָרשט. איינזאַפּן אין זיך די זיסע טראָפּנס.

שטייען איצט פאַר אונדז דיביימער אויסגעצוואָגענע. און עס
טראָפּן פון זייערע צווייגן, פון זייערע בלעטער אין דערפרישטער גרינ־
קייט, פריידיקע טראָפּנס ווי צעשטראַלטע טרערן אין צעשמייכלטע אויגן.

ווערט זאַפטיק די פּרוכט און די גראָזן גלייכן אויס זייערע
גלידער און אויף די נגבֿ־ראַנדן אַפילו אויף ברייטע פּאַשע־פעלדער
פּאַלט די בהמה צו און דערפרישט זיך מיט אַן אויפשפּראָצנדיק גרעזל.
אויך דער פויגל זינגט שירה און טאַנצט אויס אַ פריילעכס איבער
אונדזערע קעפּ.

דער ציטער פון פרייד — אַן אַלט־ייִנגער איבער אייגענער
ערד.

ווערט אויך דער מענטש בעסער אין זיין באַהעפטונג צו דער
ערד, און וואָס פעסטער אויף דער ערד אויך צו די הימלען נעענטער.

איז דער גאַנג אַ פריידיקער, נאָך אַזאַ צעשטראַלטן זונען־אויפ־
גאַנג, נאָכן רעגן, אין אַ ווינטערדיקן טאָג, אויף ערד היימישער ווו דער

בליק שפּאַרט אַרויס, ווייט און ברייט נעמט די וועלט אַרום, ווערט אַ שותף צום באַשאַף.

נישט סתם אַ געניסער נייערט אַ מיטשותף.

וועקט זיך די ערד אונטער זיינע טריט, פאַרגעסט מען נאָך אַזאַ געבענטשטן רעגן, אַז שנאה ערגעץ ווו איז אין דער וועלט נאָך פאַראַנען. און נישט פאַרגינערישע בליקן אויף דעם ברויט, וואָס די ערד געבערט דיר, אין מזל וברכה.

זאָל ער נידערן דער רעגן, און שווענקען, דערוויטערן די טעמפּקייט פון מענטש צו מענטש און אויך דער מענטש זאָל דערוואַכן פון זיין פאַרטרוקנטקייט, ווי דאָס גראָז, דער בוים און די בייט, נאָך דעם רעגן.

1967

אַ רפואה שלמה

(אויף די גאַסן פון תל־אביב)

זיינע ווייסע הויזן האָבן געבלאַנקט אין דער תל־אביבער מיטן־טאָג זון, זיין פּנים האָט אַרויסגעוויזן זיכערקייט און צופרידנקייט, די „קעפּיע" פעסט אָנגעצויגן און פאַרגאַרטלט מיט אַ שוואַרצן גלאַנציקן גאַרטל. און די צוויי טראָלדן האָבן זיך געבאָמבלט אויפן רוקן. אויך זיין ברוינע אבייע האָט אים אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן אַרום. עס האָט געאָטעמט פון אים מיט מדבר.

די סטראַגאַנעס פון דער תחנה מרכזית האָבן געוווּנקען מיט אַלעם גוטן, און געוועקט ביי אים אַ חשק איינצוהאַנדלען פאַר דער חברה זיינער אַ ביסל גוטע זאַכן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער פלעגט אין זיינע יינגע יאָרן דאָ אַרומרייטן אויף אַן אייזעלע. און אויסרופן זיין סחורה, און אַ „טאַריפע" איז געווען אַ מטבע. אין דער שטיל גיט ער נאָך אַ ברום „בורדוגאַן" (מאַראַנצן) און גיט אַ גלעט די וואָנצעס מיט הנאה.

גייענדיק אַזוי און מישנדיק אין זיינע מחשבות, כאַפּט ער אַ בליק

אויף אַ זקן, אַ בעטלער, וואָס זיצט מזרחדיק פאַרלייגט די פיס, קלאַפּט מיט אַ פּושקע, רופט די פאַרבייגייער, און וועקט ביי זיי רחמים. די ווערטער פלעכטן זיך צונויף, עברית און אַראַביש, און דער אַלטער ווערט אים אַזוי באַענט, ווי אַמאָל דער יהוד אין יפו, אין יענע יאָרן, ווען ער איז געריטן אויף זיין אייזעלע מיטן בורדוגאַן. ער ציט פּאַמעלעך אַרויס פון בייגאַרטל אַ געלע גלאַנציקע מטבע פון צען אַגורות.

דערלאַנגט אַ נדבה דעם אַלטן מאַן, די מטבע האָט אַ גלאַנץ געטאָן פאַר די האַלב בלינדע אויגן פון בעטלער. און ער האָט אויסגעפּרעפּלט אַזוי: „אמאַדזשאַ", „קאַטאַר כיראַק", „רפואה שלמה".

די מיטאָג־צייטונגען פאַרקויפער האָבן געשריגן מיט קולי קולות „מוקשים בגבול" (מינעס אויף דער גרענעץ).

און די ברכה פון בעטלער האָט זיך געקייקלט אָן אָפּגעריסענע אין דער לופט:

אַ רפואה שלמה...

1967

בן חמישים...

בן חמישים לעצה, ווי ס'שטייט געשריבן אין פּרקי אבות, ביי פופציק יאָר דערגרייכט מען די מדרגה פון עצות־געבן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז צוגעקומען צו דעם דאָזיקן בכבודי־קן עלטער, דאָס איז אַ שיינער מהלך.

אונדזער דור געדענקט נאָך די יינגע און פריידיקע טעג פון בראשית.

מיר זענען געווען פאַרגליבט, אַז מיר לעבן אין אַן עפּאָכע, וואָס וועט אַרויספירן די וועלט צו אַ פרידלעך לעבן אין פולער האַרמאָניע.

און קיין פויסט וועט זיך נישט הייבן פון מענטש קעגן מענטש.

שנאה, שקר, קנאה און אומרעכט וועלן פאַרשווינדן.

די בעסטע זין פון דער תקופה, און אויך מיר יידן, האָבן ביי איר וויגל געזונגען און אויסגעוויגט די ערשטע שריט פון וועלט־באַנייאונג, ביז זי איז גרויס און שטאַרק געוואָרן, זיך אויסגעלערנט פעסטע טריט צו שטעלן און אויך צווישן פלאַנעטן פליען.

און ווען זי איז אויסגעוואַקסן צום עצה־עלטער, שטייען מיר פאַרשעמטע פאַר אירע עצות... וואָס זי עצה'ט אונדזערע בלוט־שונאים.

נישט נאָר עצות פון וואָרט און מחשבה. נישט פון תורה און וויסן, אויפגעזאַמלטע אין אַ יובל יאָרן. נייערט כלי־משחית, אויף די פליגלען פון טויבן...

אַמאָל־אַמאָל, ווען זי איז אַ ייִנגינקע געווען, האָבן מיר אויף איר חכמהדיק וואָרט געוואָרט.

און איצטער, אין די טעג פון איר רייפן עלטער, ווען די עצה דאַרף זיין אַ באַזאַכטע און ערלעכע און צו מעשים טובים באַוועגן — אוי ווי ס'שרעקט אונדז איר צאַרניק וואָרט, איר עצה צו אונדזערע שונאים.

מיר, וואָס באַזיצן אַזאַ אַנטוויקלטן חוש הריח, דערפילן די טוכלעקייט פון אַלטער יידן־שנאה, וואָס עס הערט זיך פון איר יום־טוב לבוש.

מיר שעמען זיך — יאָ, מיר שעמען זיך, ווייל מיר שרעקן זיך, פאַר דעם וואָס מיר האָבן ליב געהאַט און געפּיעשטשעט.

איז אַ תפילה אין אונדזער האַרצן און אַ ווונטש, ס'זאָל קומען דער טאָג און אויך זיי זאָלן דערפילן, פונקט ווי מיר, די אויסגעפּרוווטע — די שרעק און די חרפּה, פאַר די עצות כלפּי אונדז...

1967

געבראָטנס פאַר בעטלער־מטבעות

די קליידער הענגען אויף אים, ווי פרעמדע, ווען ער שלעפּט זיך איבער די תל־אביבער גאַסן. עפּעס אַן אומגליק איז אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים, וואָס האָט זיך שוין אָפּגעווינט פון וואַסער. מיט דער צעכראַס־

טעטער שמאַטע איבער דער אויפגעדעקטער ברוסט גייט ער אַרום אַזוי זומער און ווינטער, ווי ער וואָלט געמאָנט אַ חוב פון דער וועלט. צער און צאָרן קוקן אַרויס פון זיינע פאַרפרעסטע ליפּן־ווינקלעך. צומאָל — ווען ער ציט אַרויף אויף זיין פּנים אַ נאַריש שמייכעלע און שטעלט זיך אַוועק אויף דער גאָס מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ער בעט נישט און ער דאַנקט נישט. ער שטרעקט בלויז אויס די האַנט.

אָבער איינמאָל האָט זיך אין אים עפּעס דערוועקט: ער איז פאַרביי אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט אַרויסגעריכט איבער דער גאַס דעם גערוך פון פעטן געבראָטנס; אין דרויסן אַפילו האָט מען געבראָטן „שווערמאַ״ — שטיקער פלייש, אָנגעפּיקעוועט ווי אַ פּיראַמידע אויף אַ שפּיז, וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ קאַרוזעלע. דאָס פעטס האָט געקנאַקט אין פייער און זיינע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט. ער איז אַריין צווישן די געסט, אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ טישל, אויסגעשיט דאָס גאַנצע ביסל בעטלער־געלט אויפן טישל און אויסגערופן צום קעלנער: „הער, שווערמאַ!״.

דאָס טישל איז אָפּגעליידיקט געוואָרן פון די מטבעות און ס׳האָט זיך באַוויזן דאָס פלייש: ער האָט עס באַשמעקט, דאָס הייסע געבראָטנס, איינגעאָטעמט דעם ריח, די אויגן האָבן אים געלאַכט און דאָס פלייש איז ממש צעגאַנגען אין זיין מויל. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האָט נישט בלויז הנאה פונעם פלייש, נייערט דערפון, וואָס ער איז געבליבן אָן די בעטלער־מטבעות, וועלכע זענען איצט געשטאַנען אויסגעסדרט אין רונדע שטויסן ביים קאַסע־טישל פון רעסטאָראַטאָר.

ס׳האָט אים הנאה געטאָן די זאַטקייט און דאָס געפיל, אַז ער איז אויף אַ קורצער צייט געוואָרן אויס בעטלער.

1967

„פאַרעלטערונג־געזעץ״

אַרמענער פאָדערן די טערקן צום משפט — איז מודיע די פרעסע. מיט איבער פופציק יאָר צוריק האָבן די טערקן אויסגעשאָכטן אָנדערהאַלבן מיליאָן אַרמענער. אין דער ליטעראַטור האָט עס פאַראיי־

ביקט דווקא אַ ייד — פראַנץווערפל — אין זיין „מוזאַ דאַג״. און אין דער אמתן האָבן דאָך די אַרמענער, מיט זייער גורל, אַזויפיל ענלעכקייט צו אונדז יידן.

איצט זיצן זיי די אַרמענער, ווידער אין אַ פאַטערלאַנד — אין ראַטן־פאַרבאַנד. די סאָוויעטן־מאַכט זאַמלט זיי פון זייערע גלותן איבער גאַר דער וועלט.

הויכע סאָוויעטישע מלוכה־מענער קומען צו גאַסט קיין טערקיי — אַ נייע פריינדשאַפט פאַרבינדט זיך צווישןביידע מלוכות. דאָס שטערט אָבער נישט די סאָוויעטן אונטערצושטיצן דעם אַרמענישן רוף צו באַנייען דעם משפט, נישט לאָזן צודעקן די פאַרברעכנס מיט תירוצים וועגן פריינדשאַפט; נישטאָ קיין פאַרעלטערונג פאַרן פאַרברעכן פון פעלקער־מאָרד.

און וואָס ווילן מיר דען, יידן? האָבן מיר דאָך אַוודאי דאָס רעכט נישט צו פאַרגעסן די זעקס מיליאָן און נישט איינגיין אויף קיין פאַר־עלטערונג־געזעצן, אויף פוילע אויסטייטשונגען און תירוצים וועגן אַ כדאיאישער פריינדשאַפט; ווייטער פאָדערן משפט און צדק — ווער דער רוצח זאָל נישט זיין, אין וואָס פאַר אַ פעדערן ער זאָל זיך היינט נישט פוצן.

1967

דער סוף פון אַ טויב

נישטאָ מער די טויב פון פיקאַסאָ — די שלום־טויב, אין וועלכער דער קינסטלער האָט אַריינגעוועבט די וואַרעמקייט פון זיין נשמה.

אין אַ סך קיבוצים אונדזערע האָט מען יום־טוב־ווונטשן, ניי־יאָר ווינטשעוואַניעס, געצירט מיט דער טויב. אין פוילער אמונה האָבן קינ־דערלעך זייערע קאַרטן געצירט מיט דער שלום־טויב און געשיקט זיי צו טאַטע־מאַמע, צו קרובים. אין די ראַנד־געביטן זענען אָפטמאָל די קאַרטן אַפילו געשריבן געוואָרן אין די בונקערס...

האָט דער מאָדערנער פּרעה — און זיינע באַשיצערס — אַ כישוף

אָפּגעטאָן דער טויב. איר אויסזען האָט זיך אינגאַנצן געביטן, ווי אונ־טערגעבראָכן די פליגל; זי האָט אירע פעדערלעך פאַרלוירן ווי אַ רש־עותדיקע האַנט וואָלט זיי אויסגעפליקט. אַ ליסע טויב געוואָרן, זעט אויס ווי אַ רויב־פויגל, די באַשיצערס פון דער טויב האָבן זי אַזוי לאַנג געהאַלטן אין דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער — איבער פרעמדע הערצער געשלאָגן על חטא, אַז זי האָט זיך בכלל פאַרלוירן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט די טויב אַביסל דערוואַכט. זי האָט דערפילט דעם ריח פון פייער אין דער לופטן — אַ פייער, וואָס אירע האַלטערס האָבן עס געגרייט צו פאַרברענען ישראל. האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון די האַלטערס און אַנטלאָפן צו איר אַלטן באַשאַפער, צום קינסטלער, געשטעלט זיך אויף זיין אַקסל און וויינענדיק געזאָגט:

— ליבער באַשאַפער, דו האָסט אין מיר אַריינגעבלאָזן אַ לעבע־דיקן אָטעם, כ׳בין געוואָרן דער סימבאָל פונעם לעבן. אָבער די, אין וועמענס הענט דו האָסט מיך איבערגעגעבן, ווילן מיך מאַכן פאַר אַ שותף צום טויטן...

האָט דאָס האַרץ פון גרויסן מייסטער אויפגעציטערט, אַ טרער איז געפאַלן פון זיינע אויגן אויף דער אויסגעשפּרייטער האַנט־פלאַך, האָט ער די טרער אויף זיין פעדער אַרויפגענומען און: אונטערגע־שריבן דעם רוף לטובת ישראל — קעגן די פאַלשע שלום־טרעגערס...

1967

די ברכה פון הר גריזים

פאַרנאַכט בין איך אָנגעקומען ווען די זון האָט זיך געזעצט אין דעם שומרונער שיכון אין חולון, כדי כאַפּן אַ שמועס מיט דעם ראש העדה חכם צדקה, דער ראש פון די שומרונים אין ישראל. דאָ און דאָרט האָבן זיך שלווה׳דיק געשפּילט קינדער, מאַמעס האָבן געהאַלטן זייערע פּיצעלעך אויף די הענט; אַ זעלנער איז אָנגעקומען, אַ שומרונער אין דער יידישער אַרמיי. אין דער באַנייטער מלכותדיקייט. אַ מיידעלע האָט געטראָגן אַ טרויעריק הינדל צום שוחט. אירע ווייסע פעדערלעך

האָבן געציטערט אין ווינט. חכם צדקה איז אַרויס קוילן דאָס הינדל, און האָט מיר אויפגעקלערט ווי אַזוי די שומרונים שחטן.

אויפגענומען האָט ער מיך מיט דער וואַרעמסטער הכנסות אור־חים, און זיין סימפּאַטישע פרוי האָט דערלאַנגט כיבוד — הייסע טערקישע קאַווע. ער הייבט אָן שמועסן, ער רעדט מיט זיכערקייט, מיט אמונה, ווי ערשט היינט וואָלט ער אַראָפּ פון הר־גריזים מיט די איינגעזאַפּטע ברכות. נישט ווי איינער אַן איבערבלייב פון אַ שבט, וואָס די פּאָר הונדערט פאַרבליבענע זענען צעטיילט פוןביידע זייטן ירדן, נייערט, ווי ער וואָלט וועלן אויסמיידן וואָס עס האָט פּאַסירט אין משך פון דורות. ער איז פאַראַנקערט אין וויטן־וויטן עבר, נאָענט פון בראשית און סיני־אויפגאַנג.

דוכט זיך מיר אויס, אַז אויך איך מיט אים זענען צוויי וועלטן. און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: ער איז אין גלות נישט געווען. זיין שיבת ציון — אָדער בעסער געזאָגט — שיבת שומרון איז אַזאַ אַנדערער, זיין שפּראַך, זיינע בענקשאַפטן זענען אויך אַנדערע.

האָט זיך מיר אַ ווײַלע אויסגעדאַכט, אַז ער וויל צעוואַרפן אַ וועלט, וואָס מען האָט אַריינגעאָטעמט אין מיר פון וויג־לידל אָן, וואָס מען האָט מיר געזונגען, עפּעס אַ בענקשאַפט האָט גענאָגט מיין האַרצן.

און פּלוצים גיט ער מיר אַ זאָג: הער זיך איין, דריי זענען פאַר מיר די גרעסטע געשטאַלטן וואָס באַגלייטן מיך, וואָס באַגלייטן מיין יידישקייט — אברהם אבינו, משה רבנו און ד״ר הרצל...

סוף־סוף האָב איך פאַרשטאַנען וואָס אונדז פאַראייניקט און ער איז מיר נאָענט געוואָרן.

און עס האָט אַן אָטעם געטאָן מיט דער ברכה פון הר־גריזים.

1967

דאָס פּאַריזער מיידל

קלאָד איז געקומען צו אונדז פון ליכטיקן, רוישיקן פּאַריז, וואָס לאַקט אַזוי מיט זיינע חנען דעם מענטשן, בפרט אַ יונגן מענטש.

צום צווייטן מאָל איז זי שוין דאָ ביי אונדז. מיט פיר יאָר צוריק

איז זי אַ יאָר צייט דאָ געווען — אין אַ קיבוץ, אין עמק. דאָס דאָזיקע יאָר האָט זיך איינגעזאַפּט אין איר נשמה, אַרויפגעלייגט אויף איר אַ חותם פונעם לאַנד. דאָרט, אין קיבוץ, האָט זי זיך געלערנט עברית, מיטגע־זונגען די לידער, מיטגעטאַנצט די טענץ. געלערנט זיך צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מ׳זייעט דאָ אָפּטמאָל מיט טרערן און מ׳שניידט מיט געזאַנג.

דאָן איז זי אַהיימגעקומען קיין פּאַריז — צו אירע גוטע עלטערן, שוועסטער און ברידער, ווו זי האָט זיך ווייטער געלעבט איר רואיק, זאָרגלאָז לעבן. געלערנט, געאַרבעט.

נאָך פיר יאָר האָט זי ווידער דערהערט דעם רוף פון איר יונג האַרץ. זי האָט דערזען די פעלדער פון עמק איינגעהילטע אין סכנות, וואָס האָבן געלויערט אויפן לאַנד ישראל.

נישט לאַנג געטראַכט — זי האָט אַוועקגעוואָרפן איר אַרבעט און פאַרשריבן זיך ווי אַ פרייוויליקע, און ווייל מען האָט זי נישט אַזוי שנעל גערופן, איז זי אַליין געקומען און גלייך אַוועק אין עמק, אין איר קיבוץ אַריין. פון דאָרט איז זי אַוועק אין נגב, ווו זי האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אַ גרופּע פון נאָך דרייסיק מיידלעך, אירס גלייכן.

— איצטער בלייבסטו שוין ביי אונדז אויף שטענדיק? — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן.

זי האָט געענטפערט מיט אַ טריבן שמייכל. אָבער אירע שיינע, ברוינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַזאַ גוט מענטשלעך ליכט, וואָס קומט פון די סאַמע טיפעניש. זי האָט שטיל אַ זאָג־געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

— איך בין דאָך נישט קיין יידישע. מיין פאָטער איז אַ פראַנ־צויזישער גענעראַל... איך וועל דאָ בלייבן אַזוי לאַנג ווי מ׳וועט מיך דאַרפן. און אפשר...

האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן אונדזער יוגנט אין דער צעשפּרייט־קייט און דאָס ליכט פון דער נישט־יידישער טאָכטער האָט דאָפּלט אויפגעלויכטן פאַר מיר.

איך האָב ווידער דערפילט, ווי אַלמענטשלעך אונדזער יידישער אידעאַל איז.

1967

מיקראָבן און ווירוסן

מיקראָבן אָנערקענען נישט קיין גרענעצן, און ווירוסן אונטערשיידן נישט צווישן מענטש און מענטש, זיי פאָרשן נישט די נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג.

די מעדיצין, די וויסנשאַפט, פאָרשט און וויל דערגיין ווי צו פאַרלייכטערן דאָס ביסל בידנע לעבן.

אומעטום זיצן אַוודאי מענטשן אַריינגעטאָן מיט אַלע חושים אין מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונגען, באַמיען זיך דערזען דעם שונא פון מענטש און פון יעדן וועזן און פלאַנץ, און געפינען דעם קעגן־סערום צו אים, איידער ער באַהעפט זיך צו אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

די מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטן שטיצן זיך אויף די זעלבע תורות און דערפאַרונגען, און יעדע אַנטדעקונג, העלפט ברענגען אַ גענעזונג פאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון ראַסע און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, אָדער קאָליר פון הויט.

נאָר מאָרד־מיטלען זענען מיט אַ סוד פאַרדעקט, אָבער נישט היילונגס־רעצעפּטן. געגוג צו כאַפּן אַ קוק אויף די ריזיקע בנינים פון הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים, ווו עס ווימלט דאָרט פון מענטשן, פון פאַרשידענער אָפּשטאַמונג און פאַרשיידענע הויט־קאָלירן, און פאַרשיידענער קליידונג, פאַרשיידענע לשונות און געוווינהייטן. די קרענק מאַכט אָפּהענגיק איינעם פון אַנדערן; דאָס געבעט צו הילף קוקט פון אַלעמענס אויגן מיט דעם זעלבן אומרו און אומעט; דאָס האַרץ קלאַפּט מיט דער זעלבער האָפענונג...

קומען זיי מחנותווייז, די שכנים אונדזערע, פון די מערב־ראַנד געביטן פון מזרח־טייל ירושלים, פון סיני און אַוודאַי אויך פון די גולן בערג — בכדי געהאָלפן ווערן דורך דעם אויפטאָן פון די „ציוניסטישע אינסטיטוציעס״, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט די פּרעכטיקע נייטיקע געביידעס, געשאַפן די געהעריקע כלים צו ראַטעווען דעם מענטש, זיין געזונט און פאַרלענגערן זיינע יאָרן.

אָט פירט אַן אַלטער מאַן זיין ווייב; זיי קוקן מיט פאַרוואונדערונג און האָפענונג דעם יידישן דאָקטאָר אין די אויגן מיטן פולן פאַרטרויען. זיי קוקן זיך איין אין די אַפריקאַנער שוואַרץ־הויטיקע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וואָס לערנען דאָ די חכמה פון רפואה, כדי פונאַנ־דערפירן דאָס אין זייערע ווייטע לענדער, ווו מען וואַרט דאָרט אויף הילף און אַ פאַרלייכטערט לעבן, אָן יסורים און פיין.

די זעלבע בעטן נעמען אויף פאַרשיידענע קראַנקע, און דער קרעבץ איז אינטערנאַציאָנאַל...

הלוואי זאָל דער ספּעציפישער יידישער קרעבץ אויך פאַרשווינדן. ווייל אויך די קרענק פון יידן־שנאה פאַרגנבעט זיך ווי יעדער מיקראָב און ווירוס, און מיט געמיינזאַמע כוחות וועט מען זיך פאַרמעסטן באַזייטיקן דעם מיקראָב פון שנאת־חינם, אַנהייבן זען דעם מענטש, אין זיין פרייד און לייד, ווי ער איז, ווי די פלאַנץ, ווי דעם בוים, מיט זיין ווילן צו לעבן און געניסן, מיט זיין אינערלעכער נאַטירלעכער פרייד.

נישט בלויז דער אויסערלעכער לבוש, דער ווייסער זויבערער, די בלאַנקנדיקע מכשירים.

נייערט אויך דאָס האַרץ וועט אויסגעלייטערט ווערן, אין געמיינ־זאַמען קאַמף, קעגן כל המינים מיקראָבן — און אַנשיקענישן, וואָס וויסן נישט פון ראַסע, קאָנטינענט, גרענעץ און נאַציע.

1967

דער שפּיי פון פאַלשע געטער

סאָוויעטישע שטאָלצע בירגער, האָבן געמוזט — אַנטלויפנדיק פון די אַרומיקע שנאה־כוואַליעס — איבערקומען עפּעס פון די איבער־לעבונגען, וואָס אונדזערע נאָענטסטע האָבן געהאַט אויף אַ היטלערישן אומשלאַג־פּלאַץ; דאָס האָבן זיי איבערגעלעבט אויף פּעקינער פּלי־פּלאַץ.

ירושה־מיקראָבן פון אָפּגעלעבטע געטער, וועלכע מ׳וויל ווידער לעבעדיק מאַכן אויף כינעזישער ערד.

די קינדערלעך, דערצויגענע אינעם גייסט פון אָקטאָבער, האָט מען געלערנט: ליבשאַפט צום מענטשן, צו אַרבעט, צו זעלבשטענדיקייט, צו פּאַטריאָטיזם. און אָט האָבן זיי פּלוצלינג באַקומען אַזאַ „אַנשוילעכע לעקציע" דערפון — אויפן פּעקינער פלי־פּלאַץ. זייערע מאַמעס האָבן זיי געמוזט באַשיצן, זיי זאָלן נישט קריגן קיין שפּיי אין פּנים. אַ שפּיי — אומאָפּהענגיק צי ס׳קומט פון אַ רעאַקציאָנער, צי פון אַ רעוואָלוציאָנער מויל — אַ שפּיי טראָגט מיט זיך מיקראָבן. האָט אַ שרעק אַרומגעכאַפּט די מאַמעס.

דערמאָנט זיך מיר — וויפל מיר האָבן עס געליטן פון „רעוואָלוציאָנערע" שפּייערייען. אפשר דערפאַר פאַרשטייען מיר אַזוי גוט די שרעק פון די סאָוויעטישע מאַמעס און קינדער אויפן פּעקינער פלי־פלאַץ.

און ס׳טויכט אויף אַ געדאַנק: צי קומט נישט איצט דער שפּיי צוריק — צו די קינדער פון די, וואָס האָבן אויף אונדז געשפּיגן? דער שקר זאַמלט שטענדיק זיין שפּייעכץ יאָרנלאַנג, כדי אויסצושפּייען עס ווען עס גלוסט זיך אים.

אָ, ליבע, אומשולדיקע סאָוויעטישע קינדער, מיר קאָנען אייך אַ סך דערציילן וועגן אַזעלכע גרוביאַנסקע שפּייערייען, וועלכע ווערן אַרויסגערופן אויפן באַפעל פון פאַלשע געטער!

1967

פרומע קלעזמערס

איר זאָלט זיי באַגילדן, וועלן זיי נישט שפּילן אין ירושלים אויף אַ חתונה. דאָרט ווו דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, טאָר מען נישט שפּילן, פרומע, „גוטע" יידן היטן עס אָפּ.

אָבער ביי די נטורי קרתא אין ל״ג־בעומר, ביי „חלקה" — ווען מ׳גאָלט אָפּ די קעפּלעך ביי דריי־יעריקע קינדער — דאַן שפּילן זיי יאָ.

אפילו אויסער ירושלים שפּילן זיי אויך נישט אומעטום און ביי יעדן. זיי שפּילן בלויז אויף פרומע, כשרע חתונות.

איין פּריוועלעגיע האָבן זיי דערפאַר, אַן אויסנאַם־פּריווילעגיע: זיי מעגן זיצן צווישן די ווייבער און מאַנספּאַרשוינען — אין סאַמע מיט. זאָלן אויך די ווייבער הנאה האָבן!

אַלע אויגן זענען געוואָנדן צו זיי. זייער שפּילן צופּט אַזש ביים האַרצן. די קלאַנגען פילן זיי ממש אין זייערע פינגער — קיין נאָטן באַנוצן זיי נישט. נישקשה, זיי מאַכן אויפציטערן מיט אַ „ויהי רצון" צו דער חופּה — אָן נאָטן. און כאָטש ס'איז דאָ אַ סאַקסאָפאָן צווישן זיי און דער שפּילער טאַנצט אונטער ביים שפּילן, איז עס אַ כשרער טאַנץ, דער אַקאָרדיאָניסט וויגט זיך טאַקע ווי אין אַ ווינער וואַלצער, אָבער דער מיטן פּייקל שאָקלט זיך ווי ביים דאַוונען. ער האָט אַזעלכע הייסע אויגן, וואָס האַלטן אין איין אַרומלויפן, ווי די שטעקלעך פון דער פּויק, ס'רופט אַזש אַרויס אַ פיבערל ווען מ'זעט זיי.

זיי מאַכן לוסטיק דעם פרומען אַרום, אָבער דאָס איז אַ שפּילן בלויז פאַר מצוות: ל"ג בעומר, מוצאי שמחת תורה און אויף כשרע חתונות — אויסער דער שטאָט ירושלים.

אמת, אויך זיי האָט די צייט שוין אַריינגעפירט אין עלעגאַנטע זאַלן, אָבער זיי האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו זיין פרומע קלעזמערס. נאָך יעדן זייערן אַן אויפשפּיל הערט זיך עפּעס ווי אַן אמן נאָך אַ ברכה. זייער ניגון דערפרייט יידישע הערצער.

אָבער נישט אין ירושלים, די שטאָט וועלכע זיי האָבן גענומען אויף זיך צו היטן אירע מויערן.

1967

די סאָליסטן און דער אַנסאַמבל

פון צייט צו צייט שפּרינגען זיי אַרויס — אַמאָל סאָלאָ, אַמאָל אַ גאַנצע קאַפּעליע — און הייבן אָן זייער העסלעך געזאַנג.

נאָך אַלע היסטאָרישע רשעים — פון נבוכדנצרן ביז היטלערן — האָט זיך ווידער באַוויזן דער אויוון־הייצער פונעם אוישוויצער גיהנום, דער גרויסמופטי פון ירושלים כאַדזש עמין אל כוסייני.

ער, דער שד אין בגדי כהונה, דער רשע שברשעים, האָט געוואָלט פאַרברענען אונדזער שטאַם צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט פון דורות — דעם גוף מיט דער נשמה צוזאַמען. איז אים נישט געלונגען, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען זיין הייזעריק געזאַנג — יאָרנלאַנג סאָלאָ, אָדער ווידער צוזאַמען מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט.

איצט איז ער אַריין אינעם אַנסאַמבל פונעם מלך אביון פון ירדן. געזונגען האָט ער שוין אויך אין כאָר פון די נאַפט־מאַגנאַטן, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס פליסיקע גאָלד אין זיילן פאַר זייערע האַרעמס. אָבער נאָכן דרשה־געשאַנק, וואָס דער מלך אביון האָט באַקומען פונעם אָנקל סעם, האָט ער (דער מלך) צוריקגעקריגן לשון און וויל קאָנקורירן מיט זיין צונג מיט די צפונדיקע „לינקע סאָציאַליסטן". די „פּראָלעטאַריער" פון יידן שנאה. אין דעם נייעם געזאַנג איז אים אַפּנים בויטיק, ווי אַ סאָליסט, דער גרויסמופטי. האָט ער אים פאַרבעטן קיין אַלט־ירושלים און גלייך נאָכדעם „אויסגעזונגען" זיין פּראָטעסט אויף אונדזער באַשלוס צו פייערן 19 יאָר אומאָפּהענגיקייט — דווקא אין אונדזער הויפּטשטאָט, ירושלים.

מיר וועלן זיך, וואָס אַן אמת, ווייניק איבערנעמען פון זיין פּראָטעסט, פון דעסטוועגן וואָלט מען אים געמעגט דערמאָנען, אַז די האַשעמיטישע קרוין האַלט זיך קוים אויף זיין קעפּל. און ביים בלאָזן פון אַ שטאַרקן ווינט, וועט אים נישט העלפן זי איינצוהאַלטן — אַפילו דער נייעם סאָליסט אין זיין הייזעריקן אַנסאַמבל.

אפּריל 1967

דער יונגער הערצל

אין דער באַפּרייטער אַלטשטאָט האָב איך אים געטראָפן מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. אויפן פּאַן פון נחל קידרון, דעם הר־הזיתים און דעם צעהעלטן אוניווערסיטעט־בנין אויפן הר הצופים, וואָס זענען קנאַפּע צוואַנציק יאָר געווען אין געפאַנגענשאַפט.

טויזנטער עולי־רגל גייען אומאויפהערלעך פאַרביי דעם כותל המערבי. ער קוקט אויף זיי און ווענדט זיין בליק צו די אַראַבישע קינדער, וואָס שפּילן זיך אין טאָל.

מיט זיבעצן יאָר צוריק האָבן אים די עלטערן — אַ קינד נאָך — געבראַכט פון רומעניע. איצט איז הערצל אויסגעוואַקסן אין אַ פעסטן יידישן שלאַכט־מאַן. ער אָטעמט מיט אַ פרייער ברוסט די ריינע לופט פון די ירושלימער בערג, באַוואונדערט די הרי מואב, דעם בלויען אָפּגלאַנץ פון ים המלח. עס ווייזט זיך אים איצט אויס, אַז דאָרט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע טרערן פון אַ סך יידישע דורות — דערפאַר איז דער ים אַזוי ביטער געזאַלצן...

שטייט ער אַזוי אַ פאַרחלומטער, דער יונגער הערצל דאַווידאָוויטש, אָנגעשפּאַרט אויף זיין ביקס. און ווען איך קום צו נענטער צו אים שמייכלט ער צו מיר מיט זיינע בלויע, גוטע אויגן. אַ בלויער שמייכל. און די בלויקייט פון זיין שמייכל גיסט זיך צונויף מיט דער בלויקייט פון הימל, מיטן אָפּשיין פון ים המלח, מיטן חלום פון דורות.

1967

די, וואָס זענען געפאַלן

טראַכטסט פון אונדזער פּרעכטיקער יוגנט, וואָס האָט דאָ געלעבט, געקעמפט, — איך הער זייערע טריט, זע זייערע פריילעכע פּנימער, הער זייער געלעכטער, וואָס האָט מיט פריידיקייט איבער גאַסן זיך צעשיט.

טאַטע־מאַמעס האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי, ווי אין לויטערע קוואַלן, געציטערט איבער זייערע טריט, ווי זיי האָבן אין זייער צעזונ־

גענעם גאַנג צום באַפרייאונגס־קאַמף מאַרשירט. און פון זיי, די קינדער פון קומענדיקער פרייד, האָט די קריוודע פון דורות אַרויסגעבליקט, און דער אָנזאָג פון גאולה־אויפגאַנג געבליצט. דער צעבליטער מאַי האָט פון זייערע בלוטן אַרויסגעשאָלט. אַ וועלט וואָס האָט זיי כל־טוב צוגעזאָגט — אַ וועלט, הגם פול מיט שטורעם, וואָס טראָגט אויף פרייד.

זיי האָבן אין מענטש געגלויבט, מיט ליבשאַפט צו וועלט באַהאַפטן, געבענקט צו אומענדלעכע ברייטקייטן, מיט פרייד יוגנטלעכער און אויגן מיט גלויביקייט אָנגעטרונקענע.

זיי, די שפּינער פון אַ תקופה אַ נייער, פון אַ פריי לעבן אויף ערד אייגענער, פאַרלאָזט די שול, די היים די וואַרעמע, דעם אַרבעטס־פּלאַץ, דעם קיבוץ און מושב, די שטאָטישע גאַסן, צעאַקערטע בייטן אין מיטן וווּקס, בכדי דעם ווידערוווּקס, נאָך גלותדיקן חורבן, זיכערן און באַשיצן. זיי האָבן שוין די פּרוכט נישט איינגעזאַמלט, און זייערע זאַפטן נישט געטרונקען...

היינט ווילן מיר זיי דערמאָנען, פאַרוועבט אין אַ יזכור־דערמאָנונג, לכבוד זיי, און פאַר דעם אַלטן פאָלק, בכדי עס זאָל ווידער יונג ווערן, האָבן זיי זייער יונג לעבן פאַרוועבט אויף אייביק.

1968

גלות און היים

איך קוק אויף זיי, אויף די טשעכאָסלאָוואַקן: שרייבער, זשורנאַליסטן, סטודענטן, וואָס זענען געקומען צו אונדז אין לאַנד; געקומען זענען זיי ווען עס האָט אַ ווייע געטאָן אַן אַנדערער ווינט אין זייער לאַנד; ווען זיי האָבן אָנגעהויבן באַנעמען, אַז נישט נאָר שנאה בויט אַ נייע וועלט, נייערט אויך ליבשאַפט צום מענטש. און פרייער געדאַנק האָט אַזאַ אייגנשאַפט, אַז ווען דער מענטש דערגייט צו העכסטע שטאַפּלען פון באַפרייונג, זעט ער די פרייהייט נישט נאָר פון זיך אַליין, נייערט אויך די פרייהייט פון אַנדערע מענטשן, פון אַנדערע פעלקער...

מיט דער דאָזיקער פרייד האָבן זיי זיך אַ לאָז געגעבן צו אונדז, אין אונדזער לאַנד, אויסגעפּרוווט אין יסורים און אין בלוט.

געקומען און באַוווּנדערט דעם נייעם מענטש, וואָס איז דאָ אויפֿגעשטאַנען, דעם קיבוץ — דעם מענטש אין אים, דאָס קאָלעקטיווע געפֿיל, די אחריות איינער פֿאַרן צווייטן.

פֿאַרשטאַנען אונדזער קאַמף. פֿאַרשטאַנען דעם אויפֿקום נאָך דעם אומקום... אָנגעהויבן באַנען אַ וועג צווישן זיי און אונדז, אמתע אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, אַ דערוואַכונג נאָך אַ טיפֿן שלאָף, וועלכן מען האָט זיי אויפֿגעצוווּנגען, דעריבער זענען מיר זיך געוואָרן אַזוי נאָענט.

פֿלוצעם האָט מען די היים פֿאַר זיי פֿאַרמאַכט ווי מען האָט געוואָלט און מען וויל פֿאַר אונדז פֿאַרמאַכן.

מיר וועלן געדענקען אַלע אונדזערע גלותן, און אַרויסווייזן זיי די גרעסטע פֿריינדשאַפֿט, זיי וועלן ביי אונדז קיין גלות נישט פֿילן. אַזוי פֿאַרשטייט עס דאָס גאַנצע פֿאָלק אין ישראל, אַזוי וועלן מיר האַנדלען, דער וואָס געדענקט וואָס גלות באַדייט, וועט דאָס נישט געבן אַ צווייטן צו פֿילן. ביי אונדז וועלן זיי פֿילן היים...

1968

„געטער זענען דורשטיק"

מאַאָ, דער געטלעכער, איז אַרויס מיט אַ נייעם מאַניפֿעסט צו די כינעזישע מאַסן: אויפֿלעבן די פּאַריזער קאָמונע פֿון 1871.

אַלע בייגן מיר די קעפּ פֿאַר די העלדישע קאָמונאַרן, פֿאַר דער קאָמונע, וואָס איז אין בלוט דערטרונקען געוואָרן פֿון די אייגענע בוגדים און פֿון פּרייסישע הארדעס. ווילט זיך טאַקע איצט, אין אָנבליק פֿון די כינעזישע ברידער־קאַמפֿן, דערמאָנען די פּירערס פֿון דער ווייט־מזרחדיקער רויטער אימפּעריע דאָס קלאַסישע ווערק פֿון אַנאַטאָל פֿראַנס „געטער זענען דורשטיק". אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז דאָס ווערק פֿון אַנאַטאָל פֿראַנס זאָל צוגעלייגט ווערן ווי אַ פּירוש צו די ציטאַטן פֿון מאַאָס ווערק, וואָס ווערן איצט פֿאַרשפּרייט ווי אַ נייע תורה אין כינע?

ערב שבת!

די גרויע באָרד האָט זיך געבלאָזן אין ווינט, און ער, דער זקן, אַן אָנגעשפּאַרטער מיט איין פוס אויף דעם בענקעלע פון שיך־פּוצער.

די אַלענבי־גאַס רוישט, זידט, די לעצטע נייעסן פון די אָונט־צייטונגען. קינדער גייען פריילעך גרופּנווייז פון די שולן. עס פילט זיך דער ערב שבת אין יעדן ווינקעלע.

דער שיך־פּוצער גיט אַ קלאַפּ אין רעכטן שוך פון זקן, דער אַלטער האָט אויטאָמאַטיש אַרויפגעשטעלט זיין לינקן פוס אויף דעם בענקעלע, נישט לייגנדיק קיין אַכט, וואָס אַרום טוט זיך, און דער שוך־פּוצער גייט ווייטער אָן מיט דער אַרבעט, ווייזט אויס, ער אַליין, דער שוך־פּוצער האָט אויך הנאה פון זיין גאַסט, וואָס זאָגט אים נישט קיין דעה.

ער קוקט זיך איין אין דעם שוואַרצן מאַנטל פון זיין קליענט, אין דעם הוט און די יאַרמולקע, וואָס קוקט שבתדיק אַפּיר, דער קלאָרער טלית־קטן וואָס שפּרייט זיך אויף זיין ברוסט. נישט אַ סך זיינס גלייכן זעט מען דאָ אויף דער גאַס.

אין סאַמע גערויש — אַזאַ שלווה, אַזאַ ערב שבתדיקייט. מיין בליק האָט צוגעצויגן דער חומש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. פונקט האַלט מען ביי דער פּרשת בא, דער זקן שמייכלט צו זיך אַליין און פון חומש קוקן אַרויס די אותיות ווי ער וואָלט זיך זיי אויף עברי טייטש פאַרטייטשט, ווי אַמאָל אין די קינדער־יאָרן אין אַ פּוילישן חדר.

„און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן, וואָרעם איך האָב זיין האַרץ האַרט געמאַכט און דאָס האַרץ פון זיינע קנעכט".

פאַרגעסן האָט פּרעה ווי ערשט נעכטן האָט אים יוסף די חלומות באַשיידט, און ער האָט מיט אים זיין מלכות געטיילט.

סוף־סוף פאַרענדיקט די פּוצעריי, די שטיוול גלאַנצן. ער כאַפּט אַ קוק מיט הנאה אויף זיי.

און ווען ער האָט צופעליק באַמערקט אַז איך קוק אויף אים, האָט

ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געגעבן: — פונקט ווי זייַנע אורפּאָטערס, איז אויך ער, דער הייַנטיקער פּרעה פאַרפּלאָנטערט אין חלומות און וואַרט אויף יוספן, פון דער פּרשת מק״ץ, ער זאָל אים די חלומות באַשיידן. חלומות פון מאָגערע קי, וואָס שלינגען די פעטע...

— אוי ווי שנעל פאַרגעסט פּרעה אַ פּרשה פון דער פריערדיקער וואָך. און אָן מכות און קלעפּ קאָן ער דאָס נישט איינחזרן. מיר טאָרן דאָס קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן — גיט דער ייד אַ שמייכל. שפּרייט אַריין צווישן עולם, אַ גרייטער צו שבת לערנענדיק אַ נייע פּרשה פול מיט בטחון לכבוד דער קומענדיקער וואָך...

1968

אינהאַלט:

אַלטע היים

די מומע צאַרקע 9
באָזשע צאַריא כּראָני 11
דעם טאַטנס זיפּץ 11
אָ, איר קליינע ליכטעלעך . . . 12
דעם פידעלעס געהיין 14
פּאַרכטיקע טעג 15
דאָס גאָלדענע פישעלע 18
דער שטיין אין סוכּה 19
די מלחמה פאַר לוזער שניידער . 22
אַ שבועותדיקע דערמאָנונג . . . 23
דער ערשטער באַטשאַן 24
דער שליח פון אליהו הנביא . . 27
חרובע היימען 28
די סעודת הכּהנים 29
אַן אַלטער דעמב 30
ר׳ כּתריאל ל״ר־ניק 32
דער דאַלמאַן 34
באַשערט 35

ירושלים

שיר השירים 43
נייער ווידערקלאַנג פון אַלטן ויכּוח 44
פון מיין ירושלימער טאָג בוך . . 45
אַ הינטישע וועלט 47
אַן אַנשיקעניש 48
דער טרעגער 49
דער בן יחיד 50
דער גערטנער 51
פרילינג 51
פּורים אין מאה שערים 52
איוב 54
חנוכּה טעג 54
אַ ליכטיקע נאַכט 55
דער וועקזייגער 57
צלמים און טרוימער 58
ראַדעזיע און ירושלים 62
ירושלים וואַקסט 64
ירושלים של מעלה 66
דאָס אויערינגל 67
דודס הארפע 68
אַ געזאַנג צו זמריה 69
די אַלטע באַבושקע 70
די מצווה פון כאַלאַקע 71
לשנה הבאה בירושלים 73
ביכּורים 75
אַלט און ניי 76
דאָס איז די היים 77
דער פאַרשטערטער טאַנץ 79
דעם אייזעלעס רו 80
איבערגעצויגן זיך 81
מחותנים האָבן געוויינט 82
דער לעצטער ביס 82
אַן אַליוון צווייגל 83
אַ גילגול פון מאַניש 84
שהחינו 85
אויפן וועג קיין ירושלים 90
אויפגעמאַכטע טויערן 91
אין דיינע געסלעך ירושלים . . 92
פאַרטיפט אין תּפילות 93
וואו איז די מאַמע 96
ירושלים פון רחבות 97
פרילינג אין ירושלים 98
אייגענע פעלדער 100
דער וויינענדיקער קאָרידאָר . . . 101
באַנייטע וועגן 102
סאַבּרעס, סאַבּרעס 103
די ירושלימער געסלעך
צווישן מויערן 104
וועמענס ירושלים 105
תּשעה באָב תּשכ״ז 105
קאַטש פון מאָנטעפיאָרע 106

לייכטנדיקע שטיינער 171
אַ פרעמדער ביים כותל 107
דער בלויער וועקזייגער 108
נועם דער טאַנקיסט 109
דאַרפסט קענען דאָס לאַנד 110
אין דיינע טויערן ירושלים . . . 111
שטיינער דערציילן 112
בויער און צעשטערער 114
אויפן הויף פון בית המקדש . . . 116
פעלקער וואַנדערונג 117
דער חורבן פון הר הזיתים . . . 118
לייכטנדיקע חנוכיה ביים כותל . . 119
שטאָט פון שלום 120
ברידער און שוועסטער 121
דער דימענט פון אַנטווערפּן . . . 122
זיי די נייַן און אַכציק 123
אין די דאָזיקע טעג 124
שלום אין דיינע טויערן 128
מחנה יהודה 129
ביים שכמער טויער 131
דער צווייטער ראש השנה 131
אַ וואָרט וועגן עליה און עולים . . 133
ירושלים אינעם שניי 134
יום טוב טעג אין ירושלים 135
די עסטרייכישע פּאָסט 136
מוזעאומס 137
ולירושלים עירך 139
עין גדי 140
אין יונגן לאַנד 143
שופר של משיח 144
יום העצמאות 145
נאָך שבועות 146
דער כוח פון אַ מאַמע 148
צווישן די הרי־יהודה 150
ביים נחל ערוגות 152
אין די טעג פון עומר 153
יעקב אין באר שבע 154
נעכט אין די בערג פון יהודה . . . 156
צוויי זין זענען געפאַלן 158
אויף די באַנייטע וועגן פון סדום . 160
אַנטקעגן דעם חרמון־באַרג . . . 164
די טויב אויפן גלאָבוס 166
אויף די שטעגן פון שמשון הגבור . 168
תורת חיים 170
אויף די הענט האָט מען זי
געטראָגן 174
אַ תפילה פון אַ ירושלימער ייד . 177
ל״ה צדיקים 178

געראַנגל

קעצישער שטאָלץ 187
אַ כינעזיש מעשהלע 188
שמות 189
דער אונטערגעהאַקטער בוים . . 190
די נייע שרה בת טובים 191
איכה 192
דזשאָניס טויט 193
אין די נעגל פונעם קרייץ 194
דערפאַרונג 195
מה טובו אהליך, יעקב ! 196
פון היינט אויף מאָרגן 196
קבר אבות 197
די היסטאָרישע קייט 197
איבעריקע שלאַנגען 198
ברינעמער 199
אויף דער וואַך 199
שטורעם דויערט 200
אַזיאַטן 200
מיר ווילן לעבן 201
מזל 202
דאָס הימלישע קעניגרייך . . . 204
ביי דיינע ברעגעס 205
דער טאַנק און די וועשין 206
אַ טרונק ביים קוואַל 208

חורבן

יזכור 211
דער לעצטער 212
לשנה טובה 217
איינס ווייניקער 219
די פאָטאָגראַפיע 220
אדון עולם 220
נומער 96445 221
אַ גמר חתימה טובה 223
דער פּאַקל־צוג 224

די פּליטה 225
פאַרשטיקטע טרערן 226
מאַמעס און קינדער 228
דער משפּט 230
פילמען 230
דער הונט 231
קיקיטעש 232
די לבנה 234
כשר פלייש 235
מה נשתנה 237
קינדער, פאַרבן און טויט 238
חסד של אמת 240
דער משפּט אין בית העם . . . 241
די גיאַניע 244
אין די טויערן פון משפּט . . . 246
דער פּסק דין 247
דער לייכטער 248
שניי אין די בערג 250
אַט איז אַ מענטש 251
דייטשע אַרכעאָלאָגן 252
אַ טעריטאָריע אַך און חיי . . . 253
אַ מאַמעס בליק 254
מצות און מרור 255
נישט קיין פרעמדע 261
טליתים פאַר אוישוויץ 261
אַ סדר נאַכט אין אוישוויץ . . 262
נישטאָ מער קיין חולים 263
דער בעכער און די לייכטערס . . 264
דער לעצטער מוסף 265
דייטשע העפלעכקייט 266
אונדזער פסחדיק געשיר 267
לך לך 268

רייזע איינדרוקן

אַ גליקלעכע מינוט 273
אַ בלום 274
יזכור 275
די מוטער 276
דער יום הזכרון 277
גאָלד־קאַסטן 279
גראַציע 280
אויף די פעלדער פון ווערדען . . 280
דער גאָטספאַרכטיקער 282
משיח אין קראָקע 283
ביי אַן אַלטן שלאָס 285
געדולד 285
דערוואַרטונג 286
אַ חסד 287
הייזער שטאַרבן 288
בונט 289
בנות ירושלים 290
די טאַנטע מעיטע פון האָלאַנד . . 291
שמע ישראל 293
יהודית איז אַחעק 294
דאָס טיטוס־טויער 295
הייליקע פרייד 296

פון דאָ און דאָרט

אפּן און זשיראַפן 301
קירכן־גלאָקן פאַר יידן 302
גאַנדי 302
פלאַקאַטן 303
אַ סליחות־נאַכט 304
חי אַ רויך 305
גאולה־געזאַנג 306
אויגן 307
רוף מיך יצחק 308
אינפאָרמאַציע 308
ליכט און שאָטן 309
מאָדנע ספּאָרט־מאַרקעס 310
עם הספר 311
כפר חב״ד 311
די קראַנקן־שוועסטער 312
אריינגעכאַפּט אַ מנחה 313
דבר אל בני ישראל 314
פינף יאָר 315
ירושה־שטייער 315
עולים אויף די ראנדן 316
קאַנדידאַטן 317
אַ ביסל יידיש בפרהסיא 319
ווי ווערט מען אַ מענטש 320
מבינים אויף גיפט 321
די פרעזידענטן 322
פאַרויס 323
יוסף׳ס חלומות 323
אַ גלעט 324

תפילת הגשם . . . 324
געפונען אַ פריינד . . . 325
רוים און ירושלים . . . 327
די הייליקע האָר . . . 328
דער וואָלקנקראַצער . . . 329
חרם . . . 330
דער טויט פון לאַשיקל . . . 331
צווישן היימישע און פרעמדע . . . 334
בלומען אויפן זאַמד . . . 335
דער געקרייציקטער און געקרייציקטע . . . 336
אמא׳לע אמא׳לע . . . 337
די שפּראַך און די מעשים . . . 338
דערווייל אַן מענטשן . . . 339
התחנה המרכזית . . . 340
גייען געסט, קומען געסט . . . 340
דאָס רויטע פּאָסטקעסטל . . . 341
צניעות . . . 342
יום טוב . . . 343
דער מזרח־יריד 1964 . . . 343
הכל שוחטין . . . 345
ספּאָרט . . . 346
די תורה און די סחורה . . . 347
הידים ידי . . . 347
בני־ישראל . . . 348
דער אלכסנדר־בוים . . . 350
קריסטלעכער יושר . . . 352
אילוזיעס . . . 353
בינעזער און דאָס פּינטעלע ייד . . . 353
מה השעה . . . 354
די באַראָנעסע . . . 355
צוויי באַגעגענישן . . . 356
מאַך אַ ברכה . . . 357
אַלט און ניי אין שפּיטאָל . . . 358
דאָס גרויסע געחינס . . . 359
גליק פון אַן אומגליקלעכער . . . 360
דער מחזור . . . 361
די שטים פון אָפּשטאַם . . . 362
דריי און זעקס . . . 363
זיי האָבן מאַרשירט מיט אויפגעהויבענע קעפּ . . . 364
צוויי זענען זיי . . . 365
זייער גלויבן . . . 367
גרין און גרוי . . . 367
זייערע אבות . . . 368
מיין שטעטעלע בעלז . . . 370
מנוחה ונחלה . . . 371
מאַסקעס . . . 372
ביטערע אַנטזאָלצונג . . . 373
טעג פון דערמאָנונג . . . 373
געכאַפּט דעם ניגון . . . 374
צוויי דעלעגאַטן . . . 377
די זעלבע קרעציקע הענט . . . 378
געשענדעטע חלומות . . . 379
פּסח . . . 379
יידן און יידעלעך . . . 380
לופט־פּרנסות און לופט־זיכערקייט . . . 381
טריבער שמייכל . . . 383
אַ בריוו . . . 384
שנאה . . . 385
איז געקומען אַ גאַסט אין שטעטל . . . 385
אַריסטאָקראַטין . . . 386
די אונטערצינדערס צינדן ווייטער . . . 387
די רויטע זון פון ווייטן מזרח . . . 388
בלוט און טרערן . . . 388
יהי אור . . . 389
ס׳ברענט, יידעלעך, ס׳ברענט . . . 390
מ׳רעדט בינעזיש . . . 392
מאַרש פון הייליקע בהמות . . . 392
דער נאַכט־שומר . . . 393
אַ פּאָרט איז איינגעשלאָפן . . . 394
נישט פּאַרענדיקטע סימפאָניע . . . 395
שאַ, שטיל, שאַך־מאַט . . . 396
כעלמער ירושה . . . 398
דער חלום און די וואָר . . . 399
אינעם פּאָרט פון אשדוד . . . 400
קאָמפּאָט . . . 401
זעלבסטווירדע . . . 402
נאָר נישט קיין יורד . . . 403
דער יום־טוב־קוכן . . . 404
די בלינדע זינגערין . . . 405
צווישן „דאָ" און „דאָרט" . . . 405
דער פרילינג שפּאַנט . . . 407
רעגן . . . 408
אַ רפואה שלמה . . . 409

אויף ראַנדן פון טעג

בן חמישים 410
געבראָטנס פּאַר
בעטלער־מטבעות 411
„פּאַרעלטערונג־געזעץ" 412
דער סוף פון אַ טויב 413
די ברכה פון הר גריזים 414
דאָס פּאַריזער מיידל 415
מיקראָבן און ווירוסן 417
דער שפּיי פון פאַלשע געטער . . 418
פרומע קלעזמערס 419
די סאָליסטן און דער אַנסאַמבל . 421
דער יונגער הערצל 422
די, וואָס זענען געפאַלן 422
גלות און היים 423
„געטער זענען דורשטיק" . . . 424
ערב שבת 425